לאה׳קע יפה און פאַמיליע

חייטשע חאַיעט און פאַמיליע

דאָבקע קעסלער און פאַמיליע

יצחק־זעליק פארער און פאַמ׳, אַמעריקע

פייגל פאָדראַבאַנעק און פאַמ׳, ישראל

צום אייביקן אָנדענק!




מיינע טייערע עלטערן לייבל און אסתר דאָלינסקי



מיט צער און ווייטיק דערמאָן איך מיין לעבנסבאַגלייטער

נתן פאַנסקי

(געשטאָרבן דעם 2 פעברואַר 1965)

זיין אָנדענק וועט שטענדיק באַגלייטן מיין לעבן

אין טרויער:

דבורה דאָלינסקי־פאַנסקי

ניו־יאָרק

צום אייביקן אָנדענק



אונדזער פאָטער:

ר' יוסף דוד טימיאַנסקי ע"ה

געשטאָרבן פאַר דער מלחמה

מוטער:

גיטל הי"ד

ברודער, שוועסטער און זייערע קינדער הי"ד

אומגעקומען דורך די נאַצישע מערדער


אין טרויער:

איינציק־לעבנגעבליבענע

זלאַטע גערס־טימיאַנסקי

און איר פאַמיליע

ניו־יאָרק (אַמעריקע)



צבי הערש גערס (גערשקאָוויץ)

גיש טאָרבן 5־טן סעפּטעמבר 1968, י״ב אלול תשכ״ט

אין טרויער

פרוי זלאַטע, זון אברהם משה
און ד״ר שלמה גערס

לזכר הורינו הקדושים



אמי **שרה** בת שמחה דוד ובילה **מעקלער**
אבי **משה** בן שלום **דובינר**
אחינו היקרים **הרשל וליזר**
אחותנו הבלתי נשכחת **ביילה**

שניספו ע"י הנאצים בשנת תש"ב. הי"ד.

מתאבלים:

אסתר ושמחה דובינר וב"ב בישראל
ישראל ושפרה קובאל וב"ב בארגנטינה
שלום דובינר וב"ב בארגנטינה
מרדכי דובינר וב"ב בישראל
חיה צברדליק וב"ב בישראל
פייבל דובינר וב"ב בישראל

עמיצור דובינר ז״ל

קשה ומר להרהר ועוד יותר קשה להעלות על הכתב דברים על עמיצור, שנסתלק מן החיים בגיל צעיר והניח אחריו אשה, שני ילדים, משפחה ענפה והרבה ידידים ומכרים אבלים.

בתור נצר למשפחה בעלת יידע לאומי נמשך עמיצור משחר נעוריו בארץ למועדון בית״ר, התחנך ברוח התנועה וחינך על ברכיה מאות בני־נוער.

הוא שאף לקשר את חייו הצעירים קשר מעשי עם נוף המולדת. הוא נמשך ללימודי־החקלאות והוא שגרם באופן טבעי לכניסתו לבית־הספר לחקלאות על שם וייצמן, למד בשקידה והיה אחד מבוגריו הראשונים.

במסיבת־הסיום של בית־הספר, ששכן בלב הערבה, שאל אותו קדיש לוז, ששימש בימים ההם בתור שר החקלאות והמשמש משנים בתור יושב ראש הכנסת, מה ראה הוא בתור נער עירוני לבוא לשם המשך לימודיו במקום שומם זה. תשובתו המצפונית והקולעת של עמיצור הייתה:

— גם אבותיי היו הראשונים לעלייה על אדמות פתח־תקוה, וראשונות זו נשארה, כפי הנראה, טבועה גם בדמי.

מכיריו ומיודעיו של עמיצור ידעוהו כאיש־חברה עליז, המשרה שמחה בקרב הסובבים אותו. בייחוד הייתה טבועה באופיו מידת הצדק והיושר.

לאחר אשר סיים עמיצור את תקופת שירותו בצה״ל בדרגת־קצונה קבע את מושבו ביישובי־ספר שונים, ולבסוף התיישב בכפר־אריף והקים שם את משקו וביתו.

בדמי ימיו נקפדו חייו הצעירים והפורים.

באהבה ויגון רב ישאו בלבם את זכרו הבלתי־נשכח הוריו, אשתו רחל, בנו אבי, בתו אורית, אחיו יוסף וב״ב ואחותו פנינה וב״ב.



קשה להרהר, ועוד יותר קשה לכתב, על עמיצור שהלך מאתנו בדמי ימיו, בגיל 28 שנים בלבד, בהשאירו אחריו אשה, שני ילדים, משפחה ענופה והרבה ידידים ומכרים אבלים.

כנצר למשפחה לאומית נמשך עמיצור כבר בשחר נעוריו למועדון בית"ר, דבק ברעיונות, התחנך וחנך מאות בני נוער על ברכי התנועה בה האמין בכל לבו.

המשיכה לחקלאות הביאתהו באופן טבעי לבית הספר החקלאי ע"ש וייצמן, ועמיצור היה מבין בוגריו הראשונים.

במסיבת הסיום של בית הספר ששכן בלב הערבה שאלו יו"ר הכנסת דהיום ושר החקלאות דאז מר קדיש לוז, מה ראה הוא כנער עירוני לבוא למקום שומם זה להמשך לימודיו? תשובתו הטבעית של עמיצור היתה שגם אבותיו היו ראשונים לעליה על אדמות פ"ת, וראשונות זו כנראה טבועה בדמו.

ואמנם משפחתי הינה מהותיקות, הענפות והידועות בפ"ת וברחבי הארץ כולה ועמיצור היה ממשיך נאמן לדרכה.

בין מכריו ומיועדיו נודע עמיצור כאיש חברה עליז המשרה שמחה בקרב הסובבים אותו וביחוד היתה טבועה בו תכונת היושר והצדק אותם רדף ועליהם נלחם.

לאחר שסיים את שרותו בצ.ה.ל. בדרגת קצונה התישב בישובי ספר שונים, אב במבואות בית"ר, אמציה או יד הארבעה־עשר, ולבסוף עבר והתישב בכפר־אריף בה הקים משקו וביתו.

ידידיו ומכריו בודאי שלא יוכלו לשכחו ובעיניהם תוסיף להצטייר דמותו הצעירה העליזה והגאה כיאות לאיש התנועה הלאומית.

חנוך בר לביא

„חרות"

מיט גרויס ווייטאָג באַוויינען מיר דעם טויט פון



שמואל (סעם) גלעזער

נפלה עטרת ראשינו

געשטאָרבן אין יאָר 1970 אין ניו־יאָרק

אין עלטער פון 72 יאָר

אַן אמתער פאָלקס־מענטש, פול מיט לעבנס־חכמה, מיט אַ טיפן קוק און אַ ברייט האַרץ אויפצונעמען און אַריינדרינגען אין פאַרשידענע מענטש־לעכע פּראָבלעמען, אַן איבערגעגעבענער חבר און אַ גוטער פריינד, וואָס פלעגט אָפּגעבן פיל צייט און מי, כדי צו העלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. די אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין געזעלשאַפט און די, וואָס האָבן געהאָט מיט אים נאָענטע באַציאונגען, באַזונדערס די דריי פאַמיליעס, וואָס ער איז געווען צו זיי אַ פאָטער, זענען געבליבן פאַריתומט.

חבל על דאבדין!

אין טיפן טרויער:

זיין פרוי **מינאַ גלעזער**

זיין שוועסטער **גיטל** מיט איר זון

ליפּע פּאָליאַקעוויטש, ניו־יאָרק

זיין ברודערן־זון **אשר גלעזער**

מיט **פרוי** און **קינדער**

תל־אביב, ישראל


לזכר

אמי **חנה רחל קרקובסקי** לבית **איזנשטין**
לדודתי **מניה איזנשטין** לבית **גלרשטין**
לשמחה׳לה וגיטלה בני דודי. הילדים הטהורים שנרצחו עם קדושי קמניץ דליטא בשנת 1942 בידי הנאצים הטמאים.
לדודי **אהרון איזנשטין** שנרצח בגיטו ורשה
לאבי **צבי־נחום קרקובסקי** שנפטר בבריסק דליטא
לאחי **שמחה קרקובסקי** שנפטר בדמי ימיו בגיל 21 בורשה
לדודי **ישראל איזנשטין** שנפטר בקמניץ.

יהי זכרם ברוך!

חיה קרקובסקי־קרבלניק ומשפחתה

תל־אביב, ישראל



צום אייביקן אָנדענק

אונדזער טייערן

יצחק דוד שודראף

געשטאָרבן כ׳ אָב תש״ל—דעם 22־טן אויגוסט 1970.

אין טרויער:
פרוי מינדל
זין **משה** און **מיכאל**
ברודער **אברהם שודרדאף**
(פרעזידענט פון בוך־קאָמיטעט אין אַמריקע), ניו־יאָרק.

גאָלדע ראָזאַנסקי־ריוועלעס



גאָלדע ראָזאַנסקי־ריוועלעס און איר שוועסטער פייגל ע״ה זענען געווען פון די ערשטע טעטיקע מיטגלי־דערינס פון דער פועלי־ציון (פאַר מיט צ.ס.). נאָך דער חתונה באַזעצט זי זיך אין אַמעריקע און זעצט פאָר די פּאַרטיי אַרבעט אין דער הסדתרות־קאַמפּיין און אין דער פרויען פּיאָנערן. ביי איר אין הויז ווערט באַשלאָסן צו גרינדן די הויז, פאַר דער חלוצישער באַוועגונג „הבונים" אין אַמעריקע. זי מיט איר מאַן באַזוכן ישראל צום ערשטן מאָל אין יאָר 1955. נאָך צוויי שפּעטערדיקע באזוכן באַשליסן זיי זיך צו באַזעצן אין ישראל. אין יאָר 1971, ווען זיי זענען שוין צוגעגרייט צום פאָרן כדי צו פאַרווירקלעכן זייער חלום ווערט גאָלדע פלוצלינג קראַנק און שטאַרבט פּריצייטיק, דעם 3־טן יולי אין ניו־יאָרק.

אין טיפן טרויער פאַרבליבענע:

איר מאַן — **ישראל ראָזאַנסקי**

טעכטער — **צפירה און סעפיל**

דריי אייניקלעך

שוועסטער — **מלכה**

ברידער — **אהרון און נחום**

צום אָנדענק

מיין פריצייטיק־פאַרשטאָרבענע יוגנט־חברטע

גאָלדע רוזאַנסקי (ריוועלעס) אין ניו־יאָרק

ב׳ תמוז תשל״א, דעם 3טן יולי 1971.

אין טיפן טרויער:

חיה קראַקאָווסקי־קאַראבעלניק

מיט איר **מאַן** און **טאָכטער**

ישראל, תל־אביב

געדענק בוך

פון

קאמעניץ־ליטאווסק־זאסטאוויע
און די קאלאניעס

...אַ גאַנצע וועלט האָט געזען
ווי מען האָט אין טעג — ליכטיקע,
און אין נעכט — פינצטערע
מיט באַנען און צו פוס
מיין פאָלק צום טויט געפירט ;
אַ מיליאָן קינדער האָבן ביים דערהרגעט ווערן
צו זיי די הענט אויסגעשטרעקט —
און עס האָט זיי נישט גערירט...

יצחק קאַצנעלזאָן הי״ד
(„דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״)

אינהאַלט

זכרונות פון קאַמעניץ פון פאַרן חורבן:

געשטאַלטן:

חורבן און אומקום:

קאַמעניץ נאָכן חורבן:

פאַראייביקונג־צערעמאָניאַל אין תל־אביב:



אזכרה ביום השואה לזכר קדושי עירנו

געדענקען און נישט פאַרגעסן!

מיט ציטער און הייליקער פאַרערונג גיבן מיר אַרויס דאָס יזכור־בוך צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע קדושים.

ניט פאַרגעסן וועלן מיר אייך, עלטערן טייערע, וואָס ניט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן און דעם עול פון פרנסה אין אייער טאָג־טעגלעכן לעבן, די רדיפות פון דער מאַכט, וועלכע האָט זיך אַזוי אָפּט געביטן אין אונדזער שטאָט, דאָך האָט איר ניט גע־שפּאָרט זאָרג און מי, כדי צו דערציען אייערע קינדער צו תורה און מעשים טובים. אייערע זין און טעכטער האָט איר גע־שיקט קיין ארץ ישראל צו בויען דאָס לאַנד און זיך איינאָרדענען דאָרט אַלס פרייע, שטאָלצע יידן. גרויס זענען אייערע פאַרדינסטן פאַר מדינת ישראל, — וועלכע, לײדער, האָבן די נאַצי־מערדער ניט דערמעגלעכט אייך צו זען איר אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג.

ניט פאַרגעסן וועלן מיר אייך, שוועסטער און ברידער, אייך, די קלייניקע קינדער אין שטעטל, צאַרטע און אומשולדיקע, וועל־כע זענען געפּירט געוואָרן צו דער שחיטה, ריינע פון זינד.

ניט פאַרגעסן וועלן מיר אייך, יידן תלמידי־חכמים און למדנים, מיט הרב ר׳ ראובן בורשטיין און רבי ברוך־בער לייבאָוויטש אין דער שפּיץ, וועלכע האָבן דערצויגן די יוגנט אין רעליגיעזן טראַדי־ציאָנעלן לעבן און ליבשאַפט צו ישראל.

ניט פאַרגעסן וועלן מיר אייך, עסקנים און כלל־טוער אין קאַמעניץ, און אייער זאָרג צו גרינדן און אויסהאַלטן אינסטיטוציעס פאַר לערע, קולטור און סאָציאַלע הילף.

ניט פאַרגעסן וועלן מיר אייך, יוגנט און אייערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס נישט געקוקט אויף די מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן אייך וואָס שייך קולטורעלע און פּאָליטישע פראַגן, זענט איר געווען געטרייע זין און טעכטער פון פאָלק און געשטרעבט עולה

זיין קיין ישראל צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין בויען דאָס לאַנד און פאַרזיכערן איר אומאָפּהענגיקייט.

ניט פאַרגעסן וועלן מיר אייך, האָרעפּאַשנע אַרבעטזאַמע יידן, וועלכע האָבן מיט שווערע מי און שווייס אויסגעהאַלטן זייערע פאַמי־ליעס.

ניט פאַרגעסן, נאָר געדענקען וועלן מיר אַלעמען.

ניט שווייגן און פאַרשווייגן וואָס ס'האָט געטאָן די גרויזאַמע נאַצי־בעסטיע.

דאָס יזכור־בוך וועט דינען אַלס היסטאָרישער דאָקומענט פאַר פאָרשער און וויסנשאַפטלער, וועלכע וועלן, ווען ס'וועט קומען די צייט, זיך פאַרטיפן אין אים און קענען לערנען פון אים וועגן דער אַרט לעבן און שאַפן פון די קהילות קאַמעניץ־ליטאָווסק, זאַסטאַוויע און די קאָ־לאָניעס, וועלכע זענען חרוב געוואָרן און וועלן ניט אויפגעבויט ווערן מער.

דאָס בוך דאַרף זיין אַ נר־תמיד פאַר די אומגעקומענע, זייער גייסט און אָנדענק, און וועט פאַרבינדן אונדז און אונדזערע קינדער נאָך אונדז צום שטאַם. פון אים וועלן זיי לערנען וועגן זייערע עלטערן און אור־עלטערן, וועגן זייער לעבן, זייערע לעבנס־באַדינגונגען, וועגן זייערע ליידן אין פאַרשידענע צייטן. דאָס בוך וועט זיי דערציילן וועגן אומקום און גבורה, וועגן קאַמף קעגן דער בלוטדורשטיקער חיה, די נאַצי־בעס־טיע, וועגן בענקשאַפט און באַגער אין די לעצטע מינוטן נאָך אַ פריי לעבן אין ציון.

ס'וועלן וויסן די קומענדיקע דורות זייער אָפּשטאַמונג און וועלן שטאָלצירן מיט די עלטערן און פאַרבינדן זייער אָנדענק מיטן הייליקן לעבנס־קוואַל .

דער קאָמיטעט
פון די קאַמעניץ־ליטאָווסקער יידן אין ישראל
און אין אַמעריקע

יידיש : חיה קראַקאָווסקי־קאַראַבעלניק

אברהם שודראף
פרעזידענט און גרינדער פון קאַמעניצער יזכור־בוך אין אַמעריקע

אַ מצבה נאָך אונדזער חרוב געוואָרענער היימשטאָט

באַלד נאָכדעם, ווי די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר געגרינדעט אַ רעליף־קאָמיטעט. מיר האָבן אויסגעפונען דעם טראַגישן פאַקט, אַז עס איז כמעט נישט געבליבן וועמען צו העלפן. געווי וועט שוין קיינער ניט וויסן, אָבער לויט אַלע באַריכטן האַלט מען, אַז אין קאַמעניץ ליטאָווסק און אומגעגנט זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אַלע יידישע משפחות.

מיר האָבן אָבער ניט געקענט רוען, און אויב עס איז אונדז ניט באַשערט געווען צו געבן מאַטעריעלע הילף, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצו־הייבן אַ באַוועגונג צווישן אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע און אין ישראל צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושים פון קאַמעניץ־ליטאָווסק דורך אַ יזכור־בוך.

טראָץ דעם, וואָס אין ניו־יאָרק געפינט זיך אַ שול, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אונדזער שטאָט און עס געפינען זיך אויך אַ ריי לאַנדס־מאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס, איז צום באַדויערן ניט גענומען געוואָרן קיין איניציאַטיוו איינצואָרדענען יזכור־פאַרזאַמלונגען אָדער אַנדערע צוזאַ־מענקומען פון ענלעכן כאַראַקטער.

עס האָט אָבער ניט געקענט אַזוי אָנגיין כסדר, און מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען, אַ פּאָר נאָענטע לאַנדסלייט, און גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ קאָמיטעט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושים פון אונדזער שטאָט. אַ פּאָר פרווון זיינען דורכגעפאַלן, אָבער סוף דעצעמבער 1960, ווען איך בין געשיקט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום 25סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ גרופּע אַקטיווע לאַנדסלייט אין מדינת־ישראל. רעדנדיק ביי זייערער אַן אויפ־

נאָמע לכבוד מיין קומען, און שפעטער ביים יזכור צום אָנדענק פון די קדושים פון אונדזער שטאָט, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פאַר אַ יזכור־בוך, אַרויסגעגעבן פון די לאַנדסלייט פון קאַמעניץ־ליטאָווסק, וואָס זאָל באַשטיין פון פאַרשידענע זכרונות, באַשרייבונגען און בילדער און דערמיט אָפּשפּיגלען דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן און אומקום פון קאַמעניץ־ליטאָווסק, און זאָל דינען אַלס גייסטיקע מצבה נאָך אונדזערע קדושים.

דער דאָזיקער פּלאַן איז געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע און די ערשטע פאַרזאַמלונג פון יזכור־בוך קאָמיטעט איז פאָרגעקומען אין מיין הויז. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אויספיר־גרופּע. אין דער ערשטער פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט: מרס. שרה האָראָוויץ, סעקרעטאַ־רין פון קאָמיטעט און לאַנגיעריקע טוערין צווישן די קאַמעניעץ לי־טאָווסקער לאַנדסלייט, אירע קינדער מר. און מרס. איסר גאָלדבערג, מר. און מרס. חיים מענדעלסאָן, כאַצקל קאַגאַן, מר. און מרס. יצחק שיינפעלד, חיים רובין, מר. און מרס. וועלוול קוסטין, מר. און מרס. הערי גערס, מר. און מרס. ליפשיץ, מר. או מרס. פאסט, מר. און מרס. וויסאָצקי, מר. יאפע, מר. און מרס. פּאַנסקי, מר. או מרס. ב. טענדלער, מר. און מרס. דוד שודראָף, מר. און מרס. סיגל און מר. און מרס. א. חייט, מר. און מרס. גאָלאָמב און לייבוש הורוויץ.

אין שייכות מיט דעם יזכור־בוך האָב איך זיך אין ישראל געטראָפן מיט די פאָלגנדע לאַנדסלייט: י. רימון, שמחה דובינער, פנחס ראבי, חייקע קראַקאָווסקי, מר. און מרס. אלוני, יהודית קאשטשעקעוויטש, פנחס ראַביד־רודניצקי און אַנדערע.

מיט גרויס שטאָלץ ווילן מיר דאָ פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז די לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויף אונ־דזער אונטערנעמונג. עס איז געפאַלן אויף מיין גורל צו ווערן דער פאָר־זיצער פון „קאַמעניץ ליטאָווסקער מעמאָריאַל קאָמיטעט" און צוזאַמען מיט מיינע געטרייע מיטאַרבעטער, ביי דער מיטהילף פון די אַלע קאַ־מעניץ־ליטאָווסקער אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פינאַנציעל בייגעטראָגן — צו פאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט צו שאַפן דאָס יזכור־בוך.

מיר האָבן אויך איינגעפירט דעם מנהג איינצואָרדענען יעדן יאָר כ"ז ניסן אַן אזכרה צום אָנדענק פון די קדושים פון קאַמעניץ־לי־טאָווסק, מיט דער באַטייליקונג פון באַוואוסטע רבנים, שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער. עס ווערט דורכגעפירט אַ ריירנדיקע אזכרה,

ס׳ווערן אָנגעצונדן זעקס ליכט אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים. אַלע אָנוועזנדע זאָגן קדיש בציבור.

מיר אַלע דאַרפן זיך פילן שטאָלץ דערמיט, וואָס מיר האָבן דערפילט אונדזער התחייבות און געשטעלט די גייסטיקע מצבה נאָך אונדזערע טייערע און ליבסטע, די יידישע מענער, פרויען און קינדער פון דער היסטאָרישער יידישער קהילה קאַמעניץ־ליטאָווסק, וואָס איז געווען בשכנות מיט בריסק־ליט. איך דאַנק דעם אַלמעכטיקן פאַר געבן מיר דעם פיזישן און גייסטיקן כוח צו שאַפן די בריק, וואָס האָט פאַראייניקט אונדזערע לאַנדסלייט פון אַמעריקע און ישראל אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע יזכור־בוך. זאָל דער אָנדענק פון די קדושים ניט פאַרגעסן ווערן פון אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער.

יהי זכרם ברוך!



יידן העפטלינגע, געפירט צו דער אַרבעט דורך די נאַציס



בשעת דער יזכור־פאַרזאַמלונג און ליכט־צינדן פאַר די קאַמעניצער קדושים אויפן ציון־באַרג
אין ירושלים

אַריינפיר־וואָרט *

נישט צופעליק האָב איך גענומען אויף זיך די רעדאַקציע פון דעם פּינקס קאַמעניץ־ליטאָווסק. די געשיכטע פון דער קאַמעניצער יידישער קהילה און פון איר טראַגישן אומקום האָט מיך נאָך לאַנגע יאָרן פון לעבנס־געראַנגל און שאַפן אַריינגעפירט צוריק אין דעם קלימאַט פון מיין אָפּשטאַם און פון מיין פריער יוגנט.

אין איינעם אַ זומער־טאָג פון יאָר 1893 בין איך געקומען קיין קאַמעניץ אין באַגלייטונג פון מיין ליבער מאַמען, עליה השלום, פון דעם זיידנס רבי יעקב בערס פּאָסעסיע טשעמערי ביי קאַמעניץ. איך בין דאַן געווען אַ זיבניאָריק קינד, ווען איך האָב שפּאַצירט איבער די שטילע קאַמעניצער גאַסן און אָנגעקוקט צוערשט די ליבלעכע פּנימער פון יידישע פּאָלקסמענטשן און געזען דעם „סלופּ", וועגן וועלכן מען האָט אונדז געהאַט דערציילט פאַרשידענע קינדער־מעשיות.

אַ ביסל שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין פון וועלכע גייסטיקע קוואַלן עס האָט זיך געשפּייזט מיין ליבער פאָטער, עליו השלום, דער אָפּשטאַמיקער פון בריסקער לומדים און פרנסים, וואָס איז געוואַקסן אין זיינע קינדער־יאָרן אין טשעמערי.

מיין פאָטער און דערציער האָט מיר פיל געהאַט דערציילט פון קאַמעניץ, פון אירע לומדים און משכילים און פון דער גייסטיקער השפעה, וואָס זי האָט געצויגן פון דער נאָענטער בריסק. און שפּעטער, ווען איך האָב מיך גאַנץ באַזונדער פאַרטיפט אין שטודירן אונדזער פאָלקסגעשיכטע, האָב איך מיך מיט אַ גאַנץ באַזונדער דרך־ארץ באַצויגן צו די פאָלקסברידער און שוועסטער פון קאַמעניץ און פון איר סביבה.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער טיפער נאַציאָנאַלער גייסט און די לומדישע און וועלטלעכע אַקטיווקייט פון דער קליינער קאַמעניצער קהילה נעמען זיך בעיקר פון דעם, וואָס דאָס שטעטל, ווי די אַנדערע יידישע ישובים פון דעם קאַנט, ליגט

---

* איך האָב איבערגענומען צו דערגענצן די רעדאַקציע פון פּנקס קאַמעניץ־ליט., וועלכער איז צום גרויסן טייל געמאַכט געוואָרן דורך פריינד מענדל געלבאַרט, וועמען עס קומט מיין האַרציקער דאַנק.

אויף דעם גרויסן היסטאָרישן שליאַך פון אונדזער פאָלק, אויף זיין וועג פון מערב קיין מזרח, פון שפּאַניע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד קיין פּוילן און ליטע.

אין פּראָצעס פון שווערן יידישן עקזיסטענץ־קאַמף האָט זיך דאָ פאַרטיפט און פאַרהאַרטעוועט די יידישע קולטור. דאָ האָבן אויך אָנגעהאַלטן אין זייער צייט די אינסטיטוציעס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, דעם ועד ארבע הארצות.

דער חורבן פון קאַמעניץ־ליט. איז אַ העכסט טראַגישער און ביטערער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם טאָטאַלן יידישן חורבן. דאָס איז די געשיכטע פון דעם אונטערגאַנג און פאַרשניטנקייט פון איינעם אַ באַשיידענעם אָבער וואָגיקן קערן פון דער יידישער קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכער האָט געקאָנט ווייטער אַנטוויקלען און צייטיקן געבענטשטע און טאַלענטירטע גייסטיקע כוחות פאַר אונדזער פאָלק — און אויף דעם ווײַנט ביטער אויף זיין אופן יעדער בלאַט און שורה פון דעם פנקס קאַמעניץ־ליטאָווסק.

זאָל דאָס פאָלק וויסן און געדענקען, וואָס עס האָט פאַרלאָרן פון די בלוטיקע הענט פון די נאַצי־מערדער!

זאָלן די קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די קאַמעניצער יידן, ווו זיי זאָלן נישט זיין, וויסן און מיט שטאָלץ און טרייקייט געדענקען זייער אָפּשטאַם און זאָלן זיי טראָגן ווייטער די פאָלקספאָן פון זייערע עלטערן!

זאָל נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן ווערן דעם בלוטיקן שונא פון פאָלק און מענטש דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון זקנים, פרויען און קינדער, און אין דעם כלל אויך די פאַרטיליקונג פון דער קאַמעניצער יידישער קהילה!

פּראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

דער עבר פון אונדזער
חרובער היים

לוי שריד (לייבל גאָלדבערג)

די געשיכטע פון קאַמעניץ־ליטאָווסק און איר יידישער ישוב

צום אָנדענק

פון מיינע עלטערן די קדושים. קלמן און רחל לאה, מיינע אומשולדיקע ברידער נח און ישראל יצחק, מיינע צניעותדיקע שוועסטער — די קדושות שפרה, רבקה און ברכה, — וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע טמאים.

א

דער אָנפאַנג פון קאַמעניץ־ליטאָווסק שטעקט ערגעץ ווו אין מיטלאַלטער, אין דער דעמערונגען־עפּאָכע פון פעלקער און מדינות, וואָס האָבן זיך אַרויסגע־ריסן פון די ווילד־צעוואָקסענע וועלדער, זומפּיקע בלאָטעס און ברייטע שטיינער־סטעפּן.

דאָס שטעטל, וואָס מיר האָבן געקענט — פאַרשטויסן, ווייט פון אַ באַן־ליניע, איז באַקרוינט מיט אַן אַלטער פיל דערציילערישער געשיכטע. אין אירע ערשטע צייטן איז זי געווען אַ צענטראַלע שטאָט און אירע גרינדער האָבן, ווייזט אויס, דערוואַרט פון איר זייער פיל. אָבער אין אָנהויב פון 18־טן יאָרהונ־דערט האָט איר שטערן אָנגעהויבן פאַרגיין און זי איז פאַרבליבן אַ טיפּיש מיטלאַלטערלעך שטעטל, וואָס היט דעם מיטלאַלטערלעכן אויסזען און אינהאַלט ווי אַלע אַנדערע ליטווישע שטעטלעך פון אונדזער צייט, וועלכע שטעקן אין שטייגער און טראַדיציע פון מיטלאַלטער. אַזוי איז דאָס שטעטל אויך פאַרבליבן אין אונדזער זכרון — אין זכרון פונעם לעצטן דור פון אירע יידישע איינוווינער.

ווייניקע פון אירע זין, וועלכע זענען היינט פונאַנדערגעשפּרייט אין פאַר־שידענע לענדער אין דער וועלט, ווייסן אַז דאָס שטעטל מיט די איינגעפאַלענע הייזקעס, וואָס הענגען דאָ און דאָרט אויף אַ באַרג־שטיק, מיט די נעבעכדיקע קראָמען־רייען, האָט אויך געוווסט גלענצנדע געשיכטע־קאַפּיטלען מיט קעניגן און פּרינצן. געשיכטלעך דערשיינט קאַמעניץ־ליטאָווסק אַלס שטאָט, וואָס געפינט

זיך אויפן צענטראַלן קרייץ־וועג פון פוילן— ליטע, וועלכער פירט פון ווייטן צפון פון דער פוילישער מלוכה, ווילנע און אומגעגנט — צו איר דרום. דאָס אָרט איז געווען פול אויך מיט אינטערנאַציאָנאַלן לעבן און האָט געדינט אַלס פּראָטעקטאָר און שוץ פון דעמאָלטיקן וויכטיקן צענטער — בריסק־ליטאָווסק, וועלכער איז דאַן געווען דער עיקרדיקער טראַנספּאָרט־קנופּ פון האַנדל מיטן מזרח. בריסק איז געווען אַ לעבנסוויכטיקער פּונקט אין די האַנדלס־וועגן צווישן ווייטע פון זיך לענדער און מדינות. פון איר האָבן זיך געצווייגט די וועגן צו די אינערלעכע מדינות, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דאָס אַלטע פּוילן: קרוין־פּוילן, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ליטע.

די כראָניקעס ווייסן צו דערציילן וועגן דער גרינדונג פון דער שטאָט אין 1276. זיי באַטאָנען, אַז קאַמעניץ איז אַנטשטאַנען צוליב די זיכערקייטס־באַדערפענישן פון בריסק־ליטאָווסק, איבער וועלכער ס'האָבן קאָנקורירט און געקעמפט די פּרינצן פון אַלטן ליטע. ס'איז אָבער אויך פאַראַן אַ מיינונג, אַז קאַמעניץ־ליטאָווסק איז שוין געווען פאַרן יאָר 1276 אַ וויכטיקער און סטראַטעגישער פּונקט, איבער וועלכן ס'האָבן געקעמפט ליטווישע און רוסישע שבטים. די מיינונג דריקט אויס דער היסטאָריקער פון אַלטן ליטע, לאַטקאָווסקי[1]. אין דאָקומענט וואָס ס'ברענגט לאַטקאָווסקי וועגן דעם קריג צווישן די ליטווינער און די ראָמאַנאָוויטשעס פאַרן דערשיינען פון פּוילן־ליטע איז באַצייכנט דאָס אָרט קאַמעניץ אַלס איינער פון די סטראַטעגישע פּונקטן, איבער וועלכן ס'פירט זיך אַ שווערער קאַמף אין יאָר 1662. לויט ווי ס'ווערט דאָרט דערציילט איז געשיקט געוואָרן מיליטער וואָס האָט געקעמפט ביי מעלניץ און קאַמעניץ. לאַטקאָווסקי אידענטיפיצירט זיי מיט מעלניץ אין פּאָדליאַשע און קאַמעניץ־ליטאָווסק.[2] דער זיווּג פון די דאָזיקע ערטער דערשיינט ביי הונדערט יאָר נאָך דעם, ווען קעיסטוטס איידעם, יאַנוש דער פּרינץ פון מאַזאָוויע, פאַרנעמט די שטעט דראָהיטשין (פּאָדלאַסקי), סוראַדזש, מעלניק און קאַמעניץ.

דער היסטאָריקער פון דער קאָברינער געגנט פון דער ליטווישער שליאַכטע אָפּשטאַמונג — סעווערין וויסאָלוך[3] נעגירט די מיינונג פון לאַטקאָווסקין און איז זיכער מיט זיין מיינונג, אַז קאַמעניץ מיינט גאָר קאַמין־קאָשירסק אויף דער גרענעץ צווישן פּאָלעסיע — פּוילן. עס איז אָנצונעמען די מיינונג פון לאַטקאָווסקין, ווייל דער אַלטער געראַנגל האָט זיך אויך קאָנצענטרירט אין די געביטן פון פּאָדליאַשע און מ'קען משער זיין, אַז קאַמעניץ איז אויפגעבויט געוואָרן פון דאָרף קאַמעניץ. לויט די כראָניקעס פונעם אַרכיוו פון פוילישן פירשטנטום — איז דער גרינדער פון דער שטאָט קאַמעניץ געווען דער הערשער פון וואָלין, וואָס האָט אין יענער צייט געוווינט אין בריסק —

וולאַדימיר וואַסילעוויטש — וועמען מ׳האָט אויך גערופֿן פֿילאָזאָף. דאָס איז דער הערשער פֿון וולאַדימיר וואָלינסק (לודמיר). די כראָניק גיט איבער: נאָכן חורבן פֿון בריסק דורך די טאַטאַרן (ווייזט אויס בעת זייער צווייטער אינוואַזיע 1259), איז באַשלאָסן געוואָרן אויפֿצושטעלן אַ ריי פֿעסטונגען צו פֿאַרטיידיקן בריסק פֿון דער הינטערלאַנד־זייט. מ׳דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס 13־טע יאָרהונדערט איז דאָס באַרימטע יאָרהונדערט פֿון בויען שטאָטישע ישובים אין פּוילן און ליטע. דערין דאַרף מען אפֿשר זען נאָך אַן אַרגומענט פֿאַר דער גרינדונג פֿון דער שטאָט.

אין 1276 האָט וולאַדימיר געשיקט זיין אַדיוטאַנט אָלעשקאָ אויסצוקלייבן אַ פּאַסיקן אָרט פֿאַר אַ פֿעסטונג־שטאָט. נאָכן באַשטימען דאָס אָרט איז אויך אָנגעקומען וולאַדימיר מיט זיין סוויטע — אַ גרופּע באָיאַרן פֿון בריסק, און דאָרט האָט ער באַשטימט זיין קאָמענדאַנטור. לויט די דערמאָנטע כראָניקעס האָבן זיי אויסגעקליבן אַ שטיינערדיקע באַרגיקייט אויפֿן ברעג פֿון טייך לעשנא מיטן נאָמען גרויס־לעשנאָ.[4] באַלד האָט מען אָנגעהויבן אויסהאַקן די געדיכטע וועלדער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם באַרג. פֿון דאַן (1276) עקזיסטירט, אַלזאָ, די שטאָט וואָס הייסט קאַמעניץ.

צוליב פֿאַרטיידיקונגס־צוועקן קעגן די טאַטאַרישע אָנגריפֿן (דער לעצטער אָנגריף פֿון די טאַטאַרן איז געווען אין יאָר 1287 און איז אָפּגעשטויסן געוואָרן דורך די פּאָליאַקן נעבן קראָקע) האָט מען אָנגעהויבן אויפֿשטעלן אַ גרויסע פֿעסטונג, וועלכע איז אונדז באַקאַנט אַלס קאַמעניצער סלופּ.[5] נאָכן אויסענדיקן, האָט זיין הייך דערגרייכט צו 37 מעטער (17 סאַזשין) און זיין פֿאַרנעם 35 מעטער (16 סאַזשין). אין דער דאָזיקער פֿעסטונג האָט מען איינגעריכטעט טרעפּן פֿון דעמב־האָלץ, און צום וווּנדער זענען זיי בייגעשטאַנען קעגן פֿוילונג און צעשטערונג ביזן הייַנטיקן טאָג. אין די ווענט פֿון דער פֿעסטונג האָבן זיי אויסגעבויט לופֿטשיקעס פֿאַר לופֿעס פֿון שיס־געווער. זיי האָבן אויך געבויט קאַנאַלן, וואָס האָבן געפֿירט צום טייך און דערמעגלעכט איבערצופֿירן פּראָוויאַנט און מענטשן. די פֿעסטונג דערשיינט אַלס „די ווייסע פֿעסטונג".[6] די ריזיקע וועלדער אין דער געגנט זענען דערנאָך אָנגערופֿן געוואָרן „די וועלדער פֿון דער ווייסער פֿעסטונג", און פֿון דאַנען דער נאָמען פֿון די ביאַלאָוויעזשער וועלדער אויפֿן נאָמען פֿון דער קאַמעניצער פֿעסטונג. ס׳דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז די וועלדער פֿון קאַמעניץ און ביאַלאָוויעזש דערשיינען אין די דערמאָנטע כראָניקעס, איינע נעבן דער צווייטער און אויף זיי איז געווען באַשטימט אַ באַפֿולמעכטיקטער פֿון גרויסן ליטווישן פֿירשטנטום. דאָס געביט פֿון זיין הערשאַפֿט איז געווען דער ביאַלאָוויעזשער און קאַמעניצער מדבר.[7] דער זיץ־אָרט פֿון דעם הויכן באַאַמטן

איז אין געוויסע צייטן געווען אין קאַמעניץ (אַזאַ איז געווען פיליפּ מאַכעוויטש אין ענדע פון 16טן יאָרהונדערט, וועמען מ׳האָט גערופן דער וואַלד־ציכטער פון די ביאַלאָוויעזשער און קאַמעניצער וועלדער).

קאַמעניץ רופט זיך אָן אין די מקורות פון 14טן יאָרהונדערט מיט צוויי נעמען: רוטעניש קאַמעניץ [8] און אויך וואָלינער קאַמעניץ.[9] פאַר די, וואָס זענען נישט בקי אין דער געשיכטע פון פוילן און ליטע, דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון צווייטן טויזנט איז וואָלין געווען אַן אינטעגראַלע טייל פון ליטע און איז אָפּגעריסן געוואָרן פון איר נאָך דער אָנשליסונג צו דער פוילישער קרוין פאַר דער פאַראייניקונג פון פוילן און ליטע אין יאָר 1569.[10] קאַמעניץ איז געווען פאַרבונדן מיט וואָלין דורכן הויפּט־טראַקט, וואָס האָט געפירט פון ווילנע קיין לוואָוו, און איז דורכגעגאַנגען מאַזאָוויע פון מערב און די געגנט מזרחדיק פון נאַרעוו, וואָס איז באַוווּסט אין דער אַלטער געשיכטע פון פוילן אַלס דאָס אָרט פון די „די גרויסע זומפּן״. דער וויכטער וועג־קנופּ איז געווען נאָווידוואָר. אין 16טן יאָרהונדערט האָט זיך דער וועג גערופן „גרויסער וועג״.[11] פון דאָרט האָט זיך דער וועג געצויגן מערבדיק פון פּרוזשאַני דורך שערעשאָוו וואָס האָט באַלאַנגט צו קאַמעניצער ראַיאָן.[12] און פון קאַמעניץ איז דער וועג געגאַנגען קיין בריסק און פון דאָרט קיין לובאָמיל און פון לובאָמיל אין רויטן רוסלאַנד און איר הויפּטשטאָט לעמבערג.

קאַמעניץ איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צום ליטווישן פירשטנטום אין אָנהייב פון 14טן יאָרהונדערט און איז געווען די הויפּטשטאָט פון אַ ראַיאָן אויף דעם נאָמען. דאָס איז געווען אַ גרויסע „סטאַראָסטווע״. אירע מזרחדיקע גרענעצן זענען געווען דער קאָברינער ראַיאָן (דעמאָלט קאָברינער פירשטנטום) און אין צפון — פּרוזאַני. מ׳דאַרף באַצייכענען אַז אין אַ דאָקומענט פון 26סטן אַפּריל 1380 גיט איבער דער גרויסער פירשט וויטאָלד, וועלכער הייסט אַלעקסאַנדער אַליאַס וויטאָלד,[13] דאָס דאָרף שערעשאָווע זיין פריינד מיקאָלאַי נאָסוט שאַמפּערט. די פאַמיליע נאָסוט איז געווען אַ דינאַסטיע פון פירשטן מיט אַ גרויסער השפּעה פאַר יאַגעלאָ, און שערעשאָווע דערשיינט דאָ אַלס אַ גוט, וואָס געהערט צום הערשאַפט־געביט פון קאַמעניץ.[14] בעת גידימין, דער גרינדער פון גרויס־ליטע, איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער וויעלאָוועד שלאַכט מיט די טעווטאָנער ריטערס און ר׳האָט איבערגעגעבן זיין באַזיץ צו זיינע זיבן זין, איז קאַמעניץ און איר אומגעגנט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון זיין צווייטן זון קאַסטוט.[15] אין זיין צייט האָבן די אָנגריפן פון די טעווטאָנער ריטערס דערגרייכט זייער העכסטן פונקט. דער ערשטער איבערפאַל פון די טעווטאָנען אויף קאַמעניץ איז געווען אין יאָר 1375 אונטער דער אָנפירונג פון קאָמטאָר סוואַלגי טעאָדאָר פאָן עלסנער. די כראָניק דערציילט

וועגן גרויסן מלחמה־רויב, וואָס טעאָדאָריך האָט דאַן גענומען: מענטשן, פי און פערד. אין דער שלאַכט האָט קאַמעניץ שווער געליטן, אָבער די טעווטאָנען האָבן זי נישט דעראָבערט. זיי האָבן נישט רואינירט דעם וויכטיקן סטראַטעגישן פונקט. אין שווערע אָנגריפן וואָס האָבן זיך איבערגעחזרט אין יאָר 1319 האָבן זיי באַהערשט די שטאָט. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איר אַ קורצע צייט און ביים ענדע פון זעלבן יאָר האָבן זיי זי געמוזט פאַרלאָזן.[16]

בעת דעם ירושה־קריג צווישן די ברידער קאַסטוט און יאַגעלאָ, האָט יאַנוש, דער פירשט פון מאַזאָוויע — איידעם פון קאַסטוט — איינגענומען דראָהיטשין, מעלניק און סוראַזש און צום סוף אויך קאַמעניץ, וואָס איז געווען לויט אַטנושעס טענה אַ טייל פון דעם נדן פון זיין ווייב דאַנוטאַ, קאַסטוטס טאָכטער. מ׳קאָן אָננעמען, אַז יאַנוש איז אָנגעקומען קיין קאַמעניץ מיטן „גרויסן וועג”. יאַגעלאָ האָט באַלאַגערט קאַמעניץ אין יאָר 1383, ער האָט איינגענומען די פעסטונג און די שטאָט און אַ געוויסע צייט האָט ער אויך דאָרט געוווינט. לויטן אָפּמאַך צווישן אים און וויטאָלדן, דעם גרויסן פירשט פון ליטע, איז קאַמעניץ איבערגעגאַנגען אין רשות פון וויטאָלדן און פון דאַן אָן האָט זי באַלאַנגט צום ליטווישן פירשטנטום. קאַמעניץ אַלס אַ טייל פון בריסקער געגנט איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון וויטאָלדן אַלס ירושה פון זיין פאָטער קאַסטוט (דאַן האָט ער אויך באַקומען גראָדנע און 4 יאָר נאָכן אָפּמאַך האָט ער געגעבן די בריסקער יידן זייערע ערשטע רעכט — 1388).

זינט וויטאָלד האָט דעראָבערט קאַמעניץ איז זי געוואָרן אַ צענטראַלער אָרט אין דער גאַנצער אומגעגנט, און צוזאַמען מיט בריסק און קאָברין איז זי אָנגעגאַנגען אַלס אַ הויפּטשטאָט פון אַ וויכטיקן ראַיאָן אין ליטע. אַזוי דערשיינט זי אויך אין די דאָקומענטן פון יענער צייט. דאָס געפינען זיך אויפן הויפּט־שליאַך פון קראָקע קיין ווילנע און די גרויסע ליטווישע וועלדער אַרום איר, האָבן איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן ווערט. דערפאַר געפינען מיר, אַז פון 15טן ביזן 17טן יאָרהונדערט קומען זיך צוזאַמען אין קאַמעניץ די קעניגלעכע ראַטן הויפּטזעכלעך זומער־צייט. בעת די ראַטן זענען אויך פאָרגעקומען קעניגלעכע יאַגדן, אין וועלכע ס׳האָט זיך באַטייליקט דער קעניג און די ליטווישע אַדללייט. אין קאַמעניץ איז פאָרגעקומען דער היסטאָרישער צוזאַמענטרעף צווישן דעם דעלעגירטן שליח פון פויפּסט אַלעקסאַנדער V און צווישן יאַגעלאָ און וויטאָלד. די באַגעגעניש איז צושטאַנדגעקומען אין דער צייט פון גרויסן סיכסוך איבער דער פויפּסט־שטול צווישן גרעגאָריוס דעם 12טן, בענעדיקטוס דעם 13טן און אַלעקסאַנדער דעם 5טן. דער לעגאַטוס (דער דעלעגירטער) פון אַלעקסאַנדערן איז אָנגעקומען קיין

קאַמעניץ, בעטן ביי יאַגעלאָן, וואָס איז דאָרט דאָן געווען, אַז פּוילן און ליטע זאָלן זיך אָנשליסן אין זיין צד.

אין קאַמעניץ האָט אויך פאַרבראַכט צייטנווייז קאַזימיר דער יאַגעלאָנער, בעת ער איז געווען דער קרוינפּרינץ און גרויספירשט פון ליטע.[17] בעת זיינע פּילצאָליקע רייזעס איבער ליטע האָט ער פאַרבראַכט אין קאַמעניץ. דאָ האָט ער אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט דער פּוילישער שליאַכטע, ווען ער איז אויך געווען קעניג פון פּוילן. אין דער זעלבער צייט האָט ער פאַרשטענדלעך אויך אָפּגעהאַלטן יאַגד מיט דער באַטייליקונג פון דער שליאַכטע. אַ געוויסע צייט איז קאַמעניץ אַוועקגענומען געוואָרן פון דער בריסקער געגנט און צוקאָאָפּטירט צו פּאָד־ליאַשע. אָבער אין 1569 איז די שטאָט צוריקגעקערט געוואָרן צום בריסקער ראַיאָן און פון דעמאָלט אָן ביז היינט איז די לאַגע נישט געענדערט געוואָרן. ווי געזאָגט, איז קאַמעניץ געווען אַ סטאַראָסטווע און געווען גערעכנט ווי אַן אייגנ־טום פון קעניגרייך.[18] אין יאָר 1525 האָט קאַמעניץ באַקומען דעם סטאַטוס פון וואָיטשאַפט.[19] דאָס האָט איר געגעבן נאָך רעכטן צו די מאַגדעבורגער רעכטן, וואָס זי האָט, ווי'זט אויס, באַקומען צוזאַמען מיט בריסק, גראָדנע א"אַנד אין יאָר 1496. די לייטונג פון שטאָט האָט זיך אַזוי אַרום אויסגעברייטערט. דער וואָיט איז געווען פאָרזיצער פון שטאָטישן געריכט. דערפון קאָן מען לערנען, אַז אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט האָט שוין עקזיסטירט אַ שטאָטראָט און אין זיין שפּיץ אַ בירגערמייסטער. דער וואָיט איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער לייטונג, אויך געווען פאָרזיצער פון שטאָטישן געריכט. ער איז אויך געשטאַנען אין שפּיץ פון די לאַווניקעס, נעבן וועלכע ס'זענען אויך געווען ראַטמענער, אין וועמענס שפּיץ ס'איז געשטאַנען דער בירגערמייסטער. אין די געביטן פון קאַמע־ניצער סטאַראָסטווע האָבן זיך געפונען אַלע ישובים לענגאויס דעם טייך לעשנאָ. ס'דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז אין שפּיץ פון דער סטאַראָסטווע זענען געשטאַנען פון די חשובסטע אַדללייט אין פּוילן, וועלכע האָבן, ווי ס'ווייזט אויס, געדונגען אין אַרענדע די שטאָט און אומגעגנט ביים קעניגרייך. די פאָרשער זעען די קאַמעני־צער שליאַכטע נאָענט צום קעניגלעכן הויף און מיט ווירקונגס־מעגלעכקייטן. דאָס זענען די מאַגנאַטן־משפחות טישקעוויטש און פּאַץ (פּאַצעוויטש), וועלכע מיר טרעפן אין 16טן יאָרהונדערט אַלס סטאַראָסטעס פון קאַמעניץ (אָדער אָקלע־פּאַטשי). זיי זענען אויך געווען וואָיעוואָדעס. פּאַץ איז געווען וואָיעוואָדע פון מינסק און די טשקעוויטשעס האָבן אויך פאַרנומען דעם הויכן אַמט פון פינאַנס־מיניסטאָרן פון ליטע.

קעניג קאַזשימיעזש יאַגעלאָנער, דער ליבהאָבער פון אונדזער שטאָט, שרייבט בריוו צו פּאַצן (פּאַצעוויטש) אין שייכות מיט די באָדן־סיכסוכים איבער

דערפער אין דער אומגעגנט צווישן זיי און די טישקעוויטשעס. אַזאַ שטרייט האָט זיך געצויגן צענדליקער יאָרן איבערן דאָרף קיוואַטיטש. די דאָזיקע קאָנפליקטן זענען געווען באַגלייט מיט אונטערצינדונגען און מאָרדן. דער קרוינפּרינץ מישט זיך אַריין אין סיכסוך און שרייבט צו פּאַצן אַלס קאַמעניצער פּאַרטרעטער. אויך זיגמונט דער ערשטער שרייבט וועגן דעם ענין נאָטעס און דראָט די פּאַצס מיט געריכטלעכע מיטלען.

אַזוי געפינען מיר באַרימטע שליאַכטע־פּאַמיליעס אין גיטער אין קאַמעניצער אומגעגנט, ווי ראַדזשיוויל (טשעמערי און געגנט), סאַפּיעכאַ (שוסטאָקאָוואָ וויסאָקע). אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט געפינען מיר אין קאַמעניצער געגנט שליאַכטע־פּאַמיליעס פון נידעריקן ראַנג, וואָס זייערע זין זענען באַרימט געוואָרן אין שפּע־טערדיקע צייטן, ווי די פּאַמיליע קאָשטשושקאָ (די איינוווינער פון קאַמעניץ געדענקען גוט סטאָיפּיטשעוואָ וואָס איז געלעגן אויף אַ בערגל אויפן לינקן ברעג פונעם טייך לעשנאָ, בליניעוויטש און דעם דאָרף סעכנאָוויץ צווישן קאַמעניץ און זשאַבינקע).

פון דאָקומענטן וואָס זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין די אַקטן פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין ווילנע, באַזונדערס אין באַנד 6, לערנען מיר וועגן דער שווערער קאָנקורענץ און פיינטלעכע באַציאונגען וואָס האָבן געהערשט צווישן דער מעכטיקער שליכאַטע און די שטאָטישע איינוווינער פון קאַמעניץ־ליטאָווסק. ווי באַקאַנט האָט די שטאָט באַקומען, אין אַ ספּעציעלן דעקרעט, מאַג־דעבורגער רעכט און וואָיטאָסטוואָ־רעכט.[19], [20] די דאָזיקע רעכטן האָבן פאַרזיכערט דער שטאָט אַדמיניסטראַטיווע און געריכטלעכע זעלבשטענדיקייט. די שטאָטישע איינוווינער זענען געווען באַפרייט פון די קעניגלעכע באַזונדערע דינסטן און אַפילו פון מאָביליזאַציע. זיי האָבן גענאָסן פון אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע, וואָס זיי האָבן באַקומען פון קעניג זיגמונט דעם 1טן אין יאָר 1528, וואָס באַרעכטיקט באַזונדערס די שטאָטישע צו באַנוצן די וועלדער פון דער געגנט צו בוי־צוועקן און צום הייצן. די וועלדער פון קאַמעניץ האָבן געהערט צום באַזיץ פון קעניג און אַזוי רופן זיי זיך אין די דערמאָנטע דאָקומענטן.[23] אויפן גרונט פון אָט דער פּריי־ווילעגיע זענען אויסגעוואַקסן קאָנפליקטן, וועלכע האָבן געדויערט צענדליקער יאָרן. אין די דאָקומענטן לייענען מיר אַ קאָנספּירירונג פון די שטאָטישע קעגן די אָפּהענגיקע פון די אַדללייט. ס'האָט אויך געטראָפן, אַז זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין די גאַסן פון שטאָט.[24] אַזאַ בולטער פאַל איז געווען די לאַנגע געריכטס־פאַרהאַנדלונג צווישן אַננאַ קאָשטשושקאָ פון סטאָיפּיטשעוואָ און די שטאָטישע איינוווינער וואָס האָבן געהרגעט אירע צוויי מענטשן.

אויך די גרויסע פּוילישע שליאַכטעלייט ווי סאַפּיעכט, ראַדזשיוויל און פּאַץ

זענען געווען פאַרמישט אין קאָנפליקטן מיט די איינוווינער פון קאַמעניץ. די דאָזיקע קאָנפליקטן זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט און דינען ווי אַ ביישפּיל וועגן די באַציאונגען צווישן דער שליאַכטע און קעניג. פון איין זייט געפינען זיך די שטאָטישע פון קאַמעניץ, וואָס ווערן געשטיצט דורכן קעניג, און פון דער אַנדערער זייט די אַדללייט, וואָס פאַרטיידיקן זייערע שליאַכטע־רעכטן. אַזאַ קאָנפליקט פון 1600 איז באַטראַכט געוואָרן אין קאַמעניץ. דעם קעניג האָט פאַר־טראָטן יאַן פּאַץ, דער וואָיעוואָדע פון מינסק, דער סטאַראָסטע פון קאַמעניץ — קאַסטעלאַן גראָגערי וואָינאַ און דער פּראָקוראָר פון גרויסן ליטווישן פירשטנטום — מעלכיאָר קאַמינסקי.[25] אין דעם דאָזיקן סכסוך שטייט זיגמונט דער דריטער פון דער פאַמיליע וואַזאַ אויף דער זייט פון די מיעשטשאַנעס סאַפּיעכאַ, דער וואָיעוואָדע פון האָמעל, איז נישט דערשינען און האָט געשיקט זיין פאָרשטייער — זיין פריינד כאָלאָמאָווסקי. אין בריוו, וואָס ער האָט געשיקט קלאָגט זיך סאַפּיעכאַ אויף דער מלוכה־מאַכט, אַז זי האָט ביי אים צוגערויבט טיילן פון די קאַמעניצער וועלדער. דער שטרייט איז אַרום דעם וואַלד אין דער געגנט פון דאָרף טשעמערי, ווו ס׳האָט געוווינט אַננאַ ראַדזשיוויל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר איר אַלס אַ געשאַנק פון סאַפּיעכאַן. סאַפּיעכאַ אַפּעלירט אויף דעם רעכט פון קעניגרייך זיך צו פּראָצעסירן מיט דער שליאַכטע אין אירע געריכטלעכע אינסטאַנצן און וויל נישט זיצן מיט די שטאָטישע פון קאַמעניץ ביי איין טיש. ער זעט אין דעם אַן עוולה קעגן די געזעצן פון דער מדינה.[26] דער אינסטיגאַטאָר (פּראָקוראָר) טענהט, אַז נאָר דער קעניג אַליין באַשטימט די געזעצן און ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די מיעשטשאַנעס בעטן נאָר האָלץ פאַר זייער געברויך און מיינען גאָר נישט צו וועלן עפּעס צונעמען אין זייער באַזיץ. אויב סאַפּיעכאַ האָט טענות, דאַרף ער אַפּע־לירן אין סיים.

נאָך אַ מער פאַרפּלאָנטערטער פּראָצעס וועגן די וועלדער צווישן קאַמעניץ און טשערנאָווטשיטש פירט זיך צווישן ראַדזשיווילן און דעם קעניגרייך.[27] אויך דאָ האָבן די מיעשטשאַנעס, שטיצנדיק זיך אויף די פּריווילעגיעס פון זיגמונט דעם ערשטן און דריטן, געהאַקט האָלץ אין די וועלדער. דער וואַלד איז אין דער נאָענט פון די דערפער דעמניץ און ליסקאַ, ווו דאָס טייכל ווישניאַ פאַלט אַריין אין לעשנאָ. אויך ראַדזשיוויל איז נישט דערשינען צו די פאַרהאַנדלונגען און האָט געשיקט אַ פאָרשטייער, וועלכער איז געקומען מיט דאָקומענטן פון די צייטן פון אַלעקסאַנדער (1501—1508), לויט וועלכע דער באָדן און וואַלד געהערן צו אים. דער אינסטיגאַטאָר (פּראָקוראָר) פון קעניגרייך ברענגט עדות, אַז דער טייל פון די וועלדער וועגן וועלכן ס׳ווערט גערעדט אין ראַדזשיווילס אַפּעלאַציע, באַלאַנגט צום קעניג. דער באַשלוס פון געריכט איז אינטערעסאַנט: מען דאַרף „צייכענען״

דעם באַדן איבער וועלכן ס׳קומט פאַר דער שטרייט און איבערשיקן די צייכענונג צום קעניג, דאָס מיינט, צייכענען אַ מאַפּע.

ס׳זעט אויס, אַז אין רעזולטאַט פון די גרויסע מלחמות מיט די קאָזאַקן האָט די שטאָט שווער געליטן. צוליב דעם איז, ווי ס׳זעט אויס, געבראַכט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון קאַמעניץ אויפן טאָג־אָרדענונג פון סיים. דער סיים האָט באַשלאָסן צו געבן אייניקע פאַרלייכטערונגען די שטאָטישע און די יידן. דער סיים האָט אין זיין באַשלוס געגעבן אויך אַ באַזונדערע פּריווילעגיע פאַר יידן. דער באַשלוס צייכנט זיך אויס מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט און נעמט אין באַטראַכט די צעשטערונג פון דער שטאָט (דעסאָלאַסיאָנעם), און באַפרייט די פּאָליאַקן און יידן פון שטייערן אויף 4 יאָר, אויסער די „מיטאַ״־אָפּצאָלונגען, וואָס מ׳האָט געפאָדערט אויף די וועג־קרייצונגען, בריקן און ביים אַריינגאַנג אין דער שטאָט. זיי זענען אויך מחויב צו שיקן אָפּצאָלונגען אויף סחורות (אַן אַלטער אָפּצאָל ביים איבערפירן פון איין ראַיאָן אין צווייטן און אַ נייער צאָל — „פּאָבור״ — וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין 1501 פאַר עקספּאָרט־סחורות), און אויך טשאָפּאָוואָ־אָפּצאָלונגען פאַר געטראַנקען, וואָס איז געווען איינער פון די גרויסע הכנסה־קוואַלן פון דער פּוילישער מאַכט. ביי דער געלעגנהייט איז כדאי אונטערצו־שטרייכן, אַז די אַרענדע אויף דער גרעסטער טייל שטייערן און צאָלן, האָט זיך געפונען אין די הענט פון די יידן. ס׳זענען דערין באַקאַנט די גרויסע אַרענדאַרן, יידן פון בריסק.

אַ שאַרפע ווענדונג אין שטאַנד פון קאַמעניץ איז פאָרגעקומען אין דער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. די שטאָט און איר אומגעגנט האָבן פאַרלוירן זייער קעניג־לעכן שטאַנד און זענען איבערגעגאַנגען אין באַזיץ פון באַקאַנטן ליטווישן מיניס־טער, פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַט, דעם אַדלמאַן ווילהאָרסקי. נאָך פאַר דעם האָט זיך פיל געענדערט אין איר שטאַנד, ביים סוף פון דער תקופה איז זי אַרומ־גערינגלט מיט שליאַכטע־לייט, וועלכע פאַרלאָזן זי אויך נאָך די צעטיילונגען פון פּוילן און פאַרקויפן זייערע גיטער צו אָרטיקע קויפערס.

אין דער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט (1878) האָט די שטאָט געציילט 6855 איינוווינער דערונטער 5900 יידן (90%) צוזאַמען מיט די נאָענטע דאָרפישע קהילות.

דער אָנהייב פון יידישן ישוב

ביז דער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט

עס איז נישט לייכט צו שרייבן וועגן דער געשיכטע פון אונדזער שטאָט. ס׳באַשווערט דאָס פעלן פון יידישע דאָקומענטן, אַחוץ עטלעכע שורות ביי דובנאָוון

אין זיין בוך: „דער פּינקס פון ועד הקהילות אין ליטא״. איך האָב נישט געפונען קיין שום דאָקומענט וועגן יענע פּאַרצייטיקע יאָרן. ס׳דערדריקט דער פאַקט, וואָס מיר זענען אָפּגעריסן פון די קוואַלן און אוצרות ווו ס׳געפינען זיך אויך יידישע דאָקומענטן — דאָס זענען די אַרכיוון צו וועלכע מיר האָבן נישט קיין צוטריט. ווי בריסק, גראָדנע און אַנדערע. ס׳איז דעריבער נישט געווען קיין אַנדערע מעגלעכ־קייט ווי צו דערציילן די געשיכטע פון יידישן ישוב אין שטאָט לויט די נישט־יידישע דאָקומענטן, און דער עיקר, אין די דאָקומענטאַציע־צענטערן פון פּוילישע מלוכה־אינסטיטוציעס, וואָס געפינען זיך אין לאַנד. אויך די דאָקומענטן און ענלעכע צו זיי אַנטפּלעקן זייער ווייניק פונעם יידישן לעבנס־שטייגער אין יענע פּאַרצייטיקע יאָרן.

ידיעות וועגן די יידישע ישובים אין אונדזער געגנט דערשיינען נאָר אין סוף פון 14טן יאָרהונדערט. ווי געזאָגט, איז געגעבן געוואָרן פון וויטאָלדן אַ פּריווילעגיע די בריסקער יידן אין 1388. מ׳קען אָבער אָננעמען, אַז אויך פריער האָט עקזיס־טירט אַ יידישער ישוב אין בריסק. קלאָרע ידיעות וועגן דער געגנט האָבן מיר נאָר פון סוף פון 15טן יאָרהונדערט. אָבער אויך דאָ איז אָנצונעמען, אַז יידישע ישובים האָבן עקזיסטירט פון פריער (קאָברין דערשיינט אַלס אָרגאַניזירטע קהילה אין אָנהייב פון 16טן י״ה). מ׳דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אין 1495 זענען אַרויסגע־טריבן געוואָרן די יידן פון ליטע אין די צייטן פון ליטווישן פירשט און קרוינפּרינץ אַלעקסאַנדער. אָבער נאָך זיין קרוינונג אַלס קעניג פון פּוילן האָט ער זיי צוריק־געקערט (1503) און אָפּגעגעבן זייערע הייזער און אייגנטימער אין עקוויוואַלענט פון אַ יערלעכן שטייער (פּאָווראָטנע).

מ׳קאָן אַלזאָ אָננעמען, אַז דער יידישער ישוב אין קאַמעניץ האָט אָנגעהויבן זיין עקזיסטענץ גאַנץ פּאַרצייטנס. יידן ווערן דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1525 (זע וויטער). מען קען נישט אָננעמען, אַז אין פּראָצעס פון גרינדן שטעט אין דער אָפּגעשטאַנענער ליטע, ווען די יידן איז דערמעגלעכט געוואָרן נישט נאָר זיך צו פאַרנעמען מיט האַנדל און געלט, נאָר אויך קויפן גיטער און טאָן אַלע מלאכות — זאָלן זיי נישט זיין אין אַ וויכטיקער שטאָט וואָס געפינט זיך ביי אַ הויפּט־טראַקט און אין שכנות פון אַזאַ גרויסער שטאָט ווי בריסק־ליטאָווסק. אין אַ דאָקומענט אין די דאָקומענטן־ביכער פון דער ליטווישער מעטריקע פון היסטאָריקער ג. בערשאַדסקי[28], ווערן דערמאָנט אין קאַמעניץ „יעווי־רעי״ אַלס שענקערס. דער דאָקומענט איז אָבער איינגעהילט אין אַ נעפּל, און מיר קענען נישט וויסן צי די כוונה איז צו אַ יידישן ישוב אין שטאָט, אָדער צו איינצלנע שענקערס. מ׳קען פאַרשטענדלעך אָננעמען, אַז יידן האָבן דאָ געלעבט אין ישוב, אויב נישט קיין גרויסער, האָט ער ווייניקסטנס דערגרייכט צו אַ מנין. פון דאַנען איז צו דרינגען, אַז ס׳איז געווען אין קאַמעניץ אַ יידישער ישוב נאָך פאַר דעם.

אין אָט דעם דאָקומענט ווערט געזאָגט: „אין 26סטן פעברואַר 1525 באַקומט די שטאָט קאַמעניץ וואַיטאָסטוואָ־רעכט ווי אַ צוגאָב צו די מיבורגער (מאַגדעבורגער) רעכט פון קאַמעניצער סטאַראָסטוואָ. ס׳איז אויך געגעבן געוואָרן די שטאָטישע (מיעשטשאַנעס) רעכט אויף שענקען, וואָס האָבן זיך פריער געפונען אין אַרענדע[29] פון יידן״.[30]

די אַנטוויקלונג פון די שטעט אין ליטע האָט פאַראורזאַכט, ווי אין אַנדערע לענדער, דעם אויפשטייג פון שטאָטישן קלאַס. דער אויפשטייג פון דאָזיקן קלאַס איז אָבער אין ליטע געווען אַ פּאַמעלעכערער ווי אין אַנדערע טיילן פון פוילן. אין אָנהייב איז זיי געגעבן געוואָרן דער שטאַנד פון אַ וואַיטאָסטוואָ, וואָס האָט אויך אַנטהאַלטן אַ שטאָט־געריכט אין שפּיץ פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער וואָיט. די דייטשישע מאַגדעבורגער רעכט האָט די קאַמעניצער סטאַראָסטוואָ באַקומען נאָך פון פריער. מ׳קען מיינען, אַז די מאַגדעבורגער רעכט, לויט וועלכע קאַמעניץ האָט באַקומען אַדמיניסטראַטיווע זעלבשטענדיקייט, זענען אין דער זעלבער צייט געגעבן געוואָרן אויך אַנדערע שטעט אין ליטע, ווי: בריסק, גראָדנע, לוצק, פּאָלאָצק, מינסק א. אַנד. (1496). אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז די רעכט אויף דער אַרענדע פון די שענקען איז איצט איבערגעגעבן געוואָרן די שטאָטישע. דאָס צונעמען די שענקן פון די יידן איז אַן צווייפל פאַרבונדן מיטן געבן די באַזונדערע רעכט פון וואַיטאָסטוואָ־שטאַנד צו די שטאָטישע קריסטן. עס לייגט זיך נישט אויפן געדאַנק, אַז די יידן האָבן פאַרציכטעט אויף זייער פרנסה פון זייער גוטן ווילן. ס׳איז אָנצונעמען, אַז דאָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון דעם קאַמף פון די שטאָטישע קריסטן קעגן די יידן אין שטאָט.

דער יידישער ישוב האָט עקזיסטירט אין קאַמעניץ און אין דער אומגעגנט במשך דעם גאַנצן 16טן י״ה. אַ דאָקומענט פון 1565 פון דער „לוסטראַציע״ אין דער קאַמעניצער סטאַראָסטוואָ פאַרפליכטעט דער קאַמעניצער ראַיאָן די יידן פון סאַראַווקאַ צו צאָלן שטייערן: אליעזר (לאַזאַר — 3 זלאָטעס, נחום — 3 זלאָטעס, כיטשקאָ — 3 זלאָטעס, פסח — 2 זלאָטעס, סטאָפּקאָ — 3 זלאָטעס, און צוזאַמען 14 זלאָטעס. דערפון לערנען מיר, אַז נישט נאָר אין קאַמעניץ איז געווען אַ יידישער ישוב נאָר אויך אין די שטעטלעך פון ראַיאָן. אין יידישע דאָקומענטן ווערן די קאַמעניצער יידן דערמאָנט צום ערשטן מאָל ביים אויפשטעלן דעם ועד פון ליטא, נאָכן אָפּרייסן זיך פון ועד־הארצות. די ליטווישע יידן איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע שטייערן־סומע, וואָס זיי האָבן געדאַרפט באַצאָלן דעם ליטווישן אוצר (פּאָדסקאַרבי) אין יאָר 1623 (שפ״ג). דאָס האָט געבראַכט צו דער אַנט־שטייאונג פון דעם ועד אין ליטא. אין דעם ועד זענען אין אָנהייב געווען פאַר־טראָטן 3 קהילות מיט די אומגעגנטן: בריסק — די הויפּט־קהילה, גראָדנע און

פינסק. קאַמעניץ האָט געהערט צו די קהילות פון בריסקער געגנט. זי האָט נישט זוכה געווען צו דעם כבוד פון איר שכנטע וויסאָקע אָדער פרוזשאַני — ווו דער ועד איז זיך צוזאַמענגעקומען. מיר לייענען אין פנקס־ליטא אין די תקנות פון ועד אין יאָר ת״ל (1670), וואָס האָט זיך צונויפגעשטעלט אין סעלץ, אַז מ׳האָט זי פאַרפליכטעט צו באַצאָלן דעם פריץ יודיצקי זעקס הונדערט פוילישע זלאָטעס.

דער היסטאָרישער דאָקומענט פון די עיקרדיקע רעכט פאַר די קאַמעניצער יידן פון יאָר 1635 (11טער דעצעמבער), וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן דורכן קעניג וולאַדיסלאַוו דעם 4טן, איז באַשטעטיקט געוואָרן אויפסניי דורך זיין ברודער יאַן קאַזימיר (1661) און איז צום דריטן מאָל ראַטיפיצירט געוואָרן דורכן קעניג מיכאַל ווישניאָוויעצקי אין יאָר 1670. די דאָזיקע פריווילעגיע אַנטהאַלט אייניקע הנחות: א. נאָך איין מאַרק־טאָג אויסער שבת, ב. אַ דערלויבעניש אויפצובויען אַ שול מיטן תנאי זי זאָל נישט זיין העכער און שענער פון די אָרטיקע קריסטלעכע קירכעס, ג. אַ דערלויבעניש אויפצובויען אַ באָד אויפן שטאָטישן באָדן, ד. אַ דערלויבעניש אויף אַ בית־עלמין אין שטאָט אָדער אויסער דער שטאָט, ה. די רעכט זיך צו פאַרנעמען אומבאַגרענעצט מיט האַנדל און מלאכה ווי אויך קויפן גיטער אין שטאָט און בויען הייזער. די מיעשטשאַנעס ווערן געוואָרנט נישט צו שטערן די יידן אין זייער לעבן און טעטיקייט צו רעאַליזירן די הנחות, וואָס זענען זיי געגעבן געוואָרן אין דער פריווילעגיע. די פריווילעגיע דראָט זיי, אַז אויב זיי וועלן שטערן — וועלן זיי דערפאַר זיין פאַראַנטוואָרטלעך און וועלן צאָלן שטראָפן. מ׳דאַרף צוגעבן, אַז אין די מגילות פון מיכאַל ווישניאָוויעצקיס רעכט, איז אויך פאַראַן די סומע פון דער שטראָף, וואָס די מיעשטשאַנעס וועלן דאַרפן צאָלן אין פאַל ווען זיי וועלן גורם זיין שאָדנס די יידן. ציטירנדיק דעם דעקרעט פון וולאַדיסלאַוו דעם 4טן, ברענגט ער אַ זאַץ וואָס פעלט אין טעקסט פון יאַן־קאַזאַמיר: „אויב די מיעשטשאַנעס וועלן האָבן די דרייסטקייט צו שטערן די יידן, וועלן זיי באַשטראָפט ווערן צון באַצאָלן 5000 זלאָטעס, וואָס וועלן צעטיילט ווערן צווישן די פאָדערער און רעגירונג״.

די פריווילעגיע שטיצט זיך אויך אויף די קעניגלעכע רעכטן פאַר די ליטווישע יידן. מ׳קען אָננעמען, אַז דאָ מיינט מען די רעכטן וואָס זענען געגעבן געוואָרן די ליטווישע יידן אין יאָר 1629, לויט וועלכע זיי מעגן זיך פאַרנעמען מיט מלאכה און נישט געהערן צו די קריסטלעכע צעכן, און דאָס אַלס צוגאָב צו זייערע רעכט אין האַנדל און שענקעריי.

אַן אינטערעסאַנטער פאַקט איז די גזירה פון וולאַדיסלאַוו דעם 4טן, וועלכער איז באַוווסט מיט זיין גוטער באַציאונג צו יידן. אין יאָר 1633 האָט ער באַגרענעצט די יידישע בעלי־מלאכות צו נייען מלבושים נאָר פאַר יידישע קליענטן, ער האָט זיי

דערלויבט פריי צו האַנדלען נאָר מיט גרייטע מלבושים און אויך זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע מלאכות, וואָס די קריסטלעכע האַנטווערקער זענען אין זיי נישט אָרגאַניזירט.

מ׳דאַרף דעריבער אַכט לייגן אויפן פאַקט, אַז די יידישע בעלי־מלאכות אין קאַ־מעניץ זענען געווען פון די ערשטע אין ליטע, וואָס זענען געווען פריווילעגירט אומבאַגרענעצט זיך צו פאַרנעמען מיט מלאכה, בעת די יידישע בעלי־מלאכות אין די איבעריקע ליטווישע שטעטלעך זענען געווען באַגרענעצט אין זייערע רעכט.[31]

דאָס קאַפּיטל פון די באַציאונגען צווישן די יידן און שטאָטישע קריסטן אין קאַמעניץ אַנטפּלעקט פאַר אונדז פיינטשאַפט און שנאה פון די שטאָטישע לגבי די יידן. די שטאָטישע קריסטן אין קאַמעניץ זענען געווען פרעך, חוצפהדיק, און האָבן געפירט אַ קאַמף אי קעגן דער שליאַכטע און אי קעגן די יידן. פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט פון פּוילן און ליטע, האָבן אויך די יידן אין קאַמעניץ גענאָסן פון דער אונטערשטיצונג פון די אַדלליים. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויפן ערשטן דאָקומענט פון 1525, וואָס גיט איבער די יידישע שענקען צו די שטאָטישע קריסטן. לאָמיר לייגן אַכט אויף דעם שאַרפן לשון מיט וועלכן וולאַדיסלאַוו דער 4טער באַנוצט זיך אין דער פּריווילעגיע פון 1635: „מיר גיבן איבער צום וויסן פון אונדזער סטאַראָסטע אין קאַמעניץ און צו אונדזערע שטאָטישע אַמטן: מיר דערקלאָרירן, אַז אונדזער ווילן איז, עס זאָל אַלץ מקוים ווערן, וואָס עס איז אין דער פּריווילעגיע געשריבן, און מיר באַפעלן נישט שטערן[32] די פרייהייטן פון די יידן, וואָס ס׳איז זיי דורך אונדז געגעבן געוואָרן״.

דאָס פאַרשווינדן פון דער שטראָף־מאָס אויף די שטאָטישע אין פאַל פון סאַבאָטירן די יידישע רעכט, וואָס האָט געפעלט אין דער פּריווילעגיע פון יאַן קאַזימיר, זאָגט עדות אויף דעם שאַרפן קאַמף פון די שטאָטישע קריסטן קעגן די יידן. מ׳דאַרף פאַרשטיין, אַז דאָס דערשיינען פון דעם זאַץ אין דעקרעט פון וויש־ניאָוויעצקין זאָגט עדות אויף די אַרויסטריטן מצד די מיעשטשאַנעס קעגן דער פאַרווירקלעכונג פון דער פּריווילעגיע. זיי האָבן אָן צווייפל געקעמפט מיט אַלע כוחות כדי צו שטערן דאָס אויספירן די פּריווילעגיע.

ביים סוף פון 17טן יאָרהונדערט (1693) דערלאַנגט דער קאַמעניצער מאַגיס־טראַט אַ פּראָטעסט, אונטערגעשריבן דורך 40 בירגער פון שטאָט, קעגן דעם ראַטגעבער[33] אַנדריי פּיאַבלעוויטש, וואָס האָט איבערגעגעבן אין אַרענדע דעם געטראַנקן־שטייער די יידן אָן וויסן פון די איבעריקע ראַטגעבער און פון גאַנצן מאַגיסטראַט.

מ׳דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אין די יאָרן פון יאַן סאָביעסקי (1696—1674)

האָט די צענטראַלע פּאָליטיק געשטיצט די ייִדן ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. אַזוי זעען מיר, אַז דער פינאַנץ־מיניסטער סאַפּיעכאַ האָט איבערגעגעבן אין אַרענדע די צאָל־שטייערן אין קאַמעניץ צו די ייִדן אייזיק נויגמאָוויטש און ישעיהו יאַקובאָוויטש (1693). אין יענער צייט איז נאָך קאַמעניץ געווען אַ ראַיאָן־שטאָט און ס׳איז דאָרט געווען אַ צאָל־אַמט פאַרן טראַנזיט פון בריסקער קרייז צום פּאָדליאַשער קרייז. אין יענעם דאָקומענט דערשיינט זי צווישן די וויכטיקע שטעט בריסק, פּינסק, יאַלאָווע, צו וועלכע עס געהערן די קליינע שטעטלעך.[34] איינע פון די פּריקאָמאָרקעס, וואָס האָבן געהערט צו קאַמעניץ איז געווען מילייציטש. די מיעשטשאַנעס רוען נישט און אין דער גאַנצער צייט וואָס סאָביעסקי האָט געקיניגט, האָבן זיי געזוכט אַלע מעגלעכע אויסריידן קעגן די פּריווילעגיעס פאַר די ייִדן אין שטאָט. אין 1684 דערלאַנגט דער קאָמאָרניק צו פאַרשרייבן אין דאָקומענטן־בוך אין ווילנע די פּריווילעגיע, וואָס יאַן דער דריטער (סאָביעסקי) האָט געגעבן קאַמעניץ, לויט דער ביטע פון איר מאַגיסטראַט. אין דעם דאָקומענט באַשטעטיקט דער קעניג די רעכטן, וואָס די שטאָט האָט באַקומען פון אַלעקסאַנדער זיגמונט דעם 1טן, זיגמונט דעם 3טן און אַנד. דער דאָקומענט דערמאָנט די אָנקלאַגעס פון די קאַמעניצער קריסטן, וועלכע זענען באַהאַנדלט געוואָרן נאָך אין יאָר 1631, קעגן דעם וואָיעוואָדע אָסטאַפּ טישקעוויטש (אייגנטימער פון די דערפער קלעפּאַטשי און פּאַשעקי) וועגן די פּריווילעגיעס וואָס זענען פון לאַנג געגעבן געוואָרן. יאַן דער דריטער באַשטעטיקט די רעכט פון דער שטאָט־לייטונג און איז גוזר אויף די ייִדן זיך אונטערצוּוואַרפן דער שטאָטישער מאַכט און איר יוריסדיקציע. אין זיין דעקרעט באַפעלט סאָביעסקי די ייִדן צו זיין געהאָרכזאַם די שטאָט־אינסטאַנצן און אויספירן אַלע פליכטן וואָס פאַרפליכטן אַלע שטאָט־בירגער.

דאָס אַלץ דאַרף אונדז נישט פאַרפירן. צווישן די שורות פון די דערמאָנטע דאָקומענטן לערנען מיר וועגן גוטע באַציאונגען צווישן די ייִדן און זייערע שכנים. די ייִדן האָבן געוווינט אין קאַמעניץ און אומגעגנט און מ׳קען אויך אָננעמען, אַז זיי האָבן אויך געוווינט אין די דערפער. אין דאָקומענטן פון 1733 לייענען מיר וועגן די ייִדן פון דאָרף האָלאָבאָרק [35] ווי אויך וועגן אַ ייִד וואָס זיצט אין די גיטער פון דער קירכע [36]. פון די צוואות אין די דאָקומענטן פון דער קאַמעניצער מאַגדעבורגיע לערנען מיר וועגן האַנדלס־באַציאונגען און פאַרהאַנדלונגען צווישן קריסטן און ייִדן. דער עיקר האָבן די פּריצים און גוטבאַזיצער אין דער געגנט געהאַנדלט מיט די ייִדן אומבאַגרענעצט.[36] די מיעשטשאַנעס האָבן דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן.

אין אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט, בעת דער הערשאַפט־תקופה פון סאַקסאָנישן קעניג אויגוסט דעם 2טן, פילן מיר שוין אַן ענדערונג אין די באַדינגונגען. איר אָנזען פאַלט און נעבן איר האָט עקזיסטירט אַ סטאַראָסטווע אין קלעפּאַטשי,

וואָס האָט געהערט צו טישקעוויטשן און פאַרוואַלטעט מיט דער גאַנצער סביבה ביי דער ביאַלאָוויעזשער גרענעץ. ס׳זענען אָנגעקומען שווערע צייטן פאַר די יידן אין פוילן און ליטע. בלוט־בילבולים און אַנדערע אויסטראַכטענישן זענען געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג. די פּאָליטישע רעאַקציע מיטן קלער בראש האָט פאַרשפּרייט צווישן פּאָלק כלערליי אַבערגלויבענישן, וואָס האָבן געשראָקן דאָס פּאָלק מיט יידישע מכשפות, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיט די שדים. און רדיפות אויף יידן זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. מ׳האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויפן פּאָלק, אַז די יידן שלאָגן מיט אַן „עין־הרע״ די תבואה אין פעלד. אַן אָפּקלאַנג פון דער דאָזיקער תקופה דערגרייכט צו אונדז אויך פון קאַמעניץ. אַ דאָקומענט פון 17טן יוני 1718 דערציילט: „אין קאַמעניץ־ליטאָווסק זענען איינגעזעצט געוואָרן צוויי יידישע פרויען ,וואָס זענען באַשולדיקט געוואָרן אין כשוף. חייקע שמוליכע האָט באַהאַלטן אין מיסט אַ טאָפּ מיט אויסטערלישע זאַכן, ווי למשל: מעל, מאָן, אייער, האָבער אד״גל. חייקע שמוליכע האָט געטענהט, אַז זי האָט עס געטאָן לויט דער ביטע פון אַן אַנדער יידישער פרוי, יאָספּע. יאָספּע האָט געטענהט, אַז זי האָט עס באַהאַלטן צו היילן איר טאָכטער. די דאָזיקע יאָספּע, די פרוי פון אַ קלעזמער[37] האָט געוויינט און געזאָגט, אַז זי איז געווען ביי אַ זנאַכערקע, וואָס האָט געהייסן צוגרייטן דעם געמיש און אים באַהאַלטן פאַר אַ ביז אויג אין אַ באַהעלטעניש, אַז שלעכטע מענטשן זאָלן עס נישט זען. ביידע זענען גענומען געוואָרן אונטער אַ וואַך אין דער פעסטונג״. מיר ווייסן נישט וואָס ס׳איז געווען די ענדע מיט די צוויי יידענעס. אָבער דער בילבול פּאַסט צו די בלבולים וואָס זענען אויסגעטראַכט געוואָרן קעגן די יידן פון בריסק און אומגעגנט, בעת זיי זענען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט בלוט־בילבולים און באַשולדיקונגען אין העלפן די שוועדן (1703).

דער קאַמף פון די קאַמעניצער קעגן די יידן האָט סוף כל סוף דערגרייכט זיין ציל: די שטאָטישע באַקלאָגן זיך פאַרן קעניג אויגוסט דעם 2טן — אין קעגנזאַץ צו דער פּריווילעגיע פון יאָר 1679 — אַז די יידן אין קאַמעניץ לעבן אַ באַקוועם לעבן,[38] פאַרקויפן בראָנפן, מעד, ביר און אַנדערע געטראַנקען, האַנדלען פריי, עפענען געוועלבער אין מאַרק און אין דער שטאָט גופא, האַנדלען מיט הייזער און גיטער פון דער שליאַכטע און קירך, פאַרקויפן טעקסטיל־סחורות אין דעטייל[39] און אין הורט,[40] גאַלאַנטעריע פון פאַרשידענע סאָרטן. זיי פאַרשפּרייטן די סחורה אין דער אַלטער שטאָט, דריקן אַראָפּ די פרייזן פון די דירות און מיט דעם אַלעמען זענען זיי גורם ליידן די שטאָטישע פון קאַמעניץ.

אַלס ענטפער אויף דער דאָזיקער אָנקלאַגע באַפעלט דער קעניג אויגוסט דער 2טער פון סאַקסאָניע צו פאַרבאָטן די יידן צו בויען וווינונגען אין הייף, און דעם

האַנדל מיט געטראַנקן. ער באַפעלט אויך דעם סטאַראָסטע צו באַגרענעצן די יידן אין זייער האַנדל אין קראָמען. אָט די דאָזיקע אָנקלאַגע פון די מיעשטשאַנעס שטיצט זיך אויף דער פּריווילעגיע וואָס די שטאָט האָט באַקומען פון מיכאַל וויש־ניאָוויעצקי, דער זעלבער קעניג וואָס האָט באַשטעטיקט די פּריווילעגיעס פאַר די קאַמעניצער יידן און האָט צוגעגעבן צו זיי נאָך און נאָך. מיר האָבן אויבן געזען, אַז אין 1684 האָבן די מיעשטשאַנעס דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע קעגן געבן די יידן פאָררעכט. און אויך זיי האָבן זיך געשטיצט אויף דער פּריווילעגיע, וואָס די שטאָטישע האָבן באַקומען. ס׳איז דאָ עפּעס וואָס נישט קלאָר. די זאַך זעט אָבער אַנדערש אויס, אויב מיר וועלן נאָכפאָלגן ווי אַזוי די יידן אין ליטע האָבן באַקומען די פּריווילעגיעס פון די פּוילישע קעניגן. די פּריווילעגיעס פלעגן די יידן דער־גרייכן מיט גרויס מי און זייער פיל געלט, דערפאַר האָבן זיי זוכה געווען אָנגע־רופן צו ווערן אין יענער צייט „הינער, וואָס לייגן גאָלדענע אייער", ווייל יעדע באַשטעטיקונג פון אַזאַ פּריווילעגיע אָדער גאָר אַ נייע, איז געווען פאַרבונדן מיט דערלאַנגען דעם קעניג, זיין קאַנצעלאַריע, דער וואָיעוואָדישער מאַכט און אַנדערע „גאָלדענע אייער". אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די אונדז באַוווּסטע לאַגע, אַז אַלגע־מיינע און באַזונדערע פּריווילעגיעס זענען געגעבן געוואָרן אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פּריווילעגיעס וואָס די שטאָטישע האָבן באַקומען פון די קעניגן, וואָס זייער עיקרדיקער ציל איז געווען צו באַגרענעצן די עקאָנאָמישע יידישע טעטי־קייט פון אַ קאָנקורענץ־כאַראַקטער. אָפט פלעגן ביידע צדדים דערגרייכן אַ הסכם. די שטאָטישע האָבן אָבער נישט געקענט היטן די באַגרענעצונגען, ווייל די ווירק־לעכקייט איז געווען שטאַרקער פון זיי און אַזוי אַרום פלעגן זיי זיך ווענדן צו דער אינטערווענץ פון דער מאַכט, און די יידן האָבן פאַר געלט באַקומען נייע הנחות. פון דער דאָזיקער אָנקלאַגע לערנען מיר, אַז קאַמעניץ איז דעמאָלט געווען צעטיילט אין צוויי טיילן: די אַלטע שטאָט און די נייע שטאָט. ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז דער מערבדיקער טייל פון שטאָט איז געווען די אַלטע שטאָט און האָט אַרומגענומען די ליטאָווסקע גאַס און איר סביבה. די יידישע שטאָט האָט אַרומגענומען דעם צענטער און אַלע געסלעך אין דער געגנט פונעם גרויסן בית־מדרש צו דער זייט פון לעשנא, מיט דער תלמוד־תורה, באָד אאַז״וו. דער מאַגיס־טראַט פון קאַמעניץ איז געווען אַ שטאַרקע און ווירקנדיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער מאָס פון חוצפּה, האָט נישט אָנגענומען קיין באַפעלן אַפילו פון וואָיעוואָדע און האָט זיך אָפט געווענדט גלייך צום קעניג. פון דאַנען נעמט זיך דער שווערער געראַנגל פאַר עקזיסטענץ פון די קאַמעניצער יידן. ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז די מיעשטשאַנעס האָבן געקעמפט קעגן די יידן און קעגן די יידישע הויזירער, וועלכע פלעגן פאַרשפּרייטן זייער סחורה

אין די דערפער און גיטער אין קעגנזאַץ צו די דערלויבענישן. די שענקן פון די יידן וואָס זענען געווען זייער פּרנסה־קוואַל, האָבן געשטאָכן אין די אויגן פון די שטאָטישע. פון די אויבנדערמאָנטע דאָקומענטן הערן מיר אַן אָפּקלאַנג פון די באַשולדיקונגען פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן פון דעם מין באַרימטע אַנטיסעמיטן ווי סטאַניסלאַוו מאַצינסקי און אַנדערע.

די יידישע באַפעלקערונג אין קאַמעניץ האָט דערגרייכט צו עטלעכע הונדערט. דאָס לערנען מיר פון אַ דאָקומענט פון 1705: „דער שקאָלניק (גבאי) שמעון פון דער בריסקער קהילה האָט דערלאַנגט אַ בודזשעט פון קאָפּ־שטייער פון די קהילות און שטעטלעך פון בריסקער קרייז. אין דער פאַרזאַמלונג איז אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף בריסק אַ סומע פון 1384 זלאָטעס, אויף קאָברין — 315 זלאָטעס, אויף פּרוזשאַני — 485 זלאָטעס, אויף קאַמעניץ — 250, אויף מעלטש — 100 אאַז״וו. אין אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט, אין דער תקופה פון דער צענטראַלער יידישער אויטאָנאָמיע האָבן די ליטווישע יידן באַצאָלט קאָפּ־שטייער אויף אַ סומע פון 60.000 זלאָטעס. אָבער מיט דער אַנולירונג פון דער אויטאָנאָמיע אין יאָר 1764, האָבן די קהילות געדאַרפט באַצאָלן 2 זלאָטעס אויף אַ קאָפּ פון איין יאָר און העכער. מ׳קען אַלזאָ אָננעמען, אַז אין דער תקופה איז די אויסרעכענונג געווען לויט איין זלאָטע אויף אַ קאָפּ פון איינייאָריקן עלטער און העכער. די ליטווישע יידן האָבן אין יענער תקופה באַצאָלט 60.000 זלאָטעס. ווען מיר אַלזאָ קיין טעות נישט האָבן אויב מיר וועלן אָפּשאַצן די צאָל פון די יידן אין קאַמעניץ אין אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט, אויף 200 נפשות אין עלטער פון איין יאָר און העכער. דאָס איז אַלזאָ געווען אַ קליינער ישוב, אָבער לויט די באַדינגונגען פון יענער צייט איז אַזאַ ישוב געווען אָנגענומען אַלס אַ וויכטיקער.

*

די געשיכטע פון די קאַמעניצער יידן איז נאָך נישט אָנגעשריבן געוואָרן. ווי געזאָגט זענען די דאָקומענטן וועגן איר אינערלעך לעבן: שטייגער, קולטור, עקאָ־נאָמישן געראַנגל, רבנים און גדולי־התורה, נישט געווען אין די הענט פונעם שרייבער פון דעם דאָזיקן איבערזיכט. אָבער אויך די ווייניקע שורות, וואָס זענען אויבן געבראַכט געוואָרן, ווייזן אָן אויף אַ יידישן ישוב, וואָס קעמפט זיין היס־טאָרישן עקזיסטענץ־קאַמף.

איבערזעצונג פון דער קעניגלעכער פּריווילעגיע פאַר די קאַמעניצער יידן פון יאָר 1661 — דורך יאַן קאַזימיעזש, דעם קעניג פון פּוילן

„טויזנט זעקס הונדערט איין און זעכציק זינט דער געבורט פון קריסטנטום, צוואַנציק טעג אין יאַנואַר, אין דער געריכטס־קאַנצעלאַריע פון דער שטאָט בריסק

פאַר יעראָניט קאַזימיר אלענסקי, פאָן־טרעגער און פּאָדסטאַראָסטאַ מיט די וואָס שטעלן פאָר מיט זיך די יידן, בערעק און ברוך, די הויפּטן פון די יידן אין קאַמעניץ, בריוו פון זיין קעניגלעכער גנאָדיקער עקסעלענץ, וואָס איז די פּריווי־לעגיע, געשריבן אויף פּערגאַמענט אין דער קלענערער קאַנצעלאַריע פון גרויסן ליטווישן פירשטנטום, וואָס איז געגעבן געוואָרן די יידן אין קאַמעניץ און ווערט קאָפּירט אין די ביכער פון דער שטאָט בריסק און דאָס איז איר ווערטלעכער אינהאַלט:

יאַן קאַזשימיעזש, קעניג פון פּוילן, מיט גאָטס גנאָד אאַז"וו. מיר מעלדן מיט דעם בריוו: כדי צו באַזירן און פאַרגרעסערן די שפע און ווילזיין פון אונדזערע אונטערגעאָרדנטע, זענען מיר פאַראינטערעסירט, אַז אונדזערע שטעט זאָלן נישט נאָר איבער דער באַפעלקערונג, נאָר אויך אין פאַרצווייגטן האַנדל הערשן. צו דעם צוועק זענען באַשטימט געוואָרן די מערק אין די שטעט. דעריבער הערן מיר זיך צו צו אונדזערע באַאַמטע אין קעניגלעכן הויף, וועלכע געפינען זיך מיט אונדז און וואָס האָבן אונדז געראַטן, אַז אין איינקלאַנג מיט די באַדערפענישן פון מענטשן פון רעליגיעזן און וועלטלעכן שטאַנד, און אויך אין איינקלאַנג מיט די באַדערפענישן פון די יידן אונדזערע אונטערגעאָרדנטע, וועלכע וווינען אין קאַמעניץ, אַלס צוגאָב צום מאַרק־טאָג, וואָס קומט פאָר אין אונדזער שטאָט קאַמעניץ יעדן שבת, דערקלערן מיר אויך יעדן דינסטיק אין וואָך ווי אַ מאַרק־טאָג, אַזוי אַז פון איצט אָן וועלן פאָרקומען צוויי מאַרק־טעג אין אונדזער שטאָט קאַמעניץ, און אַזוי וועט זיין אויף שטענדיק, נישט ברענגענדיק קיין שאָדן די נאָענטע שטעט.

ווילנדיק באַווייזן אונדזער קעניגלעכע גנאָדיקייט די יידן אין קאַמעניץ, לויטן ביישפּיל פון די אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין אונדזער קעניגרייך, דערלויבן מיר זיי אויפצושטעלן אַ בית־מדרש און אַ יידישע שול אויפן פּלאַץ פון ייד ברוך שמאָרזאַקאָוויטש, וואָס געפינט זיך נעבן פּלאַץ פון בירגער כרוסטקאָוו־סקי, אָדער אויף אַן אַנדער אָרט ביי אַן אַנדערן מענטש, אָבער זאָל ער נישט גלייך זיך מיט דער הייך און פּראַכט פון די קירכעס און צערקוועס אין שטאָט.

מיר דערלויבן זיי אויך אויפצושטעלן אַ באָד אויפן שטאָט־פּלאַץ, וואָס איז שוין דערוואָרבן געוואָרן פון דעם מענטש וואָס זיין נאָמען איז באַרימט און געלויבט, יעקב קושניר. זיי זענען אויך באַרעכטיקט צוצוגרייטן אַ בית־עלמין אין שטאָט אָדער אויסערן שטאָט. און לסוף שענקן מיר זיי אַלע פרייהייטן צו עפּענען געשעפטן, שענקען און צו פאַרנעמען זיך מיט יעדער מלאכה און דערווערבן גיטער און שטאָטישע פּלעצער. און כדי זיי זאָלן דערביי נישט ליידן פון שוועריקייטן און שאָדנס [41] פון אונדזערע שטאָטישע לייגן מיר אַרויף אַ שטראָף לויטן בריוו פון אונדזער ברודער וולאַדיסלאַוו דעם פערטן, וואָס זיין אָנדענק איז אונדז הייליק, פון

עלפטן דעצעמבער, טויזנט זעקס הונדערט פינף און דרייסיק לויט אונדזער ציילונג. מיר דערקלערן און שטרייכן ווידער אונטער מיט אונדזער גאַנצער קראַפט און מעלדן וועגן דעם דעם בירגער אונדזער סטאַראָסטאַ איצט און אין דער צוקונפט, מיר מעלדן אויך דער שטאָט־מאַכט און באַפעלן אָפּצוהיטן די פרייהייטן וואָס מיר האָבן געשאָנקן די אויבן דערמאָנטע יידן אין די רעכט פאַר די יידן פון גרויסן ליטווישן פירשטנטום, אָן וועלכע ס׳איז שטערונג. געגעבן געוואָרן אין וואַרשע אין געוויילטן סיים פון דער קרוין, דעם זעכצנטן אין חודש יוני, יאָר טויזנט זעקס הונדערט איין און זעכציק, דרייצן יאָר פון קעניגן פון אונדזער פוילישן און שוועדישן האַר יאַן קאַזימיעזש קעניג. אונטערגעשריבן אייגנהענטיק: יאַן קאַזשימיעזש.

דער קאַנצעלאַריסט פון גרויסן ליטווישן פירשטנטום האָט געברענגט דעם בריוו צום פאַרשרייבן אין די שטאָט־ביכער פון בריסק״ *



אַ גאַס אין קאַמעניץ

* די קוועלן צו די אָנגעוויזענע ציפערן קומען אין סוף פונעם העברעאישן אַרטיקל פון דעם זעלביקן מחבר. אויך די אָריגינאַל־טעקסטן פון די פריווילעגיעס פון די יאָרן 1661 און 1670.

יחזקאל קאַטיק

קאַמעניץ-ליטאָווסק

קאַמעניץ, דאָס שטעטל, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, איז באַוווּסט מיט איר אַלטן היסטאָרישן סלופּ. פון וואַנען האָט ער זיך גענומען, ווייסט מען נישט. אפּנים, אַז דאָס איז אַ זכר פון אַן אמאָליקער פעסטונג. דער דאָזיקער סלופּ איז אַ געמויערטער, אַ דיקער און אַ הויכער, מיט לעכער אויף צו שיסן פון האַרמאַטן און פון ביקסן. מען האָט נאָך אין מיין זיידנס צייטן געפונען קוילן ווי אַ צען-



פונטיקער די גרייס — אַ סימן, אַז דורך די לעכער האָט מען אַמאָל יאָ געשאָסן. די ציגל פון דעם דאָזיקן סלופּ זענען אַזוי פעסט, אַז עס איז אוממעגלעך אָפּצוּ-ברעכן אַ שטיקל. אין קאַמעניץ זאָגט מען, אַז מען האָט אים געמויערט מיט „ווייסלען" פון אייער — און דעריבער איז ער אַזוי שטאַרק... ווען דער קייסער אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט צוזאַמען מיט אייראָפּייאישע פרינצן געמאכט אַ

יאַגד אין וואלד „בעלאָוועזש“, זיבן מייל ווייט פון קאַמעניץ, זענען אַלע מיניס־טאָרן און גענעראלן געקומען אין שטעטל זען דעם דאָזיקן היסטאָרישן סלופּ.

איך האָב אומישנע גענומען דעם סלופּ צום ערשטן, וואָרום קוים דערמאָן איך מיך אָן מיין שטעטל, אַזוי שווימט ער מיר אַרויס פון מיין זכרון, ווי עפּעס אַ צייכן, אַ סימבאָל, וואָס האָט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע באַדייטונג. און איצט קאָן איך אַריבערגיין צו מיין שטעטל גופא. צוריק מיט א יאָר זעכציק, די צייט, פון וועלכער איך וועל אָנהייבן מיינע זכרונות, איז קאַמעניץ באַשטאַנען פון אַ צוויי הונדערט פופציק הייזער, אלטע, שווארצע און קליינע, צוגעדעקטע מיט שינדל־דעכער, און מענטשן „נפשות“, הייסט עס, פארשריבענע אין דער „סקאַזקע“, דעם רייסטער פון דער רעגירונג, זענען געווען ביי אַ פיר הונדערט פופציק. דאָ קומט אַרויף אַ לאָגישע פראַגע אויפן זינען: צוויי הונדערט מיט פופציק הייזער — און נפשות פיר הונדערט מיט פופציק? ווי שיקט זיך עס? דערויף איז דאָ זייער א פּשוטע תשובה: אידער עס איז איינגעפירט געוואָרן דאָס נייע רעקרוטן־סיסטעם, פאַרן 1874־טן יאָר, זענען יידן כמעט צוויי דריטל נישט געווען צוגעשריבן. די רעגירונג האָט אייגנטלעך געוווסט דערפון און עס אַזוי, ווי שווייגנדיק, דורכגעלאָזט. פארשריבן האָבן זיך ערשט אָט די אלע נעלמים (נישט־פארשריבענע) אין 1874־טן יאָר, בעת עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון קייסער אַ מאַניפעסט, אַז די נישט־פאַרשריבענע וועלן קיין שטראָף נישט באַקומען, ווען זיי זאָלן זיך איצט פארשרייבן אין „סקאזקע“, און איבער אַלע שטעט און דערפלעך זענען ארומגעפאָרן קאָמיסיעס און פאַרשריבן די נעלמים.

נאָר עס איז זייער אינטערעסאנט, ווי אַזוי עס האָבן אַמאָליקע יאָרן געגעבן רעקרוטן פון די פארשריבענע פיר הונדערט און פופציק נפשות פון מיין שטעטל.

פיר מייל פון קאַמעניץ איז דאָ אַ שטעטעלע וויסאָקע, האָט זיך איר „סקאזקע“ גערעכנט ביי א פינף הונדערט און פופציק נפשות. וויסאָקע און קאמעניץ האָבן געגעבן רעקרוטן אַלע יאָר צוזאמען, נאָר אַזוי ווי מען נעמט דאָך סאָלדאטן לויט א געוויסן פּראָצענט, לאָמיר זאָגן, איינעם פון טויזנט, און אַזוי ווי וויסאָקע מיט קאַמעניץ האָבן אויסגעמאכט צוזאַמען, לאָמיר זאָגן, א טויזנט, איז פאר ניקאָלאַי דעם ערשטן געגעבן געוואָרן פון ביידע שטעטלעך טאַקע בלויז איין זעלנער. נאָר אויף קאַמעניץ קומט דאָך אויס קנאפּער פון אַ האַלבן זעלנער און אויף וויסאָקע עפּעס מער פון אַ האַלבן — וויסאָקע איז דאָך גרעסער — איז פאַר די פּני געווען א שטיק ארבעט, ביז מען פלעגט דורכקומען. און דורכקומען פלעגט מען אזוי: א יאָר האָט געגעבן קאמעניץ א זעלנער, און א יאָר וויסאָקע. און איין מאָל אין צען יאָר האָט קאמעניץ גאָרנישט באַדאַרפט געבן: די רעכענונג איז א פּשוטע: פופציק מענטשן יעדעס יאָר ווייניקער. פאַר צען יאָר קומט אויס —

פינף הונדערט מענטשן וויניקער, הייסט עס, דאַרף מען גאָרנישט געבן. אָט אַזוי האָט מען געגעבן רעקרוטן אַמאָליקע יאָרן: מען איז דורכגעקומען צווישן זיך...

ווי די מאָדע איז, זענען אין מיטן שטאָט געשטאַנען צוויי טיילן קראָמען מיט די פאָדערשטע טירן אינעווייניק. צווישן די בײדע טיילן האָט זיך געצויגן אַ שמאָל געסעלע און דאָרט האָט זיך קוים געקאָנט דורכשפּאַרן אַ פור. אַ דריי, פיר קראָמען האָבן געמסחרט מיט מאַנופאַקטור פון העכערן גראַד: פאַר יידן און פּריצים פון אַרום שטאָט; און אין אַ דריי, פיר — האָט מען פאַרקויפט פּאַרטעכער, טיכער, טיכלעך און דאָסגלייכן. אין די איבעריקע האָט מען געמסחרט מיט צעלניק, מיט סמאָלע און מיט דזשעגעכץ א. אַז. וו.

געמסחרט אין די קראָמען האָבן בלויז די ווייבער — אַלטע, יונגע, מיידן און מיידעלעך, און אָט די אַלע ווייבער זענען געזעסן איינע קעגן די אַנדערע, צעקאָכטע און אויפגערעגטע. דערביי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט קיין העלפערקעס — אַ מיידל צי אַ ווייבל, וואָס האָבן געשלעפּט, געצויגן און גערופן צו זיך דעם קונה; אַממערסטן פּויערים און פּויערטעס. אָבער דער העכערער גראַד קונים, די יידן און די פּריצים, האָבן זיך יעדערער געהאַט איין קרעמער, און אַזאַ מין קונה האָט שוין קיינער נישט געהאַט די העזה צו שלעפּן, ווי אַ הערינג, צו זיך אין קראָם אַריין. אין דער שטיל האָט מען אים אפשר שטילערהייט באַגלייט מיט אַ קללה צוזאַמען מיט דער קרעמערקע, וואָס לייזט פון אים.

לייזונג אויסער זונטיק איז אייגנטלעך געווען ווייניק. וואָרום אויסער זונטיק איז דער פּויער כמעט אין שטעטל נישט געקומען. איז מען טאַקע געזעסן פאַר די קראָמען און נישט געהאַט וואָס צו טאָן. זונטיק אָבער פלעגן זיך שטעלן גרויסע מערק, עס פלעגן זיך צונויפקומען מאַסן פּויערים און אַרום די טירן פון די קראָמען פלעגט זיין אַזאַ געשטויסעניש און שטופּעניש, פּונקט ווי פליגן אויף אַ פענצטער, ווו עס איז אָנגעשאָטן מעל־צוקער.

צו די גרעסערע געשעפטן אין שטאָט האָבן אויך געהערט די שענקען. זיי זענען געווען אין אַ היפּשער צאָל. און פּויערים האָבן דאָרט געפונען צובייסונג, אויך קעז, הערינג, אוגערקעס. נאָר זיסע בראָנפנס האָבן אויך נישט אויסגעפעלט, און דאָ האָט זיך שוין פאַרגונען אַ שליאַכטשיץ, צי אַ קליין פּריצל, וואָס האָט צוגעביסן נאָכן שנאַפּס נישט מיט קעז צי מיט הערינג, ווי דער פּויער, נאָר מיט א גענדזל אָדער מיט פיש. די דאָזיקע שענקען זענען אויך געפירט געוואָרן פון די ווייבער, פּונקט ווי די קראָמען. זונטיק אָבער, דעם טאָג פון גרויסן פדיון, האָט שוין דער מאַנסביל אויך צוגעהאָלפן.

מיט וואָס־זשע פאָרט האָבן זיך באַשעפטיקט די מענער? זיי זענען אויך נישט געשטאַנען ליידיק. אַרום קאַמעניץ האָבן זיך געפונען ביי אַ פאַר הונדערט פּריצים,

ביי יעדן פריץ איז געווען אַ פּאָר הונדערט לייב־קנעכט (קרעפּאַסטניקעס) צי מער, האָבן די דאָזיקע לייב־קנעכט געטאָן עבודת פּרך, נישט געהאַט נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט, און די פּריצים, פאַרשטייט זיך, האָבן באַדאַרפט לעבן אַ גוטן טאָג — האָט זיך יעדער פּריץ געהאַט אַ ייִדן אָדער א פּאָר ייִדן אין שטעטל, מיט וועלכע ער האָט זיך געשאפט און וועלכע האָבן דערפון מער אָדער ווייניקער פאַרדינט.

אויב אַרום פּריץ האָבן זיך געדרייט צוויי ייִדן, האָט איין ייִד באַדאַרפט זיין אַ שיינער ייִד און אַ בכבודיקער סוחר און דער צווייטער שוין אַ „קלענערער ייִד", סיי אין שיינקייט און סיי אין סוחרות. ביידע ייִדן זענען געווען ביים פּריץ די גאַנצע כּל־ולכּ׳ס. דער שענערער ייִד האָט אים געדינט מער צו עצות, דער צווייטער — צו פאַרשידענע ארבעטן און שפּיצלעך. נאָר ביידע ייִדן זענען געשטאַנען פאַר אים אין גרויס אימה, און כאָטש זיי האָבן טיילווייז געלעבט פון אים און ער איז ביי זיי געווען אַ גרויסער „צד" אין ענין נאַטשאַלסטוואָ, פונדעסטוועגן דאַרף מען צען מאָל אַ טאָג לויבן גאָט, וואָס דער ענין ייִד־פּריץ איז אראָפּ פון דער סצענע.

האָט זיך דעם פּריץ פאַרוואָלט, האָט ער אָפּגעשמיסן זיין ייִד און אים דערנאָך געזאָגט:

— וועסטו מאַכן אַ שוויג, בלייבסטו ביי מיר וויטער, און אַז נישט, נעם איך אַן אַנדערן ייִד און דו וועסט מיט מיר סיי ווי גאָרנישט אויספירן, וואָרום דער אסעסאָר איז מיינער און דער איספּראַווניק איז מיינער.

דער ייִד האָט געשוויגן און פאַר זיך געטראַכט: מילא, אָפּגעשמיסן. דערויף איז ער דאָך אַ פּריץ, אָבער דערפאַר פאַרדין איך דאָך אַ שטיקל ברויט פון אים. און ווידער, אַז איך וועל צומאַכן מיט אַן אויג, וועט האָבן מיינס אַ קינד ביי אים פּרנסה.

און דאָס איז אַפילו ריכטיק געווען. איז געשטאָרבן ביים פּריץ דער ייִד, האָט דער פּריץ אויף זיין אָרט גענומען דעם ייִדנס אַ זון אָדער אַן איידעם, ווי ווער עס איז אים געווען געפעלן, ווי מען טוט אַ שידוך. און דער ייִד האָט דערווייל געירשנט דעם פּריץ. דער פּריץ איז געווען אַ מין ירושה.

דאָ איז אפשר אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז דער פּריץ האָט אויך געהאַט זיין בעל־מלאכה אין שטעטל, וואָס נאָר אים האָט ער געגעבן זיין אַרבעט. בעלי־מלאכות אין שטעטל זענען געווען אַ סך — שוסטער, שניידער, בלעכער א. אַ. וו. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן זיך מפרנס געווען אַ סך שווערער ווי דער קרעמער, און כאָטש דירה־געלט האָט מען געצאָלט זייער ווייניק — אַ וואָסערע צען,

צוועלף רובל אַ יאָר פאַר אַ וווינונג. פונדעסטוועגן זענען זיי נישט בכוח געווען צו באַוווינען אַליין אַ דירה און אין איין הייזל האָבן געוווינט אַ צוויי־דריי פאַמיליעס.

מלמדים

קינדער־דערציער זענען, געוויינטלעך, געווען די מלמדים. דער ערשטער פון זיי איז געווען יעקב־בער דער מלמד, וואָס כמעט די גאַנצע שטאָט קינדער האָבן זיך צום ערשטן געלערנט ביי אים. אַ קינד פון דריי יאָר אָדער נאָך ווייניקער האָט שוין ביי אים אָנגעהויבן לערנען אלף־בית, געלערנט ביי אים ביז עס האָט שוין גוט און גיך געדאַוונט. דאָס האָט געדויערט אַן ערך פון אַ צוויי יאָר צייט. דערנאָך האָבן די קינדער איבערגענומען די מלמדים פון חומש און אויך אָנהויב גמרא: אויסגעקליבענע גרינגע משנות פאַר קינדער, וואָס הייסט לקח־טוב. פון אַזוינע מלמדים איז מען אַריבער געגאַנגען צו גרעסערע און נאָך גרעסערע, ביז מען איז אָנגעקומען צו די גרויסע לומדים מופלגים, ביי וועלכע עס האָבן געלערנט דערוואַקסענע בחורים און בעלי־בתימלעך, אָבער די גרויסע מופלגים זענען געווען גרויסע כעסנים.

פון די גרויסע מלמדים זענען געווען צוויי אין שטאָט, וואָס פלעגן שלאָגן די קינדער מכות־רצח און שמייסן און שטעלן אין „פעקל״. דאָס איז געווען די ערגסטע שטראָף. דער מלמד פלעגט דעם יינגל אַראָפּלאָזן די הייזלעך און פאַר־קאַטשען דאָס העמד מיט דעם קאָפּטל אַרויף, מאַכנדיק דערפון אַ פעקל. בעת מעשה האָט דער רבי געהאַלטן א גוטע רוט אין האַנט אָדער אַ גוטן קאַנטשיק, און אַזוי האָט דאָס יינגל געמוזט לערנען דעם שיעור גמרא, און ווען ער האָט נישט געוווּסט אַ וואָרט, האָט דער רבי געגעבן אַ שמיץ מיט כוח, אַזוי אַז דאָס לייב איז באַלד פאַרלאָפן מיט אַ בלויען צייכן. אַזוי האָט ער געלערנט אַ שעה נאָכאַנאַנד. דאָס איז געווען שטענדיק אין דאָנערשטיק: דעמאָלט האָבן די יינגלעך געמוזט אַליין זאָגן די גמרא, וואָס דער רבי האָט מיט זיי געלערנט אַ גאַנצע וואָך, ווארום שבת פלעגט דער מלמד מוזן קומען מיט יעדן יינגל צו זיין פאָטער פאַרהערן אים די גמרא. דער פאָטער, וואָס האָט נישט געקאָנט לערנען, האָט שוין אָנגעבעטן איינעם אַ למדן, אָדער אַ פרוש, יענער זאָל פאַרהערן אים די גמרא, און ווען דאָס יינגל האָט נישט געקאָנט, האָט דער פאָטער נישט געקוקט און האָט באַשולדיקט דעם מלמד. געוויינטלעך האָט דאָס נישט געשמעקט דעם מלמד, האָט ער אויסגעלאָזן דעם גאַנצן כעס צו יענעם אָרט ביים יינגל, וואָס ווערט נישט אָנגערופן אין דער ליטעראַטור.

פון די דערמאָנטע צוויי כעסנים-מלמדים איז געווען דוד מיט די קאָלטענעס.

ער האָט געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט קאָלטענעס. אַ כעסן איז ער געווען אַ מוראדיקער און די ייִנגלעך האָט ער פּראָסט געממיתט. ביי אים איז רעכט געווען אויפהויבן אַ ייִנגל האָבן דער פאָטער און מוטער פונעם קינד אַפילו נישט געוואַגט צו זאָגן זאָל פאַלן טויט; געווען טאַקע אַזאַ פאַל. נאָך דער לוויה פון דעם דערהרגעטן ייִנגל האָט דער פאָטער און מוטער פונעם קינד אַפילו נישט געוואַגט צו זאָגן ר׳ דודן, פאַרוואָס האָט ער געהרגעט זייער קינד. אַזוי האָט מסתמא גאָט געוואָלט, אַז דער רבי האָט אים געהרגעט, אַזוי האָט מסתמא געדאַדפּט זיין, און קיינעם אין שטאָט איז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז דוד מיט די קאָלטענעס האָט געטאָן אַ רציחה. אַפילו מ. ס. זון, וועלכער האָט אויסגעזוכט אַלע חטאים אין שטאָט צו מאַכן אינטריגעס און מחלוקת, האָט דאָ אויך געשוויגן, און ר׳ דוד מיט די קאָלטענעס איז געבליבן דער אייגענער מלמד. ביי אים האָבן געלערנט גרויסע בחורים און בעלי־ביתלעך און אלע זענען אַרויס פון אים קאַליקעס.

דער צווייטער מלמד, אַ גרעסערער למדן פאַר ר׳ דודן, איז געווען דוד דער בלינדער. אויף איין אויג האָט ער נאָר געזען. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, און אַ סך קינדער זענען פון אים אַרויסגעקומען לומדים. אָבער ער איז געווען אַן אומגעהויערער כעסן און האָט שטענדיק געשלאָגן און געשמיסן דאָס קינד אָן רחמנות. ביי אָט דעם מלמד האָב איך אויך געלערנט — נאָר וועגן דעם שפּעטער.

ווי געזאָגט, האָט מען חתונה געהאַט זייער פרי, סיי די ייִנגלעך און סיי די מיידלעך, דהיינו: אין עלטער פון דרייצן ביז זיבעצן יאָר. די ייִנגלעך האָבן גענומען נדן נאָך זייער לערנען נאָך, פון צוויי הונדערט ביז טויזנט רובל, און דער שווער האָט געגעבן קעסט. אין די תנאים האָט מען געשריבן, אַז דער שווער אָדער פאָטער דאַרף האַלטן פאַרן בעל־הביתל אַ מלמד, און אַז דאָס ייִנגל האָט חתונה געהאַט און געבליבן עסן קעסט ביים פאָטער, האָט ער ווייטער געלערנט ביי דעם זעלביקן מלמד, ווו ער האָט געלערנט פאַר דער חתונה, און דער רבי האָט געשמיסן דאָס בעל־הביתל שוין נאָך דער חתונה, ווי פאַר דער חתונה.

אין מיינע צייטן איז שוין אַפילו געווען אַרויס פון דער מאָדע, אַז נאָך דער חתונה זאָל מען גיין לערנען אין חדר, און מיין רבי, רבי דוד דער בלינדער, האָט טאַקע געקלאָגט און געבענקט נאָך אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען ער פלעגט שמייסן בעלי־הבתימלעך. ער פלעגט דערציילן, ביי וואָסערע אומשטענדן ער פלעגט אַמאָל שמייסן אַ בעל־הביתל, אַזוי, למשל, פלעגט דעם תלמידס מוטער קומען אין חדר אַריין אָפּגעבן דעם זון מזל־טוב פון זיין אָקאָרשט געבוירענעם זון, בעת מעשה איז אָבער געווען די טיר פון חדר פאַרשפּאַרט, און בעת — דערציילט דער רבי — זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער אָנקלאַפּן אין די שויבן און אָפּגעבן מזל־טוב, האָב איך אים מיט די ריטער אָפּגעגעבן מזל־טוב. ביי יעדן שמיץ

האָב איך געזאָגט: — מזל־טוב דיר מיט אַ יינגל! שייגעץ איינער! מזל־טוב דיר מיט אַ יינגעלע!

קיין שרייבער איז אין גאַנץ קאַמעניץ נישט געווען. שרייבן יידיש האָבן געלערנט די זעלבע מלמדים.

דאָס איינציקע לערנען איז געווען נאָר גמרא מיט די מפרשים. חומש האָט מען געלערנט, אָבער אויך נישט די גאַנצע סדרה, נאָר אַ האַלבע און עשרים וארבעה האָט נאָר איין מלמד געלערנט, מאָטקע מלמד. ער האָט געלערנט מיט מיטעלע יינגלעך, ניין און צען־יאָריקע, גמרא מיט אַ שטיקל תוספות, האָט ער אַ שעה אין טאָג געלערנט עשרים וארבעה און א שעה אין טאָג האָט ער דערציילט נסים ונפלאות פון גאונים און האָט פאַרגעשטעלט, אַזוי ווי לעבעדיק, דעם גיהנום (פון גן־עדן האָט ער אַ קנאַפּע ידיעה געהאַט). ער האָט אַפילו אויסגעמאָלט אויף אַ פּאַפּיר די תמונה פון גיהנום, וויפל מאָס ער האַלט און אין וועלכער זייט עס געפינט זיך אַפילו די טיר. אָבער די מאָס פון גן־עדן, און אין וועלכער זייט עס געפינט זיך די טיר, האָט ער, נעבעך, נישט געוווּסט. אחוץ פון די עשרים וארבעה האָט ער אויך מער נישט געלערנט ווי נביאים ראשונים: יהושע, שופטים, שמואל א׳ וב׳, מלכים א׳ וב׳. און מער נישט. אָבער די איבעריקע מלמדים, וועלכע האָבן געלערנט מיט די גרויסע בחורים גמרא מיט תוספות און כל המפרשים, האָבן קיין תנ״ך מיט זיי גאָרנישט געלערנט. תנ״ך לערנען איז געווען אַפּיקורסות.

שכר־לימוד איז געווען פון זעכציק רובל אַ זמן ביז הונדערט. יענער מלמד, וואָס האָט געהאט קנאפּע פיר רובל אַ וואָך, האָט זיך שוין גערעכנט פאַר אַ רייכן מלמד.

די מלמדים, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען מיט די קינדער אלף־בית, האָבן געהאט פון זעכציק ביז אכציק דריי־יאָריקע יינגלעך פאר אלף־בית לערנען. פאַר אַזעלכע יינגלעך האָט מען געצאָלט שכר־לימוד אַ רובל אַ זמן. נגידים האָבן געצאָלט צען גילדן אַ זמן. אַז אַ יינגל איז אַלט געווען פינף יאָר, האָט מען אים אָפּגעגעבן צו א חומש־מלמד, וועלכער האָט געהאַט פון צוואַנציק ביז דרייסיק יינגלעך. געצאָלט האָט מען אים א דריי רובל פון א יינגל.

אַז מען האָט אָנגעהויבן לערנען מיט דעם יינגל חומש, האָבן די טאַטעס געמאכט א סעודה פאַרן מלמד מיט די אַלע יינגלעך פון חדר, און אויך איז געווען די פאַמיליע דערביי. יעדער בעל־הבית האָט געמאַכט די חומש־סעודה נאָך זיין פאַרמעגלעכקייט.

מיין זיידע אהרון־לייזער, פלעגט צו אַזאַ סעודה פון אַ קינד, אָדער אַן

אייניקל, לאָזן קוילען אַ קליין אָקסל, און ביי טרינקאָווסקין זענען געווען וויינען מיט טייערע פּאַטראָוועס.

האָבן די ייִנגלעך געלערנט אַ יאָר אָדער צוויי חומש, ד. ה. די ערשטע פּרשה אָדער אמהעכסטן דריי פּרשות פון דער סדרה, און דערנאָך האָט מען זיי אַוועקגעגעבן צו די אָנהויבער, גמרא־מלמדים, וועלכע האָבן געהאַט פון פופצן ביז צוואַנציק ייִנגלעך, געצאָלט האָט מען פאַר אַזאַ ייִנגל שכר־לימוד פיר, די נגידים — פינף רובל אַ זמן.

געווען אַזעלכע מלמדים, וואָס האָבן געלערנט אי חומש, אי מיט אָנהויבער גמרא. זיי פלעגן שוין אָנהויבן מיט די בעסערע חומש־ייִנגלעך צו לערנען לקח־טוב.

האָט דאָס ייִנגל אָפּגעלערנט אַ צוויי־דריי זמנים ביים אָנהויבער גמרא־מלמד, האָט אים דער פאָטער אַוועקגעגעבן צו אַ גרעסערן מלמד, וואָס לערנט שוין מיט די ייִנגלעך דעם ערשטן זמן אַן עמוד גמרא און דעם צווייטן זמן — אַ בלאַט גמרא. אַזאַ מלמד האָט שוין געהאַט אַ צוועלף ייִנגלעך, פאַר יעדן ייִנגל שכר־לימוד זעקס־זיבן רובל אַ זמן. אָפּלערנענדיק אַ דריי זמנים, האָט דער פאָטער אָפּגעגעבן דאָס קינד צו אַ העכערן מלמד, וועלכער לערנט גמרא מיט תוספות, אַזאַ מלמד האָט געהאַט אַ צען ייִנגלעך צו אַכט רובל אַ זמן א. אַ. וו. יעדער מלמד האָט געלערנט מיט די ייִנגלעך אַן אַנדער מסכתא, נישט פרעגנדיק ביי די תלמידים, וואָס פאַר אַ מסכתא זיי האָבן פריער געלערנט ביי יענעם מלמד. עס פאַרשטייט זיך, אַז דעריבער איז אין לערנען קיין אָרדענונג נישט געווען, און דאָס בייטן די מסכתות ביי יעדן מלמד אַלע יאָר צי מער, האָט אינגאַנצן צעבראָכן דעם סיסטעם פון לערנען.

פראָסטע קעפּ פלעגן בלייבן זיצן לאַנג אין איין חדר. אָבער פראָסטע קינדער פון די גרעסערע בעלי־בתים זענען אַריבער צו העכערע מלמדים גלייך ווי די גוטע ייִנגלעך, און די פאָטערס האָבן געבעטן דעם גרעסערן מלמד, ער זאָל מיט זיין ייִנגל לערנען דאָס, וואָס יענער קאָן באַגרייפן און נישט דאָס, וואָס מען לערנט מיט די בעסערע ייִנגלעך. דערפאַר גיט ער אים מיט דריי רובל מער אויפן זמן. די בעלי־בתים האָבן זיך געשעמט, אַז זייער זון, דער גרויסער בחור, זאָל לערנען ביים קליינעם מלמד. זענען געווען אין יעדן חדר ייִנגלעך פראָסטע, גראָבע, וואָס פלעגן לערנען צוזאַמען מיט די גוטע ייִנגלעך. פונדעסטוועגן האָט מען זיי נישט פאַרשעמט. ווייל דאָס רוב גוטע ייִנגלעך זענען געווען פון די אָרעמערע קלאַסן מענטשן, האָט זיך דעריבער אויסגעגליכט ביי די ייִנגלעך דער יחוס. די גוטע ייִנגלעך האָבן זיך נישט געגרויסט קעגן יענע מיט זייער לערנען

און די מיוחסים האָבן זיך נישט געגרויסט מיט זייער יחוס, אָדער פאַרקערט, און עס איז אַלץ געווען גלייך.

געלערנט האָבן די יינגלעך פון ניין אַ זייגער אין דערפרי ביז צווי אַזייגער בייטאָג. דעמאָלט איז מען געגאַנגען מיטאָג עסן אויף אַ שעה צייט. פונקט דריי אַ זייגער האָט מען געמוזט קומען ווידער אין חדר, אַ נישט האָט מען געקראָגן מוראדיקע קלעפּ, פּעטש אָדער גאָר שמיץ.

פון דריי אַ זייגער האָט מען געלערנט: זומער ביז זון־פאַרגאַנג, ווען די מלמדים האָבן באַדאַרפט גיין מנחה־דאַווענען אין בית־המדרש, ווינטער האָט מען געלערנט מיט די קלענערע יינגלעך ביז אַכט אַ זייגער און מיט די גרעסערע ביז ניין. מנחה און מעריב האָט מען שוין ווינטער געדאַווענט אין חדר צוזאַמען מיט די יינגלעך. אַזוי האָט זיך געפירט די גאַנצע וואָך, אויסער פרייטיק. פרייטיק האָבן די יינגלעך געלערנט: ווינטער ביז צווי א זייגער און זומער ביז דריי־פיר א זייגער בייטאָג. נאָר שבת האָבן די יינגלעך אויך נישט געהאַט קיין מנוחה. ערשטנס, איז יעדעס יינגל פאַרהערט געוואָרן פון מלמד פאַרן פאָטער אין די אויגן אָדער פאַר אַ זייטיקן אַ מבין, דערביי האָט דאָס יינגל געמוזט איבערזאָגן דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אַ גאַנצע וואָך. און דערנאָך האָט עס באַדאַרפט גיין אין חדר לערנען מיטן מלמד פרק אָדער מדרש.

די יינגלעך האָבן קיינמאָל נישט געהאט קיין פרייע צייט, אויסער יום־טוב: פורים, פסח, שבועות, ראש־השנה, יום־כפור און סוכות. צוזאַמען הייסט עס, זעקס און צוואַנציק טעג אין יאָר.

(פון זיין בוך „מיינע זכרונות״

*

יחזקאל קאָטיק איז געבוירן געוואָרן ח׳ ניסן 1847 אין קאַמעניץ־ליטאָווסק, גראָדנער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען אַ חסידישער ייד. קאָטיק האָט ביז זיבעצן יאָר געלערנט גמרא און פוסקים, חתונה געהאַט און געוווינט אין משך פון אַ צענדליק יאָרן אין פאַרשידענע דערפער אין דער גראָדנער געגנט אַלס גוטס־פאַכטער. יחזקאל קאטיק האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין קיעוו. נאָך די פּאָגראָמען איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, דאָרט האָט ער יאָרן לאַנג געהאַלטן אַ קאַפע־הויז אויף די נאַלעווקעס. קאָטיקס קאַפע־הויז איז אַ געוויסע צייט געווען דער צענטער פאַר די יידישע ליטעראַטן, ווי אויך פאַר די טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. קאָטיק איז געווען באַקאַנט אין וואַרשע אַלס כלל־טוער און האָט געגרינדעט אַ גאַנצע רייע חברות און צדקה־אנשטאלטן.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן פאַרשידענע בראָשורן אין העברעיש און אין ידיש און אַ בוך ידישע דערציילונגען. יחזקאל קאָטיק האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אין דער גאַנצער וועלט מיט זיינע מעמואַרן אונטערן נאָמען „מיינע זכרונות" אין צוויי בענדער. אַ באַזונדער אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער ערשטער באַנד, וווּ דער מחבר האָט געגעבן אַ ברייט בילד פון דעם ידישן לעבן אין רוסלאנד אין דער ערשטער העלפט פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

אין דעם דאָזיקן באַנד שילדערט קאָטיק דעם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון יענער תקופה, און אירע מענטשן, דעם קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים א. אַ. וו.

„מיינע זכרונות" האָט א חוץ אַ קולטור-היסטאָרישן אויך אַ ריין ליטע-ראַרישן ווערט. די פערזאָנען, וואָס פיגורירן אין די „זכרונות", זענען בולט און זייער לעבעדיק געשילדערט.

קאָטיק איז געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1921.

„פון אייביקן קוואל", (מארגן־זשורנאל", ניו־יארק)

שלום עליכמס בריוו צו יחזקאל קאָטיקן

(די אלטע אָרטאָגראַפיע נישט געענדערט)

לאָזאנע (שווייץ) 10.1.13

זעהר געעהרטער און לידער אומבעקאַנטער קאָלעגע יחזקאל קאטיק!

בעת כ׳האָב געשריבן צו אייך, האָב איך שוין אין איין קלאַפּ געשריבן אויך צו ניגערן, אַז מיר זאָלען זיך אָבבייטען מיט די ביכער, לאָזט זיך אויס, אַז צו ניגערן האָט איהר אַריינגעשיקט דעם עקז., וועלכער איז געווידמעט דעם דיכטער אברהם רייזין — און רייזין איז איצט נישט מעהר און נישט ווענִיגער ווי אין ניו־יאָרק, אין אַמעריקאַ! וואָלט דאָס געווען מיט עטלעכע יאָהר פריהער, ווען שלום־עליכם איז נאָך געווען גרינג אויף די פיס, איז עס אַ געלעכטער, הויב איך מיך אויף און פאָהר זיך דורך קיין אַמעריקא, איצט אָבער איז עס אַביסל שווערליך, וואָס זשע טהוט מען, אז איך גיה אויס לייענען אייערע „זכרונות״? האָב איך אַרויפגעלעגט די גאַנצע עבירה אויף אייך און האָב צעשניטען צעקאַר־דאשעט ניגערס בוך און כ׳האָב קיין חרטה נישט, איך האָב גענומען לייענען אייערע „זכרונות״, און וואָס זאָל איך זאָגען? איך געדענק שוין נישט דאָס יאָהר, וואָס איך זאָל אַזוי פיל הנאה האָבען, אַזאַ תענוג — אמתער תענוג רוחני! — דאָס איז נישט קיין בוך — דאָס איז אַנ׳אוצר, אַ גאָרטען, אַ גן־עדן פול מיט בלומען און מיט פויגעלגעזאַנג. עס האָט מיר דערמאָהנט מיין יוגענד, מיין משפחה, מיין חדר, מיינע ימים־טובים, מיינע חלומות, מיינע טיפען, ניין! איך מיט מיין בינטעל טיפען און בילדער, וואָס כ׳האָב אַ סך פון זיי געקענט און אַ סך אויסגעטראַכט, בין איך, זאָג איך אָהן שום חניפה אָדער פאַלשע עניוות — אַקעגן איך אַנ׳אָרים יונגעל, אַ קבצן! מיט אייערע איבערלעבונגען און אייער משפחה וואָלט איך ביז איצט די וועלט פערפלייצט! גוואלד; ווו זענט איהר געווען ביז אַהער? אַ מענש פערמאָגט אַזוי פיעל בריליאנטן, דימענטען און פערעל און גאָרנישט! אַ איד געהט ארום און „קלייבט רענדלעך״ (ווי זאָגן דאָרט אייערע פרומאַקעס) און זאָל עס אַפילו דערמאָנען עמיצען, אַז עס געפינט זיך ביי איהם אַזאַ נ׳אוצר! איך האָב גענומען לייענען און נישט געקאָנט שוין אָברייסן זיך, שיער נישט משוגע געוואָרן! ווער איז דער קאטיק? איך האָב געהערט פון

איינעם, הייסט ער נאָר, דאַכט זיך, אַ. קאַטיק, און איז גאָר אַ יונגערמאַן, און איהר זענט דאָך גאָר אַ איד מיט אַ גרויער באָרד. וואָס מיך האָט פערכשופט אין אייער בוך — איז דער הייליגער פשוט'ער אמת, נישט געקינצלטע פראָסטקייט. היינט די שפּראַך! ניין, איהר זענט נישט נאָר אַ גוטער עהרליכער, געטרייער שומר פון אַ רייכען, אונגעהויער רייכען אוצר — איהר זענט אַ טאַלאַנט פון גאָט געבענטשט מיט אַ נשמה פון אַ קינסטלער, וואָס קען זיך נישט. נישט ווינציק אידן זענען געווען אין אייער קאַמעניץ און אין דער זאַסטאַווע, נישט ווינציק קרובים אין אייער רווישנדיגער ווי איהר רופט זי משפחה — פאַרוואָס האָט קיינער פון זיי נישט געזאַמלט אַזעלכע זכרונות ווי איהר? פאַרוואָס האָט זיך קיינער פון זיי נישט בעוויזן מיט עפּעס אַזאַ מין ווי איהר, וואָס זאָל געבען אַ ברען? עפּעס מאָלט זיך מיר אויס, הערט איהר, אַז אייער משפחה — דאָס איז מיין משפחה (און דאָס פיהלט מסתמא יעדער לעזער). איך קען אייער זיידען אהרן-לייזער, און אייער באָבעביילע־ראַשע, און אייער טאַטען דעם חסיד משה, און אַלע אייערע פעטערס מיט די מומעס און אַפילו דעם איספּראַווניק מיטן אַסעסער מיט אַלע פּריצים, די גוטע און די שלעכטע, און די מלמדים, און די חסידים, און די מתנגדים, און די רופאים, און דעם רב, און יענעם אַפּיקורס דעם שרייבער פון בריסק, וואָס אַ קערבעל איז אַ ממזר, אוןביידע ישראל'ס, און אהרן־לייבעלע און חאצקעל, און מאָשקע, און בערעל־בענ־דעט דעם אופּראַוולי־אישטשע און אַלע און אַלע! אַלע לעבען זיי, אַלע קען איך, מיט אַלע פרעה איך זיך און מיט אַלע טרויער איך. מע דאַרף דאָך האָבן אַ כוח מע זאָל מיך נישט נאָר מאכען לאַכען (פאַרהאַן ביי אייך ערטער, וואו כ'האָב מיך געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג), נאָר אויך ציהען ביי מיר טרעהרען. איך שווער אייך בהן שלי, אַז איך האָב געוויינט גלייך מיט אײַך אַלע, בעת אייער זיידע האָט אייך אַלעמען געבענטשט ערב יום־כפור און בעת אייער באָבע די צדיקת איז געלעגן אויף דער ערד, און דער זיידע האָט 100 מאָהל געחלשט. זאָלן מיר אַזוי פרעהען זיך אין גיכן אויף ישועות ישראל, ווי איך האָב געגאָסען מיט טרעהרען, און נישט ווייל אַ מענש איז געשטאָרבען — רב"שע! וויפיעל מענשען שטאַרבען בכל יום ובכל עת ובכל שעה! נאָר ווייל אייער באָבע און אייער זיידע — דאָס זענען מיינע, מיינע! און ווייל דאָס זענען לעבעדיגע און טייערע גאָלדענע מענשען, און ווייל איהר האָט זיי אויסגעוואַרעמט אַלע אין אייער נשמה און האָט אריינגעלעגט אַהין אייער גאַנצען פייעריגען אמת, איך בין באמת גדול־דיג ביי זיך, וואָס מיר פערמאָגען אַזאַ מענשען, אַזאַ אידען ווי איהר, וואָס אַ דאַנק אייך וועלן נישט פערלאָרען געהן יענע „רענדלעך", וואָס האָבען זיך געוואַלגערט (נאָך מיין מיינונג וואַלגערן זיך נאָך איצט) אין אונזער פאָלק. איך בין באמת גרויס ביי

זיך, וואָס אונזער נאָך יונגע אידישע פאָלקס־ליטעראַטור איז בערייכערט געוואָרן מיט אַזאַ בוך ווי אייערע „זכרונות". ווען איהר אייערע „זכרונות" שרייבען וויִיטער? ווען זיי זיין אויך אַזוי פעט און געראָטען, ווי דאָס ערשטע בוך? געראָטען — בין איך זיכער, פעט — ווייס איך נישט, איך האָב מורא, אַז דאָס ווערט שוין זיין מאָגערער, שיטערער, ניטאָ יענע אידען! דאָס הייסט, דאָ זענען זיי, אָבער מע זעהט זיי נישט אַזוי בולט, זיי ווערען בטל בששים, ובפרט אין דער גרויסער שטאָדט.

11.1.13

היינט האָב איך מיך צופעליג באַגעגענט מיט איינעם אַ שרייבער איזביצקי (מיכאלאָוויטש) אויף אַ באַרג 1500 מעטער הויך אויף לאַזאַנע (עס הייסט „לעזען"), האָב איך איהם דערצעהלט, וואָס פאַר אַ התפעלות עס האָט אַרויסגערופן ביי מיר עפּעס א בוך פון עפּעס אַ אידען א בעל־הבית, וואָס הייסט י. קאטיק, און וואָס ער האָט מיך געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל וויינען מיט טרעהרען — לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז דער איזביצקי קען אייך זעהר גוט און אַז איהר זענט דאָס דער פאָטער פון א. קאטיק, און אַז איהר זענט דער בעל הקאַווירניע אויף די נאַ־לעווקעס און אַז אַלע ווייסען שוין פון לאַנג, אַז איהר האָט עפּעס „זכרונות". פרעגט זיך: וואו זענען זיי געוועזן, די בהמות? וואָס האָבען זיי געשוויגען, אַז זיי האָבן געוואוסט? און וואו בין איך, בהמה, געוועזן? איך בין דאָך אויך געוועזן אויף די נאַלעווקעס און דאַכט מיר, מיט ספּעקטאָרן געטרונקען קאַווע. פאַרוואָס האָב איך נישט געוואוסט, וואו איך בין געוועזן און ביי וועמען איך האָב געטרונקען קאַווע? פאַרוואָס ווערט פערפלייצט אונזער ביכער־מאַרק מיט שמאַטעס שבשמאַטעס, אין דער צייט, ווען „אוצרות" אַזעלכע ווי אייערע וואַלגערן זיך ערגיץ אין אַ קאַסטען, אָדער אין אַ שיפלאָד, אָדער אונטער אַ מאַטראַץ?

הכלל, פריינד קאָטיק, ענטפערט מיר, איך בעט אייך, אויב איהר האָט צייט, אויף דעם, וואָס איך פרעג אייִך, צי שרייבט איהר נאָך וויִיטער אייערע „זכרונות" און וועלכע עפּאָכע, וועלכע קרייזען בעריהרט איהר, און צי סע געהט אַזוי גלאַט, ווי ביז אַהער און צי בעריהרט איהר אויך די משפחה; פאַרהאַן דאָרט פארשוינען, טיפען, וואָס איהר מוזט אויף ווייטער וועגן זיי דערצעהלען און דערצעהלען. לעבט, זייט געזונט און מונטער און שרייבט!

אייער דאנקבאַרער לעזער, חבר און תלמיד...

שלום עליכם

וועלוול קוסטין
(ניו־יאָרק)

די יידישע קאָלאָניעס

אין דער געגנט פון בריסק, נעבן דער שטאָט קאַמעניץ־ליטאָווסק, זענען געווען צעוואָרפן דריי יידישע קאָלאָניעס: אַבראַמאָווע, סאַראָווע און לאַטאָווע. די צוויי קאָלאָניעס אַבראַמאָווע און סאַראָווע זענען געווען נאָענט איינע צו דער אַנדערער. די קאָלאָניעס האָבן זיך געגרינדעט מיט אַן ערך הונדערט און זעכציק יאָר צוריק.

די ערשטע קאָלאָניע איז געווען לאָטאָווע, נאָכן פעטער לוט. די צווייטע קאָלאָניע סאַראָווע, האָט געהייסן נאָך אונדזער מוטער שרה און די דריטע קאָלאָניע, אַבראַמאָווע, — נאָך אברהם אבינו (מען האָט זי אויך גערופן: פליסיסטש). די אמתע סיבה, פאַרוואָס יידן האָבן געגרינדעט די דאָזיקע קאָלאָניעס, איז מיר ניט באַקאַנט. מען האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער צאר האָט אָנגעהויבן צונעמען



אַ יידישער קאָלאָניסט

יידן צום מיליטער, און דעם וואָס האָט באַאַרבעט ערד האָט מען נישט גענומען. האָבן יידן זיך באַזעצט אויף ערד, כדי זייערע קינדער זאָלן נישט דאַרפן דינען אין מיליטער...

ביי דער גרינדונג פון סאַראַווואַ איז די קאָלאָניע באַשטאַנען פון פיר און צוואַנציק משפחות. יעדע משפחה האָט געקריגן פון דער רוסישער רעגירונג 24 דעסיאַטין ערד.

די יידן פון סאַראַווואַ זענען אַלע געקומען פון בריסק־ליטאָווסק. די גרינדער זענען געווען פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס און פון האַנדל. מיין עלטער־זיידע, למשל, איז געווען אַ פאַבריקאַנט פון ליכט, מען האָט אים גערופן הערשל ליכט־ציער־קוסטין. עטלעכע פאַמיליעס, וועמענס נעמען איך געדענק, זענען געווען: אליעזר אשכנזי, יוסף סאָקאָלאָווסקי, הערשל זיידנגאַר, מרדכי סימכאָוויטש, קראַ־וויעצקי און טשאַרני.

די גרינדער פון די קאָלאָניעס האָבן זיך געהאַלטן ביי ערד־אַרבעט, ביז עס זענען אונטערגעוואַקסן די קינדער, און די ערד האָט מער נישט געקאָנט באַשפּייזן די גרויסע משפחות. מען האָט נישט געקאָנט צוקויפן קיין ערד ביי די פּויערים (זיי אַליין האָבן געהאַט וויינינק ערד), האָבן אַ טייל קאָלאָניסטן געמוזט פאַרלאָזן די קאָלאָניע און האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין שטאָט אַריין. דער רוב — צוריק קיין בריסק, און אַ טייל — אין דעם נאָענטסטן שטעטל קאַמעניעץ־ליטאָווסק. זיי האָבן זיך גענומען צו שווערע פּרנסות, זענען געוואָרן בעלי־עגלות און מילנערס; זייערע נחלות האָבן די פאַרלאָזענע קאָלאָניסטן פאַרדונגען צו די שכנים־קאָלאָ־ניסטן, וועלכע זענען געבליבן וווינען, ווייל לויטן געזעץ, האָט אַ ייד נישט געטאָרט פאַרקויפן זיין נחלה צו פּויערים, נאָר צו יידן. אָבער די יידישע קאָלאָ־ניסטן האָבן נישט געהאַט גענוג געלט אָפּצוקויפן די ערד.

צווישן דעם צווייטן דור קאָלאָניסטן איז געווען איינער, ישראל אַשכנזי, וועל־כער האָט נישט געוואָלט צוריק קיין בריסק, און ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, און דאָרט געווען דער גרינדער פון דער קאָלאָניע „יסוד המעלה" אין גליל העליון. וועגן אים ווערן דערציילט פאַרשידענע מעשיות, ווי אַזוי ער האָט גע־לערנט די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין „יסוד המעלה" צו אַקערן און זייען. ער האָט אַריבערגעבראַכט זיין פאָטער, ר' אליעזר אשכנזי און זיין מוטער גיטל. פון זיי האָט זיך צעוואַקסן אַ גרויסע משפחה אשכנזי אין „יסוד המעלה" און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. און איינער פון זיי, צבי אשכנזי, איז געפאַלן, פאַרטיי־דיקנדיק כפר גלעדי, כ' סיון תש"ו.

די איינציקע פאַמיליע, קוסטין, פיר דורות, זענען אַלע געבליבן אויף דער ערד אין דאָרף.

מיין עלטער־זיידע, הערשל ליכטציער־קוסטין, האָט געהאַט איין זון, — מיין זיידן, וועלוול. ער האָט אָפּגעקויפט פיר און צוואַנציק דעסיאַטין ערד פון אַ קאָלאָניסט, וואָס האָט זיך צוריק אריבערגעצויגן אין שטאָט, און האָט שוין געקאָנט ציען פרנסה פון ערד. דער זיידע וועלוול האָט אָבער שוין געהאַט פיר זין און דריי טעכטער, צווישן זיי איז אויך געווען מיין טאַטע משה יאָסל. אַז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, האָט מען די טעכטער חתונה געמאַכט אין די שטעטלעך אַרייִן, און די פיר זין האָבן געדונגען ערד ביי די אַמאָליקע קאָלאָניסטן, אָבער ציען חיונה פון דער ערד איז געוואָרן שווער, האָט מען אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

מיין טאַטע איז דריי מאָל געווען אין אַמעריקע, און ווען ער איז צוריקגעקומען נאָכן צווייטן מאָל, אין יאָר 1909, האָט ער זיך נישט אַריבערגעקליבן אין שטאָט, נאָר גענומען בירושה די 12 דעסיאַטין, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויף זיין חלק. ער האָט צוגעקויפט נאָך 12 דעסיאַטין, געקויפט צען בהמות, געהאָדעוועט פערד, געהאַט שטייגן פון הינער און קאַטשקעס און איז געווען אַ בכבודיקער קאָלאָניסט.

ווי נאָר מען האָט ביים גרינדן די קאָלאָניע אויפגעשטעלט די הייזער, האָט מען אין מיטן דער גאַס אויפגעבויט אַ בית־המדרש, כדי מען זאָל קענען קומען דאַוונען פון דער גאַנצער קאָלאָניע.

דער בית־המדרש איז געווען געבויט ווי אַ פּירקאַנטיק הויז מיט אַ פּאָדער־הייזל, מיט אַ שטרויענעם דאַך, אַזוי ווי אַלע הייזער, נאָר ביים אַריינגאַנג איז געהאָנגען אַ שילדל: „בית־המדרש".

דער בית־המדרש האָט געהאַט אַ געשניצטן ארון־קודש מיט צוויי לייבן און די לוחות.

די בימה האָט געהאַט זעקס זיילן אַרום, אינעווייניק זענען געווען אויסגעמאָלט די צוועלף מזלות.

*

אַחוץ מיין טאַטן, זענען אויך זיינע דריי ברידער געבליבן אין דער קאָלאָניע. זיי האָבן צוגעקויפט נאָך ערד און אינוועטאַר, און ווען זייערע משפחות האָבן זיך פאַרמערט, זענען מיינע פעטערס געפאָרן קיין אַמעריקע, ווער איין מאָל און ווער צוויי מאָל, געאַרבעט דאָרט עטלעכע יאָר זייער שווער, און ווען זיי זענען צוריקגעקומען זענען זיי נישט אַוועק אין שטאָט, נאָר גענומען זיך מיט מער ענערגיע צו באַאַרבעטן די ערד.

ווען איך בין געווען אַ ייִנגל, איז אין דער קאָלאָניע געווען דריי מאָל אַ טאָג

אַ מנין. איינעקע יידן האָבן יעדן טאָג געלערנט משניות. ר׳ יודל קראַוויעצקי און אויך ר׳ זימל סימכאָוויטש האָבן געלערנט מיטן עולם.

די קאָלאָניע האָט געהאַט אַן אויסגעוויילטע קהילה. אין מיין צייט איז מיין פאָטער געווען דער גבאי פון בית־המדרש.

דעם גבאי האָט מען אויסגעקליבן שמחת־תורה ביינאַכט. דער שמש איז געווען אַ פרייוויליקער. געדאַוונט שבת פאַרן עמוד האָבן פאַרשידענע בעלי־בתים. אויף די ימים־נוראים האָט מען געדונגען אַ בעל־תפילה פון קאַמעניץ. עטלעכע יאָר איז ר׳ שלמה רודניצקי פון קאַמעניעץ געווען דער בעל־תפילה. ר׳ שלמה איז פריער געווען אַן אויפזעער ביי אַ פריץ אין דאָרף ליסקע, דעריבער האָט מען אים אויך גערופן ר׳ שלמה ליסקער. אָבער צוליב זיין היטן די פעלדער, אַז די פויערים זאָלן נישט ביינאַכט אַרויספירן די בהמות צו פּאַשען אויף דעם פריצס פעלדער, האָבן די פויערים אים געוואָלט דערהרגענען, און ער איז אַוועק פון דאָרף און געוואָרן אַ מלמד אין קאַמעניץ, און אויף די ימים־נוראים איז ער געווען בעל־תפילה ביי אונדז אין דער קאָלאָניע.

אונדזער קאָלאָניע האָט קיין בית־הקברות נישט געהאַט. ווען עס האָט זיך געטראָפן אַ טויט־פאַל, האָט מען דעם מת געפירט קיין קאַמעניץ ליטאָווסק.

די קאָלאָניסטן האָבן קיין שום שטייער צו דער קהילה נישט געצאָלט, נאָר שמחת־תורה ביינאַכט האָט דער גבאי צוגעשטעלט אַ דין־וחשבון, וואָס ער האָט אויסגעגעבן אַ גאַנץ יאָר, און די בעלי־בתים האָבן צוגעזאָגט צו באַצאָלן אַ חלק פון די הוצאות...

דער בית־המדרש האָט געהאַט צוויי ספרי תורהס. אין בית־המדרש איז אויך געווען אַ חדר צו לערנען מיט די קינדער. דער ערשטער מלמד פון מיין דור האָט געהייסן „דער קאָלענקעוויטשער מלמד״. ער האָט געלערנט מיט די קינדער חומש מיט רש״י און גמרא מיט תוספות. דערנאָך איז געקומען דער מלמד ר׳ אליעזר ראָגאָזניצקי. געווען נאָך מלמדים — ר׳ פינע ראַפּאַפּאָרט און יאָסל טערק.

אַזוי ווי דעם ערשטן דור קאָלאָניסטן איז געווען פרעמד און שווער די ערד־אַרבעט, האָבן זיי געדונגען פויערים פון די שכנותדיקע דערפער צו באַאַרבעטן זייערע פעלדער. דאָס נאָענטסטע דאָרף פון אונדזער קאָלאָניע איז געווען ביל־יעווע. די דאָרטיקע פויערים זענען געווען אָרעם און פלעגן קומען אַרבעטן ביי די יידישע קאָלאָניסטן. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען ביז צו אונדזערע צייטן, דאָס הייסט — שוין דעם פערטן דור קאָלאָניסטן. ווען עס איז געקומען שניט־צייט און מען האָט געדאַרפט אין געאייל אַראָפּנעמען דאָס גערעטעניש אָדער אַרויסנעמען

די קאַרטאָפּל פון דער ערד, פלעגט מען דינגען די פּויערים פון בילעיעוו, זיי זאָלן אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט.

בכלל האָבן די ייִדישע קאָלאָניסטן געלעבט בשלום מיט די שכנותדיקע דערפער. מיט איניקע אַפילו גאָר פריינטלעך. די פּויערים פלעגן קומען שבת און יום־טוב מעלקן די קי ביי די ייִדישע קאָלאָניסטן, און ווינטער־צייט — הייצן די אויוונס שבת אין די ייִדישע הייזער. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר זייער טירחה האָבן זיי באַקומען באַצאָלט.

ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, געדענק איך, אַז יעדן פאַר־פּסח פלעגט קומען דער מורה־הוראה ר׳ לייזער ווענלאָוול ז״ל פון דעם דערנעבנדיקן שטעטל זאַסטאַוויע צו קלייבן מעות־חיטים.

ווען ר׳ לייזער ווענלאָוול פלעגט קומען אין דער קאָלאָניע איז געווען אַ גרויסער יום־טוב. ער פלעגט פאַרפאָרן צום בית־המדרש צו דאַווענען, און מיין פאָטער האָט שוין געהאַט די חזקה, אַז דער מורה־הוראה זאָל מיך פאַרהערן די גמרא, וואָס איך האָב געלערנט. מיר האָבן אויך געהאַט די זכיה, אַז דער מורה־הוראה האָט געגעסן ביי אונדז. דערנאָך פלעגט אַ קאָמיטעט פון עטלעכע בעלי־בתּים צונויפקלייבן די תבואה, ווייץ, קאָרן, גערשטן, אַפילו קאַרטאָפל, און דער מורה־הוראה פלעגט אַהיימפירן אַ פולן וואָגן...

*

אין מיינע צייטן זענען אין דער קאָלאָניע פאַרבליבן אַרום פערצן משפּחות, וואָס האָבן געציילט איבער פופציק נפשות. די לאַגע פון די איבערגעבליבענע קאָלאָניסטן האָט זיך פאַרבעסערט אַ דאַנק דעם, וואָס נאָך פון אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט האָבן זיך די קאָלאָניסטן געווענדט צו דער איק״א־געזעלשאַפט נאָך אגריקולטור־הילף. איק״א האָט אַריינגעשיקט אַגראָנאָמען צו לערנען די נייע מעטאָדן ווי צו באַמיסטיקן די פעלדער און אויך ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט די מאַשינען אויף צו אַקערן, שניידן און דרעשן דאָס אָראָפּגענומענע געתּבואה. איניקע קאָלאָניסטן האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די נייע מעטאָדן, אָבער די, וועלכע האָבן זיך מיט זיי אָנגעהויבן באַנוצן, זענען לויטן דעמאָלטיקן באַגריף רייך געוואָרן, אַזעלכע האָבן זיך אַרויסגערוקט אין סאַמע פראָנט. איינער פון זיי איז געווען ר׳ זימל סימכאָוויטש. אים האָט זיך איינגעגעבן צוצוקריגן, דורך אַ צופאַל, חלקים ערד פון אַ פּאָר פאַמיליעס, ער האָט אויך אויסגענוצט די נייע מעטאָדן און איז געוואָרן אַ רייכער קאָלאָניסט, וואָס נישט בלויז די ייִדישע שכנים האָבן אים מקנא געווען, נאָר אַפילו פּריצים פלעגן קומען קויפן ביי אים קערנער צו זייען, ווי אויך שטרוי, גאַנצע סטויגן, וואָס ער פלעגט אָנדרעשן פאַרן ווינטער.

זימל סימכאָוויטש האָט פאַרפלאַנצט אַ גרויסן סאַד פון אַ 250 פרוכט־ביימער פון פאַרשידענע פרוכטן, וואָס איז געווען אַ נייעס אין דער גאַנצער געגנט.

אין סימכאָוויטשס סאַד זענען געוואַקסן עפּל, באַרנעס, קאַרשן, ווענגערקעס, גרויסע פלוימען און אַגרעסן. דורך דער פאַך־ליטעראַטור, וואָס ער האָט באַקומען צוגעשיקט פון איק"א־געזעלשאַפט, האָט ער זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי אומצוגיין זיך מיט די פרוכט־ביימער. ער האָט אויך ביי איק"א געקויפט יונגע ביימער אויף יאָרן־לאַנגע אויסצאָלונגען.

די ייִדישע יוגנט פון דער קאָלאָניע האָט אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל נישט פּאַשען ביי די גרענעצן פון די תבואה־פעלדער, אָבער מען האָט אויך פון צייט צו צייט געדונגען אַ גוי, ער זאָל היטן די פעלדער, ווייל זומער־צייט פלעגט די יוגנט פּאַשען ביינאַכט די פערד, פלעגן זיי שוין אַכטונג געבן אַרום די גרענעצן פון די תבואה־פעלדער. די ייִנגערע קינדער פון דער קאָלאָניע האָבן געפּאַשעט די בהמות אין די פרימאָרגן־שעהן, און אַ גאַנצן טאָג פלעגן די בהמות גיין אין דער טשערעדע מיט דעם שטענדיקן פּאַסטעך איוואַן. „איוואַן דער פּאַסטעך" איז אויך געווען דער „שבת־גוי" אין דער קאָלאָניע — צו פאַרלעשן די לאָמפּן און די ליכט און אויך הייצן ווינטער־צייט דעם אויוון אין בית־המדרש. איוואַן דער פּאַסטעך איז געווען איבערגעגעבן דער קאָלאָניע.

עס דערמאָנט זיך מיר, אַז באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אַ דוחק אין אתרוגים; האָט אונדזער קאָלאָניע נישט געהאַט קיין אתרוג. דאָס שכנותדיקע שטעטל זאַסטאַוויע האָט אָבער יאָ געהאַט אַן אתרוג און אַ לולב. פלעגט איוואַן יעדן טאָג סוכות לויפן דריי ווירסט, פון זאַסטאַוויע, מיטן אתרוג און לולב אין דער האַנט צו אונדזער קאָלאָניע, מיר זאָלן קענען אתרוג־בענטשן, און דערנאָך איז ער צוריקגעלאָפן מיטן אתרוג און לולב קיין זאַסטאַוויע...

*

נאָכדעם ווי אַ קליינער טייל פון די איינוווינער איז אַוועק פון דער קאָלאָניע, האָבן די שטאַרקערע און איינגעשפּאַרטע זיך איינגעאָרדנט און געפירט אַן עכט ייִדיש לעבן — מיט אַלע שוועריקייטן, ווי פּאַר ייִדן־פּויערים. זומער־צייט איז די יוגנט געווען שטאַרק פאַרנומען ביי פעלד־אַרבעט און ביים פּאַשען די בהמות. די יונגערע זענען געגאַנגען אין חדר פון זיבן אַ זייגער אין דערפרי ביז אַכט אָוונט. אַחוץ דעם פלעגט מען זיי נאָך אויפוועקן דריי אַ זייגער פאַרטאָג, אויב עס זענען נישט געווען קיין עלטערע ברידער אָדער שוועסטער צו פּאַשען די בהמות.

כאָטש די קאָלאָניסטישע קינדער זענען געווען באַרעכטיקט צו לערנען אין די דאָרפישע שולעס, ווו מען האָט, פאַרשטייט זיך, געלערנט רוסיש, האָבן אונ־

דזערע עלטערן, אונטער די גרעסטע עקאָנאָמישע שוועריקייטן נישט דורכגעלאָזט קיין זמן, אַז עס זאָל נישט זיין קיין מלמד צו די קינדער. אונדזערע עלטערן האָבן אָן רעזערוואַציעס אָנגענומען דעם פסוק „ושננתם לבניך"... און ווען מען האָט פאַרהאַנדלט מיט אַ מלמד, ער זאָל קומען לערנען מיט די קינדער אין דאָרף, האָט ער געמוזט זיין פון די בעסטע, נישט נאָר אַ למדן, נאָר אויך אַ גוטער פּעדאַגאָג און קענער פון וועלטלעכע לימודים. שוועריקייטן זענען געווען גרויסע: איך געדענק, למשל, אַז ס׳רוב עלטערן, וועמענס קינדער ס׳זענען געגאַנגען אין חדר אַריין, פלעגן זיך באָרגן געלט ביי די תבואה־סוחרים אין קאַמעניץ מיט דער פאַרזיכערונג אויף דעם גערעטעניש פון קומענדיקן יאָר, ווייל אַ „רבין" האָט מען נישט נאָר גוט באַצאָלט, נאָר מען האָט אים אויך באַזאָרגט מיט שפּייז און דירה. פון דעסטוועגן האָט זיך נישט געפונען קיין איין קינד אין אונדזער קאָלאָניע, וואָס איז נישט געגאַנגען אין חדר...

אין דער קאָלאָניע איז ר׳ זימל געווען דער באַרימטסטער בעל־הבית. אין זיין שטוב האָט זיך נישט געפילט קיין אָנגעבלאָזנקייט, נאָר אַ וואַרעמקייט. ער איז אויך געווען דער גרעסטער מכניס־אורח אין דער קאָלאָניע און האָט אַראָפּגעבראַכט איינעם פון די בעסטע ישיבה־בחורים פון דער „משמר־ישיבה" אין בריסק — ר׳ יאָסל סאָראָקע, פאַר אַן איידעם מיט קעסט.

ר׳ יאָסל סאָראָקע האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער משפחה און איז אַליין געווען אַ חסיד. שבת האָט ער געטראָגן אַ זיידענע קאַפּאָטע מיט אַ זיידענעם גאַרטל און אַ קליין פּויליש היטעלע אויפן קאָפּ.

*

זומער־צייט איז די גאַנצע יוגנט פון דער קאָלאָניע געווען פאַרנומען אין פעלד, אָבער ווינטער־צייט האָט מען שוין מער פאַרבראַכט. מען פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין די גרעסערע שטיבער. פאַרזאַמלונגען פלעגן געוויינלעך פאָרקומען שבת־צונאַכטס, ווען מען איז געווען אויסגערוט. מען האָט אָבער נישט פאַרפעלט קיין אונטערנעמונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטעטל קאַמעניץ.

אין די יום־טובים פלעגן די בעלי־בתים גיין איינער צום צווייטן אויף קידוש, ווו די באַלעבאָסטעס פלעגן זיך אַרויסווייזן מיט זייער באַקן די קוכנס מיט די טאָרטן און פאַרשידענערליי אַנדערע געבעקסן, און די יוגנט האָט פאַרבראַכט מיט טאַנצן און זינגען און שפּילן „פאַנטן", ווי אויך דעקלאַמירן לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזין, ש. פרוג, חיים נחמן ביאַליק און פאָר־

לייענען שלום־עליכמען אָדער פּרצן. איינער פון די פּאַרלייענער איז אויך געווען אַני הקטן...

*

ווען מיין פאָטער איז אין יאָר 1909 צוריקגעקומען פון אַמעריקע, האָט מען פאַרטראַכט איבערצובויען דעם בית המדרש. מען האָט פאַררופן אַן אַסיפה, מיין פאָטער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר גבאי. ער האָט פאָרגעלייגט דעם פּלאַן פון איבערבויען דעם בית־המדרש און יעדער בעל־הבית האָט זיך מתחייב געווען נישט בלויז מיט געלט, נאָר אויך מיט אייגענער האַרעוואַניע, אויסצובויען און אויסצופּוצן דעם בנין, וואָס איז נישט בלויז געווען אַ מקדש־מעט צום דאַווענען און לערנען נאָר אויך אַ חדר פאַר די קינדער.

צוזאַמענשטענס האָבן זיך געעסקט אין בויען דעם נייעם בית־המדרש מיין פאָטער און זיינע דריי ברידער; דער פעטער ר׳ ראובן לייב, דער פעטער הערשל, און דער באַליבסטער פעטער אפרים שמעון, וועלכער איז, אגב, געווען דער שטענדיקער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דער קהלה צו דער לאָקאַלער מאַכט. ער איז געווען דער „סטאַראָסטאַ״. דערצו איז ער געווען אַ שיינער בעל־תפילה אין דער קאַלאַניע. הגם דאַווענען פאַרן עמוד איז יעדער בעל־הבית פון דער קאַלאַניע געווען אַ גוטער דאַווענער און געהאַט אַן אייגענעם נוסח.

ווען דער בית־המדרש איז אויסגעבויט געוואָרן און עס איז געקומען צו באַפּוצן דעם ארון־קודש, האָט מיין פעטער מאַנטשע אשכנזי געמאַכט אַליין מיט זיינע אייגענע הענט אַלע שניצערייען אויפן באַלעמער און ארון־קודש, ער איז געווען אַ געבוירענער קינסטלער.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען כמעט דריי חלקים פון דער קאַ־לאָניע, ווי אויך דאָס שטעטל זאַסטאַוויע, פאַרברענט און צעשטערט געוואָרן. ווען מען איז געקומען צוריק אַהיים, האָט מען נישט געהאַט וווּ צו וווינען, דעם אינווענטאַר האָבן די רוסישע אָפּטרעטנדיקע אַרמייען צוגענומען, און די תבואות פאַרברענט. האָבן זיך אייניקע פאַמיליעס אַריינגעקליבן אין בית־המדרש, ביז מען וועט זיך ווי עס איז איינאָרדענען.

צוויי בעלי־בתים, וואָס האָבן געוווינט אין בית־המדרש, יעקל און יעקב הערצקי טשאַרני, זענען דאָרט געשטאָרבן.

נאָכדעם ווי די רוסישע אַרמייען זענען אָפּגעטראָטן, האָבן זיך אין צווישן־צייט געשאַפן רויבער־באַנדעס, וואָס אויך אונדזער קאַלאָניע האָט פון זיי שטאַרק געליטן. ווען די דייטשן זענען אַוועק, און די פּאָליאַקן האָבן געשאַפן אַן אייגענע מלוכה, האָבן זיי אויך פאַרנומען אונדזער געגנט. דערנאָך איז

אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן די פּאָליאַקן מיט די באָלשעוויקעס. נאָך דער מלחמה האָבן די פּאָליאַקן צוגערויבט ביי אונדז אין דער קאָלאָניע, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. זיי האָבן צוגענומען פון אַ בהמה, אַ קעלבל ביז קינדער־שיכעלעך, און דאָך האָט זיך נאָך אַ געוויסער צייט אָנגעהויבן איינצושטעלן אָרדענונג, און אין יענער צייט האָב איך מיט מיין פרוי אָנגעהויבן פורעמען אונדזער צוקונפט. דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך איר פאָטערס טויט, חיים איטשע, עליו השלום.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויך זאַסטאַוויע איבער אַ העלפט חרוב־געוואָרן, און צוממערסטן האָבן געליטן די יידישע גאַסן מיט די צוויי בתי־מדרשים. דעמאָלט האָבן זיך איינציקע בעלי־בתים באַזעצט אין דער גויאישער גאַס, וועלכע איז געבליבן גאַנץ און די אייגנטימער פון די הייזער זענען אַרויס־געפאָרן. נאָר איינציקע שטיבער פון דער יידישער גאַס זענען געבליבן נישט באַשעדיקט, ווי: שיע נחומס, יאָסל נחמיה׳ס און וועלוול ראָכאַצקיס. מען האָט זיך באַלד צוזאַמענגענומען און געטראַכט, ווו עס וועט זיין דער מנין? אין שיע נחומס שטוב, וועלכע איז געווען אַ גרויסע, האָט דעמאָלט געוווינט ר׳ יעקל אליעזר, אַ פרומער ייד. ער האָט גלייך געגעבן זיין דירה. האָט מען דאָרט געדאַווענט ביז די שטוב איז פאַרקויפט געוואָרן. דערנאָך האָט וועלוול פּראָכאַצקי פאַרבעטן דעם מנין צו זיך. זיין הויז איז באַשטאַנען פון דריי צימערן. די שטוב איז אויך געווען זיין פרנסה, ס׳איז דאָרט געווען אַ בעקעריי און אַן אַריינפאָר אין די מאַרק־טעג. דאָך האָט ער מסכים געווען, אַז דער מנין זאָל זיין ביי אים די גאַנצע צייט, ביז מען האָט אויסגעבויט אַ בית־המדרש, וואָס דאָס האָט גענומען איינציקע יאָר. אָט אַזעלכע טייערע יידן האָט זאַסטאַוויע פאַרמאָגט...

אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט דער שוידערלעכער אָנפאַל אויף אונדזער קאָלאָניסט ר׳ זימל סימכאָוויטש: אין אַמעריקע האָט זיך דעמאָלט געשאַפן דער „רעליעף״ — די נאָך־מלחמה הילף, וואָס איז באַשטאַנען פון קליידער און שפּייז. האָט מען אויסגעקליבן אונדזער קאָלאָניסט ר׳ זימל, אַלס פאַרטרויונגסמאַן, ער זאָל פאָרן קיין בריסק. ער איז געפאָרן עטלעכע מאָל און אַלץ באַזאָרגט, ביז איין מאָל ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס אין בריסק, זענען אים פּוילישע האַלערטשיקעס באַפאַלן און אים אויסגעריסן אַ גרויסן טייל פון זיין באָרד. איך געדענק נאָך ווי איצט, דעם גרויסן ווייטיק וואָס אונדזער קאָלאָניע און דאָס שטעטל זאַסטאַוויע האָבן צוליב דעם געהאַט.

ר׳ זימל אַליין איז געזעסן שבעה נאָך זיין באָרד. פון ערגערניש איז ער קראַנק געוואָרן און צו זיך שוין קיינמאָל מער נישט געקומען.

דערנאָך האָבן זיך די זאַסטאַוויער יידן אַרומגעזען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג מיט דער שפּייז־פאַרטיילונג, ס׳ווערט יעדעס מאָל ווינציקער... האָט מען פאַררופן דאָס גאַנצע שטעטל שבת נאָכן דאַווענען אויף אַן אַסיפה און מען האָט באַשלאָסן אויסצוקלייבן אַ נייעם קאָמיטעט. די נייע פירער זענען געווען „עמך" — פּשוטע ערלעכע אַרבעטער, מענטשן ווי: איטשע קלאָץ (אָט דעם צונאָמען דערמאָן איך נישט חלילה לשם גנאי, אַנדערש, וואָלט מען נישט געוווּסט, וועמען איך מיין), עליע יקיר משה׳ס, גבריאל יעקל משה׳ס, פּסח קאַלאַצקי, און נאָך עטלעכע יידן. ווייל צו זיי האָט מען זיך צוגעהערט און זיי האָבן גלייך אָפּגעמאַכט, וועמען אויסצוקלייבן אין קאָמיטעט — יונגע אַרבעטס־זאַמע מענטשן. און ביי דער אַסיפה האָבן זיך געהערט אויסרופן: „מיר ווילן וועלוול טויבעס, משה יעקל ידידיה׳ס, מענדל הערשקעס". דעם ערשטן מיינט מען מיך אַליין, און די צוויי אַנדערע זענען געווען טייערע חברים מיינע, וואָס זענען אומגעקומען דורך די דייטשן, ימח שמם, איינער, משה יעקל ידידיה׳ס־סאָווישיצקי, איז געווען זייער אַן אינטעליגענטער, אָרנטלעכער בחור, דער צווייטער — מענדל הערשקעס קאַפּלאַן, אונדזערס אַ שכן, אויך אַ מילנער, איז געווען גאָר אַ פיינער מענטש. — און אָט די דריי האָט מען אויסגעקליבן אין נייעם קאָמיטעט.

דער אַלטער קאָמיטעט האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אויפלייזן, איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען קיין קאַמעניץ צום רב, ער זאָל פּסקענען. און דער רב האָט געפּסקנט, אַז ס׳זאָל זיין דער נייער קאָמיטעט. אָט אַזוי האָט דאָס פּשוטע פאָלק רעאַגירט אויף די עוולות, וואָס זענען קעגן זיי באַגאַנגען געוואָרן.

דער יידישער ישוב אין זאַסטאַוויע האָט אָבער נישט בלויז געזאָרגט וועגן ברויט, ער האָט געוווּסט, אַז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם", אַז מ׳דאַרף אויך געבן גייסטיקע שפּייז דער יוגנט. האָט מען מיט פאַראייניקטע כוחות זיך גענו־מען באַזאָרגן די יוגנט מיט יידישער קולטור. די קינדער האָבן אונטער די שווער־סטע באַדינגונגען געלערנט און געוואָלט פאַרזעצן זייער בילדונג, דורך לייענען ביכער, אָבער קיין ביבליאָטעק איז אין זאַסטאַוויע נישט געווען.

דאָס איז געווען ווען איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק. איך האָב דעמאָלט באַקומען אַ בריוו פון מיין פרויס שוועסטער, ברכה, עליה השלום, געשריבן אין לשון קודש, וואָס זי האָט זייער גוט געקאָנט, מיט דער בקשה, אַז מען זאָל זען שאַפן די נויטיקע געלטמיטלען. צו גרינדן אַ יידישע ביבליאָטעק אין שטעטל. איך אַליין האָב נאָך דעמאָלט גאָר קנאַפּ פאַרדינט, האָב איך זיך צונויפגערעדט מי ט עטלעכע לאַנדסלייט, מיר האָבן געקויפט אַ פאַרשטעלונג, פאַרקויפט די

בילעטן און דעם רווח פון עטלעכע און זעכציק דאָלאַר האָבן מיר אַוועקגעשיקט פאַר אַן אָנהייב פון אַ יידישער ביבליאָטעק.

אָט אַזוי האָבן יידן געלעבט אין דער קאָלאָניע „סאַראַוואַ" און אין דעם שטעטל זאַסטאַוויִע, ביז דאָס דייטשע מערדער־פאָלק האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און צווישן זיי אויך די יידישע ישובים „סאַראַוואַ" און זאַסטאַוויע, צוזאַמען מיט די קאַמעניצער יידן.

פאַלק זאַלף ז״ל

די ערשטע שולע אין זאַסטאַוויע

איך האָב מיט אַ גרופּע חברים גענומען טראַכטן פון גרינדן אַ מאָדערנע שול פאַר די יידישע קינדער אין זאַסטאַוויע. אין די פּאָר פּריוואַטע חדרים, וואָס זענען פאַרבליבן אין זאַסטאַוויע, האָבן זיך געלערנט געציילטע באַלעבאַטישע יינגלעך.

וואָס אַ מאָדערנע יידישע שולע שטעלט מיט זיך פאָר און ווי אַזאַ שולע דאַרף אַרבעטן, האָב איך שוין געזען אין דער רוסישער שטאָט יאַראָסלאַוול, אויף יענער זייט מאָסקווע, וווהין די מלחמה האָט מיך געהאַט פאַרוואָרפן, אַלס היימלאָזן, צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידישע פאַמיליעס פון די מלחמה־געביטן.

איך האָב באַשלאָסן, אַז עס איז מיין חוב צו גרינדן אַ שולע פאַר די קינדער פון זאַסטאַוויע. די פראַגע איז אָבער געווען: ווו געפינט מען אין דעם אָפּגעברענטן שטעטל אַ פּאַסיקע דירה, מעבל און אַנדערע מכשירים? ווו נעמט מען לערער? און ווו נעמט מען די יונגע מענטשן, וואָס זאָלן וועלן צוהעלפן אין דער זאַך? דאָס ביסל שארית הפליטה פון דער יוגנט, וואָס איז פאַרבליבן אין זאַסטאַוויע, האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין: ווער קיין ארץ־ישראל און ווער קיין אַמעריקע. די לאַגע איז געווען גאָר נישט קיין פריילעכע, איך אָבער בין געווען צופיל פאַרכאַפּט פון דער שולע־אידעע, אַז איך זאָל אַזוי גיך אָפּלאָזן די הענט.

איך בין אַוועק צו די ברידער סאַפּירשטיין, ווי מען האָט זיי גערופן אין דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ און געגומען פאָרלייגן פאַר זיי מיין פּלאַן פון גרינדן אַ יידישע שול אינעם קליינינקן פאַרשטעטעלע זאַסטאַוויע.

די ברידער סאַפּירשטיין, אינטעליגענטע יונגעלייט, געוועזענע עקסטערני־קעס, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה זיך געגרייט אָפּצוגעבן עקזאַמען אויף „אַטעס־טאט זרעלאסטי״, האָבן זיך זייער גערן אָנגעכאַפּט אין מיין פּלאַן. פון פרייד האָבן זיך ביי זיי אַזש די אויגן אָנגעצונדן, דער געדאַנק צו ווערן די פּיאָנערן פון אַ גאַנצער יידישער שול, האָט זיי ממש פאַרכאַפּט.

אשר, דער עלטסטער פון די פיר סאַפּירשטיין־ברידער, איז באַלד אַוועקגעלאָפן און געבראַכט אַ פלעשל משקה מיט אַ פּאָר געזאַלצענע הערינג צום פאַרבייסן. מיר האָבן אַלע אינאיינעם געטרונקען לחיים צום לעבן פון דער ערשטער, נייער שול אין דעם פאַרשטעטעלע זאַסטאַוויע.

מיר האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. קודם־כל האָבן מיר אָפּגעדונגען ביי אַ יידן אַ האַלב הויז, אויף וועלכן ער האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אַרויפציען דעם דאַך. מיר האָבן צונויפגעקלאַפּט אַ טאָוול און אים אָפּגעשוואַרצט. און אַבי עס איז שוין דאָ אַ טאָוול, וועט שוין זיין אַ שולע אויך. מיט אונדזערע צונויפגעלייגטע עטלעכע גילדן האָבן מיר איינגעקויפט ברעטער, זיי אָפּגעהובלעוועט און צונויפגעשלאָגן פון זיי לאַנגע טישן און בענק, כדי וואָס מער קינדער זאָלן זיך קאָנען אויסזעצן.

די עלטערע ייִנגלעך־תלמידים, האָבן צוגעהאָלפן, געקלאַפּט טשוועקלעך ווו מען דאַרף און ווו מען האָט נישט געדאַרפט; די מיידלעך האָבן אויסגעפּוצט דעם קלאַס־צימער מיט קאָלירטן פּאַפּיר, אויף די ווענט אויפגעהאָנגען בילדער פון יידישע שרייבער, וואָס מען האָט אויסגעשניטן פון אַלטע יידישע צייטונגען. אין דרויסן, פאַר דער טיר, האָבן מיר אויפגעהאָנגען אַ שילד מיט גרויסע, קידוש־לבנה־אותיות: „די זאַסטאַוויער יידישע פאָלקס־שולע״.

די עלטערן, און נאָך מער די קינדער, זענען געווען באַגייסטערט, בפרט אַז קיין שכר־לימוד האָבן מיר פון זיי נישט פאַרלאַנגט. אַפילו מיט די נויטיקע לערן־מכשירים, אויף וויפל עס איז בכלל דעמאָלט געווען בנמצא אַזעלכע זאכן, האָבן מיר זיי אויך באַזאָרגט. אויף דעם אַלעמען האָבן מיר געקראָגן אַ באַזונדער סובסידיע פונעם אַמעריקאַנער „דזשאָינט״. די לערער האָבן, אַ חוץ זייערע שכירות, אויך באַקומען אַ צוגאָב אַ „פּאַיאָק״־שפּייז פון דער „קינדער־קיך״, וואָס דער פּויליש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט האָט צוגעשטעלט.

די שול האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן אין דעם שטילן, פאַרחושכטן פאָר־שטעטל. דאָס נייע יידישע ליד, מיטן אַלט־נייעם יידישן ניגון, האָט זיך צעטראָגן איבער דער יידישער גאַס און איז געזונגען געוואָרן אין יעדן יידישן שטיבל. די קינדער האָבן זיך געקלעפּט און געטוליעט צו דער שול, ווי צו אַ געטרייער מאַמען. אונדז, לערער, האָבן זיי באַלוינט מיט אַ סך ליבשאַפט וואָס האָט געוואַרעמט די נשמה. פון דעם האָבן מיר געשעפּט אַ סך מוט און כוח פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט.

אַ חוץ דעם, וואָס אויף מיר, דעם דירעקטאָר פון דער נייער שול, איז געלעגן די גאַנצע אחריות פון אויפהאַלטן די שול, האָב איך נאָך אויך געדאַרפט זיין אַ לערער. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו לערנען תנ״ך און געשיכטע.

דעם טאָג, ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל אָוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים פאַר מיינע יונגינקע שכנים, די קינדער פון מיין שטעטעלע, צו געבן זיי די ערשטע לעקציעס, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דאָס איז געווען פאַר מיר איינער פון די גליקלעכסטע מאָמענטן אין מיין יונגן לעבן.

(פון פאָלק זאָלפס בוך זכרונות)

דאס רעליגיעזע לעבן
פון קאמעניץ־ליטאווסק

משה ראַבינאָוויטש

הרב רבי משה יצחק ראַבינאָוויטש ז״ל

קאַמעניץ איז געווען אַ קליין יידיש שטעטל מיט אירע יידן און פריידן, מיט אירע גבאים, וואָס האָבן געוואָלט זיין די הערשער, און אויך מיט אירע מחלוקתן, און זייער פיל איז געווען צו דערציילן. קרוב פופציק יאָר בין איך געווען צוזאמען מיט מיין פאָטער ע״ה, און עס האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט דער קוואַל פון מעשהלעך פון קאַמעניץ, און שטענדיק פלעגט ער לעבן מיט די זכרונות פון דעם קליינעם שטעטעלע.

וועגן מיין זיידן, דעם קאַמעניצער רב, פלעגט מיר פיל דערציילן מיין פאָטער. ד׳ער זיידע איז געווען אַ גרויסער גאון, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין קאַמעניץ מיט



דער בית־מדרש פון רבי משה הערש ז״ל און די שול פון רבי משה יצחק ראַבינאָוויטש ז״ל

אירע פאַרשידנאַרטיקע בעלי־בתים. מען פלעגט דערציילן, אַז ווען דער ברודער זיינער, דער פעטערבורגער רב דוד טבלע, פלעגט אַמאָל קומען צום זיידן און זיי פלעגן שפּאַצירן אין גאַס, פלעגט מען זאָגן, אַז צווי מלאכים גייען, און די שכינה רוט אויף זיי. וועגן זיין גאונות אין לערנען האָט מען דערציילט, אַז אַמאָל, נאָך אַ דין־תורה וואָס דער זיידע האָט געפּסקנט, איז איינער פון די צדדים נישט געווען צופרידן און זיך געווענדט צום בריסקער גאון רב חיים סאָלאָווייטשיק. האָט רב חיים געענטפערט, אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אויפן קאַמעניצער רב, ווייל ער איז אַ גרויסער גאון.

געווען איז ביים זיידן אַ שטוב פון תלמידי חכמים. עס פלעגן שטענדיק קומען צו אים רבנים פון דער פרעמד און סתם בכבודיקע בעלי־בתים, און דעם זיידנס קינדער, צווישן זיי מיין פאָטער און דער פעטער לייבקע האָבן איינגע־זאַפּט אין זיך די יידישע חכמה, די שיינקייט פון יידישן לעבן, די פּקחותדיקייט, און די תורה פון תלמידי־חכמים פון לאַנגע דורות.

פאַרשידענע זענען זיי ביידע געווען, מיין פאָטער און דער פעטער לייבקע. דער פעטער איז געווען דער אימפּולסיווער, „לפני מלכים יתיצב". מיט זיין שיינער שפּראַך, מיט זיין רייכן אינהאַלט, פלעגט ער באַצויבערן זיינע צוהערער, שטענדיק איז ער גרייט געווען טאָן אַ טובה און פלעגט קיינמאָל נישט אָפּזאָגן צו העלפן אַ יידן. ער איז געווען דער הערלעכער טיפּ פון אַ יידישן שתדלן. זיינע ווערטער זענען געווען „דברים היוצאים מן הלב ונכנסים ללב". ער איז געווען אַ מאָדערנער ייד און אַלע האָבן אים ליב געהאַט. אויך אָנגעזעענע קריסטן פלעגן פאַר אים דרך־ארץ האָבן און נישט איין מאָל האָט ער געבראַכט כבוד זיין פאָלק.

ער האָט נישט געלערנט אין קיין גימנאַזיע, פון דעסטוועגן האָט ער שיין גערעדט רוסיש און פויליש.

ווען עס קומט מיר אויפן געדאַנק די געשטאַלט פון פעטער לייבקע, דוכט זיך מיר, אַז די וועלט איז אַמאָל שענער און ערלעכער געווען. ביי אים איז געווען „תורה וגדולה במקום אחד". איך האָב געהאַט די זכיה צו געפינען זיך, אין מיינע יאָרן פון אַנטוויקלונג, אין דער מחיצה פונעם פעטער, איך פלעג אים אָפט באַ־גלייטן אין זיינע שפּאַצירן, און יעדעס וואָרט, יעדער געדאַנק, פון אים איז געווען ווי פּערל, „פה מפיק מרגליות". ער איז געווען אַן אמתדיקער תלמיד־חכם.

אויב דער פעטער לייבקע איז געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון דער משפּחה, איז מיין פאָטער געווען דער „נחבא אל הכלים", דער עניו, „דער גוטער נפתלי" — האָט מען אים גערופן אין דער משפּחה. ער איז גרייט געווען פאַר יענעם אַלץ צו

טאָן, העלפן איבער די כוחות. ער איז געווען אַ קנאי, און אין דעם וואָס ער האָט געגלייבט, איז געווען בלב ונפש.

נאָך אין דער יוגנט פלעגט ער שוין אַבאָנירן דעם „המליץ" (וואָס אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז דאָס געווען אַ געוואָגטער שריט מצד דעם בן הרב פון שטעטל). ער איז געווען אַ ציוניסט נאָך פון זיינע יוגנט־יאָרן און פון די ערשטע, וואָס האָבן געקויפט דעם „שקל".

ער איז געווען אַ ידישער עסקן, האָט פיל געטאָן פאַר דעם ידישן רעליגיעזן שול־וועזן, איז געווען פון די גרינדער פון „מזרחי", פון די „מזרחי"־שולן אין בריסק־ליט. ער האָט נישט איין מאָל פאַרנאַכלעסיקט זיין פאַמיליע לטובת דעם ציוניזם. ער איז געווען פון די „עוסקים בצרכי ציבור באמונה", און האָט זוכה געווען אויף די עלטערע יאָרן צו קומען קיין ארץ־ישראל און פאַרווירקלעכן זיינע אידעאַלן. ער האָט דערלעבט אַ בכבודיקן עלטער. מען פלעגט זיך צו־קוקן צו דעם אויסגעדאַרטן און צעבראָכענעם ייד, וואָס הויט און ביין איז געווען זיין גוף; און וואָס פאַר אַ גרויסע נשמה האָט גערוט אין אים. ער איז געווען אַ „יקר המציאות", דער לעצטער מאָהיקאַנער פון אַ שיינעם דור ידן. זיי זענען זיך געגאַנגען אויף גאָטס וועלטל, די דאָזיקע טייערע מענטשן, און קיינעם נישט אָנ־גערירט צום שלעכטן, שטענדיק געזען דאָס גוטע ביי ידן. זיי זענען געווען די מליצי־יושר פאַרן פאָלק ישראל, נאָר פאַרן שלום האָבן זיי געבעטן. איך וואָלט גע־זאָגט, ער איז געווען איינער פון די ל"ו צדיקים, וואָס אין זייער זכות עקזיסטירט דער דור.

ער האָט געלעבט אין אַ דור פון שווערד, אַ דור פון מלחמות, וואָס האָבן פאַר־ניכטעט אַ גרויסן טייל פון ידישן פאָלק. וויפל האָט ער געליטן, וויפל צרות און ליידן האָט ער איבערגעלעבט אין זיינע לאַנגע לעבנס־יאָרן. מיט זיינע אויגן האָט ער געזען ווי אַ דריטל פון זיין פאָלק איז געגאַנגען אין די קרעמאַטאָריעס, אויף פאַרניכטונג. ער האָט אויך געזען די אתחלתא דגאולה. ער האָט געגלייבט, אַז „משיח גואלנו" קומט, און אויף אַלץ פלעגט ער זאָגן „אָמן". ער איז אַוועק פון אונדז שטיל, רואיק „במיתה שבנשיקה", קיינעם איז ער נישט געפאַלן צו לאַסט, נישט ביים לעבן און אויך נישט ביי זיין אַוועקגיין פון אונדז.

הרב יצחק טורעץ ז״ל

רבי ברוך בער מיט זיין גרויסער וועלט־ישיבה

אַ גרויסן כבוד האָט געהאַט קאַמעניץ מיטן אויסקלייבן איר פאַר אַ מקום תורה פאַר דער וועלט־באַרימטער ישיבה (געוועזענע „כנסת בית־יצחק" פון קאָוונע — געקומען פון לוקישאַק, ווילנע), מיט אירע בחורים, גרויסע תלמידי חכמים, מיט זייער גרויסן רבין, דעם ראש ישיבה ר׳ ברוך בער לייבאָוויטש ז״ל.

די אויפנאַמע פון רבי ברוך בער ז״ל איז פאָרגעקומען מיט געזאַנג און אָרקעסטער ווען ער איז אָנגעקומען פון ווילנא־לוקישאַק. דער קול תורה האָט געקלונגען טאָג און נאַכט.

אייניקע יאָר פאַרן חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען געבויט אַ בנין — אַ משכן פאַר דער גרויסער ישיבה. אַלע תושבים פון שטאָט האָבן אויסגעדריקט פרייד, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו האָבן ביי זיך אַזאַ ישיבה.

יענער טאָג פון חנוכת־הבית איז געווען אַ יום־טוב. מען איז געגאַנגען מיט ספרי תורות צו ר׳ ברוך בער׳ס הויז און צום נייעם בנין. אַלע פענצטער פון די הייזער זענען געווען באַלויכטן מיט ליכט און לאָמפּן; אַלע האָבן גע־שטראָמט צו דער ישיבה. די הייזער זענען געבליבן אָפן, אַזוי ווי ביי די עולי רגל, וועלכע זענען געווען זיכער, אַז לא יחמוד איש את ארצם. אויך די יידן פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דער ישיבה.

ס׳איז אַ הייליקע אַרבעט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער קהילה, ווו ס׳האָבן זיך געוואָרצלט די גדולי התורה, דורות נאָך דורות גאונים און צדיקים, און דער לעצטער רב, הגאון הצדיק החכם, דער מרא דאתרא, הרב בורשטיין הי״ד.

אויסער דער ישיבה גדולה „כנסת בית יצחק", האָט עקזיסטירט אין קאַמעניץ אַ ישיבה קטנה און אַ תלמוד־תורה, אָנגעפירט דורך הרב ר׳ לייב, דעם איידעם פונעם מורה הוראה ר׳ שלמה חיים גאַרפינקעל. כדי אויפצוהאַלטן מאַטעריעל די ישיבה קטנה מיט דער תלמוד־תורה, האָבן זיך פאַרנומען די עסקנים ר׳ אלתר ליפּציק־גרינבלאַט און ר׳ אברהם ישעיהו־נתנס סטעמפּניצקי.


קאַמעניץ מיט אירע תלמידי חכמים, רבנים גדולים, ישיבות און שטענדיק פולע בתי־מדרשים — וואָס איז פון איר געוואָרן!

אַזאַ קודש הקדשים איז געווען קאַמעניץ מיט אַלע סגולות פון כלל ישראל.

ח. ז. מענדעלסאָן

הרב רבי ראובן בורשטיין זצ״ל

ר׳ ראובן בורשטיין זצ״ל. אַ הויכע פּאַטריאַרכאַלע פיגור מיט אַן איידל פּנים, אַרומגענומען מיט אַ קורצער, שוואַרצער באָרד, מיט סימנים פון ווייסע פעדים. זיין שטאָלצער גאַנג האָט אַרויסגערופן אַרום זיך פיל יראת כבוד, אפילו די פאַר־בייגייענדיקע גויים פלעגן אַראָפּנעמען די היטלען פאַר גרויס דרך־ארץ צו אים. געווען נישט נאָר אַ גרויסער למדן, וועלכער איז תמיד געזעסן אין בית־דין שטיבל און געלערנט, נאָר אויך אַ קענער אין וועלטלעכע לימודים, און באַליבט און געאַכטעט ביי אַלעמען. אויך די „נאַטשאַלסטווע״ פון אונדזער שטעטל האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס ווערדע. אומפאַרגעסליך איז דאָס בילד ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב, נאָך דער פטירה פון אונדזער רב הרב הגאון ראַבינאָוויטש, ווי אויך די טיפזיניקע דרשה וואָס ער האָט דעמאָלסט געהאַלטן.



דער רב מיט דער רביצן מיטן זון און טעכטער

דאָס איז געווען שבת הגדול, די גרעסטע לומדים און כמעט ס׳גאַנצע שטעטל, האָבן געשטראָמט צו הערן דעם נייעם רבס ערשטע דרשה. קאָפּ אויף קאָפּ איז מען געשטאַנען, אַ הייליקע שטילקייט האָט געהערשט און דעם היכל הקודש. איינגעוויקלט אין זיין טלית, איז ער מיט לאַנגזאַמע טריט אַרויף די פּאָר טרעפּ צום אָרון קודש. אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דעם שטענדער, האָט ער אָנגעהויבן זיין דרשה מיט אַ פּלפּול „מעניני דיומא״ וועגן די דינים פון פסח, אָנגעוואָרפן גאַנצע בערג מיט סתירות אין ים התלמוד און גלייך זיי פאַרענטפערט, אַלץ אויסגעגלייכט. דער עולם איז געווען געשפּאַנט, ממש געשלונגען יעדעס וואָרט. נאָכן פאַרענדיקן זיין דרשה האָבן איניקע געקליבענע למדנים אים אַראָפּגעפירט מיט גרויס כבוד, אַוועקגעזעצט אויף דער מזרח־וואַנט נעבן ארון הקודש, און אַלע האָבן זיך געווונטשן מזל־טוב.

זיין הויזגעזינט איז באַשטאַנען פון זיין פרוי, פון צוויי טעכטער און אַ זון. אויך זיי זענען געווען געשעצט און באַליבט פאַר זייער איידלקייט און געלערנט־קייט. אַלע זענען זיי אומגעקומען אין אוישוויץ.

ר׳ שלמה חיים דער ראש־ישיבה

מיט אַ הייליקן ציטער דערמאָן איך דעם נאָמען ר׳ שלמה חיים, דעם ראש־הישיבה, ביי וועמען איך האָב געלערנט אײדער מיין אָפּפאָרן אין דער פרעמד. ער איז געווען אַ פּערזענלעכקייט מיט אַן אימפּאָזאַנטן אויסזען און פיל מידות טובות; אַ מענטש ביי וועמען דער אמתער זין פון לעבן איז געווען נאָר לערנען תורה און טאָן מעשים טובים. ער איז געווען פון מיטעלן ווּקס, אַ ביסעלע איינגעבויגן, דאָס פּנים באַדעקט מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד. איך געדענק אים, אַריינקומענדיק כמעט אומבאַמערקט יעדן טאָג אין מויער, ווו ער פלעגט פאַר אונדז זאָגן אַ שיעור. מיט וואָס פאַר אַ פשטות ער פלעגט עס צעגלידערן די שווערסטע סוגיות אין ים התלמוד. זיין קול איז געווען שטיל און געלאַסן, אָבער קלאָר און פאַרשטענדלעך; זיין באַציאונג צו אונדז תלמידים איז געווען אַ פאָטערלעכע — קיינמאָל זיך נישט געבייזערט, שטענדיק מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף זיין איידל פּנים, מיט גרויס געדולד פלעגט ער מסביר זיין אַלעס וואָס איז פאַר אונדז געווען אומפאַרשטענדלעך; און דערצו — אַ גרויסער עניו, קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן דעם קלענסטן סימן פון זיין געלערנטקייט און זיין מאָראַלישער הויכקייט.

יעדן אָוונט פלעגט מען אים טרעפן זיצנדיק אין ווינקל ביים ארון קודש און לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער זיין שענסטע מידה איז געווען זיין כיבוד אב, זיין גרויסע ליבשאַפט און דרך־ארץ פאַר זיין טאַטן, דעם גרויסן גאון און מורה־הוראה פון זאַסטאַוויע (אַ פאָרשטאָט פון קאַמעניץ). איך געדענק ווי איך פלעג זיי שטענדיק באַגלייטן מיט מיין בליק, ווען זיי פלעגן פאַרבייגיין דעם הויף אויף אָפּיסק, וואָס האָט פאַרבונדן קאַמעניץ און זאַסטאַוויע, ווו איך האָב געוווינט. מיט וואָס פאַר אַ צערטליכקייט און ליבשאַפט ער פלעגט עס פירן זיין אַלטיטשקן טאַטן ביי דער האַנט און שמועסן דברי תורה. אויך ער מיט זיין הויזגעזינד, וואָס איז באַשטאַנען פון זיין פרוי און צוויי טעכטער, האָבן געטיילט דעם זעלבן פינצטערן גורל מיט אַלע אונדזערע מאַרטירער.

יום־כיפור ביי אונדז אין שטעטל


גלייך ערב יום כפור אין דער פרי האָט זיך שוין געפילט אַ געוויסע אומרואיקייט צווישן די יידן ביי אונדז אין שטעטל. יעדער האָט זיך געאײלט צו דאַוונען בציבור. עס האָט זיך געמערקט דאָס אָנקומען פון הייליקן טאָג. דער טאָג־טעגלעכער טומל האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, פאַרשוווּנדן איז די געוויינלעכע פריילעכקייט. אַן אומעט האָט אַלעמען אַרומגענומען, ווען עס זענען געמאַכט געוואָרן די לעצטע צוגרייטונגען מקבל צו זיין דעם גרויסן הייליקן טאָג יום־כפור. מענטשן זענען געוואָרן פריינטלעכער איינער צום צווייטן. נעכטיקע „שונאים" האָבן זיך איבערגעבעטן. קרעמער, ביטערע קאָנקורענטן, האָבן געשמייכלט איינער צום צווייטן, וועלנדיק פאַרגעסן פון די אַלע „קריוודעס", וואָס איינער איז באַגאַנגען קעגן צווייטן אַ גאַנץ יאָר פאַרן שטיקל ברויט.

צו מנחה זענען אַלע געגאַנגען מיט געאײלטע טריט חס־ושלום נישט צו פאַרשפּעטיקן. די בתי מדרשים זענען געווען געפּאַקט גלייך ביי דעם אַריינגאַנג אויף לאַנגע טישן זענען געשטאַנען טעלער פון פאַרשידענע צדקה־אַנשטאַלטן פאַר יתומים, גמילות חסדים א.א.וו. קיין נויטבאַדערפטיקע האָבן ביי אונדז אין שטעטל נישט געפעלט, און יעדער האָט אַריינגעוואָרפן אַ מטבע, ווער אַ גרעסערע, ווער אַ קלענערע, אָבער געגעבן האָבן אַלע. געדאַוונט האָט מען מיט גרויס כוונה, ווייל יעדער האָט געפילט די ערנסטקייט פון דער שעה... נאָך מנחה און נאָך דער לעצטער סעודה האָט דער טאַטע אין ווייסן קיטל געבענטשט די קינדער, און די מאַמע האָט געצונדן ליכט. אין מיין זכרון זע איך דאָס אומפאַרגעסלעכע בילד אין שטוב.

מיר זענען אַוועק אין שול צו כל־נדרי. די קאַמעניצער שול האָט מיט איר אויסערלעכן אויסזען, וועלכע איז געווען הויך און קיילעכדיק און בכלל מיט איר גאַנצן געבוי גיכער דערמאָנט אַ פאַרצייטיקן טעמפּל, איידער אַ מאָדערנע שול. אינעווייניק האָט זי אויסגעזען נאָך גרעסער און שענער. דער סופיט,

וועלכער איז געווען אַזוי הויך קוים מיטן אויג צו דערגרייכן, איז געווען געמאָלט הימל-בלוי און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הימל מיט פינקלדיקע שטערן. דער עיקר האָט די שול געשמט מיט אירע האַנט־שניצעריי, וואָס האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן ארון־קודש אויף דער גאַנצער הויכקייט פון דער וואַנט. פון איין זייט זענען געווען אויסגעשניצט פארשיידענע וואַלד־חיות מיט אויסגעסטאַרטשעטע ציין און מיט די פאַרוואַקסענע פיס אויסגעצויגן. פאָרויס האָבן זיי אויסגעקוקט ווי לעבעדיקע, גרייט צו באַשיצן דאָס גערודפטע פאָלק קעגן זיינע שטענדיקע אָנפאַלער. אויף דער צווייטער זייט זענען געווען אויסגעשניצט פאַרשידענע פרוכט־בוימער, אַן אָנדייטונג אויף דער צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט זיין אין זיין אייגן לאַנד און הנאה האָבן פון זיין אייגענער פרוכט. עס איז מיר אומבאַקאַנט, ווען די שול איז געבויט געוואָרן און ווער עס איז געווען דער קינסטלער. מ׳פלעגט דערציילן, אַז אים איז געלונגען צו שאַפן צוויי אַזעלכע קונסטווערק און איינע איז געווען אונדזער שול.

יום־כפור ביינאַכט. די שול איז געפּאַקט, העל באַלויכטן דורך די גרויסע הענג־לאָמפּן, אַ וואַלד מיט ברענענדיקע, גרויסע וואַקסענע ליכט וואַרפן אומע־טיקע שאָטנס אַרום זיך. אויף דער מזרח־וואַנט פון איין עק ביז דעם צווייטן, שטייען די זקנים פון אונדזער שטעטל, איינגעוויקלט אין ווייסע קיטלען, שאָקלען



די קאַמעניצער שול

זיך פאַמעלעך ווי אַלטע בוימער אין וואַלד און מורמלען שטיל „תפילה זכה". אַ טויטע שטילקייט הערשט אַרום און אַרום, אַלע שטייען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און וואַרטן, אַז דער חזן זאָל אָנהויבן זאָגן „כל נדרי". אויך די נאַטשאַל־סטוואָ פון שטעטל, וואָס איז געקומען הערן דעם חזן, שטייט אויף דעם בעלעמער מיט גרויס יראת־הכבוד. ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער אומעטיקער ניגון פון כל נדרי, געזונגען אַזוי האַרציק פון דעם שטאָט־חזן יפה, באַגלייט פון דעם כאָר, איז יעדער איינער אַריינגעפאַלן אין אַ מוראדיקער שטימונג, יעדער האָט געפילט, אַז די שעה פון דין־וחשבון דערנענטערט זיך. כאָטש עס זענען שוין אַוועק אַ סך יאָרן פון יענער צייט, קאָן איך זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען פון דעם גרויסן איינדרוק, וואָס זיינע האַרציקע ניגונים האָבן געמאַכט אויף מיר. יפה, דער שטאָט־חזן פון נידעריקן וווקס מיט לענגלעכע ווייסע האָר, פאַרוואָרפן אויף אונטן, איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך טאַלאַנט. אַ הוץ חזנות, פלעגט ער אויך מאָלן שילדן פאַר די קרעמער. און דערצו געווען אַ גרויסער למדן, כאָטש ער, ווי אויך דער כאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון שטאָטישע יונגעלייט האָבן קיין קאָנסערוואַטאָריע קיינמאָל נישט באַזוכט, האָבן זיי אַלע האַרמאָניש געזונגען פון נאָטן. אויב ס'איז געמאַכט געוואָרן דער קלענסטער טעות דורך איינעם פון זיינע משוררים, פלעגט ער גלייך פאַרריכטן דורך זיין שטרענגן בליק.

דער חזן יפה איז נישט געווען גלאַט אַ שרייער, אַ קרעכצער, נאָר די פאַר־קערפערונג פון יידישער נגינה און אויסטייטשער פון דער יידישער תפילה. ווער עס האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען קיין פירוש־המילות האָט אויך געקאָנט לייכט פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון דער תפילה. ווער קאָן פאַרגעסן זיין זאָגן זכור אב פון תפילת גשם און אַנדערע זיינע צאָלרייכע קאָמפּאָזיציעס. אָבער צום בעסטן איז ער געווען אין די יום כפורדיקע תפילות. זיין זאָגן „יעלה" ווי אויך „הבן יקיר לי" זענען געווען אמתע פערל, וואָס האָבן פאַרשאַפט נחת־רוח יעדן, וועלכער האָט זיי געהערט און אַזוי ארום זענען מיר געשטאַנען יום־כפור ביינאַכט און הנאה געהאַט פון די האַרציקע תפילות.

יום כפור אַ גאַנצן טאָג האָט מען כמעט נישט געזען קיין מענטש אויף די גאַסן. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט איבער דעם גאַנצן שטעטל, אַ חוץ דעם געזאַנג פון די בעלי־תפילות, וואָס האָבן זיך געהערט פון די בתי־מדרשים. נעילה האָט דער חזן געדאַוונט מיט מער האַרץ און געפיל. אין יעדן וואָרט איז געלעגן אַ וועלט מיט צער און געבעט און דער עולם איז באַהערשט געוואָרן פון אַ געפיל פון ערנסט און דערשלאָגנקייט, עס איז דאָך די לעצטע שעה, ווען עס ווערט געחתמעט דער שיקזאַל פון יעדן מענטש און ווער ווייס ? אָבער ווי נאָר דער חזן האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגעשריגן מיט זיין מעכ־

טיקער שטים: „פּתח לנו שער, כּי פּנה היום" (עפן די טויערן, ווייל דער טאָג איז שוין באַלד אַוועק), האָבן אַלע געגלויבט, אַז די טויערן האָבן זיך טאַקע געעפנט און די תּפילות זענען אָנגענומען געוואָרן און מיט אַ לייכטן געמיט האָבן אַלע געזאָגט „לשנה הבאה בירושלים" און אַזוי האָט מען פאַרענדיקט דאָס דאַווענען יום־כּפּור ביי אונדז אין שטעטל.

ווען איך טראַכט פון יענער צייט און פון יענע יידן, וועלכע זענען שוין מער נישטאָ, הויב איך אָן צו באַגרייפן וויפל טאַלאַנטן עס זענען פאַרלאָרן געגאַנגען ביי אונדז אין שטעטל און ווי גרויס זיי וואָלטן געשטיגן אין אַנדערע ערטער און ביי אַנדערע אומשטענדן, נישטאָ מער די דאָזיקע יידן, נישטאָ יענע שולן, אַלץ איז חרוב. געבליבן זענען נאָר די זכרונות. ווער קאָן דאָס פאַרגעסן.

דאס געזעלשאפטלעכע
לעבן אין קאמעניץ

חיה קראַקאָווסקי־קאַראַבעלניק

„פּועלי־ציון" (פאַראייניקט מיט צ.ס.) אין קאַמעניץ

ווי אַנדערע קלענערע יידישע קהילות אין ליטע און פּוילן איז אויך אונדזער קאַמעניץ געווען אָרעם מיט איינגעאָרדנטע קולטור־אַנשטאַלטן, מיט רעגולערע און אָנערקענטע שולן. זי האָט ניט פאַרמאָגט קיין טעאַטער און אויך ניט קיין סטאַבילע ליבהאָבער־טרופּע, אַפילו ניט קיין סינעמאַ. נאָר פון צייט צו צייט פלעגן זיך אָרגאַניזירן קרייזן פון יוגנט פעאיקע צום זינגען, שפּילן, טאַנצן אאַז"וו, וועלכע פלעגן מיט אייגענער הילף און מיט דער הילף פון די ברידער אָשר און שלמה סאַפּירשטיין אָרגאַניזירן טעאַטער־פאָרשטעלונגען. עס איז ניט געווען צו דעם אין שטאָט קיין פּאַסיקע געביידע, פלעגט מען זיך באַנוצן מיט אַ שפּייכלער, וועלכן מען פלעגט צופּאַסן צו דעם צוועק.

יעדע פאָרשטעלונג פלעגט דערוועקן גרויס אינטערעס ביי דער מאַסן־באַפעלקערונג פון שטאָט, פלעגט זיי פאַרוויילן און אַרויסשלאָגן פון זייער שאַבלאָניקן און מאָנאָטאָנעם לעבן. דערצו האָבן די פאָרשטעלונגען אויך געדינט אַלס געלעגנהייט צו זאַמלען געלט־מיטלען פאַר פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע צוועקן.

אין קעגנזאַץ צו דער אָפּגעשטאַנענקייט אויפן געביט פון דער רעגולערער קולטור־ און קונסט־טעטיקייט — און אפשר דווקא צוליב דעם — זענען כמעט אַלע איינוווינער פון שטעטל צוגעשטאַנען צו די פּאָליטישע באַוועגונגען, וואָס האָבן אין יענער צייט עקזיסטירט אין לאַנד, דערהויפּט צו די ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען פון זייערע פאַרשיידענע שאַטירונגען. אין דער ראַם פון יעדער באַוועגונג פלעגן געלייענט ווערן פאָרלעזונגען, פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס און עס פלעגט געפירט ווערן אַ שטודיר־אַרבעט מיט דעם צוועק אויסצובילדן די חברים געזעלשאַפטלעך. דאָס לעבן איז געווען רוישיק, פול אַקטיווקייט, גאַנץ באַזונדער אין ראַם פון די ציוניסטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט זייער אַרבעט אין דער צוגרייטונג צו דער עליה און צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אין היסטאָרישן פאָטערלאַנד.

אין דעם פּרט האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט די אַרבעט פון דער „פּועלי־

ציון״־פּאַרטיי, דער פֿאַראייניקטער מיט צ.ס. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָרגאַניזירט אין יאָר 1925 דורך אַ גרופּע חברים פֿון „החלוץ״ און דורך אייניקע, וואָס זענען אַרויס פֿון „השומר הצעיר״, צווישן וועלכע אויך איך בין געווען. די גרינדער פֿון דער אָרגאַניזאַציע און אירע ערשטע חברים זענען געווען: יוסף קאָטיק (בן אפרים) און טוביה סאַוויצקי, וועלכע זענען שפּעטער געשטאָרבן אין ישראל, פֿייגל ריוועלעס, וועלכע איז פֿרי געשטאָרבן אין אַמעריקע, אברהם בלייכבאַרד, איצט אַ חבר פֿון קיבוץ דפנה, שמערל סאָלניצע און איך.

פֿון אָנהייב האָבן מיר געאַרבעט אומלעגאַל, מיר פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אין די דירות פֿון איינצלנע חברים און פֿלעגן מאַסקירן דרויסן אונדזער אַרבעט דורך פֿאַרשיידענע פֿאַמיליע־פֿאַרווײַלונגען. אמת, אונדזער אַרבעט איז געווען פֿון אָפּיציעלן שטאַנדפּונקט לעגאַל. אָבער מיר האָבן ניט געקענט באַקומען קיין דערלויבעניש פֿון דער אָרטיקער מאַכט, ווײַל מיר האָבן ניט פֿאַרמאָגט קיין דרײַ פֿוליעריקע חברים, וואָס זאָלן קענען טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער מאַכט. בשעת אונדזערע פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן מיר דערײַבער שטעלן דרויסן פּאַטרולן, כּדי אויסצומײַדן די אַרײַנמישונג פֿון דער פּאָליציי, וועלכע איז געווען עלול אויסצוטראַכטן אויף אונדז פֿאַלשע באַשולדיקונגען אין קאָמוניזם. בײַ אַזעלכע אומשטענדן האָבן מיר צו שטאַנד געבראַכט קרײַזן צום לערנען, פֿלעגן פֿירן אונדזער אויפֿקלערונגס־אַרבעט, פֿאַרנעמען זיך מיטן פֿאַרשפּרייטן די פּאַרטיי־פּרעסע, אָפּגעבן זיך מיט דער הכשרה און לייענען די צירקולאַרן און אָנווייזונגען, וואָס מיר האָבן באַקומען פֿון דער צענטראַלע.

אין יאָר 1926 זענען מיר צוגעטראָטן צו אַ לעגאַלער אַרבעט נאָך דעם ווי מיר האָבן געקראָגן דערצו אַ דערלויבעניש פֿון דער מאַכט. צוויי אונדזערע חברים האָט זיך אײַנגעגעבן צו פֿאַרריכטן זייערע מעטריקעס אַזוי, אַז פֿאַר דער פּאָליציי האָבן זיי שוין געגאָלטן אַלס פֿוליעריקע און צו זיי איז צוגעקומען דער פּאַרטיי־מיטגליד יאַנקל ניימאַרק, וואָס איז געקומען פֿון דרויסן אַרבעטן אין דער היגער גאַרבערײַ, און איז באמת געווען פֿוליעריק.

די ערשטע אָפֿענע פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אין מאַנעשעס הויז אויף דער בריסקער גאַס. אין דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג האָבן אָנטיילגענומען אין נאָמען פֿון קרײַז־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, דער חבר ראָגזשאַנסקי, וואָס האָט זיך שפּעטער אויף אַ געוויסע צײַט באַזעצט אין קאַמעניץ און חבר שיינמאַן פֿון בריסק. פֿון דעמאָלט אָן האָבן מיר פֿאַרברייטערט און פֿאַרטיפֿט אונדזער אַרבעט. עס זענען צו אונדז צוגעשטאַנען נײַע חברים, דערהויפּט פֿון די אַרבעטער־שיכטן. מיר האָבן געדונגען אַ דירה און אײַנגעלאַדן רעדנער פֿון פּאַרטיי־צענטער און פֿון קרײַז־קאָמיטעט די חברים א. פֿאַלושקאָ, אַראַכאָוו און ביילע קלאָטניצקי (אומגעקו־

מען ביי די נאַציס). מיר פלעגן אָרגאַניזירן ליטעראַרישע אָוונטן, וואָס אין איינעם פון זיי האָט זיך באַטייליקט דער חבר פערלאָוו. פון צייט צו צייט פלעגן מיר פאַר־אַנשטאַלטן אַ לעבעדיקע ציישונג, וואָס פלעגט זיין געווידמעט אַקטועלע פראַגן. מיר פלעגן אויך איינאָרדענען „קעסטל־אָוונטן" פאַר פראַגן און ענטפערס.

די טעטיקייט פון פּועלי־ציון האָט דערוועקט גרויס אינטערעס אין שטאָט און פלעגט צוציען צו די פאַרזאַמלונגען אַ גרויסע צאָל מענטשן.

אונדזערע ערשטע חברים, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין פּינסק זענען געווען: טוביה סאַוויצקי, יוסף קאָטיק (בן אפרים, ש. סאָלניצע און שמחה דובינער, וועלכער איז דערנאָך אַריבער צו דער „התאחדות".

אונדזערע חברים זענען געווען אַקטיוו אין דער אַרבעט פון „החלוץ", פון קפא"י און אין פאַרשפּרייטן דעם שקל.

אין דער אויפקלערונגס־אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט די חברים פון צענ־טראַל־קאָמיטעט מינקאָווסקי א. ביאַלאָפּאָלסקי און אַנדערע. עס זענען געלייענט געוואָרן פאָרלעזונגען וועגן דעם אידייאישן וועג פון דער פּאַרטיי.

מיטן אַריינטריט פון די חברים שלמקע סאַפּירשטיין און ישראלקע פרייער אין דער פּאַרטיי זענען אונדז צוגעקומען אינטעלעקטועלע קרעפטן און מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן צום שטאָטראַט.

אַלס וויטערדיקע אָנטיילנעמער אין דער הכשרה זענען אַרויסגעפאָרן פייגל ריוועלעס און יעקב מיקיי. דער לעצטער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע צוליב די שוועריקייטן צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט, און נאָך אַ דריי צענדליק יאָר לעבן אין אַרגענטינע האָט ער דאָרט ליקווידירט זיין פאַרמעגן און האָט זיך באַזעצט אין לאַנד. מיט אַ צייט שפּעטער איז ער אומגעקומען פון אַ וועג־קאַטאַסטראָפע.

אין יאָר 1927 האָט די קאַמעניצער פּועלי־ציון זיך באַטייליקט אין די שטאָט־ראַט־וואַלן לויט אַ בשותפותדיקע ליסטע מיטן האַנטווערקער־פאַראיין און האָבן דורכגעפירט אַלס ראַטמאַן אין שטאָטראַט דעם חבר שלמקע סאַפּירשטיין. אין אַ צייט אַרום איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל, האָט זיך באַזעצט אין פּתח־תקווה און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער דאָ געשטאָרבן.

אונטער דער השפעה פון דער קאַמעניצער פּועלי־ציון איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1926 די יוגנט־באַוועגונג „פרייהייט". צווישן אירע גרינדער זענען געווען בן־ציון סאַפּיר, חיים רוזמעס, שינע שמוקלער, אברהם יאגאלקאָווסקי, טובה סאָלניצע און אַנדערע. כדי אָנצופירן מיט דער יוגנט־אַרבעט פון דער „פרייהייט" האָט זיך ביי אונדז צייטווייליק באַזעצט דער חבר פון קרייז־קאָמיטעט ישראל ראָג־זשאַנסקי פון בריסק. אין משך פון אַ קורצער צייט איז די טעטיקייט פון „פריי־הייט" געוואַקסן און האָט זיך פאַרברייטערט. זי האָט צוגעצויגן פיל פון דער

שטאָטישער יוגנט, דערהויפּט פון דער אַרבעטער־יוגנט, וואָס האָט געאַרבעט ביי שניידעריי, שוסטעריי, סטאָליעריי און ביי אַנדערע פאַכן. די יוגנט פון „פרייהייט" האָט זיך גענומען לערנען, זיך באַטייליקט אין די קרייזן און האָט זיך געגרייט צו דער אַרבעט אין ראַם פון דער באַוועגונג. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אויס־פלוגן און באַגעגענישן מיט חברים פון דער „פרייהייט"־באַוועגונג אין דער נאָענ־טער סביבה. די יוגנט האָט זיך פאַרפולקאָמט אין יידישער געשיכטע און אין קענ־טעניש פון ארץ־ישראל, האָט זיך באַטייליקט אין די אָפענע אַרויסטרעטונגען פון דער פּאַרטיי און האָט דערפילט די נייטיקע אויפגאַבן.

די קאַמעניצער האָבן באַטראַכט די „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי און די מיט איר פאַר־בונדענע „פרייהייט"־באַוועגונג אַלס אַ לינקע באַוועגונג און האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון צוציען די פּאַרטרעטער פון „פרייהייט" אין אָרטיקן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַל־פאָנד. אונדזערע חברים האָבן, פאַרשטייט זיך, פּראָטעסטירט קעגן דעם און האָבן זיך געווענדט צום דירעקטאָריום פון קרן־קיימת אין וואַרשע. און בעת עס האָט באַזוכט קאַמעניץ דער חבר א. ביאַלאָפּאָלסקי, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען אַ חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „פּועלי־ציון" (פאַראייניקט מיט צ.ס.) און אַ חבר פון דירעקטאָריום פון קרן־קיימת אין פּוילן, האָבן אונדזערע חברים אַוועק־געשטעלט פאַר אים די דאָזיקע פראַגע. אים איז אָבער ניט געווען באַקוועם אָפּן אַרויסצוטרעטן קעגן די איבעריקע מיטגלידער פון קאָמיטעט פון קרן־קיימת און ער האָט ניט דעצידירט די זאַך. די „פרייהייט" האָט אָבער ניט מוותר געווען אויף איר זכות צו זיין פאַרטרעטן און צו זיין אַקטיוו אין אָרטיקן קאָמיטעט פון נאַציאָ־נאַל־פאָנד, און ווען עס האָט אין אַ צייט אַרום באַזוכט אונדזער שטאָט דער פאַר־שטאָרבענער רב הרב מנחם האַגער ז"ל, וועלכער איז אויך געווען אַ חבר פון די־רעקטאָריום פון קק"ל אין פּוילן, האָט אים באַזוכט אַ דעלעגאַציע פון „פרייהייט", אין וועלכער אויך איך האָב זיך באַטייליקט. ער האָט באַשלאָסן, אַז עס זאָל קאָאָפּ־טירט ווערן אַ פאַרטרעטונג פון דער „פרייהייט" אין אָרטיקן קאָמיטעט פון קק"ל. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך באַטייליקט מיט אַ באַזונדער אַקטיווקייט אין דער אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד צוזאַמען מיט די פאַרטרעטער פון די אַנדערע באַ־וועגונגען.

בלויז אַ קליינע צאָל פון יענער יוגנט האָט זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. די מערהייט איז אומגעקומען פון די רוצחישע נאַצישע הענט און זייערע יונגע לעבנס זענען פאַרשניטן געוואָרן אין אָנהייב פון זייער לעבנס־וועג, איידער זיי האָבן באַוויזן צו פאַרווירקלעכן די הויכע אידעאַלן פון זייער לעבן און שטרעבן.

זאָל ביי אונדז לעבן אויף אייביק זייער אָנדענק!

פנחס רביד־רודניצקי
(חיפה)

די גורדוניה־באַוועגונג אין קאַמעניץ

ווי אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן און ליטע איז אויך קאַמע־ניץ־ליטאָווסק געווען געבענטשט מיט פּאַרטייען און מיט ציוניסטיש־חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען. איינע פון די ערשטע און פּאָפּולערסטע יוגנט־באַוועגונגען איז געווען ביי אונדז די „גורדוניה״. אירע גרינדער זיינען געווען לייבל שוסטאַקאָוו־סקי, אליהו בילעצקי, עליהם השלום, און יעקב קאָלאָדיצקי, וואָס געפינט זיך איצט אין אַרגענטינע. אַלע דריי זיינען זיי געווען חברים פון דער פּאַרטיי התאחדות—צ״ס, און דעריבער האָט די „גורדוניה״ גענאָסן אַ באַשטימטע צייט פון דער שוץ און הילף פון דער התאחדות־צ.ס.־פּאַרטיי.

די „גורדוניה״ איז אַנטשטאַנען אין קאַמעניץ אין יאָר 1926 נאָך דער ליק־ווידירונג פון דעם פּאַריין „פּינה עברית״ (העברעאישער קרייז) מיט זיין קנאַפּער צאָל חברים, וואָס האָט געהאַט פאַר זיין ציל די פאַרשפּרייטונג פון דער העברעאי־שער שפּראַך צווישן דער היגער יוגנט און דערהויפּט צווישן דער לערן־יוגנט.

צוליבן מאַנגל פון אַ קלוב פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען צוויי מאָל אַ וואָך ביי איינצלנע חברים. עס פלעגט געלייענט ווערן אַ רעפעראַט מיט אַ ציוניסטיש־חלו־צישן אינהאַלט און נאָך אים פלעגט פאָרקומען אַ חברישע דיסקוסיע.

דערהויפּט פלעגט זיך אַנטוויקלען אַ לעבעדיקער מיינונגס־אויסטויש בעת די פרייע געשפּרעכן, וועלכע פלעגן געפירט ווערן אין דער געשטאַלט פון פראַגן און ענטפערס, אָדער, ווי די חברים פלעגן דאָס דעמאָלט רופן „קעסטל־אָוונטן״. דאָס פלעגט פאָרקומען אַזוי: יעדער חבר פלעגט פאַרשרייבן אויף אַ צעטעלע די פראַגע אָדער דאָס פּראָבלעם, וואָס האָט זיך ביי אים דערוועקט און פלעגט דאָס צעטעלע אַריינוואַרפן אין אַ ספּעציעלן צו דעם צוועק באַשטימטן קעסטל. דאָס געשפּרעך פלעגט זיך דערנאָך אַנטוויקלען, און עס פלעגן געמאַכט ווערן כלערליי דערקלע־רונגען און מעלדונגען. ביים סוף פון די געשפּרעכן פלעגט דער קאָמיטעט פון

„גורדוניה״, וועלכער איז באַשטאַנען פון 5—7 חברים, אָפּהאַלטן זיין זיצונג און באַטראַכטן פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן אַ באַשטימטע צייט, ביז מיר האָבן סוף־כל־סוף באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ געזעלשאַפטלעכן לאָקאַל פאַר אונדזער אַרבעט, פריער אין דעם זאַל פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און שפּעטער אין די אייגענע קלובן.

די קולטור־דערציערישע אַרבעט, וועלכע איז פון אָנהייב געפירט געוואָרן דורך עלטערע חברים, איז אַריבער צו אַן אַקטיווער גרופּע יינגערע חברים, וואָס איז באַשטאַנען פון לייב גובינסקי, עליו השלום, פון לייבל גאָלדבערג (שריד) און פון מיר. די דערציערישע אַרבעט האָט זיך פאַרברייטערט און צעצווייגט. זי איז איינגעטיילט געוואָרן צווישן די קעמערלעך און גרופּן לויט דעם עלטער און האָט זיך געפירט לויט אַן אויסגעאַרבעטן פעסטן צייט־קאַלענדאַר.

אין יענער צייט איז די צענטראַלע אָנפירונג פון „גורדוניה״ אַריבער פון לאָדזש קיין וואַרשע און גלייכצייטיק איז באַשטאַנען אין לוואָוו אויך אַ צענטראַלע פאַר מזרח־ און מערב־גאַליציע. דער אויפבונד פון אונדזער באַוועגונג מיט דער הויפּט־אָנפירונג און מיט דער קרייז־אָנפירונג אין בריסק האָט ניט ווייניק אַקטיוויזירט אונדזער לאָקאַלע אַרבעט. אַלץ האָט זיך גוט און סטאַביל אָרגאַניזירט. מיר פלעגן באַקומען און פאַרשפּרייטן מיט דערפאָלג די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער באַוועגונג און פירן אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ, באַקומען צירקולאַרן און בריוו — און דאָס האָט אונדז שעפעריש אינספּירירט און געהויבן דעם מוט.

די צאָל פון די חברים איז געוואַקסן. די ראַם פון דער אַרבעט האָט זיך באַזונדער פאַרברייטערט זינט דער צייט, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט צוגאָב־גרופּן לויט דעם עלטער. פון צווישן די חברים האָבן זיך מאָביליזירט נייע אינסטרוקטאָרישע כוחות. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אָוונט־קורסן פאַר העברעאיש. עס האָט זיך געבילדעט אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער פלעגט אויפטרעטן ניט נאָר אין קאַמעניץ, נאָר אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך. עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען פעריאָדיש אַ העברעאישע און יידישע וואַנט־צייטונג. עס זענען פאָרגעקומען פון צייט צו צייט אָוונטן און פאַרווײַלונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשידענע פריידיקע געשעענישן און אויך טרויער־אַקאַדעמיעס צום אָנדענק פון גרויסע פערזענלעכקייטן אין דער ציוניסטישער און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי ד״ר טעאָדאָר הערצל, א. ד. גאָרדאָן, יוסף טרומפּעלדאָר און אַנדערע. ווען עס פלעגט צו אונדז אָנקומען אַ חבר פון דער הויפּט־אָנפירונג פלעגן מיר אָרגאַניזירן אַן עפנטלעכע לעקציע זיינע, וועלכע פלעגט צוציען אַ גרויסן עולם.

די טעטיקייט פון דער באַוועגונג האָט זיך ניט באַגרענעצט נאָר מיט דער־

ציערישער און קולטורעלער אַרבעט. די חברים פון „גורדוניה" האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אַקטיווקייט אין דער געלט־זאַמלונג פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן. מיטן אויסליידיקן די בלאָע פושקעס פון נאַציאָנאַל־פאָנד פלעגן זיך פאַרנעמען פון חודש צו חודש מערסטנטייל די חברים פון „גאָרדאָניאַ" און דאָס האָט געהויבן דעם פּרעסטיזש פון אונדזער באַוועגונג.

אונדזערע חברים זיינען געווען אויך פאַרטרעטן אין דער אָנפירונג פון דער „תרבות"־ביבליאָטעק און אין אַנדערע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען.

אַלס אַ חלוצישע יוגנט־באַוועגונג האָט אונדזער קאַמעניצער „גורדוניה" זיך ניט באַגנוגנט מיט קולטורעלער אַרבעט. זי האָט געגרייט אירע חברים צו פּער־זענלעכער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער אידעאַל, — צו דער עלייה. און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס מיט אַ צייט שפּעטער האָט די דאָזיקע אַרבעט געבראַכט אירע פרוכט. אַ טייל חברים זיינען אַוועק אויף הכשרה און געגרייט זיך עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. פאַר די חברים־עולים פלעגן איינגעאָרדנט ווערן פייער־לעכע געזעגענונגס־אָוונטן, וואָס פלעגן באַגלייט ווערן מיט פלאַמיקער אייפערזוכט מצד די פאַרבליבענע.

אַ לענגערע צייט האָט אָנגעהאַלטן די גלענצנדיקע תקופה אין לעבן פון דער באַוועגונג. ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט הערשן אַ שפּראָציק, לוסטיק לעבן, עס פלעגן קלינגען אין דער לופט די אָפּקלאַנגען פון חלוצישע טענץ און געזאַנגען. פרילינג־ און זומער־צייט פלעגן מיר אָפט, דאָס רוב אין די שבתים און יום־טובים, אָרגאַניזירן אויספלוגן אין די וועלדלעך, לאָנקעס און פעלדער פון דער אומגעגנט.



גאַנץ באַזונדער האָט זיך אויסגעצייכנט אונדזער ל״ג־בעומר־אויספלוג, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טראַדיציע. די חברים פון דער באַוועגונג, אין זייער ספּעציעלער קליידונג, אָנגעלאָדענע מיט פּראָוויאַנט אויפן וועג, פלעגן מאַרשירן אין געשלאָסענע רייען אין דער ריכטונג פון פּרוסקער וואַלד, 10 קילאָמעטער ווייט פון קאַמעניץ. דאָרט פלעגט מען פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג אין געשפּרעכן וועגן דער באַדייטונג פון דעם דאָזיקן טאָג און אין אָפּרו אין שויס פון דער נאַטור. פאַרנאַכט פלעגט זיך דער אויספלוג פאַרענדיקן מיט האָראַ־טענץ און מיט אַ מאַרש צוריק אין שטעטל אין געשלאָסענע רייען מיט פלאַטערנדיקע פאָנען, מיט געזאַנג און אָנגעצונדענע פאַקלען אין די הענט — דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אומפאַר־געסלעכן רושם אויף אַלעמען.

די אַקטיווקייט פון אונדזער באַוועגונג האָט זיך פאַרברייטערט און פאַרטיפט אָן אויפהער. לויט דער איניציאַטיוו פון דער באַוועגונג האָט זיך אָרגאַניזירט אין שטעטל אַ הכשרה־גרופּע פון „גורדוניה״־חברים פון פאַרשידענע געגנטן אין פּוילן און מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט איינאָרדענען די גרופּע און פאַרזאָרגן אירע חברים מיט אַרבעט. די עצם־עקזיסטענץ פון דער הכשרה־גרופּע ביי אונדז האָט אַריינגעטראָגן אַ פרישן שטראָם לעבן אין דער אָרטיקער באַוועגונג און האָט גע־מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג.

חברים פון דער קאַמעניצער „גורדוניה״ פלעגן זיך באַטייליקן אין די קרייז־קאָנפערענצן פון דער פּאָלעסיער געגנט און אויך אין די זומער־קאָלאָניעס פון דער געגנט. צוויי אַזעלכע קאָנפערענצן זיינען פאָרגעקומען ביי אונדז אין קאַמע־ניץ און אונדזער קעמערל האָט פריינדלעך אויפגענומען די אָנגעקומענע חברים. עס איז אין איין זומער איינגעאָרדנט געוואָרן אַ זומער־קאָלאָניע פאַר חברים אינעם דאָרף קרוהאַל, נישט ווייט פון קאַמעניץ.

מיר פלעגן שיקן אונדזערע פאַרטרעטער אויך אויף די לאַנד־צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן.

דער אָנדענק פון יענע צייטן איז איינגעקריצט אין די הערצער פון אונדזערע אַמאָליקע חברים אין ישראל און אין די תפוצות.

די פאַרווירקלעכונג פון אונדזער אידעע איז געווען דער לעבנסציל פון אונ־דזערע חברים. ליידער איז נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי געלונגען זי צו פאַרווירק־לעכן. פיל פון זיי האָבן צוזאַמען מיט די אַנדערע קאַמעניצער יידן ניט אויסגע־מיטן דעם אומגליק פון אומקום.

זכרונות פון קאמעניץ
פון פארן חורבן

אברהם שודראף
(ניו־יאָרק)

בענקשאַפט און טרויער נאָך מיין געבוירן־שטעטל

די „אַלטע היים״, די שטאָט אָדער דאָס שטעטל, ווו מיר זיינען געבוירן געוואָרן, האָט כמעט ביי יעדן איינעם פון אונדז געלאָזט אַזאַ בענקשאַפט, אַז ווו מיר זאָלן זיך נישט קערן און ווענדן, ציט אונדז אַלע מאָל דאָרט אַהין, צו יענער זייט ים, ווו אונדזער וויגעלע איז געשטאַנען. עס גייט אַוועק אַפילו אַ האַלבער יאָרהונדערט און מער, און מיר ווייסן אַלע גוט, אַז עס איז אפשר גאָר ניטאָ נאָך וואָס צו בענקען — אָבער גרויס איז דער כישוף פון געבוירנ־אָרט, און אפשר איז דאָס גאָר די בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענער קינדהייט און יוגנט אַזוי גרויס, אַז מיר קאָנען זיך גאָרניט העלפן, און האַלטן כסדר אין איין רעדן און דערציילן, שרייבן און לייענען, וועגן יענע פּונקטן אויף דער מאַפּע, מיט וועלכע אונדזערע פּערזענלעכע זכרונות זיינען אויף אייביק פאַרבונדן. און אַט דאָס דאָזיקע נאָסטאַלגישע געפיל ווערט נאָך פיל שטאַרקער, ווען מיר ווייסן אַלע, אַז אין אַט־אָ־יענע שטעט און שטעטלעך פון מזרח־ —און צענטראַל־אייראָפּע האָבן אין משך פון דור־דורות געלעבט אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן און געשאַפן אַ רייך און תמימות׳דיק יידיש לעבן, וואָס האָט צו זיך זעלטן אַ גליכן געהאַט אין דער גאַנצער געשיכטע פון יידישע וואַנדערונגען איבער פאַרשידענע קאָנטינענטן.

איך בין אַלט געווען 16 און אַ האַלב יאָר, ווען איך בין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַוועק פון קאַמעניץ־ליטאָווסק קיין אַמעריקע. כאָטש עס זיינען שוין אַוועק אַריבער אַ פיר צענדליק יאָר, זע איך נאָך אין מיין זכרון גאַנץ קלאָר מיין היים־שטאָט, סיי די איינוואוינער אירע. די שטאָט — נישט קיין גרויסע און נישט קיין רייכע. די יידן — אָרימע, אָבער זייער ליבע און האַרציקע מענטשן. אַ גרויסער טייל באַשעפטיקט זיך מיט קרעמעריי, אַ סך — מיט קליין האַנדל. דער גרעסטער טייל — בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר זיך, ווי: שוסטערס, שניידערס, קירזשנערס א.אַז.וו. געווען אויך אַ פּאָר גבירים, לויט

דעם אַמאָליקן באַגריף. אָבער כמעט אַלע יידן — פרומע, יראי שמים, אַ היפּשע צאָל לערנער צווישן זיי. און אַלע, אַלע, איבערגעגעבן און צוגעבונדן צו זייערע משפּחות, צו זייערע קינדער. פיל פון די דאָזיקע איינגעזעסענע און איינגע־וואָרצלטע יידן האָבן אָבער געמוזט איבערלעבן גרויס צער, ווען זיי האָבן אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט באַגלייט זייערע קינדער צו דער באַן און זיך געזעגנט מיט זיי. די קינדער זיינען אָפּגעפאָרן אין קאָלאָמבוסעס אַמעריקע, און די מערסטע עלטערן האָבן געוואוסט, אַז מער וועלן זיי זייערע קינדער קיינמאָל ניט זעען... זיי האָבן אָבער גאַנץ שנעל געהאַט נחת פון די קינדער פון וויטן, ווען די זין און טעכטער האָבן זיך שוין געהאַט איינ־געאָרדנט און געשיקט די טאַטע־מאַמע מאַטעריעלע הילף אויסצוהאַלטן זיך אויף דער עלטער.

אָבער אָט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. איך בין נאָך דאַן געווען אַ חדר־יינגל. די דייטש־עסטרייכישע אַרמיי האָט אָקופּירט קאַמעניץ־ליטאָווסק אין 1915 און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע צייט מיט גרויסע צרות און ליידן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויסגעוואַקסן אין קאַמעניץ־ליטאָווסק אַ פיינע יידישע יוגנט. אַסך האָבן אויסגעוואַנדערט. פיל זיינען אָבער אויך געבליבן אין דער היים, אין דעם היימישן שטעטל. מ׳האָט געבויט שולן, ביבליאָ־טעקן, פאַרשידענע קרייזן און קריזלעך. די שטאָט האָט אָבער אין אַלגעמיין זיך שווער געמוטשעט אונטער דעם פּוילישן אַנטיסעמיטישן רעזשים.

און אָט קומט אָן דאָס יאָר 1939. עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט מלחמה. מיר ווערן אָפּגעריסן פון שטעטל. עס קומט דער גרעסטער שונא פון יידישן פאָלק, המן־היטלער, ימח שמו!

ווען היטלערס מערדער זענען אַריין אין קאַמעניץ־ליטאָווסק אין יאָר 1941, האָבן זיי גלייך דערשאָסן די פירער פון דער יידישער קהילה און איינגעשפּאַרט אַלע יידן אין אַ געטאָ. שפּעטער האָט מען די שטאָט מיט יידן, בראש מיט הרב ר׳ ראובן בורשטיין ז״ל, און דעם ראש־ישיבה ר׳ שלמה חיים גאַרפינקעל אומגע־בראַכט אין די אויוונס פון טרעבלינקע און אוישוויץ, ווו זיי האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל מיט די זעקס מיליאָן יידישע קדושים וטהורים.

שמחה דובינער
(פתח־תקוה)

אונדזער שטעטל

מיין שטעטל קאַמעניץ־ליטאָווסק, וואָס איז אין דער מערהייט באַשטאַנען פון יידן, האָט געשפרודלט פול מיט לעבן. די גויים האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פון די יידן אויף דריי גאַסן. די יידן, דער רוב קרעמער און האַנטווערקער, האָבן זיך מפרנס געווען פון די אַרומיקע דערפער. דער רוב יידן אינעם שטעטל האָבן זיך תמיד שטאַרק געמאַטערט אויף זייער היונה — בלויז געציילטע פון זיי זענען געווען גבירים.

דער רוחניותדיקער מצב אינעם שטעטל איז אין מיינע קינדער־יאָרן געווען דאָס חדר און קליינע ישיבה. אויב עמעצער האָט געוואָלט געבן זיין זון אַ העכערן לימוד, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין אַ גרעסערער ישיבה קיין בריסק, ביאַלי־סטאָק און באַראַנאָוויטש. פון אָט די ישיבות זענען שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די אינטעליגענץ און קולטור־טוער אין קאַמעניץ.

פון זינט איך געדענק, האָט אונדזער שטעטל געהאַט אַ טראַדיציע פון שטיצן מאַטעריעל איינער דעם צווייטן. עס זענען געווען אַלערליי וווילטעטיקע חברות, אין וועלכע דאָס שטעטל האָט זיך געניטיקט. אויב עמעצער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן, איז מען פון דער חברה „ביקור חולים" אים געגאַנגען באַדינען אויף אַ גאַנצע נאַכט. אַן אָרעם עלטער מיידל, בפרט אַ יתומה, האָט מען נישט געלאָזן „פאַרזיצן" און פון דעם געשאַפענעם „הכנסת־כלה"־פאָנד, זי חתונה געמאַכט.

איך קען נישט פאַרגעסן די ערב־שבתדיקע טעג אין אונדזער שטעטל קאַמעניץ. די ערב־שבתדיקע שטימונג פלעגט זיך נאָך אָנהייבן פון סאַמע דאָנערשטיק. די באַלעבאָסטעס פלעגן גיין איינקויפן לכבוד שבת ביי די גויים די קראַנצן פיש, פון די שענסטע און בעסטע, וואָס זענען נאָר געווען אין מאַרק, יעדע נאָר איר מעגלעכ־קייט. פרייטיק פרי פלעגט מען אָנבאַקן טייגעכץ פון גריבענע קאַרטאָפל און אין

פיל הייזער פלעגט מען מיט ליבשאַפט צוזאַמענרופן ישיבה־בחורים און דערקוויקן זיי מיט אַ פּאַרציע טייגעכץ מיט סמעטענע.

די פליישיקע באַלעבאַסטעס פלעגן מיט מי און געשמאַק צוגרייטן די כלערליי שבתדיקע מאכלים און אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן זיסע ריחות פון געקעכצן.

די הייזער זענען גערייניקט און געפּוצט געוואָרן. די קינדער זענען געוואַשן און געקעמט געוואָרן לכבוד שבת מיט מאַמישן חן.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן האָבן זיך אין דער ערב־שבתדיקער שטילקייט צע־קלונגען די זיסע ניגונים פון די יינגלעך, וואָס פלעגן איבערחזרן אויפן קול די פרשה פון דער וואָך און אַ בלאַט גמרא, וואָס זיי האָבן געהאַט געלערנט.

יידן האָבן זיך אויסגעטאָן פון זייערע אַרבעטן. עס איז פאַרשוווּנדן דער וואָכע־דיקער רעש. די געשעפטן האָבן זיך געשלאָסן, דער מאַרק איז אויפגעראַמט געוואָרן. די גייסטיקייט האָט באַהערשט דאָס שטעטל פון עק ביז עק, די נשמה יתירה האָט אויפגעוואַכט אין יעדן — פון קליין ביז גרויס.

איבער אַלע גאַסן און געסלעך זענען יידן געגאַנגען געמיטלעך אין שול אַריין. ביים אַריינגאַנג אין שול האָט זיך יעדעס אויג אָנגעזעטיקט מיט דער געשטאַלט פון הרב ר׳ ראובן בורשטיין זצ״ל מיט זיין ליכטיקן הדרת־פּנים.

שטיל און ריטמיש זענען געפלאָסן אין דער אָוונט־לופט פון שטעטל די האַר־ציקע תפילות — און דערנאָך אין די ליכטיקע הייזער האָבן זיך ביי געדעקטע טישן פאַרזאַמלט יידישע משפחות, גרויס און קליין, אויפגענומען פריינטלעך נויט־באַדערפטיקע און ישיבה־בחורים.

נאָכן פרייטיק־צונאַכטיקן טיש פלעגן זיך עלטערער מענטשן אויסרוען, אַריינ־קוקן אין אַ ספר, און די יוגנט האָט זיך געלאָזט שפּאַצירן איבער די גאַסן, לוסטיק פאַרברענגען, שמועסן איבער כלל־זאַכן; פּאַרטיי־מענטשן פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין זייערע קרייזלעך, אַנדערע פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין ביבליאָטעק און אָפּגעבן זיך מיט לייענען אַ בוך, אָדער אַ צייטונג, און שפּעטער פלעגן פיל פון אונדז אַרויפ־קומען צו זעליג דעם איינבינדער, וועלכער פלעגט אונדז אַרויספירן אויף דער פרייער לופט און וויייזנדיק אויפן אויסגעשטערנטן הימל לייענען אַ לעקציע וועגן אַסטראָנאָמיע, אָדער דערציילן אונדז מיט ליבשאַפט די לעצטע נייעס פון ארץ־ישראל, וועלכע פלעגן דערקוויקן אונדז און פאַרשטאַרקן אונדזער בענקשאַפט.

אַזוי האָבן אויסגעזען די פרייטיק־צונאַכטן אין אונדזער קאַמעניץ.

באַלד נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, האָט זיך דער עקאָנאָמישער מצב אין קאַמעניץ, פּונקט ווי אין די אַרומיקע שטעטלעך, זייער פאַרערגערט. און בעת עס זיינען געקומען גראַבסקיס צייטן, ווען אונדזערע יידן

האָבן כמעט פאַרלוירן די לופט־פּרנסות, האָט זיך פון די אַלע פּאַרט־יען, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט, אויסגעטיילט די אָרגאַניזאַציע פון „החלוץ". די צענדליקער נישט־באַשעפטיקטע בחורים האָבן מער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אויסהאַלטן די נויט און בייזע בליקן מצד גויישע שכנים, האָבן זיי גענומען זיך גרייטן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. באַלד האָט זיך געשאַפן אַ „הכשרה" און יידישע יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן לערנען ווי אַזוי צו זיין פּראָדוקטיוו. מ'האָט זיך געלערנט ווי אומצוגיין מיט ערד־אַרבעט, מ'האָט געשיקט חברים אַרבעטן אין טאַרטאַקן און אין אַנדערע פּלעצער אויסער קאַמעניץ.

נישט בלויז דורך פיזישער אַרבעט האָט זיך די קאַמעניצער יידישע יוגנט געגרייט עולה צו זיין, נאָר אויך זיך גענומען פאַרפולקאָמען גייסטיק. מען האָט זיך פלייסיק גענומען לערנען די העברעישע שפּראַך און באַקענט מיט דער ארץ־ישראלדיקער געאָגראַפיע, געשיכטע און ליטעראַטור. די יוגנט איז אַרומגעגאַנגען מיט ערנסטע און פאַרטרוימטע פּנימער, געווען שטענדיק אַריינגעטאָן אין לייענען ביכער און שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון יהודה הלוי, ביאַליק, אחד־העם און אַנדערע העברעישע שריפטשטעלער.

דבורה דאַלינסקי־פּאַנסקי
ניו־יאָרק

קאַמעניץ — ווי איך געדענק דיך

„ווער וועט געדענקן דעם טאַטנס קרעכץ
ווער וועט געדענקן דער מאַמעס לעצטן וויי ?"
(פון ליד „מיר קומען אום" פון חוה ראָזענפאַרב, לאָדזש)

אין יולי 1915 איז קאַמעניץ מיט אַלע אַרומיקע שטעטלעך און דערפער פאַרנומען געוואָרן פון דער דייטש־עסטרייכישער אַרמיי. זיי האָבן דערפּאָלגרייך מאַרשירט פאָרויס, די רוסישע אַרמיי איז צעקלאַפּט, זי לויפט אין אומאָרדענונג און מאַכט אויפן וועג פּאָגראָמען אויף יידן. אויף די שאָסייען האָבן זיך געזען לוזשעס בלוט, ס׳האָבן זיך געוואַלגערט דערהרגעטע פערד, צעבראָכענע וועגענער, מענטשן האָבן געשפּאַנט מיט פאַרצווייפלטע געזיכטער אויף אַלע וועגן. זיי האָבן פאַרלוירן דעם באָדן אונטער זיך. די געשעענישן האָבן זיי צעטומלט און פאַרטשאַדעט, מ׳זעט די טיפסטע פאַרצווייפלונג. עס ווערט פאַר יעדן קלאָר, אַז עס הייבט זיך אָן אַ כאַאָס. מענטשן ווערן אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען און אַלץ ווערט צעשטערט און פאַרברענט. אַלע טאָג קומען אַריין עוואַקואירטע היימלאָזע, וועלכע וואַנדערן אויף פורן אָדער שלעפּן זיך צו פוס מיט מידע און בלאַסע קינדער ביי דער זייט. אומעטום האָבן זיך געהערט היסטערישע שטימען. קעפּ אויף קעפּ שטייען מענטשן מיט פּעקלעך אין די הענט און אויף די פּלייצעס און זוכן אַ וועג וווהין צו אַנטלויפן, אָבער וווהין ? אַז קאַמעניץ האָט דאָך קיין באַן־פאַרקער נישט געהאַט ! דער איינציקער אויסוועג איז געווען — איינשפּאַנען די אייגענע פיס און לויפן ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן.

מיטן אָפּטרעטן פון דער רוסישער אַרמיי איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערגער ; די לעצטע טעג איז קאַמעניץ און אומגעגנט געוואָרן אַ מיליטערישער צענטער. די אָפּטרעטנדיקע רוסישע אַרמיי האָט זיך געלאָזט ווילגיין אויפן חשבון פון די יידישע איינוווינער און גענומען ראַבירן און צעשטערן אַלץ, וואָס איז איר געקומען אין די הענט. אַ שרעק האָט אַלעמען באַהערשט, מענטשן האָבן זיך גענומען

באַהאַלטן אין די הייזער, ביי אַ שכן אָדער גאָר אין די קעלערס, וואַרטנדיק אויפן איבערבייט פון איין קריגערישער אַרמיי אויף דער צווייטער.

און ווען קאַמעניץ איז ענדלעך פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, האָט ערשט דאָס שטעטל דערפילט, אַז זי איזווירקלעך אין אַ מלחמה, זייענדיק אונטערגע־וואָרפן אירע שטרענגע מיליטערישע געזעצן. דאָס לעבן איז געוואָרן נאָך ענגער און האָפענונגסלאָזער. די שפייז־פראַגע ווערט אַלץ שאַרפער, די באַפעלקערונג הונגערט. נאָכן אַריינדרינגען פון די דייטשן זענען טיילן פון דער צעקלאַפּטער רוסישער אַרמיי פאַרבליבן אין די אונטערשטע רייען און עס האָבן זיך גענומען פאַרמירן פאַרשידענע באַנדעס, וועלכע פלעגן מאַכן רויבערייען און מאָרדן אויף יידן אַרום די שטעטלעך און די פאַרבייאיקע דערפער. דעמאָלט זענען די יידן געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך אַריבערציען אין די נענ־טערע שטעט, ווו ס'האָט עקזיסטירט אַ גרעסערער יידישער ישוב. און זייענדיק איינע פון די קרבנות, איז די שרייבערין פון די שורות, מיט איר פאַמי־ליע, געוואָרן אַ שטענדיקע איינוווינערין פון קאַמעניץ. און אָט אין דעם שטעטל האָב איך פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון מיין יוגנט, ד. ה. די יאָרן צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה, גענויער צווישן 1914—1926. איך דאַרף נישט זוכן קיין מאַטעריאַלן אין די ביבליאָטעקן אָדער אַרכיוון, נאָר זיך ווענדן צו מיין אייגענעם זכרון, כאָטש די איבערלעבונגען און געשעענישן האָבן נישט געקאָנט פאַרצייכנט ווערן אונטער דעם פרישן איינדרוק ווען זיי האָבן פּאַסירט. דערויף איז אין יענע צייטן קיין מעגלעכקייט נישט געווען, אָדער אפשר קיין נויטווענדיקייט. אָבער ווען זיי זענען שוין פיל וויניק אויסגעקריסטאַליזירט און אָפּגעשאַצט גע־וואָרן ווי פאַרגאַנגענהייט, לאָזט זיך מיר בעסער אויפשטעלן אין זכרון און רעווי־דירן אַלץ, וואָס איך האָב געהערט, געזען און דורכגעמאַכט פערזענלעך ווי אַ דירעקטע אָנטיילנעמערין אין די געשעענישן, הגם נישט אַלץ האָט זיך געקאָנט איינהאַלטן אין זכרון.

קאַמעניץ־ליטאָווסק געפינט זיך אויף דער ווייסרוסישער ערד און ליגט אַרום דעם טייך לעשנא, וואָס פאַלט אַריין אין מערב־טייל פון טייך בוג. אורטיילנדיק לויט די רעליגיעזע אַנשטאַלטן, ווי, למשל, די פּרעכטיקע גרויסע שול מיט איר אָריגינעלן ארון־קודש, אַלע בתי־מדרשים, דער יידישער בית־עולם מיט די אַלטע מצבות, און נאָך פיל רעליגיעזע אינסטיטוציעס, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז קאַמע־ניץ איז געווען אַן אַלטע יידישע קהילה, וואָס האָט עקזיסטירט שוין אַ סך יאָרן. צו די אַלטערטימלעכקייטן קאָן מען אויך צורעכענען דעם היסטאָרישן געמויערטן סלופּ, וואָס עפּעס אַ פאַרצייטיקער ליטווישער פירשט האָט געבויט. דער סלופּ האָט צוגעגעבן אַ ספּעציפישן חן דעם שטעטל, עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע

שטעטלעך האָבן נישט פאַרמאָגט. עס טויכן אויף זכרונות וועגן הילצערנע שטיבלעך, שילדלעך פון קראָמען, זקנים מיט לאַנגע בערד, פאַרטרוימטע יוגנט, ליידנשאַפט צו לעבן און דער עיקר טראַגיזם. אָט די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז אַ דויערהאַפטיקע, אַן אייביקע.

איך געפין אויך אין מיין זכרון מאַטעריאַל פון אַ משפחה־כראָניק, מעמואַרן, און דער עיקר פון אַ געוועזן לעבעדיק שטעטל, אַ שטעטל מיט אירע בילז'ער און געשטאַלטן. אין מיין זכרון לויפן דורך העלע און שאָטנדיקע, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פיגורן: אַ פּאָרטרעטן־גאַלעריע פון שניידערס, שוסטערס, שמידן און אַנדערע בעלי־מלאכות; מלמדים, לערער, חזנים; דער וואַסערטרעגער, דער בעדער, דער שול־שמש. אַמאָל פלעגט מען זאָגן דאָס פאָלקס־ווערטל: יעדע שטאָט האָט איר משוגענעם, און אַפילו אין דער הינזיכט איז אונדזער שטעטל נישט אָפּגעשטאַנען. מיר האָבן געהאַט אַלתרקען, כאָטש קיין גאַנץ משוגענער איז ער נישט געווען, בעסער געזאָגט: ער איז נישט געווען שעדלעך פאַר די איינוווינער פון שטעטל. אַלתרקע איז געווען קליין, דאַר, מיט אַ בלאַסן טויטלעכן אויסזען. אויסגעלאָשענע אויגן, אָן אַ שום אויסדרוק, געטראָגן שטענדיק אַ פאַרשמאָלצן פאַרשוויצט היטל מיט אַ לאַנגן כאַלאַט, זיך שטענדיק געדרייט אַרום דעם שטאָטישן מאַגיסטראַט און געקערט דאָרט די צימערן. ער האָט אויך געהאַט אַן אַנדער



„פונקציע" דורכצופירן אין שטעטל: פאַר יעדן ניי־געבוירענעם ייִנגל האָט ער געדאַרפט צושטעלן דאָס קישעלע, וואָס פאָדערט די ברית־צערעמאָניע.

יעדער פון די געשטאַלטן און טיפּן האָט געהאַט זיין ספּעציפישן חן. יעדער מיט זיין פאָלקסטימלעכער ליבשאַפט, און מ׳קאָן זאָגן — יעדער מיט זיינע פאַרבאָרגענע פעאיקייטן. ס׳זענען געווען רעליגיעזע יידן, צומאָל אויך האַלב־וועלטלעכע, „געכאַפּט אין השכלה־שטימונגען". און עס זענען געווען יידן שוין אין גאַנצן וועלטלעכע, אַזעלכע וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און געטרוימט וועגן בעסערע טעג. קאַמעניץ, איינע פון אַ סך שטעט און שטעטלעך, צעזייטע איבער ווייסרוסלאַנד און פּוילן, ווו דער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג, פירנדיק אַ שווער און געמאַטערט לעבן, האָט מיט זיך פאַרקערפּערט, אין מיניאַטור, דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע יידישע לעבן אין אַלע זיינע שאַטירונגען פון עקסטרעם־רעכטס ביז אולטראַ־לינקס. טראַדיציע און אַ טיף יידישע פרומקייט האָט באַהערשט די היים און דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן. דער בית־המדרש איז געווען אַ זאַמלפונקט פאַר יונג און אַלט. דאָרט האָט מען געלייזט אַלע פּראָבלעמען, אַפילו פּאָליטישע; פון דער אַנדערער זייט איז אַ פאַקט, אַז דאָס שטרענגע און פאַנאַטישע אָפּהיטן די טראַדיציע האָט אויך געבראַכט פאַרגליווערונג אין יידישן לעבן. דאָך איז קאַמעניץ נישט פאַרבליבן קיין אָפּגעשטאַנען פינצטער שטעטל און זיך גאַנץ פריי אַריינגעצויגן אין דער מאָדערנער וועלט. שבת נאָך מיטאָג אין אונדזער שטעטל וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. ווען די יידן האָבן נאָכן טשאָלנט זיך צוגעלייגט שלאָפן, איז דאָס שטעטל געווען פאַרזונקען אין אַ געדיכטער שטילקייט, אַלע קראָמען פאַרמאַכט און די גאַסן — ליידיק. ס׳איז געווען אַ טאָג פון רו. די זאָרגן פון דער גאַנצער וואָך זענען פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ ווייטן ווינקל. אָבער ביסלעכווייז קומט דאָס גאַנצע שטעטל אַרויס פון טיפן שלאָף און אַלץ וואַכט אויף. די וואָכעדיקייט קערט זיך אַום צוריק מיט די גרויע טעג און מיט די זאָרג פאַרן מאָרגן. אזוי איז עס אָנגעגאַנגען יאָר־איין יאָר־אויס, אָבער פון דער צווייטער זייט זענען געווען פּאַרטייען און קרייזן מיט פאַרשידענע אַנדערע שטרעבונגען, וועלכע האָבן אויף זייער אייגענעם שטייגער געטרוימט וועגן אַ בעסערן און שענערן מאָרגן, וועגן דער אויפריכטונג פון יידישן פאָלק און פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן קאָלאָריט און וואַרעמקייט אונדזער לעבן. קאַמעניץ איז געווען אַרומגערינגלט מיט געדיכט־באַוווינטע דערפער, וואָס האָבן צוגעשטעלט ברויט, קאַרטאָפל, מילך־פּראָדוקטן, פעל און געהילץ. די יאַרידים אויפן מאַרק־פּלאַץ זענען געווען פול מיט געשעפטן, געשטעלן און מיט אַ געווירבל פון מענטשן. די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען אין שטאָט פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און איינהאַנדלען נייטיקע אַרטיקלען פאַר דער וואָך.

די אינדוסטריע איז אין קאַמעניץ געווען אַ גאַנץ באַגרענעצטע. ס׳זענען גע־ווען אייניקע יידן פאַרמעגלעכע און יידן גאַנץ אָרעמע; יידן־סוחרים, גרעסערע און קלענערע, מעקלערס און האָרעפּאַשניקעס, פּראָצענטניקעס און ליידיקגייערס, אויך אַ קליינע צאָל לוין־אַרבעטער. דאָ און דאָרט פלעגט מען הערן דאָס קלאַפּן פון אַ שוסטער־העמערל. אייניקע גוטע בעל־מלאכהס און אייניקע לאַטוטניקעס. איך געדענק אַ שוסטער, ווו מיין פאַמיליע פלעגט אַריינטראָגן צו אים פאַרריכטן שיך. ער האָט געוווינט אויף נאפיסקער גאַס, ביי צירל דובינער אין הויז. איך געדענק נישט זיין נאָמען, איידער איך פלעג באַווייזן אים צו פרעגן, וויפל ער וויל פאַר דער אַרבעט, פלעגט ער פריער נעמען די שיך, אַרונטעררייסן די פּאָדעשוועס, אַריינוואַרפן אין אַן עמער וואַסער און ערשט נאָך דעם מיר זאָגן דעם פּרייז, אַזוי אַרום איז ער געווען זיכער, אַז איך וועל שוין די שיך נישט אַוועקנעמען פון אים... ס׳זענען מערסטנס געווען קליינע וואַרשטאַטן, ווו דער אייגנטימער האָט געאַרבעט אַליין, אָדער מיט אַ העלפער. איך געדענק אויך אַלטערס גאַרבאַרניע אויף נאַפיסקער גאַס; בערטשיק דעם שטעפער, דוד דעם מוליער און אָשר גור־טערמאַנס פּיוואָוואַרניע, וואָס האָט שוין געהייסן אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג אין גרעסערן מאָסשטאַב. אָבער די אַרבעטער אין יענע צייטן האָבן נישט באַוויזן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. כאָטש דער דורשט צו לערנען און וויסן איז געווען גרויס, אָבער קיין סיסטעמאַטישע אויפקלערונגס־אַרבעט איז נישט איינגעשטעלט געוואָרן, דעריבער איז דאָס געביט פון פּראָפעסיאָנעלן פאַר־איין און פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אַביסל פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. אָבער נישט געקוקט אויף דער פאַרברייטערונג פון די יידישע מלאכות, איז דאָך די מער־הייט פון יידישן קאַמעניץ געווען קרעמער און הענדלער. דער דורכשניטלעכער טיפּ הייזער פון קאַמעניץ איז געווען געבויט פון האָלץ און די דעכער זענען געווען געדעקט מיט שינדלען אָדער שטרוי. און דעריבער האָט אונדזער שטאָט נישט אויסגעמיטן גרויסע און אָפטע שריפות, וואָס פלעגן פאַרניכטן גרויסע טיילן פון איר.

קולטורעל איז קאַמעניץ געווען ווייט פון די אָפּגעשטאַנענע שטעטלעך. עס דאַרף אַלע מאָל זיין דער מענטשן־מאַטעריאַל צו קענען קלעטערן און דערגרייכן דעם באַרג־שפּיץ, און דעם מאַטעריאַל האָבן מיר פאַרמאָגט. וואַכזאַם און עמפּינד־לעך צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט איז אונדזער יוגנט געווען. מיט גרויס דרך־ארץ פאַרצייכן איך די גוטעביישפּילן. כאָטש מיר האָבן געפירט אַ שווער, האָפענונגסלאָז לעבן און אונטער גאַנץ שווערע באַדינגונגען, האָט דאָך אונדזער שטעטל פאַרמאָגט אַ שיינע און אינטעליגענטע יוגנט, וואָס האָט פאַרמאָגט לעבן, ענערגיע, טרוימען און אַ דראַנג צו בעסערע טעג.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער דרוק געקומען פון אַלע זייטן, און אַלס רעזולטאַט איז די יידישע אָרעמקייט פאַרגרעסערט געוואָרן און דער דראַנג נאָך עמיגראַציע — שטאַרקער. אָבער לײדער איז עמיג־רירן אויך נישט געווען אַזוי לײכט, ווײל די טויערן פון דער וועלט זענען נישט געווען פאַר אַלעמען אָפן. אַ סך פון דער יוגנט האָבן מיך מקנא געווען, וואָס איך האָב די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין אַמעריקע. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טאָג ווען איך האָב זיך געדאַרפט שיידן מיט מײנע עלטערן, מיט מיך שטעטל און מיט אַלע און אַלץ אַרום מיר, אַזוי ווי איך וואָלט געפילט, אַז אָט די אַלע מענטשן וועל איך קיינמאָל מער נישט זען.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אין קאַמעניץ אַממיינסטן געווען חדרים, וואָס זענען געפירט געוואָרן דורך מלמדים. ס'זענען אויך געווען מלמדים פאַר קליינוואַרג (שרייבער האָבן זיי געהייסן), זיי האָבן אַרומגענומען אַ סך קעגנ־שטאַנדן: אַלף־בית, שרייבן בריוו לויטן בריוונשטעלער, לייענען און שרייבן שורות אין יידיש און אין רוסיש. אין יענע צייטן איז געווען וויכטיק צו קענען שרייבן אַדרעסן קיין אַמעריקע, ווייל ווער האָט עס נישט געהאַט קיין קרובים און פריינד אין אַמעריקע? אָבער די אַלע לערן־אַנשטאַלטן זענען נישט געווען גענוג. איניקע פון די פאַרמעגלעכע יידן פלעגן שיקן זייערע קינדער אין גרעסערע שטעט צו באַקומען וועלטלעכע בילדונג. די נאָענטסטע שטאָט איז געווען בריסק־ליטאָווסק.

ס'איז אויך געווען אַ רוסישע מלוכה־שול — אַ צוויי קלאַסישע פאָלקס־שול. צו יענער צייט איז דער פּראָצענט פון יידישע שילער אין רוסישע רעגירונגס־שולן געווען אַ קליינער אָדער אויף וויפל איך געדענק, איז אין דער רעגירונגס־שול אין קאַמעניץ קיין איין יידיש קינד נישט געווען. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די צאַרישע מאַכט איז אַנטלאָפן און קאַמעניץ איז געוואָרן אָקופּירט דורך די דייטשן, האָט זיך דאָן געגרינדעט אַ נייער טיפּ שול. מיט דער דייטשער אָקופּאַציע איז אַריינגעקומען אַן ענדערונג אין דעם גאַנצן סיסטעם פון חדרים און מלמדים. די דייטשן האָבן געגרינדעט אַ שול, פאַרשטייט זיך, מיט דייטש אַלס אונטעריכט־שפּראַך און העברעאיש אַלס קעגנשטאַנד. מיט העברעאיש האָבן אָנגעפירט ישראל אונטערמאַן, לאה באבראָווסקי און מלכה פאַליאַקעוויטש. די שול, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט ביז די דייטשן האָבן פאַרלאָזט קאַמע־ניץ ד. ה. ביז ענדע 1917, איז געווען דער צופעליקער אָנפאַנג פון אַ נייעם יידישן שול־וועזן, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין שפּעטערדיקע יאָרן אַלס יידישע פאָלקס־שול מיט מאָדערנע מעטאָדן און אונטער דער פירונג פון אַ גרופּע באַקאַנטע פּעדאַגאָגן. מיט גרויס חשק און ענטוזיאַזם האָבן זיך שוין יידישע קינדער געצויגן

און געריסן פון די ענגע חדרים־שטיבלעך מיט די אַלטמאָדישע מלמדים צו אַ ליכטיקן מאָרגן און צו אַ פרייער וועלט. די לערער־אָנפירונג איז געווען אין די הענט פון די ברידער סאַפּירשטיין, נחום געלערשטיין ישראל פּאָמעראַנץ. אין די יאָרן 1918—1919 האָט די שרייבערין פון די שורות צוזאַמען מיט לאה באָבראָווסקי אַליין געעפנט אַ שול אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס, אין דער געביידע, וואָס איז געבליבן ליידיק נאָך דער דייטשישער אָקופּאַציע. די געביידע האָט געדינט די גאַנצע יאָרן ווי אַ שטאָטישע פּאָסט־הויז, האָט דעריבער די גאַס געטראָגן דעם נאָמען פּאָטשטאָווע גאַס. די געביידע איז געווען אַ נייע, אַ שיינע און אַ ליכטיקע. כמעט ווי צוגעפּאַסט צו אַ שול. און די גאַס איז געווען ווונדערלעך שיין. ספּעציעל אין די פרילינג־טעג ווען דער ווייסער און בלויער בעז און צעבליטע עפּל־ביימער האָבן פאַרפלייצט דעם אַרום מיט צאַרטער בליאונג. נאָך שענער און קאָלירפולער האָט אויסגעזען די גאַס, ווען די קינדער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון שול מיט זייערע יונגע צאַרטע הילכיקע קולעכלעך. דער אונטעריכט איז געווען העברעאיש און רוסיש. אין דער רוסישער שפּראַך זיינען אויך אַריין אַנדערע געגנשטאַנדן. מיר האָבן געהאַט אַ באַדייטנדע צאָל קינדער. צו אונדז זענען דערנאָך צוגעשטאַנען די ברידער סאַפּירשטיין, נחום געלערשטיין און ישראל פּאָמעראַנץ. מיר האָבן זיך אַלע פאַראייניקט, אַזוי צו זאָגן, אין אַ לערער־בלאָק. איינצעלנע מער פאַרמעגלעכע קינדער האָבן געצאָלט, אָבער די מערהייט עלטערן האָבן נישט געקענט צאָלן פאַר למודים, דעריבער איז דער בודזשעט געווען צו גרויס און צו שווער, אַז די שול זאָל קענען נאָרמאַל פונקציאָנירן. אַ שיין ביסל האָט אונדז געהאָלפן דער דזשאָינט דיסטריביושן קאָמיטעט. דער קאָמיטעט האָט געהאָלפן פינאַנסיעל און אויך מיט קליידונג פאַר די קינדער און די לערער. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די קאָסטיומען וואָס מ׳האָט אונדז אַריינגעשיקט פון אַמעריקע. די קינדער האָבן זיך פאַרפּוצט מיט ברוינע קליידלעך און שוואַרצע פאַרטוכער אויך שיך און היטעלעך, דוכט מיר; אָבער מיר, לערער, האָבן געקראגן די אויבערשטע טייל פון שלאָף־בגדים (פּידזאַמעס) און אַזוי ווי ס׳האָט אויסגעזען ווי רוסישע „רובאַשקעס" האָבן מיר לערער אין אַ שיינעם שבת־אָוונט זיך פאַרפּוצט, און זיך אַרויסגעלאָזן אויפן שפּאַציר אויף נאַפּיסקער גאַס, דענקענדיק, אַז די גאַנצע וועלט שמייכלט מיט אונדז.

ס׳איז געווען אַ פיינע אינסטיטוציע. מיר זיינען געווען אַ גרופּע לערער, וואָס אין פּראָצעס פון דער שול־אַרבעט, איז זי צעמענטירט געוואָרן ווי אַן ענגער קרייז פון פּערזענלעכע פריינט און אידעען־חברים, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז קיין זאַך וועט אונדז ניט בכוח זיין פונאַנדערצוטיילן.

*

אונדזער יוגנט האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג אויסצולעבן זיך אין דער יידישער פאָלקס־קולטור. זי איז געווען די אָפּנעמערין פון יידישן בוך און די לייענערין פון דער יידישער ביבליאָטעק. די קאַמעניצער ביבליאָטעק האָט פאַר־מאָגט אַ באַדייטנדע צאָל ביכער — פון בעלעטריסטיק, ביז ווערק איבער סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פראַגן. די ביבליאָטעק האָט אויך געדינט ווי אַ זאַמל־פּלאַץ פאַר דער יוגנט, וועלכע האָבן געזוכט אַן ענטפער פאַר זייערע געזעלשאַפטלעכע פּראָב־לעמען.

די פאַרשפּרייטונג פון טעגלעכע יידישע צייטונגען צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה איז אָנגעגאַנגען זייער שוואַך. דער „היינט" און „מאָמענט" זיינען געווען פון די פאַרשפּרייטסטע יידישע צייטונגען. איך געדענק, אַז ביי אונדז אין קאַמעניץ האָבן געציילטע מענטשן אויסגעשריבן בשותפות אַ צייטונג.

מיר פלעגן אָפט רעדן אין אונדזער קרייז, אַז מ׳דאַרף האָבן אַן אייגענע דראַ־מאַטישע סעקציע פון בינע־שפּילער, זינגער און פאַרלייענער, כדי צו האָבן קרעפטן וואָס זאָלן אויספילן ליטעראַרישע און אַנדערע קולטור אָוונטן. איי‌ניקע פּרווון, וואָס מ׳האָט געמאַכט אַזאַ סעקציע איינצושטעלן האָבן זיך, צום באַדויערן, ניט איינגעגעבן. האָט מען שוין יאָ עפּעס אָרגאַניזירט, איז עס זיך פאַנאַנדערגע־פאַלן נאָך אַ פּאָר אויפטריטן. ס׳האָט זיך געפאָדערט עקשנות און אומאויפהערלעכע געדולד. אָט די עקשנות און געדולד, גלויב איך, האָבן באַוויזן די ברידער סאַפּיר־שטיין און אַ צוגעפּאַר־ענע פון בריסק, וועלכע האָט שיינע עטלעכע יאָר געוווינט אין קאַמעניץ. איר נאָמען איז געווען רחל אַטלאַס (זי איז געשטאָרבן דאָ אין אַמע־ריקע) און כאָטש זי איז נישט געווען קיין שטענדיקע איינוווינערין פון קאַמעניץ, איז אָבער כדאי צו דערמאָנען איר נאָמען. זי איז געווען אַ פיינע שוישפּילערין מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר ראָלן, און בכלל אַ קולטורעלער מענטש.

אויך זעלדע שטיינבערג־סאַפּירשטיין איז געווען גאַנץ טאַלאַנטירט און צוגע־טראָגן איר חלק. ווייל נאָך אַלעמען זיינען מיר געווען ווייט פון צו זען אַ גוטע פאָרשטעלונג אין דער גרויסער וועלט, וואָס זאָל דינען פאַר אונדז ווי אַ ביישפּיל. איז נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער פּלאַץ פון שפּילן טעאַטער איז געווען ביי מאטיע קלעפּאַטשיער אין שייער, האָט קאַמעניץ דאָך פאַרמאָגט אַ גאַנץ גוטן אמאַטאָרן־קרייז, וועלכער האָט געגעבן פון צייט צו צייט פאָרשטעלונגען און קליין־קונסט־ספּעקטאַקלען.

וועגן וועלוול סאַפּירשטיין, ווי וועגן איינעם פון מיינע אינטימע פריינט, ווילט זיך זאָגן אַ פּאָר ווערטער. ס׳איז מערקווירדיק, געוויינלעך ווען אַ חבר שטאַרבט, ווערט די פּערזענלעכקייט פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם פון יאָר צו יאָר בלאַסער.

עס פּאַסירט אויך, אַז די פּערזענלעכקייט זאָל אינגאַנצן פאַרשווינדן ווערן פון זכרון, אָבער בשום אופן נישט מיט אונדזער אומפאַרגעסלעכן וועלוול. פּונקט פאַרקערט, פאַר די אַלע יאָרן איז זיין געשטאַלט אַלץ שאַרפער געצייכנט און אַרויסגעהויבן געוואָרן. טיף האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון די פּערזענלעכקייט פון דעם קלוגן חבר וועלוול. כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צום שטעטל מיט איר קולטורעלן און גייסטיקן אַרט לעבן. אין די יאָרן 1928—1921 ווען דער ישוב אין ישראל איז נאָך געווען יונג און שוואַך עקאָנאָמיש און אין צאָל, ווען דאָס לאַנד איז געשטאַנען אין געפאַר פון אַראַבישע איבערפאַלן, הייבט זיך אָן אין אַלע שטעט און שטעטלעך, ווי אויך אין קאַמעניץ אַ חלוצישע באַוועגונג. און אין די אַלע יאָרן, ביזן אויסברוך פון לעצטן קריג, האָבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויסגעפירט אַ גרויסע נאַציאָ־נאַלע מיסיע אויף אַלע געביטן פון דער פאַרצווייגטער ציוניסטישער טעטיקייט. און אַ דאַנק דעם האָט מען זיך דערצויגן קולטורעל. העברעאיש איז געלערנט געוואָרן כמעט צווישן דער מערהייט פון דער יוגנט. פון דער גרויסער אויפגאַבע איז אויך אונדזער שטעטל קאַמעניץ נישט אָפּגעשטאַנען. זי האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע אָרגאַניזירטע ציוניסטישע יוגנט.

*

דערמאָנענדיק מיינע יוגנט־יאָרן, קומען מיר אויפן געדאַנק מיינע חברים און חברטעס, מיט וועלכע איך האָב דעם גרעסטן טייל פון מיין יוגנט פאַרבראַכט. אויך זע איך מיין טאַטן, מיין מאַמען, משפּחה, שכנים און נאָענטע פריינט, וועלכע זיינען פאַר מיר אומפאַרגעסלעך, איך זע די איבערגעריסענע פעדים, וועלכע האָבן מיך געהאַט פאַרבונדן מיט יעדן פון זיי. אָבער ווי פיינלעך איז עס צו פילן, אַז איך וועל זיי שוין קיינמאָל ניט זען. איך האָב אַלע יאָרן געטרוימט, אַז כ׳וועל נאָך אַמאָל פאָרן באַזוכן מיין היים־שטעטל, אָבער מיינע שטרעבונגען האָבן געהאַט אַ דורכ־פאַל, און די האָפענונגען זענען זיך צערונען. עס ווילט זיך נאָך אַלץ ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, אַז אַלץ זאָל מיטאַמאָל אומקומען און איבערלאָזן איין גרויסן מדבר.

אָט דערמאָן איך זיך אַ פרייטיק־אָוונט, אָדער שבתים, יום־טובים; ווי פריילעך ס׳איז געווען אין אונדזער אינטים שטיבעלע! איך געדענק אַזוי פיל האַרציקע מאָמענטן. און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אייביק וועט אָנהאַלטן אַזאַ אידיליש לעבן.

ווער איז נישט געווען צווישן דער זינגנדיקער גרופּע ביי אונדז אין הויז? ביזן היינטיקן טאָג באַגלייטן מיך יענע זיסע האַרציקע מעלאָדיעס. פון אונדזער

הויז פלעגן מיר זיך אַרויסלאָזן אויף נאפיסקער גאַס, זיך טרעפן מיט די איבעריקע פון אונדזער קרייז, דאַן פלעגן מיר זיך אַוועקלאָזן ווייט איבער דער זאַסטאַוויער בריק. די בריק האָט געדינט אַלס שפּאַציר־פּלאַץ, וואו מען פלעגט זיך מערסטנס באַגעגענען אָדער שליסן נייע באַקאַנטשאַפט, און פון דאָרט פלעגט מען שוין אַוועקגיין וואוהין דאָס האַרץ האָט געצויגן.

מלכה קורטשאַנסקי־פּאַליאַקעוויטש

מיין שטעטעלע קאַמעניץ־ליטאָווסק

איך בין געבוירן און אויסגעוואַקסן אין קאַמעניץ, וואָס ליגט 25 קילאָמעטער פון דער באַן־סטאַנציע זשאַבינקע. ווי קליין דאָס שטעטעלע איז געווען, האָט עס געהאַט נאָך אַ קלענער פאָרשטעטל — זאַסטאַוויע. צוגעקומען איז מען אינעם פאָרשטעטל דורך די הילצערנע בריקן.

דאָס גאַנצע שטעטל און פאָרשטעטל איז געווען איינגעטונקען אין לאָנקעס, פעלדער, וועלדער און גערטנער. די בריקן דערמאָנען פיל פון די פריע יוגנט־יאָרן, ווען אין די לבנה־נעכט (עלעקטרישע באַלייכטונג איז דעמאָלט נאָך נישט געווען) האָט די יוגנט דאָרט פאַרברענגט. די אַרומיקע פּאַנאָראַמע האָט אין אַזעלכע נעכט געלאָקט און גערייצט.

די שורות קראָמען אַרום מאַרק האָבן באַפרידיקט אַלע לעבנס־באַדערפעענישן פון די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. זיי זענען געקומען מאַסנווייז מיט פערד־און־וואָגן ברענגען זייערע דאָרפישע פּראָדוקטן, פון וואָס דאָס שטעטל האָט געצויגן חיונה.

דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט בתי־מדרשים, אַ ישיבה, ווו שטעטלדיקע און פון דער פרעמד געקומענע בחורים האָבן געלערנט. אויך בעלי־עגלות האָבן נאָך דער אַרבעט ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן פאַרבראַכט אין לערנען, און אַלע צוזאַמען געהאָלפן אויסהאַלטן די פרעמדע ישיבה־בחורים מיט „טעג“.

אין שטעטל זענען קיין שולן נישט געווען, אויסער איין „נאַראָדנאָיע אוטשילי־שטשע (שטאָטישע שולע), ווו יידן האָבן דאָרט ניט געקאָנט לערנען. טראָץ דעם האָבן מיר געהאַט אַ גוט און קולטורעל אַנטוויקלטע יוגנט, אַ ביבליאָטעק פון יידישע, העברעאישע און רוסישע ביכער. געלערנט די שפּראַכן האָט מען פּריוואַט, ביי לערער, וועלכע פלעגן קומען פון אַנדערע שטעט. די עלטערן, באַזונדערס די מאַמעס, האָבן זיך אָנגעשטרענגט, כדי די קינדער זאָלן קענען אויך די לאַנד־שפּראַך.

אין מיין פריסטער יוגנט איז אַריינגעדרונגען צו אונדז די השכלה־באַוועגונג

און געוועקט די געפילן צו ארץ־ישראל. אויך עברית האָט מען זיך דערוואָרבן דורך פריוואַטע לערערס.

איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה אין 1914. די דייטשן האָבן באַזעצט אונדזער געגנט כמעט פולע דריי יאָר. די אַרויסגעפּאָרענע באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן אומקערן אין זייערע היימען. די לאַגע איז בעתן קריגס־צושטאַנד געווען אַ געדריקטע, אַלץ איז געווען פאַרשקלאַפט. קראַנקע קינדער האָבן זיך פשוט געוואַלגערט הונגעריקע און שמוציקע אין די גאַסן. ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען פעקלעך פון „דזשאָינט״, איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער. די דייטשן, צוזאַמען מיט דער יידישער גמינע, האָבן באַשלאָסן צו עפענען אַ שול, ווו די קינדער זאָלן פאַר־ברענגען עטלעכע שעה אַ טאָג אונטער דער אויפזיכט פון לערער־דערציער, ווו מען האָט געלערנט יידיש, העברעיש און דייטש.

שרה הורוויץ
(ניו־יאָרק)

אַמאָל אין מײַן שטעטל קאַמעניץ

איך געדענק מיט יאָרן צוריק ווי שטיל און באַשיידן יידן האָבן דאָרט געלעבט. מיר איז נאָך געבליבן אין זכרון דער פרייטיקצונאַכט מיט די באַצייטנס אָנגעצונדענע שבת־ליכט אין די יידישע הייזער, און די יידן האָבן זיך געאײַלט גיכער, כדי ניט צו פאַרשפּעטיקן קבלת־שבת. דורך די טירן און פענצטער פון די בתי־מדרשים האָט מען געהערט דאָס געזאַנג פון לכו נרננה און לכה דודי. יעדער איינער האָט זיך געפילט שבתדיק ווי אַ נייער מענטש, ס׳זענען אַראָפּ אַלע דאגות פון קאָפּ, ווייל שבת האָט מען ניט געטאָרט רעדן פון מסחר. דער רוב פון אונדזערע לאַנדסלייט זענען געווען קרעמער, ווי אויך אַרבעטער און סוחרים — ווער אויף אַ גרויסן און ווער אויף אַ קליינעם שטייגער. איך געדענק ווי יעדן פינפטן טאָג פון חודש האָבן מיר געהאַט אין קאַמעניץ אַ יריד. ס׳פלעגן קומען סוחרים פון אנדערע שטעט קויפן און פאַרקויפן פערד, בהמות א. א. מען פלעגט אַריינפירן פאַרשידענע סחורות צום פאַרקויפן; די פּרוזשינער אנטשארעס — האַנט־געמאַכטע ליימענע טעפּ, זיי פלעגן זיין אויסגעשטעלט נעבן די קראָמען; טאַנדעטניקעס — זייער מלבושים; די שמידן — זייערע וועגענער; קירזשנערס — גוישע פוטערנע היטלען און נאָך פאַרשידענע סחורות. די בלינדע בעטלערס פלעגן זיך אויסזעצן אויף די קני צווישן די קראָמען און זינגען און בעטן די דורכגייערס אַריינוואַרפן אין די היטלען אַ פּאָר גראָשן.

אַ חוץ דעם יריד האָבן מיר געהאַט אַלע דאָנערשטיק אַ מאַרק, ווען די דאָרפישע פּויערים פלעגן אַריינברענגען אין שטאָט צום פאַרקויפן געטריקנטע שוואָמען, תבואות, קאַרטאָפל, האָלץ, יונגע קעלבלעך, גענדז, קאַטשקעס, שוואַרצע יאַגדעס פון וואַלד, וואָל פון די שעפּסן, אַליין אויסגעאַרבעטע לייוונט פון אַליין געפלאַנצטן פלאַקס, חזיר־האָר, אַלערליי פּרוכטן און נאָך פאַרשידענע פּראָדוקטן. נאָכן אָפּליזן דאָס געלט פאַר זייערע סחורות. פלעגן זיי איינקויפן און געבן צו לייזן די קרעמער, פון וואָס מען פלעגט מאַכן אַ לעבן. דער רוב פּויערים פלעגן דעמאָלט אַריינגיין

אין די שענקן און אַלץ פאַרטרונקען מיט בראָנפן און נאָכדעם שיכורע קומען אין געוועלב באָרגן אַ פונט צוקער און אַ פלעשל אייל, און דערנאָך פאָרן אַהיים אין דאָרף. אינטערעסאַנט איז געווען ווי די גויים האָבן געדענקט די יידישע יום־טובים. ערב יום־כיפור פלעגן זיי ברענגען אין שטאָט צו פאַרקויפן עופות אויף כפרות שלאָגן; ערבו סוכות — וועגענער סכך צו דעקן די סוכה; ערב הושענא־רבה — הושענות.

ווינטער, אין פראָסט און זאַווערוכעס, ווען דער פויער האָט נישט געקאָנט ארויספאָרן אין שטאָט, פלעגן מיר קרעמער ניט האָבן קיין פדיון און אויך ניט וואָס צו טאָן, זענען מיר געקומען איינער צום צווייטן הערן נייעס: צי דער אויטאָמאָ־ביל איז שוין דאָ פון זשאַבינקע אָדער פון בריסק, און וואָס זיי דערציילן. מיט אַ צייט שפעטער, ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע,האָבן מיר געהערט, אַז אין קאַמעניץ זענען שוין דאָ טראָטואַרן און עלעקטריע.

די פויערים זענען געווען איינגעגלויבט אין אונדז, זיי פלעגן בעטן רפואות פאַר די קראַנקע. די פויערטעס, וואָס האָבן געהאַט מענער אין אַמעריקע אָדער זין אין מיליטער־דינסט, פלעגן זיך לאָזן ביי אונדז שרייבן רוסישע בריוו און דערפאַר ברענגען ווערטפולע מתנות.

די קרעמער האָבן געהאַט אויסצושטיין אומבאַשרייבלעכע צרות פון „אוריאַד־ניק" און די „סטראַזשניקעס". ווען מען פלעגט זיי זען פון וויטן, האָט מען זיך סיגנאַליזירט, אַז אַ „קנעפל" גייט (די מעשענע קנעפ). פאַר יעדער קלייניקייט האָבן זיי אָנגעשריבן פראָטאָקאָלן, און ס'האָט שוין געקאָסט עטלעכע רובל שטראָף. זונטיק זענען די קראָמען געווען אַ גאַנצן טאָג פאַרשלאָסן. ווען די גויים זענען אַרויסגע־קומען פון קלויסטער און געוואָלט געבן צו לייזן די קרעמער, פלעגט מען אַריין אין קראָם, דערווייל פאַרשלאָסן דורך אַ שכנה, און דערנאָך אַרויסברענגען סחורה. איינמאָל האָט אַ סטראַזשניק באַמערקט ווי מ'האָט עמעצן פאַרשלאָסן אין קראָם, האָט ער דעם קרעמער אַ גאַנצן טאָג פון דאָרט נישט אַרויסגעלאָזט, ביז צוויי פויערים האָבן זיך צעשלאָגן, און ווען דער סטראַזשניק איז אַוועק מאַכן אָרדענונג, איז מען אין איילעניש אַרויס פון קראָם.

ווען דער רעוויזאָר איז אַריינגעפאָרן אין קאַמעניץ איז געוואָרן אַ פאַניק. יע־דער קרעמער איז געלאָפן מיט זיין ביסל סחורה פון קראָם אַזוי ווי פון אַ פייער. מען האָט ניט געוווסט וואָס מען מעג פאַרקויפן אויף דעם פאַטענט, וואָס מ'האָט געהאַט. דערווייל האָט מען אויסגעליידיקט די פאָליצעס אַזוי, אַז דעם רעוויזאָר פלעגט פינצטער ווערן אין די אויגן קוקנדיק.

אפילו די מלמדים האָבן באַדאַרפט האָבן פאַטענטן און אויך זיי האָבן דעמאָלט צעלאָזט דעם חדר, ביז מען איז פטור געוואָרן פון רעוויזאָר. אָבער פלוצים פלעגט

אויך אַריינפאַלן דער אַקציזניק און גיין זוכן אין די שיינקען און אין די „טאַבאַטשנע״ קראָמען. ווער ס׳האָט געהאַט סחורה אָן באַנדראָלן, איז שוין זיין שרעק געווען גרויס. און וועלכער קרעמער איז געווען אין גאַנצן כשר?

די יוגנט האָט געהאַט אַ לאָקאַל מיט אַ ביבליאָטעק, ווו מ׳האָט גאַנץ פיין פאַר־בראַכט. כאָטש דאָס שטעטל איז געווען קליין, דאָך איז דער רוב געווען געלערנט און אינטעליגענט.

*

ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. מ׳האָט מאָביליזירט אַלע קאַמע־ניצער יונגעלייט. בחורים און פאַרהייראַטע מענער און זיי באַלד אָפּגעשיקט אויפן פראָנט. די וועלכע האָבן געהאַט פערד, זענען געפאָרן מיט די פערד פאַרשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט. אַ סך זענען מער נישט צוריקגעקומען, מסתמא געוואָרן דאָרט פאַר־הונגערט. ס׳זענען דערנאָך פאַרבליבן אלמנות, עגונות און יתומים. די פּאָסט פלעגט שוין ניט אָנקומען אין שטעטל. ס׳זענען אויך איבערגעריסן געוואָרן די טעלעגראַף־דראָטן. די קוילן פון די שיסערייען זענען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ און, אַז עס איז שוין געוואָרן רואיקער פון די שיסערייען און די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָבן מיר ניט געהאַט וואָס צו געבן עסן די קינדער און געלעבט אין שרעק און אין מורא פאַרן מאָרגן. 6 אַזייגער אין אָוונט האָט מען שוין מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס. ווען מ׳פלעגט עמעצן כאַפּן אויף צוואַנג־אַרבעט, פלעגט מען זיך שוין דאַרפן געזעגענען מיטן לעבן. געווען אַ דייטש, פוטערמאַן, מען האָט פאַר אים מורא געהאַט ווי פאַר פייער. ווער ס׳האָט געהאַט אין הויז, אין קעלער אויסבאַהאַלטן קאַרטאָפל אָדער אַ ביסל שפּייז, איז געווען פאַררעכנט פאַרן גרעסטן גביר. מאַנכע קרעמער האָבן באַגראָבן אין גריבער אַביסל זאַלץ, זייף אָדער צוקער מען פלעגט אין שרעק דאָס אויסבייטן מיט די גויים פון די דערפער אויף אַ ביסל שפּייז.

די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט יעדע פאַמיליע פון הויז אויף דיזענפעקציע ווי אויך אין באָד אַריין.

אין יענער צייט האָט אויך געבושעוועט און זיך פאַרשפּרייט טיפוס און כאָליערע. מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן. בעת דער עפּידעמיע זענען אויך יונג אומגעקומען אין זעלבן טאָג ר׳ משה און אסתר שעדראָוויצקי (די עלטערן פון אברהם שודראָף), איבערלאָזנדיק 5 קליינע קינדערלעך — אַלע יינגלעך פון 2 ביז 10 יאָר.

דער „זאַפּאַס״, וואָס איז אַוועק אין דער מלחמה, איז צוביסלעך געקומען אַהיים. דערנאָך האָט קאַמעניץ איבערגעלעבט אַ נייע מלחמה. די פּוילישע זשאַנדאַרמען

זענען אָנגעקומען און ווידער געכאַפּט מענער אויף צוואַנגסאַרבעט. ס׳איז אַ שרעק אַלעמען באַפאַלן, ס׳איז ניט געווען קיין פּלאַץ ווו צו באַהאַלטן זיך — אַפילו אויף די בוידעמער און קעלערס האָבן זיי געזוכט. ס׳איז געווען פון איך מלחמה אַרויס, און אין דער צווייטער אַריין. אַלץ האָבן אויסגערוימט די אָנגעקומענע סאָלדאַטן, רוסן, פּאָליאַקן און אַנדערע. מ׳האָט מורא געהאַט אויף דער גאַס אַרויסצוגיין. פון געלט איז שוין גאָרנישט געוואָרן. צוערשט איז געווען קערענסקיס געלט און דערנאָך זלאָטעס, און אַז אַמעריקע האָט געעפנט די טויערן און דער עולם האָט שוין אָנגעהויבן עמיגרירן, זענען אַריינגעקומען אַמעריקאַנער דאָלאַרן ; מ׳האָט פון דאָרט געשיקט פּעקלעך זאַכן און שפּייז צו ר׳ יוסף וויגוטאָוו ע״ה, צו פאַר־טיילן פאַר די אָרעמע. דער רוב מענטשן זענען געווען באָרוועסע, נאַקעטע, מיט געשוואָלענע פיס פון הונגער. יונגע פרויען און מיידלעך פלעגן טראָגן די גוייִשע „אנדראקעס״ מיט הילצערנע שיך.

חיה גורוויץ-גאָלדבערג
(ניו־יאָרק)

די „שקאָלאַ פּאָוושעכנאַ"

די ערשטע און איינציקע אַלגעמיינע פּוילישע שולע אין קאַמעניץ נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער מלוכה איז באַשטאַנען פון 7 קלאַסן.

די שולע האָט אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ נישט געהאַט די נויטיקסטע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, אפילו נישט אַ טרונק וואַסער. צו דעם צוועק פלעגן מיר, אין דער צייט פון דער הפסקה, מוזן אָנקומען צו די שכנים פון הויף. אַלע יידן האָבן אַרויסגעוויזן אומגעהויער פיל געדולד און גוטסקייט. צוממערסטן האָט מען אויסגענוצט די גוטהאַרציקייט פון דער פאַמיליע חיים פּאָליאַקעוויטש, וועלכע האָט געוווינט נאָענט צו דער שול.

אויב מען האָט געוואָלט פאַרטזעצן דאָס לערנען פּויליש נאָכן גראַדויאירן די 7 קלאַסן „פּאָווּשעכנע""', האָט מען געמוזט פאָרן אין גרעסערע שטעט. צוליב עקאָנאָמישע סיבות האָבן זייער ווייניק זיך דאָס געקאָנט דערלויבן. דער לערער־פערסאָנאַל איז באַשטאַנען נאָר פון קריסטלעכע לערער, די באַציאונג צווישן לערער און שילער איז שטענדיק געווען אַן אָנגעשטרענגטע — אַ געמיש פון רעספּעקט מיט שרעק. עס האָט זיך געפילט נישט ווייניק אַנטיסעמיטיזם.

אַזוי ווי די לעצטע צייט איז צום לערן־פּראָגראַם צוגעגעבן געוואָרן דער קעגנשטאַנד „רעליגיע", האָבן מיר געהאַט די זכיה איינמאָל אַ וואָך צו האָבן אין שול אַ ידישע לערערין — רבקה גערווירצמאַן (יצחק געווירצמנס אַ שוועס־טער), זי איז אויך געווען במשך אַ קורצער צייט מיין פּריוואַטע העברעאישע לערערין, און די ערשטע צו באַקענען אונדז מיט דער מאָדערנער העברעאישער אויסשפּראַך.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך ציטירן אַן אויסצוג פון אַ צושריפט אין מיין גראַדואירונג־אַלבום פון אַ קאַמעניצער אינטעלעקטואַל, בנימין באַגאַטין (ברודער פון חנה באַגאַטין), וועלכער ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „...און אַ

בענקשאַפט צו אַלץ וואָס איז אַוועק און וועט מער נישט קומען". אַ מין נביאות, וואָס איז געוואָרן אַ שרעקלעכע ווירקלעכקייט, נישט מיינענדיק און זיכער נישט פאָר־אויסזעענדיק דעמאָלט דעם חורבן, וואָס האָט געלויערט אויף אונדזערע נאָענטע און טייערע אין דעם שטילן, באַשיידענעם שטעטעלע קאַמעניץ.

כאַצקל קאַגאַן
(ניו־יאָרק)

מיינע יוגנט־יאָרן אין קאַמעניץ ליטאָווסק

די טיפן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, זענען קודם־כל די מלמדים, וואָס האָבן איינגעפלאַנצט אין מיר דעם ווילן צום לערנען. איך דערמאָן זיך:

יוסף וויגוטאָוו, דער שיינער מענטש, תלמיד־חכם און כלל־טוער. ער איז געווען אַ לערער אין תלמוד־תורה, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ זייטיק געסל אין דער גוישער גאַס, וואָס דער „סודיאַ" האָט שפּעטער פאַרנומען פאַרן געריכט־הויז.

עס קלינגען נאָך אין מיינע אויערן די שיינע אויסטייטשונגען פון **תהילים**. פּאָעטיש האָט ער אויסגעזונגען דעם קאַפּיטל „אשרי האיש" און ווען ער האָט אויסגעשריגן — „למה רגשו גוים", איז פול געוואָרן דאָס צימער מיט געפיל פון יידישער מאָנונג. מיר האָבן דאָך אַזוי ליב געהאַט זיך לערנען מיט אונדז.

בן־ציון, אַ מאָדערנער „רבי", לערער־פּעדאַגאָג, האָט געלערנט מיט אונדז תנ"ך, גמרא, דיקדוק, רעכענען און שרייבן. ווען ער האָט געלערנט מיט אונדז מגילת אסתר, איז געווען אינטערעסאַנט זיין מאָדערנער אופן פון איבערגעבן די געשיכטע. לעבעדיק זענען פאַר אונדז געוואָרן די געשעענישן. יעדן שבת בייטאָג, אַנשטאָט לערנען מיט אונדז לימודים, פלעגט ער מיט אַזאַ וואַרעמקייט פאָרלייענען מעשהלעך פון דער „אגדה", וואָס פלעגן אונדז פאַרכאַפּן מיט זייער שיינקייט און מוסר־השכל'דיקייט, דער עיקר מיט זיין אימפּולסיוון פאָרלייענען. זיינע שטראָף־רייד האָבן זיך בערך אַזוי אָנגעהויבן: — „חברה, איצט ווען איר זייט יונג, איז די צייט צום לערנען, איר וועט נאָך האָבן גענוג צייט צו שפּאַצירן אויף די בריקן, און אַרומגייך איבער די גאַסן. אַז איר וועט זיך לערנען, וועט איר ווערן רעספּעקטירט פון אייערע מיטמענטשן אין וועלכער סביבה איר וועט זיך ניט געפינען".

איך געדענק ווי מיין טאַטע איז געווען אַ שטענדיקער אַריינגייער צום רב הרב בורשטיין. מיין טאַטע איז געווען טעטיק אין קהילה'שע ענינים, דער פשוטער פאָלקס־מענטש האָט געשמט מיט זיין ערליכקייט און מיטהעלפן יענעם. אַמאָל שבת בייטאָג האָט מיך מיין פאָטער געבראַכט צום רב צום פאַרהערן. דער רב

באַמערקנדיק מיין שרעק, האָט מיך האַרציק באַרויקט. דער „שיעור" איז אַריבער גוט און גלאַטיק, און דער טאַטע מיטן רב זענען געבליבן צופרידן.

דער רב פלעגט פאַרשיינען די הויפּט גאַס מיט זיין גיין יעדן טאָג צום „שעפּסל"־בית־המדרש דאַווענען. צוויי מאָל אַ יאָר פלעגט ער דרשענען אין גרויסן מויער־בית־המדרש: שבת־הגדול און שבת תשובה. דער רב פלעגט זיין דער מסדר־קידושין. חופּות זענען פאָרגעקומען אונטערן פרייען הימל נעבן אַ בית־מדרש מיטן אָנטייל פון רוב פון שטעטל. דער רב איז רעספּעקטירט געוואָרן פון אַלע שיכטן אין שטעטל פאַר זיינע שכלדיקע עצות וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען. ער פלעגט שרייבן ספרים. אויך זיינע משפּחה־מיטגלידער זענען געווען געבילדעט. דעם רבס הויז איז געווען בשכנות מיט דעם דאָקטאָר פון שטעטל, וואָס האָט געוווינט אין הויז פון מאָטיע „קלעפּעטשיער".



מיטגלידער פון קאַמעניצער מאַגיסטראַט

שלמה'קע מאַנדעלבלאַט, דער שטענדיקער סעקרעטאַר פון מאַגיסטראַט, האָט מיט פיל וואַרימקייט געהאָלפן מיט אַן עצה, אַ גוט־וואָרט, מיט אויסשרייבן פּאַפּירן פאַר די וואָס האָבן זיך געגרייט צו עמיגרירן, אָדער שטעלן זיך צום פּריזיוו, און בכלל וואָס עס איז געווען נויטיק אויף דעם געביט.

דער „קליינער" מענדעלע, דער חסיד (לעווין), וואָס פלעגט אַרומגיין מיט אַ קויש יעדן שבת בייטאָג אויפקלייבן חלה פאַר נויט־באַדאַרפטיקע; די פרייד פון די באַלעבאָסטעס, וועלכע האָבן אַנטקעגן געטראָגן די חלה, מיט ברכות צו אים, פאַר דער מצוה וואָס זיי האָבן.

ס'איז געווען אין דעם ווינטער פון 1927. אין אַ פראָסטיקן זונטיק־בייטאָג האָבן

מיר, אַ גרופּע בחורים, שפּאַצירט אין דער גוישער גאַס. מיר האָבן דערהערט אַ קינדער־געוויין פון אַ גויש הייזל מיט אַ שטרויענעם דאַך, מיט קליינע פענצטער־לעך, וואָס ליגן אויף דער פריזבע באַדעקט מיט שניי. ווען מיר זענען אַריין אין דעם הייזל, האָבן מיר געזען קליינע קינדער, טוליענדיק זיך איינער צום צווייטן, צוגעדעקט מיט שמאַטעס. זייער געוויין פון קעלט און הונגער האָט אונדז באַאומרואיקט. אין דעם קליינעם הייזעלע האָבן געוווינט דער קאָנסטאַנטינער שטע־פּער מיט זיין פאַמיליע. ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער. שמערל סאַלניצע, שייע דעם מלמדס זון וואָס איז געווען מיט אונדז, האָט אויסגעשריען, אַז ס׳איז שרעקלעך צו זען קינדער אין אַזאַ לאַגע — זיי וועלן אויסגיין פון הונגער און קעלט. ווי דערלאָזט מען אַזאַ זאַך! לאָמיר באַלד עפּעס טאָן! צוזאַמען האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן איבער שכנישע הייזער דערציילן וואָס מיר האָבן געזען. ס׳איז גלייך געשאַפן געוואָרן האָלץ, שפּייז און געלט. יעדער איינער האָט זיך באַטייליקט מיט וואָס ער האָט געקאָנט.

אין שטעטל איז געווען אַ „לינת־הצדק", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אַרויס־צו העלפן פאַמיליעס מיט קראַנקע. די מעדיצינישע מכשירים זענען באַשטאַנען פון אַ פּאָר „פּראַבעס" צו מעסטן די היץ, אַ גומענער פענכער פאַר אייז צום לייגן קאָמ־פּרעסן צום קאָפּ. באַנקעס און פאַרשידענע כלים. ווען דער טיפוס האָט געבושעוועט אין שטעטל פלעגן קומען פון „לינת־הצדק" אַ בחור מיט אַ מיידל ביינאַכט באַדינען די קראַנקע, לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ, געבן אַ ביסל סאָק א.א.וו. וואָס ס׳פלעגט פיל אַרויסהעלפן די פאַמיליעס. אַזוי איז געווען אין אַ סך היימען.

אין אַ זונטיק־טאָג פאַר די ימים־נוראים איז אָנגעקומען די ישיבה צו אונדז אין שטעטל. מיטן אָרקעסטער באַגעגנט דאָס אָנקומען פון ראש־ישיבה ר׳ ברוך־בער. יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער זענען אַרויס צו דער אדאלינע ביים שאָסיי. נאָך אַ לאַנגן וואַרטן איז אָנגעקומען דער ראש־הישיבה מיט זיינע געהילפן. די שטעטלדיקע באַגריסן מיט זייער „ברוך־הבא". אַ ווינונג איז שוין געווען גרייט פאַר זיי אין הויז פון דער געוועזענער אַפּטייק אויף דער הויפּט־גאַס.

די ישיבה מיט פיל צענדליקער ישיבה־בחורים פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פלעגט אַריינברענגען אַ ביסל פרנסה אין פיל היימען. די ישיבה האָט פאַרנומען דעם מויער פון בית־המדרש, ווו מ׳האָט געלערנט געשמאַק, מיט התלהבות און וויכוחים ביים אויפקלערן אַ פּילפּול.

אין די פאַרנאַכטן צווישן מנחה־מעריב קומט פאַר די „מוסר־פּאַרציע" פון די ישיבה־בחורים, מיט אַ גיכן גאַנג אַהין און צוריק און אַ טרויער־ניגון, וואָס האָט געוואָרפן אַן אומעט אויף די זייטיקע צוקוקער. אין שמחת בית־השואבה און שמחת־תורה לאָזן זיך די ישיבה בחורים פאַנאַנדער מיט געזאַנג און טענץ.

די ישיבה אין קאַמעניץ האָט זיך איינגעבירגערט און באַאיינפלוסט דאָס גייסטיקע לעבן. ס'זענען דאָן ניט געווען קיין יידישע אָדער העברעאישע וועלט־לעכע שולן.

אין שטעטל זענען באַקאַנט געווען די ברידער סאַפּירשטיין — אָשר, שלמקע, וועלוול און הערשל, אַלע לערער, יעדער אויף זיין געביט. איך האָב זיך געלערנט ביי אשר סאַפּירשטיין, ווען ער האָט געהאַט אַ קלאַס ביי זיך אין הויז אין אַ זייטיק געסל ביי דער קאַברינער גאַס. זיין שיינעם תנ"ך־ניגון געדענק איך נאָך.

ביי שלמקען האָט זיך געלערנט מיט אַ גרופּע יוסל קאַטיק (אפרים קאַטיקס אַ זון), גאָלדע און פּייגל, ריוועלעס שוועסטער. מיר האָבן זיך געלערנט געאָגראַפיע, נאַטור־וויסנשאַפט און אַריטמעטיק. וועלוול און הערשל זענען געווען לערער אין דער פּרעמד.

אשר סאַפּירשטיין פלעגט רעזשיסירן באַרימטע ספּעקטאַקלען, ווי „מכירת יוסף", „בר־כוכבא", „שולמית" און אויך אַנדערע פּיעסן. וועלוול, הערשל, שלמקע און זעלדע (שלמקעס פרוי) פלעגן שפּילן די הויפּטראָלן; אייזיק וואַלענדער און חיה שרה רודניצקי פלעגן זיך אויסצייכענען אין זייערע ראָלן. דאָס איז געווען אַ גרויסער צושטייער אין דעם קולטורעלן לעבן פון שטעטל.

אשר סאַפּירשטיין האָט אויפגעפירט „די כישופמאַכערין" פון גאָלדפאַדען מיטן אָנטייל פון אַ גרופּע יונגע אַרבעטער, יינגלעך און מיידלעך. סענדער (דוד פּאַשע־קיערס) האָט געשפּילט די „באָבע יאַכנע", כאַצקעלע, דער קליינער „קאַטש־קעלע" איז געווען אַ שניידער־יינגל. ער האָט שוין געזונגען „באַבקעלעך". די הויפּט־ראָל האָט געשפּילט באַשקע (חיה גאָלדעס טאָכטער, אַ יונג שיין מיידל), זי האָט שיין געזונגען און געשפּילט. די פאָרשטעלונג איז אויפגעפירט געוואָרן עטלעכע מאָל מיט דערפאָלג.

דריי וויכטיקע קולטורעלע אינסטיטוציעס זענען געווען: די שלום־עליכם־ביבליאָטעק, די קינדער־ביבליאָטעק און די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק. די לעצטע געדענק איך צוליב דעם גרויסן אויסוואַל פון יידישע ביכער. די יוגנט האָט געשמאַק געלייענט אונדזערע קלאַסיקער: מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, שלום אַש, אברהם רייזן און פיל אַנדערע; געלייענט די קריטיקער בעל־מחשבות, ניגער און טרונק. אויך באַקאַנט זיך מיט דער וועלט־ליטעראַטור און אירע קלאַסיקער (דורך יידישער איבערזעצונג). אויף די שפּאַצירן אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן פלעגט מען זיך טיילן מיט די איינדרוקן און אַרויסזאָגן מיינונגען וועגן די העלדן פון בוך וואָס מ'האָט געלייענט.

שפּאַצירן פלעגט מען אויף דער הויפּט־גאַס ביי דער קאַברינער גאַס, וואָס ציט זיך ביז אַפּיסק און נאָך ווייטער, צו די בריקן, וווּ דער טייך אין זעלבן קאַליר

שנײַדט דורך די בריקן וואָס פֿאַראײניקן קאַמעניץ מיט זאַסטאַוויע. די יוגנט אין שיפֿלעך שיפֿן זיך אויף דעם טײַך מיט געזאַנג, אַמאָל אין באַגלייטונג פֿון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. אויף די שפּאַצירן זעט מען די לאַנקעס אַרום טײַך וואָס קוקן אויס פֿון דער ווײַטנס ווי גאָלדענע טעפּיכער, ווען די געלע בלו־מעלאַך אין אָנהויב פֿרילינג קומען אַרויס אין זייער בלי.

אין די שבת פֿאַרנאַכטן און יום־טובים, פֿאַרפּוצטע אָנגעטאָן, שפּאַצירן מאַן און ווײַב, פֿאַרליבטע פּאָרלעך, בחורים מיט מיידלעך אין גרופּן. ווער ס׳רעדט געמיטלעך, ווער ס׳דיסקוטירט; איינער וויל איבערשטייגן דעם צווייטן און איבער־צייגן, אַז ער איז גערעכט און פֿאַרשטייט בעסער. מען רעדט וועגן ליטעראַטור, פּאָליטיק, וועלט־געשעענישן. קאַמעניץ — ווי שיין ס׳האָט געקלונגען אונדזער יוגנטלעך געלעכטער.

די קעסטל־אָוונטן, וואָס די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק פֿלעגט דורכפֿירן אין איר לאָקאַל, אין אַ געסל אויף דער אדאלינע, זענען געוואָרן גוט באַזוכט. מ׳פֿלעגט אָנשרײַבן פֿראַגן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אַרײַנוואַרפֿן אין אַ קעסטל וואָס איז גע־שטאַנען אויפֿן טיש, וווּ עס זענען געזעסן די אָנפֿירער פֿון אָוונט. איינער פֿון זיי פֿלעגט אַרויסנעמען די אָנגעשריבענע פֿראַגע, פֿאָרלייענען זי און פֿרעגן די פֿאַר־זאַמלטע, ווער עס וויל ענטפֿערן. פֿיל פֿון די אָנטיילנעמער פֿלעגן ענטפֿערן לויט זייער וויסן און ס׳פֿלעגן זיך אַנטוויקלען אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס. מיר פֿלעגן זיך באַרײַכערן מיט מער וויסן פֿון אַזאַ קאָלעקטיוון לערנען. אויף די ליטעראַרישע אָוונטן פֿלעגט מען פֿאָרלייענען פֿראַגמענטן פֿון ביכער און אַנאַליזירן דאָס גע־לייענטע. די ביבליאָטעק איז געווען דער שליסל צום וויסן וואָס איז געווען אָפֿן פֿאַר יעדן.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע (אין לאָקאַל ביי רעלקען אין הויז) פֿלעגט פֿירן אַן אינטענסיווע טעטיקייט אין שטעטל צווישן דער יוגנט, פּראָפּאַגאַנדירן דעם ציוניסטישן געדאַנק, זײַן אַקטיוו אין דעם שקל־פֿאַרקויף, זאַמלען געלט פֿאַר דעם קרן־קימת און קרן־היסוד. אָפֿט פֿלעגן קומען רעדנער פֿון דער צענטראַלער אָרגאַ־ניזאַציע צו סטימולירן די געלט־זאַמלונגען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פֿלעגט דורכפֿירן ליטעראַרישע שבת־צונאַכטסן, אויך מיט רעציטאַציעס פֿון אַ גאַסט־אַרטיסט. אַ מאָל איז פֿאָרגעקומען אַ ליטעראַ־רישער משפּט איבער שעקספּירס „שיילאָק". אין זאַל איז געווען דושנע פֿון דעם גרויסן עולם. דער פֿאָרזיצער פֿון דעם משפּט, ליפּע, אַ יונגער בחור מיט אַ רעדנער־טאַלאַנט, איז געווען איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע. ער לייענט פֿאָר דעם אינהאַלט פֿון בוך „שיילאָק". אין זאַל הערשט שטילקייט. מ׳הערט

זיך צו מיט אינטערעס צו די רייד פון אָנקלאָגער און פאַרטיידיקער. די פאַר־זאַמלטע משפּטן דעם מחבר און דאָס בוך.

אין שטעטל איז אויך געווען טעטיק די רעכטע „פּועלי־ציון" מיט איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט" (לאָקאַל אין הויז אונטער דער מויער בית־המדרש), מיט אַ זעלבסטבילדונג־גרופּע. פון בריסק פלעגן אָפט קומען רעפערענטן אויף אַ באַזוך. די חברים ראָגזשאַנסקי און שיינמאַן פלעגן דורכפירן אויפקלער־מיטינגען וועגן אַ יידיש היימלאַנד, געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. זומער 1927 איז פאָרגעקומען אין בריסק אַ קאָנפערענץ פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. איך בין געווען באַשטימט צו זיין איינער פון אַ דעלעגאַציע. די אינסטרוקציעס זענען מיר געגעבן געוואָרן פון ישראל פרייער און חיה קראַקאָווסקי. שפּיזמאַן פון דער צענטראַלע אין וואַרשע איז געווען דער הויפּט־רעדנער. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין זאַל פון האַנטווערקער־פאַראיין.

די יוגנט אין שטעטל האָט געזוכט אַ תכלית; זיך לערנען אַ פאַך איז געווען אַ פּראָבלעם. אין שטעטל זענען געווען מייסטער פאַך־לייט: שוסטער, שניידער, קירזשנער, סטאָליאַרעס, שמידן. פעלכל־מאַכער, אַ סטעלמאַך, אַ טעפּער און דריי שערעד. ס'איז געווען פון יעדן פאַך איינער אָדער צוויי, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגן הויז.


די פאַרדינסטן פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער זענען ניט געווען גענוג זיך אַליין אויסצוהאַלטן. מ'האָט געאַרבעט אַסאַך שעהן און זעקס טאָג אַ וואָך. די אָרגאַני־זירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט אויך דערגרייכט אין שטעטל. ס'איז געקומען פון בריסק אַן אָרגאַניזאַטאָר פון שניידער־פאַראיין, וווּ ס'איז דערקלערט געוואָרן אַ שטרייק אין די שניידער־וואַרשטאַטן און די שניידער און שניידערקעס האָבן געוווּנען דעם 8־שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג מיט בעסערע באַדינגונגען. אין די שוסטער־וואַרשטאַטן איז אויך פאָרגעקומען אַ שטרייק. די בעלי־בתים האָבן געגעבן אַ ווידערשטאַנד. אויך דער ניט געווּוּנענער שטרייק האָט דאָך געבראַכט אַן ענדערונג צום בעסערן, ווי אַרבעטן וויניקער שעהן.

אין שטעטל איז געווען אַ געהיימע לינקע אָרגאַניזאַציע קעגן דער רעכטלאָ־זיקייט אין פּאָלעסיע, וואָס איז געווען ווי אַ פּוילישע קאָלאָניע. די פּראָפּאַגאַנדע האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען צווישן די פּויערים אין די אָרעמיקע דערפער, וואָס זענען געווען פאַראָרעמט. די פּוילישע פּאָליציי פלעגט זיך נוקם זיין אין די פּויערים.

פאַר דעם ערשטן מאַי פלעגן פאָרקומען געהיימע פאַרזאַמלונגען וועגן דער באַדייטונג פון אַרבעטער־יום־טוב. די פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען אַלע מאָל אין אַנדערע ערטער, ווי די „מאָגילקעס" אין נאָענטן וועלדל און אין „טאָל און בערג" — נאָך דער קאָברינער גאַס, אין היימען פון אַרבעטער וואָס האָבן געוווינט

אין זייטיקע געסלעך, און ייִנגלעך פלעגן היטן אויף אַלע וועגן, אַז מ׳זאָל ניט דורכפאַלן.

דעם ערשטן מאַי פון יאָר 1928 איז פאָרגעקומען אַן עפנטליכע דעמאָנסטראַציע פון יונגע פויערים און פויערטעס, וואָס זענען געקומען פון די אַרומיקע דערפער, פאַרפוצט אין יום־טוב־קליידער — די מענער מיט רויטע שלייפלעך, די פרויען מיט רויטע טיכלעך און קאָלירטע קליידער. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דער מאַרק־פּלאַץ אַנטקעגן דער רוסישן קלויסטער. ווען ס׳איז אַרויסגעטראָטן אַ רעדנער איז אָנגעקומען די פּאָליציי און צעטריבן די דעמאָנסטראַציע און איניקע אַרעסטירט. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געוואָרפן שטיינער אויף דער פּאָליציי ביים צוריקטריט. דער שטאָטישער עלעמענט האָט עפנטלעך ניט אָנטייל גענומען.



דער ערשטער אויטאָבוס וואָס האָט פאַרביטן די פורן
פון רעכטס צו לינקס: די אייגנטימער מענדל רעזניק, אשר סטעמפּניצקי און זייער שאָפער קלאַטשקאָ

ס׳האָט פּאַסירט ווען אין אַ ווינטער־נאַכט זענען געקומען פון בריסק געהיים־אַגענטן און פּאָליציי און געמאַכט אַן איבערפאַל איבער אַ צענדליק היימען און אַרויסגענומען פון די בעטן יוגענטליכע, וואָס זענען געווען פאַרדעכטיקט אין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ס׳איז געווען דער ערשטער אַרעסט אין שטעטל. די עלטערן און פאַמיליעס האָבן הילפסלאָז געוויינט, ווען מען האָט די אַרעסטירטע אָפּגעפירט אין בריסקער טורמע. אַ לאַנגע צייט איז דאָס שטעטל געווען באַהערשט פון שרעק און אומרו...

די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן פּאָליטישע רייפקייט אין דיסקוסירן סאָציאַלע פראַגן און געגלויבט און געהאָפט אויף אַ שיינער, גערעכטער וועלט.

דער פאַרקער פון די אויטאָבוסן, וואָס האָבן קורסירט פון קאַמעניץ־זשאַבינקע־בריסק, האָט אַריינגעבראַכט אויפלעבונג אין שטעטל. יונג און אַלט פלעגן זיך פאַרזאַמלען צו באַגעגענען אַן אָנקומענדיקן אויטאָבוס מיט פּאַסאַזשירן, אָפּנעמען גרוסן פון בריסק־זשאַבינקע און אָנקוקן נייע פּנימער פון אַנדערע שטעט, וואָס זענען געקומען וועגן פאַרשידענע ענינים. מ׳פלעגט זיך צוזאַמענקומען ביים באַגלייטן אַן אָפּפאָרנדיקן אויטאָבוס. די שטענדיקע סטאַנציע איז געווען נעבן מאָטקע קאָטיקס בודקע; ווו מ׳האָט באַקומען נאַשערייען פון בעסערן סאָרט, ביי דער בריסקער גאַס, אַנטקעגן דעם קרייז פון קראָמען. די קאָמוניקאַציע האָט דערמעגלעכט די קאַמעניצער יוגנט צו באַזוכן בריסק און באַווירקט דאָס גייסטיקע לעבן אין שטעטל. אַקטיאָרן־טרופּן פלעגן אָפט גאַסטראָלירן אין קאַמעניץ, ספּעציעל אין יום־טובים, ווי פסח, שבועות, סוכות. אין די פרילינג־חדשים פלעגט מען אויפפירן באַוווּסטע פּיעסן. די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אין מאָטיע קלעיפּטשירערס שייער און ביים צעגעלניק אין אדאלינע אין א גרויסער געבידע. דאָס שטעטל האָט הנאה געהאַט פון די אויפפירונגען וואָס פלעגן זיך פאַרענדיקן פאַרטאָג.

די יוגנט האָט געשטרעבט צו עמיגרירן אין דער גרויסער וועלט. די וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו עמיגרירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען געווען די גליקלעכסטע; פיל האָבן עמיגרירט קיין אַרגענטינע, קובאַ, ארץ־ישראל, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער. אונדזערע קאַמעניצער האָבן זיך איינגעבירגערט, ווו זיי זענען, מיט פאַמיליעס, קינדער אויסשטודירטע אויף פאַרשידענע פּראָפעסיעס ווי לערער, אַפּטייקער, דענטיסטן, דאָקטוירים, אינזשינערן, כעמיקער, געשעפטס־מענטשן, בעלי מלאכות א.א.וו.

דערמאָן איך זיך אונדזער שטעטל קאַמעניץ, ווי מיר האָבן געלעבט אונטער באַדינגונגען וואָס זענען געווען באַשרענקט, איז אויך דאָס לעבן געווען פאַרשידנאַרטיק. מ׳האָט חתונה געהאַט, געבוירן קינדער, געלערנט אין חדרים, תלמוד־תורה און ישיבה, געלערנט ביי פּריוואַטע לערער, געלייענט ביכער, געקויפט אַ צייטונג בשותפות, וואָס איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, באַלאַנגט צו פּאַרטייען און געחלומט וועגן בעסערע צייטן. דער קרייז פון קראָמען איז געווען דער קוואַל פאַר פרנסה פאַר דעם גרעסטן טייל פון שטעטל. די קראָמען זענען געווען צוזאַמענגעפּרעסט אין צוויי רייען, מיט ווענטלעך וואָס האָבן אָפּגעטיילט איין קראָם פון דער צווייטער.

אין וואָכעדיקע טעג פלעגן שטיין די קרעמער און וואַרטן אויף קונים, זומער אין די היצן, אָפּקילן זיך ביים שאָטן צווישן די רייען קראָמען, און ווינטער אין די

שנייען מיט די פראָסט, די פרויען מיט די פייערטעפּ, אַרומגעבונדן מיט באַשליקן, פּאַטשיילעס, וואַליקעס אויף די פיס, דערוואַרעמט זיך מיט קלאַפּן אַ פוס אין אַ פוס.

דער עיקר פּרנסה איז געווען יעדן דאָנערשטיק בעתן מאַרק־טאָג, ווען פּויערים פון אַרום שטעטל פלעגן קומען איינקויפן. און אין די „ירידים" — יעדן פינפטן פון חודש. צו די באַרימטע יערלעכע ירידים, לויט די נעמען נאָך הייליקע, פלעגן זיך קרעמער אָנגרייטן מיט געדונגענע יינגלעך און מיידלעך אויף אַכטונג געבן, אַז מ'זאָל נישט צעשלעפּן די סחורה וואָס די קרעמער האָבן געבראַכט צו פירן פון בריסק, אויף באַלעגאַלישע פורן.



אַ יריד־טאָג אין קאַמעניץ

די בעלי־עגלות אין קאַמעניץ, בעלי־בתישע מענטשן מיט פאַרצווייגטע משפּחות האָבן געפירט אַ שיין אָנשטענדיק לעבן, מיט טישן תמיד געגרייט פאַר ישיבה־בחורים, וואָס האָבן געגעסן „טעג" און שבתים פאַר אורחים. זיי זענען געווען פאַררעכנט פאַר סוחרישע מענטשן — רעספּעקטירט פאַר זייער ערלעכקייט, דורך בריסקער הורטאָוויניקעס, וועמענס וואָרט איז געווען הייליק.

ביי דעם אַריינפאָר אין שטעטל זענען געווען די „ראָגאַטקעס", ווו ס'פלעגט זיין אַ שטאַטישן אָפּצאָל פאַר אַריינפאָרן צום פאַרקויף. אַזוי ווי די יידישע בחורים, געדונגען פון מאַגיסטראַט, האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם, האָט עס גורם געווען אומ־צופרידנקייט ביי די פּויערים, וואָס זענען געקומען צום יריד פון נאָענט און ווייט

פאַרקויפן אַ פערד, אַ בהמה, אַ קאַלב, אַ שעפּס, אַ חזיר, הינער, קאַטשקעס, גענז, אייער, תבואה, פּרוכטן, אַ פעלעכל, חזיר האָר, פורן מיט צעהאַקט האָלץ, מיט קלעצער. ס'פלעגן אויך קומען פערד־סוחרים, תבואה־סוחרים. און ווען מעקלערס מיט זייערע גראָבע שטעקנס פלעגן ביים איינהאַנדלען אַ פּאַטש טאָן אין די הענט, איז געשלאָסן געוואָרן דער מסחר.

טעפּער פלעגן אַרויסשטעלן ערדענע כלים ווי טעפּ, שיסלען, לאַדישקעס, פאַרשידענע פּאַליווּענע כלים; קרעמער פלעגן אַרויסהענגען קאָלירטע טיכלעך מיט סטענגעס, שיך אויף טשוועקעס אויף דעם רושאָק פון טיר ביים אַריינגאַנג; פאַרטיקע טאַנדעטנע מלבושים, וואָס מ'האָט אָנגעמאָסטן אויף פויערים מיט אַ צי אַהער און אַהין דעם מלבוש; דער סטעלמאַך מיט נייע רעדער פאַר וועגענער — גרייט צום פאַרקויף; שמידן — פאַרנומען מיט שמידן פּאָדקאָוועס אויף פויערישע פערד. די אייזן־קרעמער — מיט סערפּן, אַקער־אייזן, טשוועקעס פאַר דעם פויע־רישן באַדאַרף. די בעקעריי געשטעלן — אָנגעגרייט מיט פרישע געבעקסן — ברויט, בולקעס, קרענץ מיט בייגל גרויסע און גאָר קליינע —— גרייט פאַר קונים; צוקערקעס איינגעוויקלט אין קאָלירטע פּאַפּירלעך — אין דרויסן פוןביילע תוּת'ס קרעמל. זי צאַפּט סאָדעוואַסער פון אַאַ קופּערנעם באַלאָן, איינגעוויקלט אין זעק אין אַ פעסל „מאַראָזשענע" („אייז־ליאָדעס") מיט שאָקאָלאַד־קאָליר. זומער — כאַלוועס און ווינטער — קאַפּטשאַנקעס. ס'קיצלט דעם גומען ביים צוקוקער. די הערינג אין פעסלאַך וואָס פויערים קויפן צום עסן מיט ברויט. די שענקן פול מיט פויערים און פויערטעס, טרינקען בראָנפן, פאַרבייסן מיט געפּרעגלטע פיש; הערינג — אָנגעגרייט פאַר דעם יריד־טאָג. קללות פון שיכורע פויערישע מיילער פאַרטומלט אין געדראַנג פון אַריין און אַרויס אַ גאַנצן טאָג. אַ קאַטערינטשיק מיט אַ פּאַפּוגיי אויף אַ קעסטל מיט קוויטלעך פון גורלות. אַ פּאָר גראָשן צאָלן פויערים צו וויסן זייער גורל. און סתם פאַרשידענע אָפּנאַרער פון יריד. קעשענע־גנבים פון דער פרעמד באַאַרבעטן די פויערים געשווינד. דערנאָך קומען די געוויינען און געשרייען, צוליב דעם פאַרשווינדן פון דעם געלייזטן געלט.

די קרעמער זענען פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג מיט דינגען זיך און שלעפּן די פויערישע קונים אין קראָם. די שטאָטישע, וואָס האַנדלען נישט, שטופּן זיך אין געדראַנג פון דער פויערים־מאַסע פון אָרט צו אָרט און באַטראַכטן די געשעענישן פון יריד־טאָג.

דער יריד איז געענדיקט מיט דעם אונטערגאַאַנג פון דער זון. אַלע צעפאָרן זיך.

פ. זאַלף ז״ל

דער רעוויזאָר

פאַליק זאַלף, געבוירן דעם 18טן סעפטעמבער 1896 אין זאַסטאַוויע, האָט דאָרט געגרינדעט די ערשטע יידישע פאָלקסשול. אין יאָר 1927 עמיגרירט ער קיין קאַנאַדע און ווערט לערער אין דער וויניפּעגער פאָלקסשולע. ער איז אויך טעטיק אַלס יידישער שריפטשטעלער. אין זיינע ביכער „אויף פרעמדער ערד״ (פּרעמירט פון ייוואָ, 1945), „די לעצטע פון אַ דור״ (1952), שילדערט ער טיפן און געשטאַלטן פון די אומגעקומענע שטעטלעך אין פוילן און ליטע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך עסייען וועגן יידישע שרייבער (1946) און אַ קינדער־פּיעסע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע שולן פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

יעדן זומער, ווי גיך די בלאָטיקע וועגן, וואָס האָבן געפירט צו אונדז אין שטעטל, זענען אויסגעטריקנט געוואָרן און די גאַנצע נאַטור האָט זיך צעבליט און צעוואקסן און באַגאָסן מיט גאָלדענע שטראַלן פון דער זון, האָבן מיינע טאַטע־מאַמע אָנגעהויבן שטאַרק ציטערן פאַרן רוסישן קייסער. ווי נאָר מען האָט דער־הערט פון דער וייטנס עפּעס אַ קלינגען מיט אַ גלעקל, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָס פאָרט אַ פּריץ, אַ רוסישער „נאַטשאַלניק״, פלעגט דער טאַטע ווערן בלאַס ווי די וואַנט, אַז יעדע האָר פון זיין בלאָנד־געדיכטער באָרד פלעגט זיך אָנהייבן צו טרייסלען. ער פלעגט באַלד פונאַנדערלאָזן דאָס חדר. די תלמידים פלעגן זיך צעלויפן אין אַלע זייטן, ווי אַ סטאַיע צעשראָקענע פייגל. די מאַמע ביים קוימען פלעגט בלייבן שטיין אין גאַנצן אַ פאַרשטאַרטע, מיטן הילצערנעם קאָך־לעפל אין האַנט און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. ביז גאָט האָט געהאָלפן און דער נאַטשאַלניק איז בשלום אַריבערגעפאָרן, און דאָס קלינגען פונעם גלעקל האָט אויפגעהערט. ערשט דעמאָלט איז מען געקומען צו זיך.

דאָס האָט מען זיך אַזוי געשראָקן פאַרן רעוויזאָר, וואָס פלעגט יאָר־איין, יאָר־אויס אַראָפּקומען פון דער גובערניע־שטאָט, אָדער „אַזש פון פּעטערסבורג", אויפצומאָנען ביים טאַטן „די דריי הונדערט רובל" שטראָף, פאַרוואָס ער האָט נישט צוגעשטעלט זיין עלטערן זון, לייזערן, צום פּריזיוו. און ווען דער צווייטער זון, משה־בער, האָט אויך אָנגעפייפט דעם רוסישן קייסער און אויך געמאַכט אַ ויברח אַזש קיין אַמעריקע, איז דעם טאַטנס חוב צו „קאַזנאַ" געשטיגן ביז צו דער קיילעכדיקער סומע פון זעקס הונדערט רובל. דאָ האָט דער קייסער זיך שוין איינגעשפּאַרט דווקא אויפצומאָנען דעם גרויסן חוב ביים טאַטן, דעם מלמד.



דער שרייבער פאַליק זאַלף ז"ל

און ווי נאָר עס איז געקומען דער ליבער זומער, האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז אַ ליאַדע טאָג זאָל פּלוצלינג אַראָפּקומען דער אַסעסאָר, אָדער דער רעוויזאָר, און אָפּשרייבן דאָס גאַנצע ביסל באַלעבאַטישקייט, מיט די בעבעכעס, מיט די קופּערנע ירושה־פאַנען, מיט די מעשענע לייכטערס, מיטן מערזשל און מיט אַלץ מיט אַנאַנדער... ווי נאָר מען האָט דערהערט, אַז עס קומט אָן „אַ קנעפּל" פון דער גרויסער שטאָט, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, ווייל אַזעלכע „קייסערלעכע בעלי־חובות" זענען אין שטעטל געווען אַ סך. ערשט ווען גאָט האָט געהאָלפן, דער ליבער, טייערער זומער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און דער קאַלטער, נאַסער האַרבסט האָט זיך ווידער אָנגערוקט מיט זיינע רעגנס און פאַרגאָסן אַלע וועגן און שטעגן מיט אַ געדיכטער, קלעפּיקער בלאָטע, דעמאָלט האָבן מיינע טאַטע־מאַמע

אָפּגעאָטעמט; דעמאָלט האָבן מיר, קליינוואַרג, אויך שוין געקענט רואיק שלאָפן אויף דער מאַמעס קישעלעך צו קאָפּנס...

אָבער נישט נאָר אין דעם זכות פון דער טיפער, קלעפּיקער בלאָטע איז מיין טאַטנס שווער־פאַרהאָרעוועט ביסל פאַרמעגן ניצול געוואָרן פון אַריינפאַלן אין גוישע הענט, נאָר דער עיקר האָבן מיר דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם שטאָטישן ידישן „טשלען" (מיטגליד) פון דער „מעשטשאַנסקער אופּראַווע" (מאַגיסטראַט), יודל קאָטיק, וועלכער האָט געהערט צו דער באַרימטער קאַמעניצער קאָטיק־משפחה, וואָס האָט אין משך פון דורות געפירט די גאַנצע שטאָט ביד רמה. ביי זיי אין די הענט איז שטענדיק געלעגן די „קאָראָבקע", די טאַקסע און אַנדערע שטאָטישע הכנסות. מיט זייערס אַ וואָרט האָט מען זיך געמוזט רעכענען. און טאַקע דערפאַר האָט מען זיי גערופן אין קאַמעניץ די „קייסערלעכע גוואַרדיע" (זע, יחזקאל קאָטיק: „מיינע זכרונות").

יודל קאָטיק איז אויך געווען, ווי זיין זיידע און עלטער־זיידע די „נאַבאָר־שטשיקעס", די „פּרנסים", אויסגעבונדן מיט דער רוסישער נאַטשאַלסטווע. מיט איטלעכן געווען אַ פּאַני־בראַט. יעדער נאַטשאַלניק, יעדער גרויסער מענטש, וואָס איז געקומען פון אויעזד אָדער פון דער גובערניע צוליב רעגירונגס־עסקים, האָט אָפּגעשטאַט דעם ערשטן וויזיט ביי יודל קאָטיק אין שטוב, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון מאַרק. אָט די דאָזיקע שטוב האָט טאַקע געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ רוסישן סאַלאָן. אַהין פלעגן זיך אָפט צונויפקומען די שטאָטישע פּני, די רוסישע אינטעליגענץ, ווי דער רוסישער גלח, דער ידישער דאָקטאָר, דער פּויל־ישער אַפּטייקער, דער פּריסטאַוו, דער פּאָסטמייסטער, דער סודיאַ (ריכטער) און אַנדערע. מען האָט געשפּילט אין קאָרטן, אין שאַך, געטרונקען בראָנפן, וויין און טיי פונעם גרויסן סאַמאָוואַר, און פאַרביסן מיט די געשמאַקע ידישע פּאַטראַוועס, וואָס זיין ווייב, מאַטקע, די באַרימטע אשת־חיל, פלעגט שוין באַצייטנס צוגרייטן פאַר זיי. יודל קאָטיקס קינדער זענען אויך געווען די ערשטע אין שטאָט, וואָס האָבן שוין געלערנט אין דער בריסקער גימנאַזיע, געטראָגן מונדירן מיט זילבערנע קנעפּ, גערעדט רוסיש און אונטערגעפייפט אַ רוסיש לידל. איז ווו אַ קהלשע צרה, ווו אַן אומגליק, ווו אַ גזירה, איז מען שוין געלאָפן צו קאָטיקן, דעם שתדלן, ער זאָל שרייבן אַ „פּראָשעניע צום קייסער". האָט מען געמאַכט אַ ידן אַן „אַקט", אַ „פּראָטאָקאָל" — איז מען ווידער געלאָפן צו קאָטיקן. ער פלעגט איטלעכן אויסהערן מיט ווירדע, מיט חשיבות, ווי ער וואָלט טאַקע געווען דער גובערנאַטאָר אַליין.

אָט דער יודל קאָטיק האָט, ווי אַ רייכער גביר, וואָס האַלט אויס מיט זיין פילאַנטראָפּיע אַ געוויסע קהלשע אינסטיטוציע, גענומען אויף זיך צו באַשירמען

דעם טאַטנס ביסל אָרעמקייט, עס זאָל נישט אַריינפאַלן צום קייסער אין די הענט אַריין. ווי גיך ער האָט דערשמעקט, אַז ס'איז אַראָפּגעקומען אין שטאָט אַ רעוויזאָר צו מאָנען ביי יידן „די דריי הונדערט רובלדיקע", פלעגט ער גלייך שיקן אַ שליח מיוחד קיין זאַסטאַוויע אָנצוזאָגן אונדז, אַז מען זאָל וואָס גיכער „אויסראַמען דעם חמץ".

באַלד פלעגט ווערן אין שטוב אַ סומאַטאָכע, אַן איבערקערעניש. דעם טאַטנס עלטערע תלמידים און אָנגעלאָפענע שכנים פלעגן נעמען כאַפּן — דער אַ פּערענע, דער אַ קישן, דער אַ דייזשע, דער אַ גאַנג ספרים און אַוועקטאַסקען צו זיך אַהיים. איבערגעלאָזט האָט מען נאָר דעם גרויסן טיש מיט די אַראָפּגעהאַנגענע „קלאַפּעס". מיט דעם הילצערנעם הינקעדיקן בעט, וואָס איין פוס זיינער איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף אַ קלעצל האָלץ, מיט דער „שלאָף־באַנק", וואָס זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי־זעק — „סעניקעס" — ווי מען האָט זיי גערופן. נאָך אַזאַ „בדיקת חמץ" האָט אונדזער קליין דירהלע אויסגעזען ווי ערשט נאָך אַ פּאָגראָם... און כדי דאָס בילד זאָל אויסקוקן עכט־רעאַליסטיש, פלעגט דער טאַטע נעמען אַ ספר אין האַנט, זיך אַוועקזעצן ביים טיש, זיך געמאַכט מכלומרשט ווי ער לערנט. די מאַמע האָט געכאַפּט אַ טאָפּ מיט פעדערן צום פליקן. און אונדז קליינוואַרג האָט זי אַריינגעשטופּט אין די הענטלעך אַריין צו שטיקלעך האַרטע ברויט, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געקייט מיט אַ גאָר באַזונדערער הנאה...

דער רעוויזאָר, אין באַגלייטונג פון יודל קאָטיקן, מיטן דיקן פּאָרטפּעל אונטערן אָרעם, וואָס איז געווען אַזוי זיכער, אַז אָט־אָט באַלד וועט ער שוין באַרייכערן דעם רוסישן מלוכה־אוצר, איז ווי נאָר ער האָט דערזען דאָס פּנים פונעם טאַטנס דלות, וואָס איז איצט געלעגן אַ נאַקעטער, אַן אָנטבלויזטער, פלעגט בלייבן שטיין ביים שוועל און מורא געהאַט צו מאַכן אַ טריט ווייטער... און כדי יוצא צו זיין פאַר זיין קייסער, פלעגט ער אַ פרעג טאָן דעם טאַטן:

— פון וואַנען לעבסטו מיט דייך סעמעיסטוואָ? (הויזגעזינד).

— פון שטעלטשער קצבה, — פלעגט דער טאַטע ענטפערן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

— ווו זענען דיינע זין?

— איך ווייס נישט, צעלאָפן זיך ערגעץ אין דער וועלט אַריין, זוכן ברויט... — פלעגט דער טאַטע אויסלאָזן מיט אַ קרעכץ.

יודל קאָטיק, וואָס איז בטבע געווען אַ וויצלער, אַ קטאָוועס־טרייבער, דערצו נאָך איז ער איצט געווען העכסט צופרידן, וואָס זיין שפּיל מיטן רוסישן רעוויזאָר האָט זיך אים אַזוי איינגעגעבן, פלעגט פון זיין זייט נאָך צווואַרפן אַ ווערטל:

— ווערליק אַזאַ „אוטשאָני יעוורעי", ווי אָט דער „סרול זשאלף" איז, וואָלט

געווען אַ יושר גדול, אַז דער קייסער ירום הודו זאָל אים נאָך אַריינשיקן אַ פּאָר רובל אויף שבת...

דער רעוויזאָר פלעגט זיך צוזעצן אויף אַ האַלבן בענקל, הייסן אַ פּאָר אָנגע־זעענע באַלעבאַטים זאָלן זיך אונטערשרייבן, אַז ביים נעמלעכן „סרול זשאלף", האָט ער צום באַדויערן גאָרנישט געפונען, ווייל ער איז במחילה אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, און דעריבער איז ער געצוווּנגען אַוועקצופאָרן מיט ליידיקע הענט... אַזוי האָט זיך עס געפירט יאָר־איין, יאָר־אויס.

אָבער ווי גיך דער טאַטע איז געוואָרן אַ באַלעבאָס איבער אַן אייגענער נחלה — דער מאַמעס ירושה־שטיבעלע, וואָס מען האָט אַריבערגעפירט פון דאָרף לוסקעלע אין שטעטל אַריין, האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס וועט איצטער זיין? טאָמער חלילה דערוויסט זיך דער קייסער אין פּעטערבורג, אַז דער טאַטע איז פלוצלינג אויפגעריכט געוואָרן מיט אַן אייגענער שטוב, וועט ער דאָך קומען און זי צונעמען? מילא, מיט די נכסים דנײַדי, מיטן ביסל מטלטלין, וועט מען, ווי אַלע מאָל, זיך שוין אַן עצה געבן. אָבער אַ שטוב קען מען דאָך נישט באַהאַלטן ביי אַ שכן?

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת מיט דער מאַמען, איז דער טאַטע אַוועקגעלאָפן צו ר' מאיר פאַסטערנאַק, וואָס איז געווען זייער אַ בכבודיקער באַלעבאָס אין שטעטל, און דערפאַר איז נישט איין שטיבל אַזאַ געווען פאַרשריבן אויף זיין נאָמען, געמאַכט מיט אים אַ „קנין", אַז דאָס דאָזיקע שטיבל געהערט אויך צו אים. איז ווי גיך דער רעוויזאָר איז אַראָפּגעקומען צום טאַטן אין שטעטל, איז באַלד געקומען צו לויפן אַ פאַרסאָפּעטער ר' מאיר פאַסטערנאַק מיט דער „קופּטשע" (שטר מכירה) אין האַנט, וווּ עס איז בפירוש פאַרשריבן געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס און געחתמעט מיט עדות, אַז דאָס דאָזיקע שטיבעלע איז זיין „אימושטשעסטוואָ", זיין אייגנס — אַ סימן, אַפילו די „נאַלאָגן", די שטייערן, צאָלט ער אויך פאַר דעם. נאָר דער טאַטע מיינער איז נישט מער ווי זיין „בידנער קאָמערניק", זיין שכן...

איין מאָל איז געשען אַזאַ מעשה, וואָס יאָרן־לאַנג האָט מען וועגן איר גערעדט אין שטאָט קאַמעניץ און אין שטעטל זאַסטאַוויע, און דערביי נישט אויפ־געהערט צו רימען און צו לויבן דעם קלוגן, שאַרפן קאָפּ פון יודל קאַטיק.

די מעשה איז געווען אַזאַ:

פלוצלינג, אין אַ שיינעם זומער־טאָג, איז אַראָפּגעקומען קיין קאַמעניץ אַ רעוויזאָר, וועלכער איז אין גאַנצן אַנדערש געווען פון אַלע פריערדיקע רעוויזאָרן. דאָס איז געווען נאָך אַ יונגער שנעק מיט אַ פּאָר דינינקע, בלאָנדע וואָנצעלעך — אַ זון פון אַ רייכן, דאַרפישן בעל־גוף, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ רוסישע שקאָלע און האָט זיך נישט דערדינט צו ווערן „טשינאָווניק". האָט ער, פון גרויס דאַנק־

באַרקייט צו זיין „צאַר באַטיושקאַ“, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן אַזאַ חסד און גנאָד, זיך פאַרנומען צו דינען אים בלב ובנפש, האָט ער שוין, ביי זיין ערשטער שליחות געוואָלט באַווייזן, אַז נישט געקוקט וואָס אַלע פריערדיקע רעוויזאָרן וואָס זענען געווען פאַר אים, האָבן געהאַט צוגעשטעלט ראַפּאָרטן, אַז מיין טאַטע „סרול זשאלף“ איז לא־עלינו אַן אמתער „בעדניאַק“, וואָס פאַרמאָגט נישט אַפילו קיין אייגענעם צעבראָכענעם שערבל, וועט ער אָבער דווקא באַווייזן אויפצומאָנען ביי אים מיט איין קנאַק די גאַנצע זעקס הונדערט קערבלעך פאַר זיינע צוויי אַנט־לאָפענע זין פון פּריזיוו.

מיט דעם באַשלוס איז ער דאָס געקומען אין שטעטל. ער האָט אָבער קיינעם דערפון נישט געוואָלט דערציילן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די שטעטלשע „כיטרע זשידעס“ זאָלן אים דאָ עפּעס נישט אָפּטאָן אַ שפּיצל, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט.

ער איז פאַרפאָרן אין אַן אָרעמער אכסניא. אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעכמורעטער, אַ בייזער. מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט. פון צייט־צו־צייט געכאַפּט אַ שפּאַציר איבער די גאַסן, איבערן מאַרק, צווישן די קראָמען; געקוקט, געזוכט, געפאָרשט מיט זיינע כיטרע, בייזע אויגן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען.

אויף וויפל דער קלוגער, כיטרער יודל קאָטיק האָט זיך נישט באַמיט מיט כל המצאות שבעולם אַרויסצוקריגן פון אים דעם סוד פון זיין קומען אַהער, איז אים נישט געלונגען. ער האָט אים שוין נישט איין מאָל געפּרוווט געבן אָנצוהערע־נישן, אַז, אדרבא, זאָל נאָר דער פּריץ־לעבן זאָגן וואָס ער פאַרלאַנגט, וואָס איז ער דאָ אויסן מיט זיין זיצן אין שטעטל, וועט ער, אַלס דער „טשלען“ פון דער מעשטשאַנסקער אופּראַווע, אים אַנטקעגן קומען, אים אַרויסהעלפן מיט אַלעם נייטיקן, ווי ער איז זיך נוהג מיט אַלע רעוויזאָרן, וואָס זענען געקומען פאַר אים... עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפן. דער גוי איז אַלץ געבליבן איינגעשפּאַרט, ווי אַ יונג פערד, וואָס מען האָט אים צום ערשטן מאָל איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן.

אין שטעטל איז דערווייל געווען אַ בהלה: — ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צרות אָט דער ערל, ימח שמו, וועט עס נאָך דאָ אָפּטאָן? — האָבן יידישע קרעמער און שענקער זיך געשושקעט איינער מיטן אַנדערן.

באַלד האָט איטלעכער אָנגעהויבן באַשטאַטן זיין „טריפענע סחורה“; איינער די פּעקלעך טיטון אָן די באַנדעראָלן, אַ צווייטער די פלעשלעך קוואַס, בראָנפן, אַ דריטער — די פּעקלעך שוועבעלעך און נאָך אַזעלכע מינים סחורות פון וואָס יידן האָבן געצויגן זייער חיונה. מלמדים, וואָס לויטן געזעץ האָבן זיי אויך געדאַרפט האָבן פּאַטענטן, האָבן פונאַנדערגעלאָזן די חדרים, יידן זענען אַרומגע־

גאַנגען ווי אַן קעפּ. מען האָט זיך געשראָקן פאַרן יעדן שאָרך, פאַרן אייגענעם שאָטן. אומעטום זענען געשטאַנען קופּקעלעך מענטשן און האָבן זיך געשושקעט. איטלעכער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן וואָס מען רעדט. יעדער איינער האָט געגעבן אַן אַנדערע עצה ווי אַזוי איבערצוקליגן אָט דעם נייעם רעוויזאָר, דעם מלך חדש... שטעטל האָט זיך געוויגט. מען האָט זיך אַרומגעדרייט פאַר דער אכסניא, וווּ ער איז איינגעשטאַנען. מען האָט געשנאַפּט, געפּאָרשט, — אפשר וועט מען פון דאָרטן עפּעס וואָס דערגיין... וואָרעם נישט אומזיסט זיצט שוין דאָ דער פּריץ דעם אַנדערן טאָג, און שטאָט ווייסט נאָך אַלץ נישט וואָס ער איז און וואָס ער וויל... און די שעהן און די טעג האָבן זיך געצויגן אַזוי לאַנג ווי דער ידישער גלות...

אָבער גאָר אומגעריכט איז געקומען די ישועה. עס איז געווען פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, ווען דער פאַסטעך האָט שוין געטריבן אַהיים די טשערעדע פון דער פּאַשע, האָט דער „אדון הגדול" פּלוצלינג געשיקט רופן צו זיך יודל קאָטיקן און אים פאָרגעלייגט צו גיין מיט אים אַ ביסל שפּאַצירן „צו די בריקן", וואָס איז געווען דער שענסטער שטעטלשער שפּאַציר־וועג. יודל קאָטיק האָט זייער גערן אָנגענומען אָט די דאָזיקע איינלאַדונג. עס האָט אים, פאַרשטייט זיך, זייער שטאַרק הנאה געטאָן וואָס ענדלעך האָט דער יונגער, בייזער „פּריץ" זיך פאָרט געמוזט בייגן פאַר אים, דעם שטאָט־תקיף.

און ווי שטאָט האָט דערזען, אַז די ביידע גרויסע לייט, דער ייד קאָטיק, מיטן שטעקן אין האַנט און מיטן גראָבן ציגאַר אין מויל פון איין זייט, און דער גויישער נאַטשאַלניק מיטן דיקן פאָרטפעל אונטערן אָרעם — פון דער צווייטער זייט, האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ שפּאַציר, האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט. מען האָט געזען אין דעם שוין אַ סימן, אַז אַלץ וועט אם ירצה השם זיך אויסלאָזן צום גוטן...

זענען די ביידע זיך אַזוי געגאַנגען, געמיטלעך, מיט געמאָסטענע טריט, אַהין צום וועג, וואָס האָט געפירט צום פאָרשטעטל זאַסטאַוויע. קומענדיק שוין ביי די בריקן, האָט דער רעוויזאָר גענומען אַרויסגעבן פון זיך דעם סוד, אַז דאָס האָט ער איצט בדעה צו גייך קיין „זאַמאסטי" צום „יעוורעי סרול זשאַלף", מאַכן ביי אים אַ רעוויזיע...

ווען יודל קאָטיק האָט דאָס דערהערט איז אים נעבעך געוואָרן שטאַרק קאַלט־מוטנע אויפן האַרצן. אויף אַזעלכעס האָט ער זיך נישט געריכט. אָבער וואָס זאָל ער איצט טאָן? ער קאָן דאָך נישט איבערלאָזן דעם רעוויזאָר אין מיטן דערינען און לויפן אָנזאָגן ישראל לוסקעלער דעם מלמד, אַז דאָס גייט מען איצט צו אים אָפּשרייבן זיינע בעבעכעס? אים איז איצט נישט געגאַנגען אַזוי אין דעם וואָס מען גייט איצט אומגליקלעך מאַכן אַן אָרעמען יידן, נאָר דער עיקר האָט אים איצט

געאַרט, וואָס זיין גאַנצע רעפּוטאַציע אַלס דער באַשיצער פון זיינע יידעלעך שטייט איצט אין גאַנצן אין קאָן...

אָבער מיט אַ מאָל — ווי אַ נס מן השמים, האָט זיך גראָד אָנגעיאָגט שייע דער סטאָליער מיט די לאַנגע פיס, ווי ביי אַ באָטשאַן, מיטן זעקל געצייג אויפן אַקסל, מיטן זעגל און הובל אין האַנט, וועלכער איז געגאַנגען פון שטאָט פון דער אַרבעט, צו זיך אַהיים קיין זאַסטאַוויע. ביי יודל קאָטיקן אין מוח האָט באַלד אויפגעבליצט אַ געדאַנק. ער האָט זייער אונטערטעניק געבעטן דעם געהויבענעם גאַסט, זיין באַגלייטער, אַז ער זאָל אויף אים קיין פאַראיבל נישט האָבן וואָס ער לאָזט אים איבער אויף אַ ווײַלע איינעם אַליין, און מיט האַסטיק־גיכע טריט איז ער פאַרלאָפן שייע דעם סטאָליער דעם וועג, אים אַ כאַפּ געטאָן ביים קאַפּטן, אָנגעהויבן אים טרייסלען מיט כעס און זיך צעשריען אויף אים האַלב אין יידיש און האַלב אין לשון קודש:

— העי, דו מאַשעניק! דו ביסט נישט חולה צו נעמען די רגלים אויף די פּלייצעס און מודיע זיין דעם יהודי, דעם גמרא־מלמד, אַז אָט דער אדון־הגדול גייט איצט צו אים בודק־חמץ זיין! געדענק, אויב דו וועסט דאָס נישט טאָן, וועל איך דיך אין חד־גדיא אַריינזעצן!

שייע דער סטאָליער, הגם ער איז בטבע געווען פון די נישט זייער איבער־געשפּיצטע, האָט פון דעסטוועגן באַלד געכאַפּט זיך וואָס מען פאַרלאַנגט איצט פון אים. אַ דערשראָקענער האָט ער נאָך עפּעס וואָס געפּרוווט מורמלען, און באַלד גענומען שטעלן פיס, ווי נאָר ער האָט געקענט.

און ווען דער רעוויזאָר האָט געפרעגט יודל קאָטיקן וואָס ער האָט אַזוי צעשריען זיך אויפן יידישן בעל־מלאכה, האָט דער כיטרער יודל קאָטיק באַלד אויפן אָרט צוגעטראַכט אַזאַ תירוץ:

— ער האָט אים — זאָגט ער, — שוין לאַנג באַשטעלט צו קומען פאַרריכטן דעם גאַנעק פון דער „אופּראַווע" (מאַגיסטראַט) און ער קומט נישט. דערצו איז ער נאָך שולדיק שוין היפּשע עטלעכע רובל פאַר „נאַלאָגן" (שטייערן). האָב איך געוואָלט, אַז ער זאָל דאָס אָפּצאָלן מיט אַרבעט. באַהאַלט ער זיך אויס פון מיר. איצט האָב איך אים געפּאַקט, האָב איך אים גוט אָנגעזידלט, אַזאַ פּאַסקודניאַק!...

שייע סטאָליער האָט געשפּרייזט מיט שנעלע טריט. ווּעמען נאָר ער האָט באַגעגנט אויפן וועג, האָט ער געשיקט, מען זאָל לויפן וואָס גיכער אונדז אָנזאָגן. איין שליח איז געלאָפן פאַרן אַנדערן. באַלד איז געקומען צו לויפן דער טאַטע פון בית־המדרש מיט אַ כאָפּטע יונגע חברהלייט און גיך זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן גאַנצן ביסל כלי בית און עס אַוועקגעטראָגן צו די שכנים. ס'האָט נישט געדויערט לאַנג ווי פון אונדזער שטיבעלע זענען געבליבן נישט מער ווי ליידיקע פיר ווענט.

דער נייער יונגער שטאָלצער רעוויזאָר, וועלכער איז געווען ביי זיך אַזוי האָפערדיק און אַזוי זיכער, אַז דאָס מאָל וועט אים געוויס זיך איינגעבן צו פּאַקן ביים טאַטן די אמתע „מאַטניאַ״, האָט נעבעך געמוזט אַוועקפאָרן מיט ליידיקע הענט...

אַ לאַנגע צייט האָבן קאַמעניץ, זאַסטאַוויע און אויך די אַרומיקע שטעטלעך, געלאַכט, זיך געוויצלט, ווי אַזוי דער קלוגער און שאַרפזיניקער יודל קאָטיק, דער „טשלען״ פון דער „מעשטשאַנסקער אופראַווע״, האָט געפירט דעם נייעם, שטאָלצן רעוויזאָר אין באָד אַריין...

(פון פ. זאַלפּס בוך זכרונות)

שפרה מזובר־באַבראַווסקי
(ראשון־לציון)

זכרונות פון מיין שטעטל

אין אַ געוויסן טאָג האָט מיך מיך מאַמע אַוועקגעפירט אין חדר אַריין צום מלמד שייעלע לערנען עברי. האָט מיט מיר דער מלמד אָנגעהויבן לערנען אויף אויסנווייניק דעם „מודה אני", „קריאת שמע", און אַלע אַנדערע ברכות: אַ ברכה איבער אַ דונער, איבער אַ בליץ, איבער אַ רעגנבויגן און אַלע ברכות איבער אַלע מינים עסנוואַרג, אויך די שבתדיקע ברכה „ווען דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק".

מען האָט זיך געאײַלט צו ענדיקן, כדי ס'זאָלן לערנען די יינגלעך וואָס זענען געבליבן אין חדר דעם גאַנצן טאָג און געלערנט ביז חומש און רש"י. מײַנע צוויי ברידער משהקע און מרדכי, זכרונם לברכה, האָבן געלערנט אין דעם חדר. איך געדענק ווי די מאַמע פלעגט מיך שיקן אַוועקטראָגן זיי אָנבייסן. צוריקגייענדיק פלעג איך אַוועקלויפן צום אדאלענער בארג און זיך פון אים אַראָפּקייקלען. אַזוי זומער אויפן זאַמד און ווינטער אויפן אייז. גוואַלדיק איז געווען דאָס פליען פאַר אונדז קינדער פון דעם דאָזיקן אדאלענער באַרג.

פרײַטיק פלעג איך אַרויסגיין צו זונע דעם בעקער, צו באַווייזן אַוועקטראָגן באַצייטנס דעם טשאָלנט, ער זאָל פאַררוקן אין אויוון. אויפן וועג פלעגט זיך הערן דאָס טראַסקעריי פון האַקמעסערס ביים מאַכן די געפילטע פיש אויף שבת.

משה־חיים דער וואַסערטרעגער פלעגט ברענגען אויף זײַנע אַקסלען קאַראָמיס־לעס מיט צוויי עמערס טייך־וואַסער אויף טיי. אַרײַנקומען פלעגט ער באַגינען, ווען מיר האָבן באַנוצט נעגל־וואַסער מיט דער קופּערנער קוואַרט.

די מאַמע פלעגט אויף אים רחמנות האָבן און זאָגן: „קום, משה־חיים, שטעל אַוועק די עמערס, עס אויך אַ וואַרעמען אולניק פון פרײַדע די אולניצקע".

דער אומגליקלעכער משה־חיים פלעגט נעמען דעם אולניק אין האַנט און זאָגן, אַז ער דאַרף נאָך אַ סך אין פרימאָרגן־צײַט ברענגען טייך־וואַסער אויף טיי, און — אַוועקגעלאָפן.

איך געדענק ווי אין אונדזער שטעטל, גלייך נאָך פּורים, האָט מען אָנגעהויבן צו באַקן מצות אויף פּסח. דאָס פלעגט זיין אין די אָרעמע געסלעך. מען האָט עס אָנגערופן „שוואַלניעס", צוויי לאַנגע אָפּגעהיבלטע ברעטער, אונטערגעשפּאַרט פון אונטן מיט צוויי פּעסער, ס'האָט אויסגעזען ווי צוויי לאַנגע טישן, אַרום דעם זענען געשטאַנען בערך 20 אָרעמע מיידלעך מיט וואַלגער־העלצער און געוואַלגערט קיילעכדיקע, שיינע מצות. ביי אַ קליין טישל איז געשטאַנען אַ בחורל און „געריע־דלט" יעדע מצה. אין צווייטן צימער איז געזעסן אַ יידענע מיט מעל אין אַ קופּערנער מיניצע און געקנאָטן. אַ מאָל בין איך געקומען אַ קוק טאָן ווי מען באַקט מצות, האָט מיר אַ מיידל געוויזן, אַז ביי איר זענען די הענט געשוואָלן פון וואַלגערן גאַנצע טעג. אַ חודש צייט פלעגן זיי שטיין אויף די פיס און וואַלגערן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך וועל קומען אַ ביסל זיי אַרויסהעלפן, פאַר יעדן מיידלס וועגן. האָב איך נישט געוווּסט ווי אַזוי צו „ציען" די מצה, און די מיידלעך האָבן מיך דאָס אויסגעלערנט. אַז זיי פלעגן מיך דערזען, פלעגט זיין די פרייד ביי זיי גרויס. די מאַמע פלעגט זאָגן, אַז מען טוט אַ מצווה, טאָר מען נישט דערציילן. האָב איך קיינעם נישט געזאָגט וואָס איך טו, אַפילו אין שטוב האָבן זיי נישט געוווּסט. איך געדענק אַמאָל, לויפנדיק פון „שוואַלניע", איז געשטאַנען שרה מינדל די וועש־נייטאָרינס מאַן, אַ חסיד מיט אַ שטריימל און אַ קאַפּאָטע און גאַרטל. שמחת־תורה פלעגט ער טאַנצן אין חסידים־שטיבל אויפן טיש. אַז כ'האָב אַמאָל געזען ווי ער האָט מיט גרויס שוועריקייט געצויגן דעם קיבעל, בין איך צוגעלאָפן צום צווייטן הענטל און דער קיבעל איז שנעל אַראָפּ אין ברונעם. איך האָב דערפון געקריגן שטאַרקע קלעפּ איבער די הענט. דאָס איז געווען לעבן איטשע אַרטשעכעס. דאָרט האָט מען מיר געלייגט קאַלט וואַסער צו די פינגער, עס איז געווען אַ וואָך פאַר פּסח. דאָס ערגסטע איז פאַר מיר געווען וואָס איך האָב צ'ליב דעם נישט געקאָנט גיין העלפן אין „שוואַלניע" די אָרעמע מיידלעך.

פּורים פלעג איך מיט נאָך אַ חברטע אויפמאַכן ביי די קרובים די צדקה־פּושקעס און דאָס געלט אָפּגעבן אַ גבאיטע פאַר אָרעמע כלות. אַלס קליינע מיידלעך פלעגן מיר גיין אויסהיטן קראַנקע אויף אַ גאַנצער נאַכט. פון „לינת הצדק" פלעגט מען אונדז מיטגעבן אַ פענכער אויף אייז צום קאָפּ מיט אַ בלעכענער פלאַש אויף וואַרעם וואַסער צו בויכווייטאָג.

איך געדענק איין מאָל איז אין מיטן דער נאַכט אויסגעגאַנגען דאָס אייז, האָט מען געדאַרפט גיין צו אהרן־משהן אין קעלער אָנהאַקן אייז. אַליין האָב איך מורא געהאַט צו גיין, גייך ביידע האָבן מיר ווידער מורא געהאַט, אַז דער קראַנקער וועט שטאַרבן, זענען מיר, איך מיט דעם צווייטן מיידל, געזעסן ביז טאָג און געוויינט. באַגינען האָט מען מיך געשיקט רופן אַבראַמע דעם פעלדשער. ער פלעגט



דער בית יתומים מיט דער פאַרוואַלטונג און דערציִער

היילן קראַנקע און פאַר אַלע האָט ער געהאַט זיינע מעדיצינען: אויסשמירן אין האַלדז, שטעלן באַנקעס, מאַכן אַ קליזמע און איינגעמען ריצנאייל מיט אַ ביסל ראָסל פון זויערע אוגערקעס. ווען דאָס האָט אָבער חס־וחלילה נישט געהאָלפן, האָט ער געהייסן שטעלן „פּיאַווקעס", אַזוי אַז דער קראַנקער האָט געמוזט ווערן געזונט...

עס געדענקט זיך ווען דער באַהעלפער פלעגט קומען חנוכה ביי נאַכט אין די גרויסע בלאָטעס מיט אַ לאַמטערן בעטן חנוכה־געלט, און ווו עס איז געבוירן געוואָרן אַ זכר, איז געקומען דער מלמד מיטן גאַנצן חדר פרייטיק־צו־נאַכט פאַרן ברית, עס האָט געהייסן די וואַך־נאַכט. דער מלמד מיט אַלע קינדער האָבן געלייענט קריאת־שמע לעבן דער קימפּעטאָרין. די באָבע פלעגט אויך זיין דערביי. דערפאַר פלעגט יעדעס יינגל באַקומען אַ פויסט אַרבעס וואָס מען האָט אָנגעגרייט אַ גאַנצן מולטער, אויסגעשפּרייט אויף אַ ווייס טישטעך, צוזאַמען מיט צוקערלעך. די פענטצער און טירן ביי דער קימפּעטאָרין זענען געווען באַהאָנגען מיט „שיר המעלותן".

אויך טעאַטער־פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אין שטעטל. די אַרטיסטן זענען מערסטנטייל באַשטאַנען פון בריסקער ליבהאָבער. אַ געוויסע צייט זענען די פאָרשטעלונגען פאָרגעקומען אין אַ שייער ביי אהרון־משה גאַלפּערן. דאָרטן האָבן מיר אויך איינגעאָרדנט אַ טייל פון אונדזערע פאַרוויילונגען.

עס לויפן פאַרביי זייער פיל געשטאַלטן ווי משה־אהרון דער משוגענער, וועל־כער פלעגט זיך אַרומדרייען איבער די פּאָדוואָרעס. מ׳פלעגט אים זען נאָר ביינאַכט. איך האָב זייער מורא געהאַט פאַר זיינע אויגן, פאַר זיין קוק, כאָטש ער פלעגט נישט טשעפּען. איך געדענק אויך די צייטן אין מיין שטעטעלע קאַמעניץ, ווען די פּריזיוויניקעס האָבן זיך געמאָרעט גאַנצע נעכט פאַר זייער פּריזיוו. דאָס איז אויסגעקומען סוכות־צייט. זיי פלעגן אויפטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך.

ס׳האָבן אונדז אויך אָנגעטאָן צרות די דאָרפישע שקצים. מאָביליזירטע אין פּוילישן מיליטער, בעת זייער אומקערן זיך אָנגעשיכורטע פונעם שטעטל.

יצחק שיינפעלד
(ברוקלין—ניו־יאָרק)

דאָס פאַרמלחמהדיקע קאַמעניץ

קאַמעניץ־ליטאָווסק — דאָס שטעטל, ווו איך בין געבוירן געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלערנט און פאַרבראַכט מיינע יוגנט־יאָרן.

אונדזער משפחה האָט געהאַט די וווינונג אין דער קאָברינער גאַס, נעבן שפּיטאָל. מיין פאָטער פלעגט בעתן האַנדל אַרויספאָרן פון קאַמעניץ צו שכנות־דיקע שטעטלעך און דערפער, כדי צו קויפן חלקים פון וואַלד צום שניידן און צוגרייטן בוי־מאַטעריאַלן. ווען איך פלעג אַלס יונגער בחור מיט מיין פאָטער פאָרן אויף איניקע פון זיינע נסיעות, האָב איך באַוווּנדערט די יידן אין די דערפער. מיין פאָטער פלעגט קומען אויסגלייכן סיכסוכים צווישן אַ יידישן דאָרפס־איינוווינער און קריסטלעכע שכנים — ווייס־רוסן.

שכנים פון דער קאָברינער גאַס האָבן זיך אָפט פאַרזאַמלט אין אונדזער הויז צו באַטראַכטן ענינים אין שייכות מיט די איינוווינער פון דער גאַנצער גאַס, ווי צו העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן, ווי צו האָבן וואַסער פאַר די איינוווינער פון דער קאָברינער גאַס, מחמת די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אָפּגעזאָגט צו בויען אַ נייעם ברונעם און דאָס שפּיטאָל האָט פאַרווערט צו נעמען ביי זיי וואַסער פון זייער ברונעם. די יידן פון דער קאָברינער גאַס האָבן אַליין געמוזט צושטעלן אַרבעטער און געלט, כדי צו ברענגען וואַסער פאַר זיך און פאַר ווייטערדיקע שכנים, די באַמיאונגען זענען געווען נייטיק און דערפאָלגרייך.

עס געדענקט זיך ווי פיל ישיבה־בחורים זענען געגאַנגען פאַרטיפט אין דיסקוסיעס פון דברי־תורה. אין די ווינטערדיקע אָוונטן פלעגן הילכן די קלעפּ פון די קוזשניעס פון פסח גורינסקי און גדליהו רובינשטיין. אויך דאָס קרעכצן פון די שמיגעס פון די ווינט־מילן, וואָס האָבן געהערט צו צוויי יידישע זקנים: ר׳ ישעיהו אשכנזי און ר׳ ישראל מרדכי טימיאַנסקי.

אין די שווערע ווינטערדיקע אָוונטן פלעגט זיך דער אַלטער וועלוול שלעפּן אין די שנייען, כדי צו לערנען מיט יונגע קינדער „מודה אני" אָדער „קריאת

שמע״ — דער פונדאַמענט פון דעמאָלטיקן יידישן שטייגער־לעבן. איבערגעגעבן זענען געווען אונדזערע קאמעניצער יידן. אשר סאַפּערשטיין, אַ פּריוואַטער לערער, פלעגט געבן לעקציעס קליינע גרופּעס תלמידים און געעפנט אַ חדר און אַריינגעצויגן אַ גרויסע צאָל תלמידים. די ניגונים פון לערנען, דאַווענען און בפרט תנ״ך, קאָנען קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן. אשר סאפירשטיין האָט אויפגענומען אַ לערער און ווער ס׳האָט געוואָלט, האָט אויך געקאָנט נעמען לעקציעס אין דער פוילישער שפּראַך.

אין יאָר 1928 האָט די רעגירונג געפאָדערט, אַז קינדער אין עלטער פון 6 ביז 14 יאָר מוזן לערנען די פוילישע שפּראַך. די תלמוד־תורה האָט אויפגענומען אַ לערער פון דער „פּאָווּשעכנע״ (רעגירונגס פאָלקס־שולע) צו געבן לעקציעס אין דער תלמוד־תורה. יידישע מיידלעך האָבן פריער געלערנט אין דער „פּאָווּשעכנע״ שולע.

פינף יידישע ייִנגלעך האָבן זיך שפּעטער רעגיסטרירט צו לערנען אין דער „פּאָווּשעכנע״ שולע — הרצל סאַפּירשטיין מנדל שטשיטניצקי (דער זון פון בצלאל), יצחק שיינפעלד, שמעון וואָלפסאָן און ישראל מאַרעצקי, נישט קוקנדיק, וואָס די באַציאונג פון רוב קאַמעניצער יידישער באַפעלקערונג איז געווען דערצו נעגאַטיוו. מיר האָבן נאָך אַלץ געלערנט אונדזער יידיש און עברית ביי אשר סאפירשטיין און שפּעטער, ביי וועלוול חיים קאַרשענבוים — אַן עברית־לערער און הייסער ציוניסט.

די יידישע ייִנגלעך האָבן זיך נישט גוט געפילט אין דער סביבה פון קריסטלעכע שילער. מיר זענען דעריבער געוואָרן דערמוטיקט, ווען אין צוויי יאָר שפּעטער האָבן מער ייִנגלעך זיך אָנגעשלאָסן צו לערנען אין דער „פּאָווּשעכנער״ שולע. פיל פון זיי האָבן אויפגעהערט לערנען אין עלטער פון 14 יאָר, ס׳רוב זענען אַוועק לערנען אין אַנדערע שטעט אין ישיבות.

אַ גרעסערער טייל פון דער קאַמעניצער יוגנט האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג „גורדוניה״ — די מער אַקטיווע אָרגאַניזאַציע, אונטער דער פירונג פון פּנחס רודניצקי. ווען אין קאַמעניץ איז געגרינדעט געוואָרן די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי, דער בית״ר, זענען ליפּע הורוויץ און בנימין בוגאטין געווען די פירער פון בית״ר אין קאַמעניץ.

מיטגלידער פון בית״ר האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אַלס פרייוויליקע פייערלעשער אין דער שטאָטישער פייערלעשער־אָפּטיילונג. די שטאָט־פאַרוואַלטונג און דער בירגערמייסטער פּיאָטראָווסקי האָבן אָנערקענט די פעאיקייטן פון די יונגע בחורים און אויפסניי אָרגאַניזירט דעם שטאָטישן אָרקעסטער, מיטן

נאָמען „פייערלעשער־אָרקעסטער", וואָס איז אויך באַשטאַנען פון „בית"ר"־בחורים.

קאַמעניץ איז געוואָרן דער צענטראַלער פונקט פון די אַרומיקע שטעטלעך. לכבוד ל"ג בעומר פייערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין קאַמעניץ, פלעגן זיך פאַרזאַמלען מיטגלידער פון „גורדוניה" און „בית"ר" פון וויסאָקי־ליטאָווסק, משערנאָפּטשיץ, זשאַבינקע, שערשעוו, ווי אויך פון אַנדערע ישובים. אויף דער איינלאַדונג פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַטייליקט אין די פייערונגען די יידישע שטאָטישע בעלי־בתים, אויך די פּני העיר.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון די וואַלן צום ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, האָט אַ יום־טובדיקע שטימונג באַהערשט קאַמעניץ. קאַמעניצער יידן זענען געווען פאַראינטערעסירט אין די וואַלן, כמעט אין יעדן הויז איז געקויפט געוואָרן אַ שקל, כדי צו האָבן שטים־רעכט.

עס איז געפירט געוואָרן אַן אַגיטאַציע פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, גערופן געוואָרן פאָלקס־פאַרזאַמלונגען אין בתי־מדרשים, אין דער אַלטער פאָוושעכנער שולע. אויסער אייגענע, קאַמעניצער, פלעגן אויך קומען באַקאַנטע רעדנער פון אַנדערע שטעט.

טראָץ די פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשידנקייטן האָט אין קאַמעניץ געהערשט אַ פריינטשאַפט צווישן אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן. אַזוי זענען, למשל, פנחס רודניצקי — ראש הקן פון „גורדוניה" און בנימין באַגאַטין — מפקד פון בית"ר געווען געטרייע חברים.

אין 1935 איז אָנגעקומען קיין קאַמעניץ אַ נייער בירגערמייסטער, וועלכער האָט איינגעפירט נייע גזירות. איינער פון די נייע געזעצן איז געווען „שאַרוואַראַק". יעדעס פאַמיליע־הויז האָט געמוזט אויספירן יעדן חודש אַ טאָג אַרבעט פאַר דער שטאָט: שאָסיי־בוי, קלייבן שטיינער, גראָבן, איבערפירן די ערד־גראָבנס אאז"וו. אין די קורצע ווינטער־טעג פלעגט מען אַרבעטן אין די פינצטערע אָוונטן. די יידישע ראַטמענער האָבן אָנגעגעבן פּראָטעסטן צום בירגערמייסטער, און די אַרבעט־שעהן אין פרייטיק זענען פאַרקירצט געוואָרן, כדי יידן זאָלן נישט מחלל שבת זיין.

אין יאָר 1937—1936 איז די טעטיקייט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אָפּגעשוואַכט געוואָרן און כמעט אין גאַנצן צעפאַלן. עס איז געווען אַ גרופּע יונגע בחורים, וואָס האָבן געקליבן געלט פאַרן קרן קיימת און איבערגעגעבן דאָס געלט צום קאַסירער פון קרן קיימת אין קאַמעניץ, יוסף גרינבלאַט. ער פלעגט אָפּשיקן דאָס געלט צו דער קרן קיימת צענטראַלע אין וואַרשע. די גרופּע

יונגע בחורים איז געווען: יצחק שיינפעלד, יוסף פעלדמאַן, נח גאָלדבערג, ראובן שטשיטניצקי און יעקב ווייצהענדלער.

אונדזער חבר, ישראל גאָלדשאָל (געבוירן אין פינסק) האָט אין יענער צייט געלערנט אין תרבות־גימנאַזיע אין פינסק, און אין יאָר 1939 געוואָרן אין קאַמע־ניץ אַ לערער און געלערנט מיט קינדער עברית.

אין די דיסקוסיעס מיט ישראל גאָלדשאָל, בנוגע אויפצולעבן די ציוניסטישע באַוועגונג אין קאַמעניץ, איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם „השומר הצעיר". יוסף פעלדמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס ראש הקן און יצחק שיינפעלד — אַלס סעקרעטאַר צו פירן די קאָרעספּאָנדענץ מיט דער צענטראַלע פון וואַרשע. נח גאָלדבערג איז געוואָרן סגן ראש הקן און ראובן שטשיטניצקי — קאַסירער.

די רעגירונג האָט געמאַכט שוועריקייטן און נישט דערלויבט צו עפענען אַ לאָקאַל פאַר מיטינגען און צו לעגאַליזירן „השומר הצעיר". מיר האָבן אָפּגעהאַלטן מיטינגען אין די הייזער פון די מיטגלידער.

בעת די שבתים, אין דער פרי, האָט אונדזער גרופּע פון „השומר הצעיר" גערופן די אַלגעמיינע ציוניסטן צו מרדכי חיים אין דער בעקעריי. אייזיק שאָסטאַ־קאָווסקי, וועלוול חיים, קאַרשנבוים און יוסף גרינבלאַט זענען געבעטן געוואָרן אונדז צו העלפן לעגאַליזירן די אָרגאַניזאַציע. צו אונדזער הילף איז געקומען און זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזערע רייען בערל (בערעלע) פישער, וועלכער האָט זיך צו יענער צייט נאָכן ענדיקן אַ לערער־סעמינאַר אומגעקערט קיין קאַמעניץ. בערעלע פישער האָט זיך באַטייליקט אין אונדזערע דיסקוסיעס און לעקציעס און געהאָלפן אַריינברענגען נייע מיטגלידער פון גאָר יינגערן דור. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אויף דאָס ניי אויפגעלעבט.

דער דרוק קעגן יידן האָט צו יענער צייט זיך אָנגעהויבן שפּירן אויך אין קאמעניץ. עס האָבן זיך געעפנט קריסטלעכע רעסטאָראַנען, קראָמען און קאָאָפּע־ראַטיוון. יידישע קרעמער האָבן פאַרלאָרן אַ טייל פון זייער פרנסה. די רעגירונג האָט פאַרלאַנגט מער שטייערן, ווי אויך הלוואות, וואָס עס איז געווען שווער נאָכ־צוקומען.

10 אַזייגער אין דער פרי פלעגט אָנקומען דער פּאַסאַזשיר־אויטאָבוס פון בריסק. עס פלעגן זיך צונויפקלייבן גרופּן מענטשן וואַרטן ביי זעליק דעם איינבינדער, כדי ער זאָל איינטיילן די נייע אָנגעקומענע צייטונגען צו זיינע לייענער. די בונדישע „פאָלקסצייטונג" פלעגט אָפט קאָנפיסקירט ווערן. דער „מאָמענט", „היינט", „היינטיקע נייעס", „ראַדיאָ" און „דאָס נייע וואָרט", זענען געלייענט געוואָרן פון רוב יידישער באַפעלקערונג. די אַרבעטער־ביבליאָטעק, וואָס האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען „י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק" איז פון דער רעגי־

רונג געשלאָסן געוואָרן און דער גרעסטער טייל ביכער — קאָנפיסקירט. די געוועזענע באַאַמטע פון ביבליאָטעק זענען צייטווייליק געווען אַרעסטירט.

די יוגנט פון קאַמעניץ האָט, ווי שטענדיק, זיך באַמיט צו עמיגרירן קיין אויסלאַנד, בעיקר קיין ארץ־ישראל. לײדער האָט דאָס נאָר אַ קליינע צאָל דער־גרייכט. ווער עס האָט געקענט עמיגרירן אין אַנדערע פרייע לענדער, האָט דאָס געטאָן.

קומענדיק קיין אַמעריקע, האָב איך נישט געקאָנט פאַרגעסן די אָרעמע און טייערע יידן. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה ווען איך בין געווען אין דער אַמע־ריקאַנער אַרמיי אין אַפריקע, האָב איך געטראָפן יידן פון פוילן, אָבער זיך נישט געקאָנט דערוויסן וועגן גורל פון די קאַמעניצער יידן.

שאשקע וויסאָצקי
(אַמעריקע)

זכרונות

פאַרלאָזט האָב איך מיין שטאָט קאַמעניץ־ליטאָווסק אין יאָר 1930 אין די בליענדיקסטע יאָרן פון מיין לעבן, מיט די גרעסטע האָפענונגען און ווונטשן גיך צוריק צו קומען.

אַלס קינד פלעג איך מיט אַ הייליקן פחד קוקן אויף דער גרויסער, שיינער שול און אין די אָוונטן פלעג איך זיין זיכער צו הערן פון דאָרט מלאכים זינגען שירה.

מיין טאַטע משה אליעזר קאַצאַלסקי, דער קאַמעניצער סופר, פלעגט זיצן טאָג און נאַכט און לערנען אָדער שרייבן די ספר־תורה. מיין טאַטנס איינציקע צעשטרייאונג איז געווען גיין אויף אַ שפּאַציר מיט הרב בורשטיין, דעם קלוגן אינטעליגענטן רב פון קאַמעניץ.

אָנגעהויבן האָב איך צו גיין אין דער שולע אַ קורצע צייט איידער די דייטשן האָבן פאַרלאָזט קאַמעניץ, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אונדזערע לערער זענען דאַן געווען קומערשטיינער און כוואַט — פון דייטש; לאה באַבראָווסקי און מלכה פּאָליאַקעוויטש — העברעאיש און אונטערמאַן — יידישע געשיכטע און זינגען.

הגם מען האָט דעמאָלט געליטן הונגער און קראַנקייטן, איז מען געגאַנגען אין שולע, געזונגען און געטאַנצט. די יוגנט איז געווען שטאַרקער פון דער נויט. אַ ביסל געלינדערט אונדזער נויט האָט דעמאָלט די שפּייז פון דער קיך און די שפּייז־פּאַקעטן און קליידונג פון אַמעריקע.

ווען די באָלשעוויקעס זענען געקומען צו אונדז אין שטאָט נאָך די דייטשן, האָבן מיר געלערנט רוסיש און העברעאיש, אונדזערע לערערינס זענען דאַן געווען: לאה באַבראָווסקי — העברעאיש און דבורה דאָלינסקי — רוסיש. ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען אונדזער שטאָט, האָבן מיר געמוזט לערנען פּויליש אין דער „פּאָווסעכנער" שולע. אָבער מיר האָבן ווייטער געלערנט העברעאיש

אין אַ פּריוואַטער שולע — אָנגעפירט פון די ברידער סאַפּירשטיק. וועלוול סאַפּיר־שטיק האָט אונדז געלערנט העברעיש, שלמהקע סאַפּירשטיין — רוסיש און הערשל סאַפּירשטיין ידיש. מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענע ביבליאָטעק, און יעדעס קינד פון אונדזער שולע האָט געצאָלט 5 גראָשן אַ וואָך. מיר פלעגן מאַכן ספּעקטאַקלען און פאַרלעזונגען אויף בילעטן, געשאַפן געלט און געקויפט די בעסטע ביכער און אַזוי איז אַנטשטאַנען די „י. ל. פּרץ־קינדער־ביבליאָטעק".

מיר האָבן אויך צוגעלאָזט לייענען אַנדערע קינדער פון שטאָט, ווער עס האָט נאָר געוואָלט קומען. מיר האָבן געהאַט גוטע ביכער און אַ סך לייענער. אין דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג זענען געווען: משה גרינבלאַט, חיה קראַקאָווסקי, גאָלדע שער, שפּעטער אויך ליפּא האַראָוויץ, איך און עטלעכע חברים און חברטעס, וועלכע איך געדענק שוין נישט מער.

די שולע איז געווען צו קליין פאַר אונדז. עטלעכע פון מיינע חברות זענען אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק צו ענדיקן גימנאַזיע, און די חברים — לערנען אין דער ישיבה. אגב, איז איינער פון די ביאַליסטאָקער ישיבה־בחורים — מאיר וויסאָצקי — געוואָרן מיין מאַן.

שפּעטער האָבן אַסך חברים און חברטעס, מיט דעם זעלבן ברען זיך אַריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעט צו מאַכן געלט פאַר קרן קימת לישראל. קאַמעניץ האָט געהאַט אַ שם צוליב די גרויסע זאַמלונגען פאַרן קרן קימת.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן צוויי זייער איבערגעגעבענע אַרבעטער פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע: זעליג דער איינבינדער און יאָסל גרינבלאַט, זיי האָבן געאַרבעט מיט אונדז זייער געטריי. נאָך די פאַרזאַמלונגען אין ציוניסטישן לאָקאַל פלעגט מען זינגען ציוניסטישע לידער און טאַנצן מיט עקסטאַז אַ „האָראַ".

עס איז דאַן אויך אין קאַמעניץ געשאַפן געוואָרן דער „החלוץ" מיט אַ גוטער אָנפירערשאַפט, אין וועלכער אויך מיין דעמאָלטיקער חבר, מאיר וויסאָצקי, איז געווען איינער פון זיי. אַ סך פון די חברים און חברות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און „החלוץ" זענען איצט אין ישראל.

חיה שרה בינדער-רודניצקי
(אַרגענטינע)

אַ דין-תורה ביים רב

הגם איך געפין זיך שוין מער ווי אַ העלפט פון מיין לעבן אין אַרגענטינע, קאָן איך נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן מיין געבורטס־שטעטל קאַמעניץ, ווו כ׳האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער־יאָרן צוזאַמען מיט מיינע נאָענטסטע און ליבסטע. ווי פריער שטייט זי פאַר מיינע אויגן מיט אירע אַלע חנ׳ען פון אַן עכט יידיש שטעטל; אירע גאַסן, געסלעך און הייזער, דער הויך געמויערטער סלופּ, וואָס האָט געוועבט אַרום זיך אַזויפיל לעגענדעס — קיינער האָט נישט געקאָנט פעסט־שטעלן צו וועלכן צוועק ער איז געבויט געוואָרן. די קאָברינער, בריסקער און ליטווישע גאַסן, די שאָסיי־גאַס, אַ דאָלינע, ווו מיר האָבן לעצטנס געוווינט נאָך דער גרויסער שריפה, ווען אַ האַלבע שטאָט איז אַוועק מיטן פייער; דער מאַרק, מיט די צוויי שורות קראָמען, ווו יידן פלעגן אָפּזיצן שעהן לאַנג און אויסקוקן אַ קונה וואָס פלעגט זיך זעלטן באַווייזן. די איינציקע האָפנונג איז געווען דער חודשלעכער יריד, וואָס פלעגט אָפּפרישן זייער לעבן און אַריינ־ברענגען אביסל פרנסה אין שטעטל, אָבער דאָס האָט געהאַט אַ קליינעם ווערט אין פאַרגלייך מיט די הויכע שטייערן וואָס די רעגירונג האָט געפאָדערט. טראָץ דעם שווערן עקאָנאָמישן געראַנגל און גייסטיקער אונטערדריקונג, האָבן יידן געלעבט מיט בטחון און פון די לעצטע גראָשנס געטיילט צדקה, אַרויסגעהאָלפן נויטבאַדערפטיקע, אויסגעהאַלטן אינסטיטוציעס און מאָראַליש זיך דערהויבן.

קאַמעניץ האָט זיך נישט גערעכנט צו די גאָר קליינע שטעטלעך. זי האָט פאַרמאָגט א פיינע יוגנט וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט צו אַ געוויסן ציל. ציוניזם — צווישן זיי אַלגעמיינע ציונים, פּועלי־ציוניסטן, גאָרדאָניסטן און בית״רים, דער רוב גאָרדאָניסטן. זיי האָבן געפירט אַ קולטור־שעפעריש לעבן, זיי זענען געווען אין קאָנטאַקט מיט גרויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן באַזוכט אונדזער שטעטל. צווישן די באַזוכער איז געווען פנחס לוביאַנקער (לבון). פיל פון דער חלוצישער יוגנט געפינט זיך אין ישראל און פאַרנעמען וויכטיקע אַמטן.

קאַמעניץ האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט איר גרויסער ישיבה, וואָס האָט צוגעגרייט און אַרויסגעגעבן פיל רבנים, צווישן זיי נאָרד-אַמעריקאַנער, קאַנאַדער און אייניקע פון ארץ־ישראל.

קאַמעניץ האָט געהאַט אירע שיינע בעלי־בתים, גבאים, שמשים און האַנטוווערקער. עטלעכע בתי־מדרשים, אַ פּאָר שולן, אַ קינדער־גאָרטן און צוויי בכבודיקע רבנים: איינער פון זיי הרב בורשטיין (מיט וועלט־לעכער בילדונג) האָט זיינע קינדער אויך געגעבן אַ וועלטלעכע דערציאונג און געפירט אַן אַריסטאָקראַטיש לעבן. זייענדיק אַ חברטע פון זיין יינגסטער טאָכטער, האָב איך איינמאָל געהאַט די געלעגנהייט צוהערן אַ דין־תורה. בעת אַ דאָרפס־מיידל האָט אָנגעקלאָגט אַ געוויסנעם ישיבה־בחור, וועלכער האָט זי פאַרפאַלגט מיט ליבע־דערקלערונגען.ביידע שוין נישט קיין גאָר יונגע, האָבן געשאַפן אַ טשעקאָווע סצענע: דער ישיבה־בחור — אַ בלאַסער, פון מיטעלן וווקס, מיט ברוינע פאַרחלומטע אויגן און איידעלע געזיכט־שטריכן, איינפאַך געקליידעט אָבער ריין, פילט זייער זיך אומבאַקוועם פון דער געשאַפענער לאַגע, קוקט אויפן מיידל אַ ביסל פאַרשעמט, אָבער אָן פאַרדרוס; אַ שטאַרק נערוועזער, באַמיט ער זיך צו זיין רואיק און דערציילט, אַז ווען ער איז צופעליק אָנגעקומען אין דאָרף און זי דערזען האָט ער זיך גלייך אין איר פאַרליבט, און צוליב דעם צוועק דאָרט געבליבן אַלס מלמד. זי האָט אים שטענדיק געענטפערט מיט אַ שמייכל און אַ וואַרעמען בליק. ביז אַ קורצע צייט צוריק האָט זי זיך אינגאַנצן געענדערט, און כאָטש א ישיבה בחור טאָר קיין ליבע נישט פירן, קאָן ער אָבער זיינע סענטימענטן נישט באַהאַלטן.

דאָס מיידל פון נידעריקן וואוקס, אַ בראָנעטקע, נישט קיין מיאוסע, האָט אויסגעדריקט פאַראַכטונג צו אים און קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט זיינע רייד. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז אַלעמענס סימפּאַטיע איז געווען אויף דער זייט פון בחור.

זיצנדיק אין דערבייאיקן צימער ווי אַ רואה ואינו נראה, האָב איך אָבסערווירט די האַלטונג פון רב, זיין הדרת פנים און קלוגן שמייכל. ער האָט זיך מסתמא געטראַכט: צוויי גרויסע מענטשן און מאַכן זיך נאַריש. איך קאָן עד היום נישט פאַרגעסן די קלוגע און זיכערע רייד פון הרב בורשטייןביים פאַרענדיקן די צוויי שעהדיקע דין־תורה.

רחל סופר־רענקעוויטש
(אַמעריקע)

זכרונות

מיין שטעטל קאַמעניץ־ליטאָווסק, וואָס געפינט זיך 35 קילאָמעטער פון דער שטאָט בריסק, שטייט אויפן ברעג פון טייך לעשנע, מיט וועמענס וואַסערן ס'האָט זיך באַנוצט דאָס גאַנצע שטעטל. וואַסערטרעגער האָבן געצויגן זייער חיונה, טראָגנדיק וואַסער אין די מער פאַרמעגלעכע הייזער. ווינטער־צייט, ווען דער טייך איז געווען פאַרפרוירן, האָבן יינגלעך זיך געגליטשט אויפן אייז, זומער האָבן ווייבער דאָרט געוואַשן זייער וועש, און אין די גאָר הייסע טעג האָט מען זיך געבאָדן אין זיינע וואַסערן, און די יוגנט פלעגט זיך שיפן אויף שיפלעך. פון איין זייט טייך האָט זיך געצויגן אַ ברייטער זאַמדיקער וועג און אַקעגן איבער — ברייטע גרינע לאָנקעס.

ניט ווייט פון טייך אויף אַ הויכן באַרג מיט באַבלעטערטע ביימער האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ קיילעכדיקער, געמויערטער הויכער טורעם — „דער סלופּ", אַז מען איז צוגעגאַנגען נענטער, האָט מען דערזען, אַז ער שטייט אין אַ טאָל, פון וואַנען עס גייען אַרויס געמויערטע קאַנאַלן צו פאַרשידענע געסלעך פון שטאָט. דער „סלופּ" האָט געהאַט אײַזערנע טירן, דורך וועלכע מען איז אַריין אינעווייניק, און אויף שטיגן אַרויפגעגאַנגען ביז צום סאַמע שפּיץ, פון וואַנען מען האָט געזען די גאַנצע געגנט אַרום שטעטל אויף גאָר אַ ווייטן שטח. זומער, ווען דער באַרג איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז, זענען זיך צונויפגעקומען די שכנים, כדי דאָרט געניסן פון זייער שבתדיקער רו.

אַז אַ גאַסט איז געקומען אין שטעטל, האָט מען אים געפירט ווייזן דעם „סלופּ", ווי אַ היסטאָרישע פעסטונג, און אַז מען האָט עמעצן געוואָלט אַריינזאָגן, האָט מען אים געזאָגט „קאַמעניצער סלופּ".

*

דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ שול און בתי־מדרשים, עטלעכע קליינע תפילה־הייזער, אַ חסידים־שטיבל, אַ רב, אַ חזן, אַ שוחט און אַלץ, וואָס איז געבליבן פון דורותדיקן, איינגעוואָרצלטן יידישן לעבנס־שטייגער.

אין מיטן מאַרק זענען געשטאַנען צווי רייען הילצערנע קראָמען, פון וועלכע כמעט אַ העלפט פון די יידן אין שטעטל האָבן געצויגן זייער פרנסה. יעדן זונטיק און דאָנערשטיק זענען זיך צונויפגעפאָרן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער, ברענגענדיק צום פאַרקויפן זייערע תבואות, פּרוכטן, עופות אד״גל. פאַר דעם געלט האָבן זיי איינגעקויפט אין די יידישע קראָמען אַלץ פאַר זייער געברויך און דאָס איבעריקע — פאַרשיכורט אין די שיינקען. קיין אַרבעטער־קלאַס איז אין שטעטל נישט געווען, וואָס איז געווען אין הסכם פון יענער צייט, אַז „אין אונדזער משפחה זענען, דאַנקן גאָט, קיין אַרבעטער נישטאָ״. ס׳זענען געווען סוחרים, לערער, מלמדים, מעקלער און אַלערליי ווינט־פּרנסות.

קליין און איזאָלירט איז געווען דאָס שטעטל פון דער אויסערלעכער וועלט, אַן אייזנבאַן איז געווען אויף אַ מרחק פון 20 קילאָמעטער. די פּאָסט פלעגט אַריינקומען דורך איינעם וואָס האָט געפירט פּאַסאַזשירן צו דער באַן־סטאַציע „זשאַבינקע״. זיין ווייב, שרה לאה, פלעגט צעטראָגן די בריוו, ווען עס האָט זיך איר געגלוסט. צייטונגען האָבן באַקומען איין מאָל אַ וואָך נאָר די מער פאַרמעגלעכע, און דאָס אויך נאָר צווי אָדער דריי פאַמיליעס בשותפות.

אין גרויסן בית־המדרש איז געווען די ישיבה, ווו עס האָבן געלערנט אַ סך בחורים־מתמידים און געגעסן „טעג״ ביי די בעלי־בתים פון שטעטל. אַז מען איז פאַרבייגעגאַנגען דעם בית־המדרש ביינאַכט, האָט מען געזען פון דער ווייטנס פלעמלעך און דאָס צאַנקען פון חלבנע ליכטלעך, ביי וועלכע אַ בחור האָט אויסגעזונגען דעם טרויעריק פאַרבענקטן „מאי קא משמע לן״־ניגון.

עס איז געווען אַ חובבי־ציון־באַוועגונג, איינער פון זיי איז געווען זעליק דער איינבינדער. צו אים פלעגן אָנקומען פאַרשידנאַרטיקע בראָשורן, און פאַרטיי־צייטונגען, און עס האָבן זיך דאָרט געטראָפן די חברים.

עס איז געווען אַ דראַמאַטישער קרייז, וואָס האָט אויפגעפירט טעאַטער־פּיעסן און אַריינגעבראַכט פרייד און קולטור אין שטעטל. אין יענער צייט האָט קאַמעניץ געהאַט אַ ביבליאָטעק מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל ביכער — יידישע, רוסישע און העברעאישע. די יוגנט האָט געלייענט, געטראַכט און געחלומט פון אַ שענערן, בעסערן מאָרגן און געוווּסט, אַז די וועלט ענדיקט זיך נישט אונטער דעם קליינעם שטעטל, אַז עס שפּרייטן זיך ווייטע האָריזאָנטן און עס ציען זיך שליאַכן צו נייע אומבאַקאַנטע וועלטן.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן און די דייטשן האָבן אָקופּירט די געגנט, איז דאָס לעבן נאָך מער פאַרקריפּלט געוואָרן. מיט זייער שוין דעמאָלט ברוטאַלער סיסטעמאַטישקייט איז שוין 9 אַ זייגער אָוונט אויסגעלאָשן געוואָרן יעדער פונק פון לעבן, און אין איינער אַזאַ נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ

שריפה. ביז וואָס־ווען, איז אַ האַלב שטעטל שוין געווען אין פלאַמען און די איינ־ווינער האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען מיט זייער האָב און גוטס. די געשעעניש האָט דערפירט צו אַ לאַגע פון פאַטאַלער אָרעמקייט, נויט און שרעק־לעכן גערעאַנגל פאַר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט און עס איז טיפער געוואָרן דאָס באַוווסטזיין וועגן דעם טרויעריקן עקאָנאָמישן מצב, האָט די יוגנט זיך שטורמיש אַ לאָז געטאָן אין דער גרויסער וועלט: ווער עס איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, ווער קיין ראַטנפאַרבאַנד, און דער גרעסטער טייל — קיין אַמעריקע.

די איבערגעבליבענע האָבן געצויגן דעם פאָדים פון טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן אונטער דער צעפוילטער פאַשיסטישער פוילישער רעגירונג; געלעבט אָן אַ היינט און אָן אַ פערספעקטיוו אויף אַ בעסערן מאָרגן, געהונגערט און געשמאַכט אונטער דער פולשטענדיקער עקאָנאָמישער דחקות.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און די נאַציש בעסטיע האָט באַטראָטן די ערד פון מיין שטעטל, איז זי שוין געווען פאַראַקערט און פאַרזייט מיט ווילדן אַנטיסעמיטישן האַס צו די יידן.

דאָבע האַלפּערן
(אַמעריקע)

אומהיימלעכע דערמאָנונגען

(רויבער־באַנדעס אין זאַסטאַוויע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה)

ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די לאַגע ביי אונדז אין שטעטל און אין די אַרומיקע דערפער געוואָרן אַלע מאָל ערגער. די דייטשן האָבן שוין געוווּסט אַז זיי האָבן פאַרשפּילט און מוזן פאַרלאָזן דעם אָקופּירטן געביט, האָבן זיי כמעט אויפגעהערט צו היטן די אָרדענונג.

אין יענער צייט האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל און אין דער גאַנצער געגנט רויבער־באַנדעס און רוצחים, ס׳רוב רוסישע געפאַנגענע, אַנטלאָפענע פון די דייטשע לאַגערן אין די ביעלאָוויעזשער וועלדער און אין אַנדערע ערטער. זיי פלעגן פאָדערן געלט און פּראָוויאַנט און טעראָריזירט באַזונדערס די יידישע באַפעלקערונג. מען האָט נישט געקענט אַרויספאָרן עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט. זיי פלעגן באַפאַלן אויף די וועגן און צונעמען אַלץ און אָפטמאָל די באַפאַלענע גע־לאָזט נאַקעט. פאַר אַקעגנשטעלן זיך האָט געדראָט מיטן לעבן.

אַ מאָל איז אַ גרופּע פון די רויבערס געקומען צו מיין פעטער משה דובינער, וועלכער האָט געוווינט אין דאָרף שישקי און געפאָדערט פון אים געלט. מיין פעטער האָט ניט געהאַט ביי זיך די געפאָדערטע סומע. דער פעטער האָט פאַרשטאַנען, אַז די געפאַר איז גרויס און זיך אָפּגעבעטן, אַז זיי זאָלן פאָרן מיט אים קיין קאַמע־ניץ, כדי צו שאַפן דאָס געלט. ווען זיי זענען געקומען צו אונדז אין הויז, זענען אַלע זיך צעלאָפן און איך אַליין בין געבליבן מיטן פעטער. ווען איינער פון דער באַנדע האָט באַקומען דאָס געלט, האָב איך ביי אים געבעטן אַ קבלה אויף דער גאַנצער סומע. ער האָט באַשטעטיקט און אונטערגעשריבן „טשאָרנאַיאַ רוקאַ״, ד. ה. „שוואַרצע האַנט״.

אָפט פלעגן זיי אויך באַרויבן די דייטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די

דערפֿער. די דייטשן האָבן געוווּסט ווער עס זענען די רויבער, אָבער באַשולדיקן פלעגן זיי יידן.

איין מאָל, אין אַ זייער קאַלטן ווינטער־טאָג זענען צו אונדז אין שטעטל אַריין אַ גרופּע באַוואָפנטע דייטשן און געמאָלדן, אַז עטלעכע קאַמעניצער יידן האָבן זיי ביינאַכט באַרויבט. זיי פֿאָדערן, אַלס שטראָף, אַ גרויסע סומע געלט פון דער גאַנצער קהילה. און אויב מ'וועט זיי אין פאַרלויף פון אַ שעה צייט נישט ברענגען די סומע, וועלן זיי אונטערצינדן די שטאָט פון אַלע זייטן. כדי איבערצוצייגן, אַז זיי מיינען, וואָס זיי זאָגן, האָבן זיי צעלייגט סנאָפּעס שטרוי און ברען־מאַטעריאַל אין אַלע גאַסן.

אין שטאָט זענען דאַן געווען פיל טיפוס־קראַנקע. מ'האָט אַרויסגעטראָגן די קראַנקע אין דרויסן. דאָס געוויין פון מאַמעס און קינדער האָט זיך צעטראָגן אין דער לופט. די דייטשן האָבן ניט דערלויבט קיינעם צו אַנטלויפן. עטלעכע בעלי־בתים, צווישן זיי אויך מיין פֿאָטער, דוד גאַלפערן, זענען באַלד אַרויס זאַמלען געלט. דער רב און, להבדיל, דער גלח, האָבן געווירקט אויף די דייטשן אָפּצוּוואַרטן ביז מ'וועט צונויפזאַמלען די געפֿאָדערטע סומע. עס האָט געדויערט עטלעכע שעה ביז מיר האָבן זיך באַפרייט פון דער שריפה־שרעק. נאָך דעם פֿאַל האָבן מיר שוין מער נישט געזען די דייטשן אין קאַמעניץ־זאַסטאַוויע.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן

ווען פּוילן איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה און קאַמעניץ און די סביבה זענען געוואָרן אַ טייל פון איר, האָבן די קאַמעניצער יידן אָפּגעאָטעמט אַ ביסל פרייער און געהאָפט, אַז די פּוילישע מאַכט וועט זיי שיצן קעגן די רויבער־באַנדעס. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, כדי אויסצוגעפינען, אַז מיר האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קאָמענדאַנט און זיינע פּאָליציאַנטן זענען די זעלבע באַנדיטן, וועלכע האָבן געשלאָגן יידן אין די גאַסן.

איינמאָל האָבן מיר, אַ גרופּע מידלעך און בחורים, פאַרבראַכט ביי לייבל וויסאָקער אין הויז. פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן דער קאָמענדאַנט מיט אַ נאַגייקע און געשלאָגן אויף רעכטס און לינקס. די שטאַרקסטע קלעפּ האָבן באַקומען גדליהו שוסטוקאָווסקי ז"ל, בערל קאַפּלאַנסקי ז"ל און גאָלערשטיין דער לערער ע"ה. ווען דער שלעגער האָט זיך דערנענטערט צו מיר, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז שטאַרק שיכור. איך האָב אים אַ שטופּ געטאָן, און ער איז אַנידערגעפאַלן, און איך בין שנעל פון דאָרט אַנטלאָפן. דורך דעם הויף און זייטיקע געסלעך בין איך געקומען אַהיים און גלייך זיך באַהאַלטן ביים שכן אויפן בוידעם.

נאָך אַ פֿאַל געדענק איך: אַ זאַסטאַוויער ייד איז געקומען פאַרקויפן אויפן

מאַרק אַ ביסל אוגערקעס, וואָס ער האָט געטראָגן אין אַ זעקל, פאַרוואָרפן אויף די פּליצעס. די פּוילישע פּאָליציאַנטן פון דער קאָמענדאַנטור זענען אים באַפאַלן און שטאַרק צעשלאָגן. די שכנים, הערנדיק זיינע געשרייען, זענען געלאָפן צום אַפּטייקער דעם בירגערמייסטער, און אים געבעטן ער זאָל ראַטעווען דעם ייד. אָבער דער פּוילישער בירגערמייסטער האָט אָפּגעזאָגט. מיין טאַטע איז דעמאָלט געווען געהילפס־בירגערמייסטער. הערנדיק וואָס עס קומט פאָר, איז ער שנעל געלאָפן אין דער קאָמענדאַנטור בעטן צו ראַטעווען דעם ייד פון די ווילד־געוואָרענע פּוילישע פּאָליציאַנטן. נישט געקוקט אויף זיין אַמט אַלס געהילפס־בירגערמייסטער, האָט דער טאַטע אויך באַקומען פון זיי קלעפּ און אַהיימגעגאַנגען זייער צעשלאָגן. דער פאַל האָט אָבער ביי אים דערוועקט אַ שטאַרקן ווילן צו העלפן די געשלאָגענע. די אָפטע צוזאַמענשטויסן מיט דער פּוילישער פּאָליציי האָבן גורם געווען אַ ווילן צו אַרבעטן לטובת הכלל.

ווען עס פלעגט אָנקומען פּראָוויאַנט פון אַמעריקע פאַר די נויטבאַדערפטיקע יידן פון קאָמעניץ־זאַסטאַוויע, פלעגט מיין פאָטער ע"ה. מיט יעקב קאַגאַן, וואָס האָט געהאַט פערד־און־וואָגן, פאָרן קיין בריסק און ברענגען צו אונדז אין שטעטל די לעבנסמיטל, נישט געקוקט אויף די אומרואיקע וועגן, ווייל די נויט ביי די דאָרטיקע יידן איז דעמאָלט געווען גרויס.

זלאַטע טימיאַנסקי־גערס
(ניו־יאָרק)

אומפאַרגעסלעך

הגם איך האָב פאַרלאָזן קאַמעניץ אין יאָר 1929, שטייט דאָס שטעטל נאָך היינט קלאָר אין מיין דמיון.

ווי אַלע יידישע קינדער דעמאָלט, האָב אויך איך באַזוכט דעם חדר. דער מלמד איז געווען ר׳ שלמה רודניצקי — גערופן ר׳ שלמה „ליסקער״ — לויטן דאָרף פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. אין חדר פלעגט מען לערנען אַלף־בית און עברי. די וועלטלעכע לימודים ווי יידיש רוסיש און שפּעטער אויך — פּויליש, האָט מען געלערנט ביי פּריוואַטע לערער; אָבער אַ גאָר באַליבטע לערן־אַנשטאַלט און גלייכצייטיק אַ בריק צו דער וועלט — איז געווען די ביבליאָטעק.

דאָרטן פלעגט זיך צונויפקומען די לערן־יוגנט און דער באַוווסטזיניקער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט, כדי צו לייענען אין די פרייע שעהען אַ צייטונג אָדער אַ בוך וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן. דאָרטן האָבן די פירער פון די עקזיסטירנדיקע קולטור־קרייזלעך און פּאַרטייען געהאַט זייער טרעף־פּונקט. דאָרטן האָט געשלאָגן דער דופק פון דער יידישער און אַלגעמיינער קולטור אין שטעטל.

אויך טעאַטער־פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אין שטעטל. די גאַסטראָלירן זענען ס׳רוב געווען בריסקער אַמאַטאָרן. אַ געוויסע צייט זענען די פאָרשטעלונגען פאָרגעקומען אין אַ שייער ביי איטשע פּאָליאַקעוויטש (איטשע דער צעגעלניק). די ספּעקטאַקלען פלעגן ביי דער יוגנט אַרויסרופן גרויס אינטערעס.

אַ באַזונדערס יום־טובדיקע שטימונג פלעגט הערשן בעת אין שטעטל איז געקומען אַ חזן, אַ מגיד אָדער אַ ציוניסישער רעדנער. דאָס גרויסע בית־מדרש איז דעמאָלט געווען פול געפּאַקט מיט צוהערער. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן פלעגט זיך אַמאָל אויך מאַכן אַ קליינע מחלוקת, אָבער אָן שלעכטע אויסווירקונגען אויף דעם כמעט תמיד פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון די יידן אין שטעטל.

אין די זומערדיקע אָוונטן, באַזונדערס די שבתדיקע, פלעגט די יוגנט זיך אַרויסלאָזן שפּאַצירן אין דער מאַרק־גאַס, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער ראָד־קראָמען.

אין די צייטן פון אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן קריזיס, אין די דרייסיקער יאָרן,

האָבן אַ טייל קאַמעניצער ייִדן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל און אַמעריקע, אָבער דעם רוב ייִדן האָבן, צו אונדזער אומגליק, די נאַציס אויסגעמאָרדעט.

ייִדיש קאַמעניץ, מיין היים־שטעטל, פול מיט יוגנטלעכע חלומות, ווי קען איך דיך פאַרגעסן?

אהרון מאיר יאָפע
(אַמעריקע)

דער אָרקעסטער

אין יאָר 1925 איז דורך אַ מוזיקאַליש געשטימטער גרופּע געוואָרן באַשלאָסן צו גרינדן אַן אָרקעסטער, אָבער עס איז געווען פאַרבונדן מיט זייער גרויסע אויס־גאַבן און דעריבער שווער צו דערגרייכן. מען האָט געדאַרפט קויפן אינסטרומענטן און אויך ברענגען אַ דיריגענט צו לערנען אונדז און אָנפירן מיטן אָרקעסטער. דורך פאַרשידענע קוועלן האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אַ געוויסער פריץ האָט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אָנגעפירט מיט אַן אָרקעסטער און עס זענען ביים אים געבליבן געוויסע אינסטרומענטן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך באַשטייערן אַ געוויסע סומע געלט און צאָלן יעדער צו צוויי זלאָטעס אַ וואָך און גרינדן צוויי גרופּן צו לערנען זיך שפּילן, אַזוי אַרום אַריינצוקריגן מער געלט. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין צום בירגערמייסטער און פאָרשלאָגן, אַז דער אָרקעסטער וועט געהערן צו דער פייערלעשער־בריגאַדע, כדי מיר זאָלן קריגן אַ סובסידיע פון מאַגיסטראַט.

שלמהקע מאַנדלעבלאַט, וועלכער איז געווען סעקרעטאַר אין מאַגיסטראַט, האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן דעם פּראָיעקט, און אין עטלעכע וואָכן איז אַלץ דערליידיקט געוואָרן, און מיר האָבן געגרינדעט דעם אָרקעסטער. מיט פיל מי און ענערגיע האָבן מיר זיך געלערנט, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן זענען מיר אַרויס מיט אַ „מאַרש" איבער דער שטאָט, און דער גאַנצער עולם האָט אונדז באַוווּנדערט, אַז אין אַזאַ קורצער צייט האָבן מיר דערגרייכט אַזאַ גרויסע אונטערנע־מונג.

צו יענער צייט זענען געקומען אונדזערע שטאָט־לייט בעטן אַ טובה: היות עס דאַרף קומען קיין קאַמעניץ זייער אַ גרויסע ישיבה מיט דעם ראש־הישיבה ר' ברוך בער לייבאָוויטש (איינער פון די גרויסע תלמודיסטן), און די שטאָט וואָלט זייער געוואָלט מאַכן אַן אויפנאַמע פאַר זיי, זאָל דער אָרקעסטער שפּילן בעת זייער אָנקומען. מיר זענען גלייך מסכים געווען און זענען אַוועק אונטער דער שטאָט דורך דער בריסקער גאַס. ווען זיי זענען אָנגעקומען, האָבן מיר זיי אַריינגעפירט מיט מוזיק אין שטאָט, ביז דעם הויז פון בית־המדרש, וואָס איז באַ־



דער אָרקעסטער פון די פייערלעשער

שטימט געוואָרן פאַר דער ישיבה און פון דאָרטן צו דעם הויז, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם ראש־ישיבה.

שפּעטער האָט די שטאָט אָנגעהויבן בויען אַ נייעם בנין פאַר דער ישיבה אין דער בריסקער גאַס, און דער אַרקעסטער האָט ווידער אָנטייל גענומען אין זאַמלען געלט פאַר דעם צוועק.

דער אָרקעסטער האָט אויך אָנטייל גענומען אויף טאַנץ־אָוונטן, בלימל־טעג א.א.וו.

צו יענער צייט האָב איך פאַרלאָזן דאָס שטעטל און עס זענען מיר געבליבן בלויז זכרונות.

ח. ז. מענדלסאָן
(ניו־יאָרק)

אונדזער שטעטל און אירע פּרנסות

שטיל און רואיק איז זיך דאָס לעבן געפלאָסן ביי אונדז אין שטעטל קאַמעניץ־ליטאָווסק, וואָס האָט זיך מיטן אויסערלעכן אויסזען ניט פיל אונטערשיידט פון די אַרומיקע שטעטלעך פון אונדזער געגנט. אַ סך הילצערנע און אויך עטלעכע געמויערטע הייזער אויף אַ משופּע׳דיקן באָדן. אַ הויפּט־גאַס, ווי אויך קלענערע גאַסן אָפענע, ניט באַהייצטע קראָמען, וועלכע האָבן זיך געצויגן לענגאויס דער הויפּט־גאַס ביזן מאַרק־פּלאַץ, ווו זומער־צייט פלעגן זיצן די מאַרק־זיצערס מיט פאַרשידענע פּרוכטן, גרינסן, באַזונדערס אוגערקעס, מיט וואָס אונדזער שטעטל איז געווען באַקאַנט צוליב דער גרויסער געראָטעניש; ווינטער, מיט די פייערטעפּ, פלעגן זיי זיצן מיט פאַרשידענע געבעקסן און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף די מאַרק־טעג, וואָס זענען פאָרגעקומען צוויי מאָל אַ וואָך — זונטיק און דאָנערשטיק, ווי אויך אויף די באַזונדערע ירידים, פון וואָס די קרעמערס פלעגן ציען זייער חיונה.

כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב ביי אונדז אין שטעטל אין יענער צייט, וועל איך פרווון אויפפרישן אין מיין זכרון אַ מאַרק־טאָג, ווי איך געדענק אים פון מיינע יינגלישע יאָרן: מיטן שפּריץ אויף טאָג פלעגן שוין די קליינהענדלער אַרויסגיין באַגעגענען די פּויערים, וועלכע פלעגן קומען מיט פערד און וואָגן און, בעת מעשה, אַ טאַפּ טאָן וואָס אַזוינס זיי האָבן געבראַכט, פון וואָס מ׳זאָל קענען עפּעס פאַרדינען — און אפשר טאַקע איינהאַנדלען אַ שטיקל מציאה, איידער זיי העכערן, צוליב די אָנקומענדיקע קונים, דעם ווערט פון די מיטגעבראַכטע סחורה. אָבער דאָס האָט זיך זעלטן איינגעגעבן.

דאָס הירזשען פון די פערד און קלאַפּן פון די אײַזערנע רעדער אויף דעם שטיינערנעם ברוק, ווי אויך די פוסגייערס, וועלכע האָבן געשטראָמט אין שטעטל און דער גאַנצער רעש און גערודער, האָט אונדזער שטעטל געמאַכט אויסזען גיכער ווי אַ באַלאַגערטע שטאָט דורך פרעמדע חיילות, איידער אַ רואיק פרידלעך שטע־

טעלע. אַזוי האָט זיך דער מאַרק־טאָג ביסלעכווייז איינגעשטעלט. באַלד זענען אונ־דזערע סוחרים און קרעמער, וועלכע פלעגן זומער זיצן האַלב דרעמלדיק אַקעגן דער גליענדיקער זון און ווינטער — ביי די פייער־טעפּ, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמת׳ע קינסטלערס אויף דעם געביט פון האַנדל. צוערשט פלעגט מען אַרומגיין פון פור צו פור אַ שמעק און אַ טאַפּ טאָן. ווייל קיין קונים האָבן נישט געפעלט און יעדער האָט געזוכט צו איבערשטייגן דעם צווייטן אין פּרייז, און דאָס דינגעניש האָט זיך אָנגעהויבן צוערשט אין דער שטיל און באַלד אַריבער אויף די הויכע טענער. אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט מען באַנוצט דאָס לעצטע מיטל — דאָס האַנט־קלאַפּעניש, מיט יעדן קלאַפּ אין האַנט, פלעגט דער קויפער העכערן דעם פּרייז, און, קלאַפּנדיק צוריק, פלעגט דער פאַרקויפער אַרונטערלאָזן פון פּרייז, און אַזוי איז דער מסחר געשלאָסן געוואָרן.

פאַרטיק געוואָרן מיט זייערע פּראָדוקטן פלעגן זיך די פויערים אַרויסלאָזן צווישן די קראָמען איינהאַנדלען די פאַרשידענע פאַר זיי נויטיקע סחורות, ווי שיך, אַ סערמעקע, אַ פאַטשיילקע פאַר דעם ווייב אַ מתנה, און אַנדערע קלייניקייטן. ערשט יעצט האָט זיך צופלאַקערט די אמתע מלחמה. יעדער האָט געשריגן, גע־ליאַרעמט, געשלעפּט דעם קונה צו זיך אין קרעמל, געזוכט מיט אַלע מיטלען צו איבערצייגן דעם קונה, אַז זיין סחורה איז בעסער, שענער און שטאַרקער פאַר דעם צווייטנס. אָבער ניט אַזוי לייכט איז דאָס אָנגעקומען, ניט ווייניק הזיקות האָבן זיי אָנגעטאָן, אידער זיי האָבן עפּעס געקויפט, ניט קוקנדיק וואָס דער קרעמער גיט אַכטונג, אַז דער ערל זאָל עפּעס ניט צולקחנען, און טראָץ די אַלע שומרים, וועלכע זענען באַשטאַנען פון דעם גאַנצן הויזגעזונט, פלעגט זייער אָפט טרעפן אַז אַ פּאָר שיך אָדער עפּעס אַנדערש זאָל פאַרשווונדן ווערן אויף אַן אומזיסטער רייזע אין דער אייביקייט. די שפּראַך וואָס איז גענוצט געוואָרן איז געווען אַ געמישעכטס פון פּויליש, ידיש און אפילו — העברעאיש. מ׳פלעגט דערציילן פאַרשידענע אַנעק־דאָטן.

די מאַרק־טעג פלעגן די פויערים פאַרענדיקן אין די שיינקען. דאָרט פלעגן זיי שטילן זייער הונגער און דאָרשט מיט בראָנפן און צובייס, פון וואָס די שענקערס פלעגן ציען זייער חיונה, און אַזוי האַלב־שיכורדיק, זינגענדיק, פלעגן די פויערים פאַרלאָזן דאָס שטעטל. ווידער איז דאָס לעבן זיך געגאַנגען זיין געמאַטערטן גאַנג, אָבער שטיל און ערלעך.

געווען ביי אונדז אויך קרעמער, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה אויסשליס־לעך פון די אַרומיקע פּריצים. זיי זענען אָבער ניט געווען קיין געוועגלעכע קרע־מער, וועלכע וואַרטן אַ גאַנצן טאָג אויף אַ קונה. דער רוב פון זיי, ווי דוד האַלפּערן, הערשל דמיטרעווסקי, אויך מאָטקע קאָטיק. צו זיי פלעגט זיך דער עולם באַ־

ציען מיט אַ געוויסן דרך־ארץ, אַ קליינינקייט: האַנדלען מיט די פּריצים! מיט די פּריצים האָט מען נישט געקלאַפּט אין די הענט ווי ביי די געוויינלעכע פּויערים און קרעמער. ווען דער פּריץ איז אויסגעשטיגן פון דער בריטשקע, פלעגט ער באַגעגנט ווערן מיט אַ געמאַכטן שמייכל, צוערשט צוזאַמען געטרונקען טיי מיט צובייסנס און בעת מעשה צוגעטראָטן צום מסחר. דערביי פלעגט זיך אויך באַטייליקן ס׳גאַנצע הויזגעזינט, ווייזן און לויבן די סחורה, סתם רעדן מיטן פּריץ. פאַרשטייט זיך אויף רוסיש אָדער פּויליש. נאָכן איינקויפן פלעגט מען זיך געזעגענען זייער פריינטלעך. קיין גבירים זענען צווישן די סוחרים אויך נישט געווען. זייער עקאָנאָמישער מצב איז נישט געווען בעסער ווי ביי דעם געוויינלעכן קרעמער, אפשר נאָך ערגער, די צאָל קונים איז ביי זיי געווען באַגרענעצט און דער מסחר פלעגט דאָס רוב גיין אויף באָרג.

סוחרים אויף דעם מאַרק זענען געווען פאַרשידענע: געווען סוחרימלעך, וועלכע פלעגן קויפן קליינינקייטן: אַ ביסל חזיר־האָר, אייער, אַ האָן און דאָסגלייכן — גרעסערס זענען זיי ניט געווען בכוח צוצושטעלן. ס׳זענען אָבער אויך געווען אמתע סוחרים, וועלכע פלעגן קויפן אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט: בהמות, תבואות א.אַ. כדאַי צו דערמאָנען איניקע צוליב די אייגנאַרטיקע שטריכן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. איך געדענק זיי פון מיין פריסטער יוגנט אין מאיר הירשס בית־המדרש, ווו זיי זענען געווען שטענדיקע מתפללים נאָך מיין צוריק קומען פון דער קרינקער ישיבה.

ס׳דערמאָנט זיך אַ שבת אין מאיר הירשס בית־המדרש ביים דאַווענען. דאָס בית־המדרש איז געפּאַקט און די מזרח וואַנט איז באַזעצט מיט חשובע בעלי־בתים. אָט זיצט אהרון־הירש דער שניטקרעמער, אַ ייד אַ למדן, מיט זיין פּאַטריאַרכאַלער שניי־ווייסער באָרד — אַן אמתער הדרת־פּנים. אָט שטייט אין ווינקל נעבן אָרון־קודש לייזער משה דער שניטקרעמער, דעם אַלטן רבס אַן אידעם, אַ גרויסער תלמיד־חכם, אויך אַ קענער אין וועלטלעכע לימודים. צווישן זיי זיצט דער גריז־גרויער צדיק דער „אַנוסטן" (דעם צונאָמען האָט ער געקראָגן, ווייל ער פלעגט ליב האָבן צו דערציילן פאַרשידענע פּאַסירונגען פון אונדזער שטעטל און פלעגט שטענדיק דערביי צוגעבן, אַז דאָס האָט פּאַסירט „אַנוסטן" און אַז מ׳האָט אים געפרעגט: ר׳ צדיק, ווען אַ שטייגער איז דאָס געווען דער „אַנוסטן", פלעגט ער אַ זאָג טאָן: אָט מיט אַ יאָר 50 אָדער 60 יאָר צוריק!... און אָט איז אהרון יוסף דער תבואה סוחר, פון מיטעלן וווקס און רירעוודיק, ער רייסט זיך תמיד צום עמוד. נעבן אים זיצט זיך טאַטע, אַ ייד, אַ זקן, ווייט אין די 90־ער.

ווער קאָן זיך אין אַלעמען דערמאָנען? יעדע־ער איז דאָך געווען אַ וועלט פון תורה און חכמה פאַר זיך. און איידער מ׳שטעלט זיך דאַווענען ווערט כלומרשט

אַ דינגעניש, ווער עס זאָל צוגיין צום עמוד, ווייל אין דער אמתן האָבן אַלע דערצו געהאַט גרויס חשק. מער פון אַלעמען האָט זיך אָבער געשראָקן אהרון יוסף דער תבואה־סוחר, אַז ווער זאָל זיך ניט מקדים זיין פאַר אים. דערפאַר איז ער כמעט שטענדיק געווען דער ערשטער צו גיין צום עמוד, געדאַוונט האָט ער מיט האַרץ און מיט זיין שיינעם אייגנאַרטיקן שבתדיקן ניגון. נאָכן דאַווענען, ווען אַלע האָבן אים אָפּגעגעבן אַ „גוט־שבת" און דערביי געלויבט זיין דאַווענען, האָט ער גע־שטראַלט פון גליק. אויך זיין אַלטע מאַמע האָט געשעפּט נחת. „עפּעס אַ קלייניקייט? אַזאַ דאַווענען!"

יעקב אַראַנאָוויטש
(בוענאָס־איירעס)

דאָס לעבן אין קאַמעניץ

קאַמעניץ־ליטאָווסק, וואָס ליגט געאָגראַפיש צווישן בריסק־ליטאָווסק און פּרו־זשענע, איז געווען אַ יידישע שטאָט ווי אַלע אַנדערע יידישע שטעט. אמת, די צאָל יידן איז נישט געווען קיין גרויסע, סך הכל 500 פאַמיליעס. דאָך איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ פולבלוטיק יידיש לעבן אויף אַלע געביטן. עס זענען דאָרט געווען 10 בתי־מדרשים, אַ תלמוד־תורה, אַ חסידים־שטיבל, ווו יידן האָבן געדאַוונט און געלערנט און שטרענג אָפּגעהיטן דאָס שיינע רעליגיעזע לעבן ביז צום אומקום.

דער קאַמעניצער רב, הרב ראובן בורשטיין ז״ל, איז געווען אַ תלמיד־חכם און אַ גרויסער אינטעליגענט און אויך אַ בן־רב. עס זענען דאָרט געווען אַ סך לומדים און בכלל אַ סך שיינע בעל־הבתישע יידן. קאַמעניץ האָט געהאַט אַן אַלטע באַרימטע שול פון הונדערטער יאָרן מיט זייער אַ קינסטלערישן ארון־קודש, וואָס איז געווען צו באַוואונדערן. עס פלעגן קומען מענטשן פון ווי ווייט באַזוכן די שול מיטן ארון־קודש. די שול איז אָפּגעברענט געוואָרן בשעת דער גרויסער קאַמעני־צער שריפה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויפן אָרט פון דער שול האָט מען אויפגעשטעלט די תלמוד־תורה, ווו עס האָבן געלערנט אַ סך קינדער, אויך פרעמ־דע, און קאַמעניצער יידן, אַלע נישט קיין רייכע, האָבן געגעבן עסן די פרעמדע קינדער. עקאָנאָמיש האָבן קאַמעניצער יידן געלעבט פון קרעמעריי, זייער ווייניק זענען געווען בעלי־מלאכות און אַ קליינע צאָל אַרבעטער.

דאָך האָבן זיי באַוויזן אויפצוהאַלטן די באַרימטע ישיבה קטנה מיטן גרויסן למדן און תלמיד־חכם, דעם ראש־הישיבה ר׳ שלמה חיים. עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ ספּעציעלע געביידע פאַר דער ישיבה, געשטיצט פון קאַמעניצער און אַמעריקאַנער יידן.

קאַמעניץ האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע אינטעליגענץ, לערער און אויך שריי־בער, פּאָליטישע פּאַרטייען פון אַלע ריכטונגען, די מערהייט — ציונים חלוצים. שוין מיט 50 יאָר צוריק האָט קאַמעניץ פאַרמאָגט אַ יידישע ביבליאָטעק מיט סטאַבילע מיטגלידער און סתם לייענער. די ביכער זענען געווען העברעאישע, און אַ טייל — רוסישע.

יוסף פאַסט
(ניו־יאָרק)

קאַמעניץ־ליטאָווסק — ווו איך בין קיין מאָל נישט געווען

מייך „באַקאַנטשאַפט" מיטן שטעטל איז נישט געווען קיין נײַ־דערוואָרבענע. שוין קרוב פערציק יאָר ווי איך זע דאָס שטעטל דורך די אויגן פון מיין פרוי חנה (חנה קופטשיק), די טאָכטער פון פייגע און הערשל, וועלכע האָבן געלעבט אין זייער באַליבט געבורט־שטעטל.נישט איין מאָל דוכט זיך מיר אויס, אַז איך שפּאַציר מיט מיין פרוי און איר משפחה אויף די קאַמעניצער גאַסן, נישט נאָר זע איך דעם „סלופּ" — איך זע דעם ראָד קראָמען, איך זע זייער זיידנס ווינטמיל אין זאַסטאַוויע און אויך אַ גרויסן טייל איינוווינער קען איך כמעט ביי זייערע נעמען.

איך זע די שול מיט איר גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ, מיט איר אויסערגעוויינ־לעכן שיינעם ארון־קודש, מיט דער שניצעריי־קונסט און די צוויי לייבן, וואָס האָבן באַוואַכט דעם אַראָפּגאַנג און אויסגעזען ממש ווי לעבעדיקע. די שול האָט זיך געקענט גלייכן מיט די שענסטע וועלט־טעמפּלען.

אַזאַ ליבע צום געבורט־שטעטל קומט ניט פון די ראַמען פון סתם נאָסטאַל־גיע; עס איז אַ שטיק לעבן, וואָס באַגלייט אַ מענטשן, ביז זיין טיפן עלטער, און אפשר אין זיין אייביקייט.

גאָר לעצטנס האָב איך זיך באַקענט מיט חברים און פריינד פון קאַמעניץ־ליטאָווסקער בוך־קאָמיטעט, צו וועלכע איך האָב זיך גערן אָנגעשלאָסן.

אין אונדזער פערציק־יאָריקן „אַרומוואַנדערן" אין און אַרום קאַמעניץ, וואָלט מען געקאָנט פאַרצייכענען הונדערטער עפּיזאָדן פונעם שטעטל, נאָר איין עפּי־זאָד, וואָס מיין פרוי וועט נישט מיד צו דערציילן, איז פון נאָך דער שריפה בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַרום פינף און זיבעציק הייזער זענען פאַר־ברענט געוואָרן און צענדליקער משפחות האָבן זיך פאַרקליבן אין די פאַרבליבענע הייזער. מיין פרויס משפחה האָט זיך באַזעצט מיט נאָך עטלעכע פאַמיליעס אין שידלאָווסקיס הויז. ווען דאָרט איז געוואָרן צו ענג, האָבן זיי זיך צוזאַמען מיט ראָכטשע סופר מיט איר פאַמיליע פאַרקליבן אין אַן אויבער־שטיבל אויף

דער בריסקער גאַס, איבער רחל גייערס שענק. דאָרטן האָבן שוין פון פריער געהאַט געוווינט די אַלטע רביצין מיט אירע דריי קינדער — פּיניע, שואלקע און כייענע. דאָס שטיבל איז באַשטאַנען פון צווויי צימערן און אַ קיך, באַוווינט פון עלף נפשות. זיי האָבן זיך אַזוי גוט איינגעלעבט, ווי זיי וואָלטן געווען איין משפּחה. זיי זענען געווען אונטער דער השגחה פון איין מאַמען — די זייער קלוגע און האַרציקע פרוי, רי רביצן ראַבינאָוויטש. נאָך עד היום הער איך וועגן אירע גלייכווערטלעך — וואָס שפּרודלען מיט פאָלקס־חכמה.

איך הער אויך דאָס דעמאָלטיקע געזאַנג, וואָס פלעגט פאַרהילכן אין די זמערדיקע שבתים, די גאַס פול מיט שפּאַצירנדיקער יוגנט, און וואָס וועט זיך אייביק מער נישט הערן.

געשטאלטן

פנחס רביד־רודניצקי

ר׳ יוסף וויגוטאָוו

צווישן די גרויסע למדנים און חשובע בעלי־בתים ביי אונדז אין שטעטל זענען אויך געווען אַזעלכע יידן, וואָס אַחוץ זייער גרויסע לומדות, זענען זיי אויך געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן לטובת הכלל. איינער פון די, וואָס האָט זיך באַזונדערס קונה שם געווען אויף דעם געביט, איז געווען דער למדן און עסקן ר׳ יוסף וויגוטאוו ע״ה, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע חשובע בעלי־בתים ווי ר׳ אברהם שעיה נתן און ר׳ הירש רודניצקי אָנגעפירט מיט דער הילף־אַרבעט ביי אונדז. בעת די דייטשן האָבן פאַרנומען אונדזער שטעטל און גלייך אָנגעהויבן קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע רייכטום פון דער געגנט — שוין אין יענער צייט האָבן די דייטשן דורכגעפירט זייער רויבערישע אַרבעט מיט גרויס ברוטאַלקייט. באַזונדערס האָט זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט איינער אַ מיליטערמאַן, וועלכער פלעגט מיט סאַדיסטישער הנאה שלאָגן יידן, וועלכע ער פלעגט נאָר באַגעגענען, רייטנדיק אויף זיין פערד אין דער באַגלייטונג פון זיין אַרויסהעלפער כוואַט, אַ זון פון דער דייטשישער לערערקע כוואַט, אויף וועמען מ׳האָט געזאָגט, אַ זיי זענען משומדים

אָבער ערגער פון דעם איז געווען אין יענער צייט, ווען די פויערים זענען אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז זיי האָבן מער נישט געהאַט וואָס צו ברענגען אין שטאָט פאַרקויפן. אויך געלט־שטיצע, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג פלעגט קריגן פון זייערע קרובים אין אַמעריקע, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער עקאָנאָמישער מצב ביי אונדז אין שטעטל איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג אַזוי, אַז דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט ממש געהונגערט, נישט געהאַט קיין בגד אָנצוטאָן און געטראָגן הילצערנע שיך, און מלבושים איבערגעמאַכט פון דייטשישע דעקן, וואָס מ׳פלעגט קויפן ביי דייטשישע סאָלדאַטן. אָנצופירן מיט דער הילף־אַרבעט אין יענער צייט האָט זיך געפאָדערט אַ מענטש מיט אַן אמתדיק וואַרעם יידיש האַרץ, וואָס זאָל זיין גרייט מקריב צו זיין זיך לטובת הכלל, ווייל די חודשדיקע שטיצע, וואָס אונדזער שטעטל האָט באַקומען פון „דזשאָינט״, איז ווייט נישט געווען גענוג צו העלפן אַפילו טיילוויז די נויטבאַדערפטיקע

גערענק איך טאַקע דעריבער זייער גוט די האַרצרייסנדיקע סצענעס, וואָס פלעגן זיך אָפּשפּילן ביי ר׳ יוסף וויגוטאָוו אין הויז, וואָס איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן, וועלכע זענען געקומען בעטן הילף. אַלע האָבן געשריגן, געבעטן, אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ, דערציילט וועגן דער גרויסער נויט וואָס הערשט ביי זיי. ר׳ יוסף האָט זיך געקאָרטשעט אין ווייטאָג, געוואָלט אַלעמען העלפן, אָבער די נויט איז געווען גרויס און די געלט־מיטלען — קליין. דאָך איז קיינער נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט; ווער עס האָט באַקומען אַ קוויטל אויף ברויט צום בעקער, און ווער — אַ פּאָר מאַרק מזומן. אויך די יורדים, וועלכע האָבן זיך געשעמט צו בעטן, האָט ער ניט פאַרגעסן. גערענק איך אים טאַקע: אַ הויכער, אַרומגעלאָפן שטענדיק פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט און פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגענע פּרנסה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שענק. יעדן אָוונט פלעגט מען אים טרעפן זיצן אין דער היים און לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָט אַזעלכע כלל־טוער האָט אונדזער שטעטל פאַרמאָגט. ווער קען זיי פאַרגעסן!



זלמן רייזן

אברהם הערש קאָטיק

אברהם הערש קאָטיק, געבוירן ג׳ אלול 1868 אין קאַמעניץ־ליטאָווסק, אַ זון פון יחזקאל קאָטיק. שוין צו 4 יאָר אָנגעהויבן לערנען ביי מלמדים. שפּעטער מיט די עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו. אין 1881 אַריינגעטראָטן אין אַ וואַר־שעווער רעגירונגס־גימנאַזיע און 1886 אויסגעשלאָסן געוואָרן פון גימנאַזיע צוליב רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, און פיל שפּעטער — אין 1898 — פאַרענדיקט זיין בילדונג אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט אַלס פּראָוויזאָר.

פון דער יוגנט אָן זיך באַטייליקט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און פירנדיק די פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אויפקלערערישע אַרבעט אויף רוסיש, זיך אָנגעשטויסן אויפן פאַקט, אַז די יידישע אַרבעטער פאַרשטייען נישט קיין רוסיש, איז ער געקומען צום געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין יידיש.

אין יאָר 1894 האָט ער צוזאַמען מיט א. ברעסלערן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ סעריע: „וויסנשאַפטלעכע פאָלקס־ביכער״, פון וועלכע דאָס ערשטע איז געווען: „ווי אַזוי האָבן מענטשן געלעבט מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק״.

די דאָזיקע אויסגאַבע האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין די יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון פאַרן „בונד״, און אין דער ערשטער צייט נאָך דער גרינדונג פון „בונד״.

נאָך אַן הפסקה פון עטלעכע יאָר (1900), האָט א. ה. קאָטיק באַנייט זיין פאַר־לעגערישע טעטיקייט אין בי ַליסטאָק, ווו ער איז אויך געווען אַ לערער און געגרינדעט דעם פאַרלאַג „פאָלקס־בילדונג״, ווו ס׳האָבן געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרן אברהם רייזען און דערנאָך י. ח. ברענער.

אין יאָר 1904 האָט קאָטיק זיך באַזעצט אין מינסק, ווו ער האָט געגרינדעט אַ יידישיסטישן קרייז, איינעם פון די ערשטע וואָס האָבן זיך געזאָלט פאַרנעמען מיטן צונויפשטעלן אַ יידישע גראַמאַטיק, יידישע לערנביכער אאַז״וו. צו דעם קרייז האָבן צוו. אַנד. געהערט דוד קאַסעל, שרה רייזען, יוסף ציפּקין. זלמן רייזען

האָט דעמאָלט געאַרבעט ביי קאָטיקן אַלס סעקרעטאַר. אין יולי 1905 איז קאָטיק געוואָרן אַרעסטירט פאַר זיינע באַציאונגען צום „בונד” און באַפרייט געוואָרן בעת די אָקטאָבער־געשעענישן.

אין 1906 האָט ער געלייענט לעקציעס וועגן דער ידישער ליטעראַטור אויף די וואַרשעווער ידישע אָוונט־קורסן. אין 1912 געווען פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלעכער ביילאַגע צום „היינט” — דער „הויז־דאָקטאָר”.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער מיט זיין פאַמיליע פון 8 פערזאָן געמוזט וואַנדערן איבער פאַרשידענע שטעט פון רוסלאַנד אַלס פאָרשטייער פון דער צייטונג „רוסקיִע וויעדאָמאָסטי”. אין 1920 צוריקגעקומען קיין פוילן אַלס לייטער פון דער פראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פון דער סאַניטאַר־מעדיצינישער אָרגאַניזאַציע ביים „דזשאָינט”.

פעברואַר 1924 געקומען קיין אַמעריקע, אָבער צוליב די עמיגראַציע־באַגרענע־צונגען געמוזט אין 1926 פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַוועק קיין מאָסקווע, ווו ער האָט פאַרנומען אַ פּאָסטן אין בילדונגס־קאָמיסאַריאַט.

אין זיין פילזייטיקער טעטיקייט און שפּעטערישער אַרבעט האָט קאָטיק אויך פאַרעפנטלעכט פובליציסטישע און פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין פאַרשידענע ידישע און רוסישע צייטונגען. ער האָט געשריבן וועגן קולטור־ און שול־פראַגן, ביבליאָגראַפיע, עקאָנאָמישע פראַגן, געזעלשאַפטלעכע היגיענע אד״גל.

(פון זלמן רייזינס לעקסיקאָן — געקירצט דורך חיה קראַקאָווסקי)

פראָפ. שמואל אייזנשטאַדט
(תל־אביב)

ר׳ שעפסל סופר

(פון מיין פאָטערס זכרונות)

מיין פאָטער יוסף אייזנשטאַדט דערציילט אין זיינע יוגנט־זכרונות פון טשעמערי :

יעדן ערב יום־טוב פלעגט מיין פאָטער ר׳ יעקב־בער שיקן פון זיין פאָססיע קיין קאַמעניץ און אין די שטעטלעך אַרום נישט ווייניקער ווי צו ח״י רובל אין יעדן פלאַץ, כדי צו פאַרטיילן די דאָרטיקע אָרעמעלייט. ער פלעגט אויך איבערשיקן צו די גבאים פון קאַמעניץ וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט קאַרטאָפל פון די אייגענע פעלדער, כדי צו צעטיילן זיי פאַר אָרעמע משפחות אויף פסח.

*

איך בין דאַן אַלט געווען זיבן יאָר, איך האָב שוין אָבער גוט געוווסט, אַז אין קאַמעניץ לעבט אַ סופר סת״ם, וועלכער הייסט ר׳ שעפסל. דאָס איז געווען אַ מענטש, וועמען מיר קינדער האָבן שטאַרק ליב געהאַט צוליב זיין לוסטיקן כאַראַקטער און די שיינע מעשיות, וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן. ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, אָבער שטענדיק פריילעך און גוטהאַרציק און האָט פאַרמאָגט אַ רייכן אוצר פון ווערטלעך און איינפאַלן.

און ווען עס האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט ר׳ שעפסלס פרנסה צוליב דעם, וואָס קינדערלאָזע בעלי־בתים האָבן אויפגעהערט צו באַשטעלן ביי אים דאָס שרייבן פון ספרי־תורות, האָט ער זיך ניט פאַרלוירן און באַשלאָסן זיך צו לאָזן אויף אַ רייזע קיין ארץ־ישראל. אויף הוצאות האָבן אים געגעבן בעלי־בתים פון צווישן זיינע באַקאַנטע.

נאָך אַ יאָר צייט האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין קאַמעניץ און געבראַכט פון ארץ־ישראל פון אַלדאָס־גוטס : עטלעכע זעקלעך ארץ־ישראל־ערד, עצי־חיימס צו ספרי־תורות פון לבנונער צעדערביימער, מילגרוימען פון דער געגנט פון

יריחו, קאָקאָס־ניס און אַחוץ אַלעמען — אָן אַ שיעור מעשיות וועגן די ניסים, וואָס זענען מיט אים געשען אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

אין אונדזער פּאָסעסיע פלעגט ר׳ שעפּסל קומען גאַנץ אָפּט. ער איז ביי אונדז שטענדיק געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ער פלעגט זיך שטענדיק פאַרהאַלטן ביי אונדז אויף עטלעכע טעג אַלס אַ שיינער ייד און תלמיד־חכם. דער טאַטע פלעגט אים אויפנעמען מיט גרויס דרך־ארץ און פלעגט אים באַלוינען מיט עט־לעכע רובל און אַ פלעשל וויין אויף קידוש און הבדלה. נאָך זיין צוריקקומען פון ארץ־ישראל פלעגט ער בשעת יעדן אָנקומען אין דער פּאָסעסיע דערציילן אונדז קינדער זיינע ווונדערלעכע מעשיות, און מיר פלעגן זיך אים פאָרשטעלן אין אונ־דזער דמיון, ווי אַ מין גלגול פון אליהו הנביא.

לאה אלוני־באַבראָווסקי
(תל־אביב)

שלמה מאַנדעלבלאַט הי״ד

שלמהקע איז געבוירן אין קאַמעניץ־ליטאָווסק. זיינע עלטערן זענען געווען נחמה און יאָסל דער שרייבער (מאַנדעלבלאַט). שלמהקעס פאָטער איז געווען ביי אונדז אין שטעטל יאָרן לאַנג אַ יידיש־רוסישער לערער. שוין אין די קינדער־יאָרן האָט שלמהקע זיך אויסגעצייכנט אין זיין לערנען. אין עלטער פון 12 יאָר איז ער שוין



געווען פעאיק מיטצואַרבעטן מיט זיין פאָטער אין די יידיש־רוסישע קלאַסן, אָבער דאָס אַלץ האָט אים ניט באַפרידיקט — ער האָט געשטרעבט צו בילדונג.

מיט דער הילף פון לערביכער האָט ער אַליין פיל געלערנט ביז עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ווען די דייטשן האָבן דעמאָלט אָקופּירט קאַמעניץ, האָט זיך קיינער מער נישט גענייטיקט אין דער רוסישער שפּראַך, און יאָסל דער שרייבער מיט זיין פאַמיליע זענען געבליבן אָן פּרנסה. אָבער שלמהקע

האָט ניט פאַרלאָרן זיין מוט, ער האָט באַלד אָנגעהויבן לערנען זייער פלייסיק די דייטשע שפּראַך און געהאַט גרויס דערפאָלג אין זיין לערנען. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און שלמהקע האָט באַקומען אַ שטעלע אַלס סעקרעטאַר און איבערזעצער אין דער דייטשער קאָמענדאַנטור אין קאַמעניץ. דאַן האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע ביי זיין פאַמיליע פיל פאַרבעסערט.

אין פאַרלויף פון זיין אַרבעט אין דער קאָמענדאַנטור האָט ער זיך שטאַרק באַמיט צו העלפן קאַמעניצער בירגער — יידן און קריסטן. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט און די דייטשן האָבן פאַרלאָזן אונ־זער געביט, איז שלמהקע ווידער געבליבן אָרבעטסלאָז.

גלייך ווי עס האָט זיך געשאַפן די פּוילישע מדינה, וועלכע האָט אויך אַריינגענומען אונדזער שטעטל, האָט שלמהקע ווידער אָנגעהויבן שטודירן. מיט גרויס מי האָט ער באַקומען פּוילישע לערנביכער און זיך שטאַרק איבערגעגעבן צו לערנען גרינטליך די פּוילישע שפּראַך. ער האָט זיך געלערנט געהיים אויף אַ בוידעם, וווּ ער האָט זיך, ווי פיל פון דער יידישער יוגנט אין קאַמעניץ אויסבאַהאַלטן, ווייל דער גרויזאַמער פּוילישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט — אַ שונא ישראל — פלעגט שלאָגן וועמען ער האָט נאָר געזען.

ווען שלמהקע האָט זיך איבערצייגט, אַז ער קען גוט די פּוילישע שפּראַך אין שריפט און אין וואָרט, האָט ער אָנגעהויבן זוכן תכלית. ער איז אַוועק צו דער פּוילישער פּאָליציי און זיך געווענדעט צום קאָמענדאַנט, דעם שונא־ישראל, און אים פאָרגעלייגט זיין דינסט אַלס סעקרעטאַר און איבערזעצער אין דער פּוילישער קאָמענדאַנטור. דער קאָמענדאַנט האָט זיך באַצויגן צו אים מיט שפּאָט און דערביי געוואָלט אים מכבד זיין מיט אַ פּאָר קלעפּ, אָבער שלמהקע האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ער האָט דעם קאָמענדאַנט דערקלערט, אַז די מערהייט בירגער אין קאַמעניץ זענען יידן און פּראַוואָסלאַווגע, וועלכע קענען ניט די פּוילישע שפּראַך און מען דאַרף פאַר זיי אַן איבערזעצער צו פאַרלייכטערן די אַרבעט פון דער פּוילישער פּאָליציי־קאָמענדאַנטור. נאָך דער דערקלערונג האָט דער קאָמענדאַנט אים געגעבן אַ בויגן פּאַפּיר און אים געהייסן שרייבן אין פּויליש: „אַלע זשידעס זענען קאָמוניסטן און שונאים פון פּוילישן פאָטערלאַנד, און מען דאַרף זיי אַלע אויסשיסן". שלמהקע האָט דרייסט באַטאָנט: „איך בין אַ ייד און אַזעלכעס וועל איך אויף מיין פּאַלק ניט שרייבן!" דער קאָמענדאַנט איז געוואָרן אַ ביסל ווייכער און געזאָגט: „שרייב וואָס דו ווילסט".

דאַן האָט שלמהקע געשריבן זיין ביאָגראַפיע און אויך באַצייכנט, אַז אין דעם זעלבן הויז האָט ער געאַרבעט אַלס דייטשער סעקרעטאַר און איבערזעצער. וועגן זיין אָרנטלעכקייט קען דער קאָמענדאַנט זיך נאָכפרעגן ביי די קאַטוילישע בירגער

פון קאַמעניץ, וועלכע פיל פון זיי האָט ער ארויסגעהאָלפן פון די דייטשע זשאַנדאַרמען. ווען דער קאָמענדאַנט האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלץ וואָס שלמהקע האָט געזאָגט און געשריבן איז אמת, האָט ער גערופן שלמהקען און צו אים געזאָגט: „דו וועסט זיין מיין סעקרעטאַר!"

גלייך ווי שלמהקע האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין דער פוילישער קאָמענ־דאַנטור האָט דער ווילדער קאָמענדאַנט אויפגעהערט שלאָגן יידן, און שלמהקע איז געוואָרן זייער פּאַטראָן. ווער עס איז געווען אין אַ נויט איז באַלד געקומען צו אים, און ער האָט פיל יידן אַרויסגעראַטעוועט פון פאַרשידענע צרות און שלעכטע גזרות. ער האָט געדינט מיט פיל געטריישאַפט יידן און אויך דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

ווען מען האָט אין קאַמעניץ צום ערשטן מאָל דורכגעפירט וואַלן פאַרן שטאָטישן מאַגיסטראַט האָט דער שטאָטראַט באַשטימט שלמהקע מאַנדעלבלאַטן פאַרן שטאָטישן סעקרעטאַר אין מאַגיסטראַט, כאָטש קעגן אים איז געווען אַ קאַנדידאַט אַ פּאָליאַק. שלמהקע איז געווען אַ פּערזענליכקייט. געווען באַליבט ביי אַלע בירגער אין קאַמעניץ, סיי ביי יידן, סיי ביי קריסטן. מיט זיין טיפן פאַרשטאַנד האָט ער געוווּסט ווי אַזוי זיך צוצופּאַסן צו פאַרשידענע מענטשן, מיט וועלכע ער איז געווען אין קאָנטאַקט אין פאַרלויף פון זיין אַרבעט אין מאַגיסטראַט. זיינע פעיקייטן און טאַקט האָבן אים דערמעגלעכט בלייבן אויף זיין אַמט יאָרן לאַנג פון דעם שווערן אָנפאַנג ביז צום טרויעריקן סוף.

שלמהקע האָט חתונה געהאַט מיט חיה־שרה כאַזאַנאָוויץ. זיי האָבן געפירט אַ רואיק, בכבודיק פאַמיליע־לעבן.

ווען די נאַצישע מערדער האָבן זיך באַוויזן אין קאַמעניץ, איז זייער עלטסטער זון ראובן געווען צווישן די ערשטע הונדערט קרבנות.

חיה־שרה, שלמהקע און זייערע קינדער זענען אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים צוזאַמען מיט אַלע קאַמעניצער און זאַסטאַוויער יידן.

יהיה זכרם ברוך.

נ. נ.

ד״ר אייזיק גורני הי״ד

ד״ר אייזיק גורני איז געבוירן געוואָרן אין קאַמעניץ און זיינע עלטערן האָבן אים דערמעגלעכט צו באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג און וועלטלעכע בילדונג. באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג — אַלט זייענדיק 13 יאָר — קומט ער אָן אין 5טן קלאַס פון דער העברעישער גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק, ווו ס׳באַזעצן זיך אויך זיינע עלטערן. אין צוויי חדשים שפּעטער שטאַרבט זיין פּאָטער.



נאָכן פּאָטערס טויט האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער פאַריתומטער פאַמיליע שטאַרק פאַרערגערט. אייזיק זעצט אָבער פאָר דאָס לערנען. ער גיט אָפּ שטונדן אויף מאַטעמאַטיק און גרייט זיך פאָרן שטודירן. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז נאָכן פּאָטערס טויט פלעגט ער זאָגן נאָך אים קדיש עטלעכע מאָל אין טאָג און אַפילו לערנען אַ קאַפּיטל משניות לכבוד זיין אָנדענק.

טראָץ דעם, וואָס אין אויסלאַנד האָט ד״ר א. גורני זיך נישט געפונען אין

קיין טראַדיציאָנעלער יידישער סביבה, האָט ער מיט שטאָלץ געטראָגן זיין יידישן נאָמען און האָט זיך באַטייליקט אין קרייזן, וועלכע זענען געווען טעטיק אין די נאַציאָנאַלע פאָנדן פאַרן אויפבוי פון אַ פרייער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

צו 17 יאָר פאָרט ער שטודירן אין אוניווערזיטעט — צוערשט אין דער שווייץ און שפּעטער אין פראַנקרייך, ווו ער שטודירט מאַטעמאַטיק, און דערגרייכט דעם דאָקטאָראַט. ער באַקומט אַן אוניווערסיטעט־קאַטעדרע אין פראַנקרייך.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יום־כיפור פון יאָר 1942, ווערט ער דורך די נאציס, וועלכע האָבן אָקופּירט פראַנקרייך, אַרויסגעשיקט קיין אוישוויץ, פון וואַנען ער קומט מער נישט צוריק.

ד״ר אייזיק גורני האָט אַרויסגעגעבן ווערק וועגן מאַטעמאַטיק, וואָס געפינען זיך אין מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פון ירושלימער אוניווערזיטעט. אין זעלבן פאַ־קולטעט איז דעם 8טן מאַי 1963 פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף, ווו פראָפ. ש. מאַנ־דלבלאַט פון ענגלאַנד האָט באַערט דעם אָנדענק פון ד״ר אייזיק גורני, רעפע־רירנדיק אַ טייל פון די ווערק פון אומגעבראַכטן געלערנטן.

כבוד זיין אָנדענק!

מ. ניימאַן

יאַנקל זלאַטעס ז״ל

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אין קאַמעניץ זייער אַ סך מענטשן געליטן פון הונגער, שרעק און קראַנקייטן. די אַלע וואָס האָבן געהאַט פאַמיליעס האָבן געליטן צוזאַמען און זיך געהאַלטן צוזאַמען. יאַנקל זלאַטעס פון זאַסטאַוויע האָט דעמאָלט פאַרלאָרן זיין גאַנצע משפחה (חוץ איין ברודער אברהם משה מיט זיין פאַמיליע, וועמען די נאַציס האָבן אומגעבראַכט און ער, אַ יינגערער פון די ברידער, האָט געהונגערט, געשלאָפן אויף בוידעמער און געגאַנגען אָפּגעריסן, אָבער אויסגעוואַקסן אַ פעיקער יונגערמאַן, ער האָט גערופן פאַרזאַמלונגען און גערעדט צו די אַרבעטער, זיי אויפגעקלערט, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין אַ פאַראיין, כדי צוזאַמען אויסצוקעמפן בעסערע באַדינגונגען. ניט אַלע אַרבעטער האָבן זיך צוגעהערט צו אים, אָבער יאַנקל האָט ניט אויפגעגעבן. ער צוזאַמען מיט בענצע סאפיר, לייזער קאַגאַן און פיל אַנדערע אַרבעטער, פלעגן אַלע פאַרנאַכט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט גיין און אַרונטערנעמען די אַרבעטער פון דער אַרבעט, כדי ניט צו אַרבעטן צו 10 שעה אַ טאָג אָדער מער.

יאַנקל האָט געוואָלט אויסקעמפן צוזאַמען מיט זיי אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. עס איז אָנגעקומען שווער דאָס דורכצופירן, אָבער די אָרגאַניזאַטאָרן איז געלונגען צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין פאַראיינען. נאָך אַ סך קאַמפן זענען די דאָרטיקע אַרבעטער געוואָרן באַוווסטזיניקע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. יאַנקל איז אויך געווען פון די ערשטע צו באַגרייפן, אַז דאָס שטעטל דאַרף האָבן אַ ביבליאָטעק. האָט ער צוזאַמען מיט משה׳קע גרינבלאַט, משה׳קע וויסאָצקי, גיטל סופר און היענע דער רביצינס געגרינדעט די ערשטע יידישע אַרבעטער־ביבליאָטעק. עס איז געווען פריילעך אין שטעטל. יינגלעך און מיידלעך פלעגן אַלע פאַרנאַכט קומען אין ביבליאָטעק לייענען אַ בוך און אויך זיך טרעפן מיט חברים און פריינד. דאָס זענען געווען שיינע און אָנגענעמע יאָרן. דערנאָך איז יאַנקל אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ראַטמאַן. ער האָט רעפּרעזענטירט די אַרבעטער פון קאַמעניץ. אויך יאָסל זוויגוטאָוו איז געווען ראַטמאַן מצד די קרעמער

אין געשעפטס־לייט. מאַטוכניק איז דאַן געווען דער בירגערמייסטער פון מאַגיס־טראַט און שלמהקע מאַנדעלבלאַט — סעקרעטאַר.

יאַנקל איז תמיד געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז מען זאָל ניט אַרויפלייגן צו פיל שטייערן אויף די אומפאַרמעגלעכע. דער בירגערמייסטער און דער סעקרע־טאַר האָבן זיך אַלע מאָל צוגעהערט צו זיינע דיסקוסיעס און אים אַ סך מאָל אויך געפאָלגט. ער האָט געטאָן אַ סך טובות אָרעמע מענטשן. ער איז געווען אַ גוטהאַר־ציקער. שפּעטער איז יאַנקל צוזאַמען מיט יאָסל וויגוטאָוו אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ראַטמענער צום סיימיק אין בריסק. איין מאָל אין חודש פלעגן די ראַטמענער פון די אַרומיקע שטעטלעך קומען קיין בריסק אויף די זיצונגען, כדי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון זייערע שטעט.

יאַנקל איז געשטאָרבן דעם 10־טן יולי 1963 אין ברוקלין.

חורבן און אומקום

דאָראַ גאַלפּערן

חורבן קאַמעניץ אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

(פון אירע בריוו צו לאה און דב אלוני)

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע, בלוטיקע וועלט־מלחמה, האָבן די סאָוויעטן אין ענדע 1939 אויך פאַרנומען קאַמעניץ. די יידישע לאַגע האָט זיך דאַן געביטן אויף ערגער. די מאַכט האָבן איבערגענומען עטלעכע קאַמעניצער, ווי לייבקע כץ, לייזער דאָלינסקי, יוסף וואָלפסאָן, יוסף קופּציק, צוויי ברידער יאַקובאָווסקי פון זאַסטאַוויע, מלכה ראדישטש און נאָך איניקע האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער „מלוכה". זיי האָבן אַלעמען גוט געקענט און געוווּסט ווי וועמען צו דריקן.

75 פּראָצענט פון די יידן אין קאַמעניץ האָבן דאַן געלעבט פון האַנדל, געהאַט קראָמען און אַזוי געשעפּט פּרנסה. דער האַנדל איז באַלד ליקווידירט געוואָרן. דער ראָד־קראָמען איז גלייך געשלאָסן געוואָרן און פאַר האַנדל האָט מען זייער שטאַרק געמשפּט, מערער הייזער האָט מען נאַציאָנאַליזירט. די לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע, כמעט אָן אויסוועג. די בתי־מדרשים זענען ליקווידירט געוואָרן, דאָרט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קלוב און אַ קינאָ. יעדער האָט געמוזט אַרבעטן שבת און דאָס האָט אויך שלעכט געווירקט; אָבער זייער שלעכט איז נאָך דאַן נישט געווען. ווער עס האָט געקענט אַ ביסל רוסיש, האָט געקראָגן אַרבעט.

אין יאָר 1940 האָבן אונדז די רוסן אַרויסגעוואָרפן פון אונדזער הויז, פּשוט אויף דער גאַס. מיין שוועסטער רייזל האָט געוווינט ביי שידלאָווסקין, און איך האָב אויך געוווינט ביי איינעם אַ קריסט — פעאָדאָר פּאַנאָסעוויטש.

ווען די דייטשן זענען צו אונדז געקומען, האָט ער מיר גלייך געמאָלדן, אַז ער וויל נישט צוליב מיר אַרויסהענגען אַ מגן־דוד אויף זיין הויז. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך מוז זוכן אַן אַנדער פּלאַץ צום וווינען.

ביי די דייטשע רוצחים

דעם 22סטן יוני פון יאָר 1941, האָבן די ווילדע דייטשישע מערדערס אַריינ־

מאַרשירט צו אונדז אין שטעטל. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען געקומען קיין קאַמעניץ ס.ס.־מענער און געכאַפּט יידן אין די גאַסן.

איך אַליין האָב געזען דורכן פענצטער, ווי פון זאַסטאַוויער זייט איז גע־גאַנגען שמואל דוד ראָזענבערגס אַן איידעם. די מערדער האָבן אים געכאַפּט, שטאַרק געשלאָגן און געטריבן פאָריס און מיט די שטיוול אים ווילד געקאָפּעט. דאָס האָט אויף מיר זייער שלעכט געווירקט, און איך האָב זיך נישט געקענט באַרואיקן. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווסט, אַז די מערדער האָבן אַ סך יידן געכאַפּט אין שטעטל און זיי שטאַרק געשלאָגן. דאַן איז אויף אַלעמען אַרויפ־געפאַלן אַ גרויסע אימה.

איך האָב מורא געהאַט, אַז דער דאָזיקער פּאַנאַסעוויטש קען מיך אַרויסגעבן, האָב איך זיך פון דאָרט אַרויסגעקליבן און געוווינט ביי רייזל געווירצמאַן צוזאַמען מיט איר פאַמיליע. דאָרט האָבן מיר אויך געהאַט שרעקלעכע איבערלעבונגען.

איינמאָל זענען געקומען צוויי זשאַנדאַרמען און ביי אונדז צוגענומען אַלץ, וואָס עס איז זיי געפעלן געוואָרן. אַפילו מעבל, קאָלדרעס, גאַרדינען און אַנדערע זאַכן. דערנאָך האָבן זיי פון שאַפע אַרויסגעשלעפּט אַן אַלטן שוואַרצן קאַפּעליוש, אָנגעטאָן רייזלען אויפן קאָפּ, און מיר האָבן זיי אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ גרויסן טאָפּ. מיר האָבן געמוזט טאַנצן און זינגען און דערצו האָבן מיר גוט געקריגן מיט די נאַגייקעס. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע איבערלעבונג. אַחוץ דעם וויטיק, איז נאָך די חרפּה וואָס זיי האָבן אונדז געטאָן.

אין קאַמעניץ איז פאַר דער מלחמה געווען אַ פרוי, אַ דאָקטאָר. אַלע האָבן געוווסט, אַז זי איז אַ קריסטין. זי פלעגט גיין אין קלויסטער און שטענדיק טראָגן אַ צלם אויפן האַרצן. ווען די דייטשן זענען צו אונדז געקומען האָט זי אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין מאַגיסטראַט און אויך פּראַקטיקירט אַלס אַ דאָקטאָר. זי האָט געהייסן האַלינאַ ווײַדענבערג. פּלוצלונג איז זי פאַרשוווּנדן געוואָרן. מען האָט זיך דערוווסט, אַז די דייטשן האָבן ביי איר אַלעס צוגענומען און זי אומגעבראַכט, ווייל אַ פּאָסט־באַאַמטער, אַ קריסט, האָט זיי דערציילט, אַז זי פלעגט באַקומען בריוו און קאַרטלעך געשריבן אין יידיש.


נעבן רייזל געווירצמאַן האָט געוווינט מרים פאַכטער־וואַפּניאַרסקאַ. די דייטשן האָבן זייער הויז פאַרנומען. און זי האָט דאָרט אין גאָרטן עפּעס באַ־גראָבן. ווען זי איז איינמאָל געקומען און געוואָלט אויסגראָבן, האָט איר אַ זשאַנ־דאַרם נאָכגעיאָגט, זי איז צו אונדז אַריינגעלאָפן. מיר האָבן געמוזט זי האַלטן פאַר די הענט און קאָפּ, און ער האָט זי שרעקלעך צעשלאָגן. זי האָט אַפילו קיין כוח נישט געהאַט צו שרייען. דאָס האָט אונדז זייער צעבראָכן און עס איז געווען זייער שווער דאָס אַלץ איבערצוטראָגן.

ווען מען האָט אין יאָר 1942 פאַרמאַכט דאָס געטאָ, האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז אפשר וועט זיין בעסער; כאָטש דאָרט האָט מען געוווינט 10 פערזאָן אין אַ צימער (אַחוץ אַנדערע צרות). די רוצחים האָבן יעדן טאָג עפּעס געפאָדערט; אָבער אַליין זענען זיי אין אָנהויב צו אונדז נישט געקומען, בלויז דערליידיקט דורך דעם יודענראַט.

איך בין איין מאָל געגאַנגען פאַר מיין שוועסטערס קינדער קויפן עפּעס צום עסן, האָט מיך אַ זשאַנדאַר געכאַפּט און שטאַרק געשלאָגן. איך בין אומגעפאַלן אויף דער ערד. דאַן האָט ער מיר עטלעכע מאָל מיט די שטיוול געקאָפּעט אין בויך און געשריען, איך זאָל אויפשטיין. אָבער איך האָב קיין כוח נישט געהאַט. מיין פּנים איז געווען געשוואָלן צוויי וואָכן. דאָס האָט פּאַסירט נעבן יאָסל גלעזערס הויז, וווּ ער האָט געאַרבעט פאַר זיי, אויסער דעם געטאָ. דער ווילדער נאַצי האָט געהייסן ווערבעל. די סצענע געדענק איך נאָך ביז היינט. ווען איך בין אַ היים געקומען האָבן מיינע שוועסטער זייער געוויינט. איך בין שוין מער פון געטאָ נישט אַרויסגעגאַנגען.

ביי אונדזער רייזלען איז געווען אירע אַ שוועגערין, זייער אַ שיינע און יונג מיידל. פון שרעק פאַר די רוצחים איז זי פון זינען אַראָפּ און איינמאָל גאַנץ פרי איז זי פון שטוב אַרויס און נישט צוריקגעקומען. די דייטשן האָבן זי געכאַפּט און דערשאָסן. פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער.

דעם 1־טן יאַנואַר 1942 יאָר איז דאָס געטאָ פון דער בריסקער גאַס באַוואַכט געוואָרן, און אונדז אַלע האָט מען אַריבערגעפירט אין געטאָ פון קאָברינער און ליטווישער גאַס. די ערשטע קרבנות זענען געפאַלן שוין גאַנץ כּרי.



אַ גרופּע יידן ערב אומקום
(די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע איז געפונען געוואָרן ביי אַ דייטשן זעלנער)

שמחה דובינערס מוטער, שרה, איז געלאָפן דורך פעלדער אויף די ליט־ווישע גאַס. אַ דייטש האָט זי געכאַפּט. זי האָט אים זייער געבעטן, ער זאָל זי לאָזן צוריקגיין. זי האָט נאָר געוואָלט ברענגען עסן פאַר איר זון, וועלכער האָט דאָרט געאַרבעט, זי האָט זייער געוויינט, אָבער דער מערדער האָט אויף אירע טרערן נישט רעאַגירט און זי געשאָסן. זי איז געפאַלן כמעט נעבן קאָזלאָווסקיס שייער. זי האָט נאָך געלעבט, האָט זיך אויפגעהויבן און אירע לעצטע ווערטער זענען געווען: „אוי וויי צו מיר". דאַן האָט דער מערדער נאָך אַמאָל געשאָסן און זי געטויט. קאָזלאָווסקיס ברודער, מיטקאַ, האָט זי אויפן בית־עולם אַוועקגעפירט און דאָרט קובר געווען.

מיט אייניקע מינוטן שפּעטער איז אויף דעם זעלבן פּלאַץ דערשאָסן געוואָרן יששכר וועלוול פּרייער פון דער קאָברינער גאַס און זיין טאָכטערביילע, זונע פּאַכאַלסקעס איידעם, און נאָך איינער פון וואַרשע, וועלכער איז געווען אַלס גאַסט ביים דאָקטאָר געלבערג. עס איז אויך אַנטלאָפן פון געטאָ ד"ר געלבערג, זיין זון, זיין טאָכטער יאַנוטשקאַ און איר מאַן לודוויג. זיי האָט מען נישט געכאַפּט. אין אַ צייט אַרום האָט אַ קריסט זיי אַרויסגעגעבן און זיי זענען אַלע צוזאַמען דערשאָסן געוואָרן אין דאָרף דעמיטראָוויטש, נישט ווייט פון קאַמעניץ. דעם דאָקטאָרס פרוי איז אין געטאָ פון זינען אַראָפּ.

אַנטלאָפן זענען אַ סך מער, אָבער מען האָט נישט געהאַט ווו זיך אויסצו־באַהאַלטן, האָבן זיי דערנאָך געבעטן דעם יודענראַט, מען זאָל קומען און זיי צוריקפירן אין געטאָ.

דורך יסורים און גבורה זיך געראַטעוועט פון די מערדערישע הענט

איך בין געווען 3 טעג אין באַוואַכטן געטאָ. אויפן דריטן טאָג 12 אַזייגער מיטאָג־צייט איז צוגעקומען צו די דראָטן אונדזערער אַ באַקאַנטער קריסט (יוזעף גאַליאַק) און האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אַנטלויפן, ווייל יעצט זענען קיין דייטשן נישטאָ; עס זענען בלויז דאָ קאַמעניצער מיליציאַנטן, וועלכע וועלן מיך אַדורכלאָזן. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז אוממעגלעך, ווייל אומעטום איז דאָך פאַרהאַקט מיט ברעטער, ווי אַזוי קען איך אַרויסגיין? ער איז אַוועק און אין אייניקע מינוטן שפּעטער איז ער געקומען מיט נאָך אַ באַקאַנטן קריסט. זיי האָבן מיט אַ האַק די ברעטער אויפגעהאַקט און מיך פּשוט אַרויסגעשלעפּט פון געטאָ.

דאָרט איז געשטאַנען די פרוי קאָזלאָווסקי, וועלכע האָט אויף מיר אַ דעקע אַרויפגעוואָרפן און מיך אַריינגעפירט צו איר אויפן בוידעם. דאָרט בין איך געלעגן ביז אַ זייגער 7 פאַרנאַכט. דאַן האָט מען מיך איבערגעטאָן אין אַ לאַנג

ברייט קלייד, אָנגעטאָן אַ טוך אויפן קאָפּ און אַריבערגעפירט אויף דער ליטווישער גאַס צו איינעם אַ באַקאַנטן קריסט (יוזשעק גריגאָרעווסקי). דאָרט בין איך געווען בלויז איין טאָג, ווייל זיין פרויס פאַמיליע, מיט וועלכער זיי האָבן געוווינט, האָט שטאַרק מורא געהאַט און זיי זענען מיט זייערע קינדער אַנטלאָפן פון הויז. דאַן האָט זיך געשטעלט ביי מיר אַ פראַגע: וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב כסדר געוואָלט גיין צוריק אין געטאָ און האָב געקלערט, אַז מיין אַנטלויפן האָט נישט קיין צוועק. אין אָוונט איז געקומען צו פאָרן אַ קריסט מיטן נאָמען ניקאָלאַי זשוק און ער האָט מיך מיטגענומען צו זיין פאַמיליע אין אַ קאָלאָניע, ווו עס איז געווען בלויז זיין הויז און זיין ברודערס הויז. ווי מיין געמיט איז געווען ווען ער האָט מיך געפירט, קען מען זיך פאָרשטעלן. עס האָט אונדז געטראָפן אַ נס און מיר זענען בשלום געקומען צו זיין פאַמיליע אין דאָרף. די ערשטע פּאָר טעג איז געווען נישט שלעכט, אָבער וואָס ווייטער איז אַלץ געוואָרן ערגער. זיי פלעגן מיך פאַרשליסן אויף אַ גאַנצן טאָג אין שייער. קיינער פלעגט צו מיר נישט אַריינקומען, קיינער פלעגט מיך נישט פרעגן, אויב איך וויל אָדער דאַרף עפּעס. שפּעט אין אָוונט פלעג איך אַרויסגיין אונטערן שטוב און באַלד צוריק.

דער קריסט איז איינמאָל געקומען פון קאַמעניץ און מיר געזאָגט, אַז אין געטאָ איז שוין קיינער נישטאָ. מען האָט אַלע אַרויסגעפירט קיין וויסאָקע. דאָס האָט מיך זייער דערשלאָגן. איך האָב דאַן פאַרשטאַנען, אַז דער ביטערער סוף איז שוין געקומען. עס איז מיר געווען זייער טרויעריק. קוואַלן טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן. צום גרויסן אומגליק האָבן מיינע ביטערע טרערן נישט געקענט העלפן. די קריסטן האָבן אַלץ מער מורא באַקומען, פון שייער בין איך שוין נישט אַרויס. דאָרט איז געווען פינצטער און זייער קאַלט, און ווי עס איז געווען אויפן האַרצן, איז נישט צום באַשרייבן.

אין אַזעלכע באַדינגונגען בין איך דאָרט געווען זעקס וואָכן. איין מאָל אַ פריי־מאָרגן, גאַנץ פרי, ווען איך בין צופעליק אויף אַ פּאָר מינוט אין צימער אַריין, זענען מיט אַן אויטאָ אָנגעפאָרן דייטשן. איך ווייס נישט ווי אַזוי איך האָב באַוויזן פון צימער אויפן בוידעם אַרויפלויפן. די רוצחים זענען דאָרט געווען אַ גאַנצן טאָג, און איך בין אויפן בוידעם געלעגן אין איין קלייד. עס איז געווען ווינטער און זייער קאַלט. איך האָב זיך דאַן יעדע מינוט מיטן לעבן געזעגנט. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי די ווילדע דייטשע רוצחים כאַפּן מיך, ווי זיי פּייניקן מיך, און וויפל צרות וועלן זיי מיר אָנטאָן ביז זיי וועלן מיך דערשיסן. איך האָב נאָר געטראַכט אַ פּאָר שעה. דערנאָך בין איך נישט געווען מער פעיק צו טראַכטן. אין אָוונט, ווען די דייטשן זענען אַוועקגעפאָרן, איז זשוק געקומען מיך אַרונטער־נעמען פון בוידעם. ער האָט מיך געמוזט אויף די הענט טראָגן, ווייל איך בין

געווען אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקן און געפרוירן, אַז איך האָב נישט געקענט גיין און די פאַמיליע זשוק האָט זיך דערשראָקן צוליב מיר.

אין עטלעכע טעג שפּעטער, האָט מיך זשוק צוריקגעפירט קיין קאַמעניץ ווינטער ביינאַכט אויף אַ שליטן. איך בין געווען ארומגעוויקלט מיט שמאַטעס, דער קאָפּ באַנדאַזשירט. זאָגן וועט ער, אַז ער פירט אַ קראַנקע אין האָספּיטאַל. איך בין גוט דערפאָרן, קיין דייטשן האָבן מיר נישט געטראָפן. באַקאַנטע קריסטן, וועלכע האָבן מיך געוואָלט ראַטעווען, האָבן געבעטן אַ קאַמעניצער פּאָליציאַנט, אַ קריסט, וועלכער האָט געזען ווי איך בין פון געטאָ אַרויס, אַז ער זאָל מיר דערלויבן ביי אים אין הויז זיך אויסבאַהאַלטן. ער האָט געוווינט אויף דער ליטווישער גאַס צוזאַמען מיט זיין מוטער. ווען דער מיליציאַנט און זיין מוטער זענען געווען איינשטימיק, האָט מען מיך ביינאַכט צו זיי איבערגעפירט. דאָרט איז מיר שוין געווען בעסער. 6 אָדער 7 מאָנאַט בין איך דאָרט געווען. כאָטש זיי האָבן מיך נישט געוואָלט אַזוי לאַנג האַלטן; אָבער זיי האָבן געמוזט, ווייל קיין אַנדער אָרט איז נישט געווען. דאָרט בין איך דעם גאַנצן טאָג געלעגן אויפן אויווען, וועלכער איז געווען פאַרהאָנגען מיט אַ פאָרהאַנג. קיינער האָט נישט געוווסט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ לעבעדיקער מענטש, אָן רעכט צו לעבן. עס פלעגן קומען באַקאַנטע צו דער פרוי, זיצן שעהן, רעדן, און איך פלעג אַלץ הערן. אייניקע פלעגן זאָגן, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי איך בין צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער אויף דער פור געזעסן ווען מען האָט זיי אַרויסגעפירט. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן מיך נישט געזען. נאָך אַנדערע האָבן אַפילו געזען, ווי איך האָב געוויינט צוזאַמען מיט די אַלע אַרויסגעפירטע. קיינער פון זיי האָט נישט געוווסט, אַז איך לעב. שעהן לאַנג בין איך אַזוי געלעגן און נישט גערירט זיך פון אָרט. איך האָב מורא געהאַט, אַז עמיצער וועט הערן. נישט איינמאָל איז דאָרט אויפן אויוון געווען זייער הייס און איך האָב זיך געמוזט אַזוי מוטשען און דאָס אַלץ אויסהאַלטן.

צום ערגסטן איז געווען ווען עמיצער פלעגט קומען גאַנץ פרי ווען איך בין נאָך אין בעט געלעגן. דאַן פלעגט די פרוי אויף מיר אַרויפוואַרפן אַ פערענע און שנעל דאָס בעט פאַרבעטן אויף מיר. איך בין אַזוי דאָרט געלעגן נישט געהוסט און נישט געשטיקט זיך, כמעט אָן אָטעם און געוואַרט זיי זאָלן שוין אַוועקגיין.

איינמאָל שפּעט ביינאַכט, ווען מיר זענען שוין געשלאָפן, האָט ווער אין פענצטער געקלאַפּט, און געזאָגט, מען זאָל די טיר אויפמאַכן; ווייל אַ זשאַנדאַרם פרעגט ווו זי וווינט. אָ גאָט אין הימל! וואָס טו איך יעצט מיט זיך? די פרוי האָט מיר געראַטן, איך זאָל אין בעט בלייבן און זי וועט אויף מיר פאַרבעטן ווי

שטענדיק, אָבער איך בין אַרויסגעשפּרונגען און שנעל אַרויף אויפן אויוון. אַנטלויפן ערגעץ־ווו איז קיין וועג נישט געווען.

ווען זי האָט אויפגעמאַכט די טיר, איז אַריינגעקומען אירע אַ באַקאַנטע (מאַניע לאַצינסקי) מיט אַ זשאַנדאַר, וועלכער האָט געהייסן געטסקע. זיי האָבן דאָרט געוואָלט אַ ביסל פאַרברענגען... ער האָט די עלעקטריע אויסגעלאָשן און געלויכטן מיט אַ באַטאַרייע אין אַלע ווינקעלעך און געפרעגט צי פּאַרטיזאַנער זענען דאָ. אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער געלעגן אין זעלבן בעט, ווו איך בין פריער געשלאָפן.

נעבן אויוון איז געשטאַנען אַ צווייט בעט, ווען מאַניע איז אהיימגעגאַנגען, איז ער געקומען און געלייגט זיך נעבן אויוון. דאָס איז פאַר מיר געווען שרעקלעך. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאָס נישט איבערטראָגן, אָבער עס איז אַ נס געשען. ער איז געווען אַ ביסל שיכור און איז איינגעשלאָפן. ווען איך האָב געהערט, אַז ער שלאָפט שוין, איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער. דאָס האָט געדויערט ביז אין דער פרי. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען און איז אַוועק. די פרוי און איך האָבן באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. מיר זענען געווען פון שרעק זייער קראַנק און איך בין אַ פּאָר טאָג געווען שטום. די פרוי האָט מיך מער נישט געוואָלט האַלטן ביי איר אין הויז. אַרויסוואַרפן מיך האָט זי נישט געקענט, ווייל איך פלעג זאָגן, אַז מיר איז שוין אַלץ איינס, אָבער זי וועט דאָך אויך איר קאָפּ לייגן.

נאָך דעם איז געקומען פרוי קאָזלאָווסקי און האָט מיך צו איר אין הויז גענומען. איך האָב זיך געוווּנדערט דערויף, ווייל ביי איר אין הויז איז נישט געווען ווו זיך אויסבאַהאַלטן. אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער זון, דער מיליציאָנער, ביי וועמען איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן, האָט פאַרטרויט דער פרוי קאָזלאָווסקי, אַז ער וועט מיך דערמאָרדן ביינאַכט, ווען איך וועל שלאָפן, און מיך אַריינוואַרפן אין טייך.

ביי פרוי קאָזלאָווסקי האָב איך נישט געקאָנט בלייבן. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען מיך אַריבערגעפירט צו איינעם אַ קריסט אין דער ליטווישער גאַס, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט וועט גוט זיין, אָבער צו גוט האָט זייער אַ סך געפעלט. איך האָב גוט פאַרשטאַנען מיין לאַגע, נאָך היינט פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי האָב איך דאָס אויסגעהאַלטן, עסן און אַנדערע נויטווענדיקייטן איז נישט געווען וויכטיק ביי יענער לאַגע; אָבער די אימה און פּחד ווען איך פלעג בלויז הערן ווי די ווילדע נאַציס מאַרשירן אויפן גאַס, פלעגט אויף מיר אָנוואַרפן אַ שרעק.

אַזוי זענען איבערגעלאָפן נאָך איניקע חדשים און צו די צרות איז קיין

סוף נישט געקומען. איך האָב קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט און געמוזט ווינען אין אַ שאַפּע פון זאַכן. דאָרט איז מיר געווען אַמבעסטן. די שאַפּע איז געווען שטענדיק פאַרשלאָסן. דאַן האָט זיך מיר געדאַכט, אַז קיינער וועט מיך שוין נישט געפינען. אויך דאָס גליק האָט זיך שנעל געענדיקט.

דאָרט אין שכנות האָט געוווינט אַ גלחס אַ טאָכטער, וועלכע האָט זיך אָנגע־הויבן אינטערעסירן מיט דער קריסטלעכער פאַמיליע. איין מאָל איז זי צו זיי געקומען, גלייך צוגעגאַנגען צו דער שאַפּע און געוואָלט זי עפענען, ווייל איר איז געפעלן געוואָרן אַ קלייד פון דער פרוי. די שאַפּע איז צום גליק געווען פאַרשלאָסן. פון יענעם טאָג בין איך שוין מער אין שאַפּע נישט געזעסן, און איך האָב מיין גליק פּראָבירט אין אַ קעלער. דאָרט איז געווען קאַלט, פינצטער און נאַס. דאָך בין איך קיינמאָל נישט געווען פאַרקילט און צום גליק האָב איך נישט געהוסט. כאָטש קראַנק בין איך געווען אַ סך מאָל. אַזוי האָב איך זיך אויסגעהיילט אָן אַ דאָקטאָר און אָן רפואות. איך האָב זיך ווייניק געוואַשן, און דאָס האָט אויף מיר אויך שלעכט געווירקט. פון צייט צו צייט פלעג איך שפּעט ביינאַכט אַרויסקריכן פון קעלער, אַריין אין הויז זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען.

איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען מיר זענען אין צימער געזעסן און גאַנץ שטיל גערעדט, האָט זיך דער לאָדן אויפגעמאַכט, דער קריסט איז גלייך אַרויס־געלאָפן, אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען. מיר האָבן געטראַכט, אַז זיכער האָט דער ווינט דעם לאָדן אויפגעמאַכט. אין אַ צייט אַרום, ווען דער לאָדן האָט ווידער זיך אויפגעמאַכט, איז דער קריסט שנעל אַרויסגעלאָפן און געזען דעם גלחס טאָכטער נעבן פענצטער. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט געהערט מיין קול — כאָטש איך האָב קיינמאָל מיט איר נישט גערעדט. איך האָב זיך באַלד אין קעלער באַהאַלטן. ער האָט זי אין שטוב געבראַכט און זי געפרעגט, ווו איך בין. ווי קען זי אויסטראַכטן אַזעלכע זאַכן ? איר ענטפער איז געווען, דאָס זי באַדויערט בלויז אים אַלס שכן, ווען נישט, וואָלט זי גלייך געבראַכט זשאַנ־דאַרמען און זיי וואָלטן מיך שוין אויפגעזוכט.. מיט דעם איז זי אַוועק צוזאַמען מיט אים און איך בין אויך גאַנץ שנעל פון דאָרט אַוועק.

פרוי קאָזלאָווסקי האָט מיך אריבערגעפירט צו אירס אַ גוטן פריינד, אַן עלטערן קריסט, וועלכער האָט געוווינט אין אַ קליין געסל נישט ווייט פון דער ליטווישער גאַס. קיין אַנדער אָרט איז שוין נישט געווען. דאָרט איז מיר געווען נישט שלעכט, אָבער דאָס האָט געדויערט אַ קורצע צייט, ווייל מען האָט דאָרט אין איין צימער אַריינגעזעצט אַ דייטשע פאַמיליע און איך האָב ווידער געמוזט נעמען מיין וואַנדער־שטעקן. עס איז שווער צו באַשרייבן די אַלע איבערלעבונגען. ביז היינט פאַרשטיי איך נישט, ווי האָט זיך מיר געוואָלט אַזוי פיל ליידן. איך

האָב דאָך זיך געקענט אויפהענגען, אָדער עפּעס אַנדערש טאָן, און וועגן דעם נישט געטראַכט. עס איז אַפּנים באַשערט געווען, אַז איך זאָל בלייבן לעבן, כדי אַ ביסל דערציילן פון אונדזער טרויעריקער לאַגע ביי די ווילדע רוצחים. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג און געמוזט ווידער זיך באַהאַלטן אין דעם נאַסן און קאַלטן קעלער. דאָרט בין איך פאַרבליבן ביז דער פראָנט האָט זיך יעדן טאָג צו אונדז דערנעענטערט. דאַן האָט זיך אויך ביי מיר באַוויזן אַ פונק האָפענונג.

איינמאָל ביינאַכט, האָב איך דערזען ווי אַן עראָפּלאַן ברענט. אַלע מענטשן זענען געלאָפן אויף די פעלדער זיך אויסבאַהאַלטן. עס איז געווען זייער שרעק־לעך. דער הימל איז געווען ווי אַ שטיק פייער איך בין אין ערגעץ נישט געלאָפן. איך בין געזעסן און געוואַרט אויף מיין סוף.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען געזאָגט: ווען די דייטשן וועלן פון קאַמעניץ אָפּטרעטן, וועלן זיי די שטאָט אונטערצינדן און עס וועט גאָרנישט בלייבן. דאַן האָט זיך געשטעלט אַ פראַגע: וואָס וועט זיין מיט מיר? צוויי יאָר האָב איך געליטן אַזעלכע צרות און צום סוף וועל איך אומקומען, פאַרברענט ווערן צוזאַמען מיט דער שטוב? איך אַליין בין נישט געווען אַפילו פעאיק צו טראַכטן וועגן דעם.

ניקאָלאַי זשוקס אַ שוועסטער, וועלכע האָט מיך שוין פריער אויסבאַהאַלטן, האָט געוווינט אין דאָרף אוגליאַן, נישט ווייט פון קאַמעניץ. זי איז געווען איינשטימיק מיך נעמען צו איר. מען האָט מיך אַהין געפירט אויף אַ פור. איך בין געווען פאַרדעקט מיט שטרוי און מיט פיל וואַליזקעס און פאַרשידענע פעק־לעך. דער וועג איז געווען זייער שווער און איך בין קוים מיטן לעבן געקומען. עס איז דאַן געווען זייער הייס, אַלץ איז געשטאַנען אויף מיר און די נערוון האָבן אויך זייער געקאָכט. איך האָב געקלערט, אַז עס וועט דויערן אייניקע טעג און איך וועל באַפרייט ווערן פון די ווילדע רוצחים. ווידער האָט עס געדויערט עטלעכע וואָכן. ביי זשוקס שוועסטער האָב איך זיך אויך געמוזט באַהאַלטן. איך בין געלעגן אין אַ קוטשע פון קאַרטאָפל. דאָרט איז געווען זייער פינצטער און די מייז האָבן מיך נישט געלאָזט רואיק זיצן. מיר האָבן מיט דעם אָרט זייער שלעכט געטראָפן. דאָרט איז אַדורך דער גאַנצער פראָנט. עס זענען געווען שטאַרקע שיסערייען. מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין קעלערס. בלויז איך אַליין בין אין שטוב און אין קוטשע געווען. דייטשן פלעגן קומען זוכן פערד, פאַרטיזאַ־נער, און דאָס לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר. אָבער דאָס האָט שוין לאַנג נישט געדויערט.

אין יולי 1944 זענען די דייטשן אָפּגעטראָטן און עס האָבן זיך באַוויזן די

ערשטע רוסישע פאַרטיזאַנער. איך האָב אַפילו נישט געגלייבט, אַז עס איז שוין געקומען די אויסלייזונג.

איך האָב באַלד דערזען דעם ערשטן ייד. ער איז געווען פייגל מערעצקעס שוועסטערס אַ זון. זיי האָבן געוווינט אין סעלץ און ער איז געווען אין דער אַרמיי.

די רוסן זענען אַוועק ווייטער און דאַן איז מיין לעבן ווידער געווען אין געפאַר. ווען איך בין אין קיך געווען זענען פּלוצים דייטשן ווידער געקומען און געזוכט רוסן. איך בין שטיין געבליבן און מיט אַ לעפל געמישט דאָס עסן. זיי האָבן נישט לאַנג געזוכט און גלייך אַוועק. זיי האָבן שוין ווייניק צייט געהאַט. מער זענען די דייטשע רוצחים צו אונדז נישט געקומען. איך בין אין דאָרף געבליבן אייניקע טעג. איך האָב מורא געהאַט אַז די ווילדע רוצחים וועלן נאָך צוריקקומען.

נאָך דער באַפרייונג ...ווידער אַרעסטירט

אין אייניקע טעג שפּעטער, דעם 22 יולי 1944, בין איך צוריק קיין קאַ־מעניץ געקומען. איך האָב נישט געקענט גיין, די פיס האָבן מיר שרקלעך ווי געטאָן און איך בין געווען פשוט געשוואָלן. צוויי יאָר געלעבט אָן לופט, געליטן הונגער, קעלט, שמוץ און געווען שטענדיק אין טויט־שרעק.

עס איז מיר שווער צו באַשרייבן ווי ביטער און טרויעריק איז מיר געווען, ווען איך האָב ווידער געזען קאַמעניץ. אין שטאָט איז געווען שטיל, נישטאָ קיין מענטשן. יעדער שטיין האָט נאָך זיי געוויינט. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד, אַזוי פיל אומשולדיק בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן און קיינעם האָט דאָס נישט געקימערט. עס זענען געווען געוויס אַ סך קריסטן אין קאַמעניץ, וועלכע האָבן זיך מיט דעם געפרייט. און ווען עמיצער פון זיי האָט געטרויערט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס אים איז ווייניק זאַכן אָנגעקומען פון יידישן פאַרמעגן. איך ווייס בלויז ווי עס האָט אויסגעזען, ווען מען האָט זיך דערוווסט אין קאַמעניץ, אַז איך לעב. פונקט ווי אַ דונער וואָלט זיי געטראָפן. עס איז באַלד ווייניק אָרט דאָרט פאַר מיר געווען... און איך האָב שנעל געמוזט פון קאַמעניץ קיין בריסק אַנטלויפן...

קומענדיק קיין בריסק, האָב איך געמיינט, אַז איך בין אַ מענטש גלייך מיט אַנדערע און האָב רעכט צום לעבן, אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. דאָרט האָבן זיך מיינע צרות אָנגעהויבן פונדאָסניי. איינמאָל אין מיטנדערנאַכט, האָבן 2 רוסן אין פענצטער געקלאַפּט, איך זאָל די טיר אויפמאַכן, ווייל זיי ווילן וויסן ווער ס׳וווינט דאָ. איך בין געווען נאַאיוו און אויפגעמאַכט. זיי האָבן גלייך אַרויס־

געצויגן אַ רעוואָלווער, אויפגעמאַכט די שאַפע און אַלעס צוגענומען. ווען איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן מיר איבערלאָזן מיין מאַנטל, האָבן זיי אויסגעשאָסן. איך בין פון שרעק אומגעפאַלן. זיי האָבן באַפוילן, אַז 20 מינוט זאָל איך פון הויז נישט אַרויסגיין, ווייל זיי וועלן שיסן.

עס איז אַריבער אַ קורצע צייט און אין קאַמעניץ האָט מען אָנגעהויבן אַרעסטירן, ווייל איינער דעם צווייטן האָט געמסרט. דער פּאַנאַסעוויטש פון קאַמעניץ, ביי וועלכן איך האָב געוווינט ווען די דייטשן זענען צו אונדז אַריין, האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל פון אים נקמה נעמען, פּאַרוואָס ער האָט מיך פון זיין הויז אַרויסגעוואָרפן. ער האָט אָנגעשטעלט זיינעם אַ קוזין מיט זיין פרוי, וועלכע האָט געהאַט אין בריסק אַ שוועסטער, אַ גרויסע קאָמוניסטקע מיטן נאָמען אַניוטאַ, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ פרישן גרוב פאַר מיר גראָבן.

רוסן זענען צו מיר געקומען און געפרעגט ווו געפינט זיך ג. וו., אַ קריסט, ביי וועלכן איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשע מערדערס. איך האָב געענטפערט, אַז איך וויס נישט; האָט מען מיר פאַרהאַלטן דעם 23־טן אָקטאָבער 1944 יאָר.

אַ רוסישער מאַיאָר האָט מיך געפרעגט, פּאַרוואָס האָבן די דייטשן מיך געלאָזט לעבן? ער האָט מיר דאַן 2 מאָל גוט געשלאָגן און געטענהט, אַז ווייל איך זאָג נישט דעם אמת, דערפאַר מוז איך פאַרפוילט ווערן אין טורמע. זיי האָבן מיך זייער שטאַרק געפייניקט. יעדע נאַכט פלעגן זיי מיך רופן אויף אַן אויספאָרשונג און דערביי שטאַרק געשלאָגן. אַזוי בין איך געזעסן איייניקע טעג אין דער פינצטער, אָן עסן כמעט, בלויז אַ שטיקל ברויט האָבן זיי מיר געגעבן. אין אייניקע טעג שפּעטער האָבן זיי געמאָלדן, אַז ביז איצט בין איך געווען פאַר־האַלטן און פון היינט בין איך אַרעסטירט. פאַרפאַלן. איך האָב געקלערט, מיין מעסטל צרות איז נאָך געוויס נישט פול.

איינמאָל ביינאַכט האָט מען מיך גערופן אויף אַן אויספאָרשונג. דאָרט האָב איך געזען פּאַנאַסעוויטשעס קוזין פון בריסק און זיין שוועגערין די קאָמוניסטקע אַניוטע. זיי האָבן אויף מיר פייער געשאָטן. זי האָט געזאָגט, אַז איך האָב זיך פון די דייטשן נישט אויסבאַהאַלטן, אַז איך זאָג אַ ליגן. זי וויס, אַז איך האָב זיך געליבט מיטן דייטשן קאָמיסאַר, אַז איך האָב זייער שיין געוווינט און יעדן טאָג האָב איך אַ נייע פריזור געמאַכט. דער עיקר, אַז זי האָט ביי מיר געדינט און איר איז זייער שלעכט געווען ביי מיר.

ווען איך האָב זי געפרעגט, ווו האָב איך געוווינט ביי די דייטשן, האָט זי אויסגעטאָן אַ שוך און מיט דעם שוך מיר געשלאָגן איבערן קאָפּ. זי האָט געכאַפּט

אַ טינטער און די טינט אויף מיר אויסגעגאָסן און נישט געלאָזט מיך רעדן. זי האָט ביי זיי געאַרבעט, און מיר פיל צרות אָנגעטאָן.

איך בין געזעסן 6 וואָכן אין געפערלעכע באַדינגונגען: קראַנק געלעגן אויף דער האַרטער און קאַלטער פּאָדלאָגע, הונגעריק און דורשטיק.

אין 6 וואָכן אַרום איז פאָרגעקומען דער משפט. 5 מיליציאַנטן האָבן מיך געפירט איך זאָל נישט אַנטלויפן. עס האָבן מיך געמשפט 3 מיליטערישע ריכטער. דאָרט האָב איך געזען 12 עדות קעגן מיר. דאָס האָט מיך נישט איבערראַשט. מיר איז שוין געווען אַלץ איינס.

ווען מען האָט גערופן דעם ערשטן עדות און אים געפרעגט, וואָס ער ווייס יועגן מיר, האָט ער געענטפערט, אַז אַלץ וואָס ער ווייס איז שוין פאַרשריבן. דאַן האָט אים דער ריכטער געזאָגט, אַז דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן איז נישט זיין זאַך, ער מוז דאָ אַלץ דערציילן. דער עדות איז שטיל געבליבן און גאָרנישט געזאָגט. דאָס האָט מיך אויף מיינע פיס געשטעלט. דער ריכטער האָט מיך גע־פרעגט צי איך האָב אַ פראַגע. האָב איך דעם עדות געפרעגט, צי האָט ער מיך געזען נאָכדעם ווי מען האָט די יידן אַרויסגעפירט? און צי האָט ער געוווסט, אַז איך לעב.

זיין ענטפער איז געווען: ניין. און אַזוי איז געווען מיט די איבעריקע עדות. אַניוטע האָט פּראָבירט עפּעס רעדן, אָבער עס האָט זיך איר נישט איינ־געגעבן. דער פּראָקוראָר האָט צו איר געזאָגט: דיך פאַרדריסט געוויס, אַז זי איז געבליבן לעבן.

איך האָב געהאַט גליק, וואָס די ריכטער זענען צו דער זאַך צוגעגאַנגען ריכטיק. זייער באַשלוס איז געווען: דאָס אַניוטע און די איבעריקע עדות מוזן אַרעסטירט ווערן, ווייל איך לייד אומזיסט צוליב זיי. די ריכטער האָבן געגעבן אַ באַפעל מיך פריי לאָזן.

אָבער די מיליציאַנטן האָבן מיר צוריק אין תפיסה געפירט און איך האָב געוואַרט זייער לאַנג ביז מען האָט מיך באַפרייט. כמעט אַ גאַנץ יאָר בין איך געזעסן אין תפיסה אומזיסט, געליטן הונגער, דורשט, אין די שטאַרקע קעלטן געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע פון צעמענט מיט 45 פּערזאָן אין איין קליינעם צימער, כאָטש איך בין געווען אומשולדיק!

דעם 13־טן סעפּטעמבער 1945 יאָר האָט מען מיך באַפרייט און אָנגעשריבן, אַז איך בין אומשולדיק.

איך בין אַרויס אויף דער גאַס און נישט געוווּסט, ווו איך זאָל גיין.

איך בין געווען זייער פאַרצווייפלט. מיין פאַרמעגן איז געווען נאָר די אַלטע זאַכן אויף זיך, מיט וועלכע איך האָב זיך איבער אַ יאָר אין טורמע געוואַלגערט.

וידער האָב איך פאַר מיינע אויגן געזען די שרעקלעכע בילדער פון אונדזערע איבערלעבונגען אין קאַמעניצער געטאָ און נאָך דעם געטאָ. איך האָב געפילט, אַז איך מוז שנעל אַוועק פון דער געגנט, וואָס איז פאַרגאָסן מיט אַזוי פיל יידיש בלוט.

פון גרויס פאַרצווייפלונג און עלנטקייט בין איך דאַן נישט געווען אומשטאַנד צו באַשליסן, וועלכע ריכטונג איז בעסער... און איך בין מיט מיינע באַקאַנטע אָנגעקומען קיין פוילן.

קומענדיק קיין פוילן האָב איך זיך געפילט זייער עלנט, געליטן הונגער נויט און געווען זייער קראַנק.

נאָך אַזוי פיל צרות האָב איך נאָך געמוזט דורכמאַכן צוויי שווערע אָפּעראַציעס און פון מיין לינקן פוס, האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען צוויי פינגער, ווייל זיי האָבן געפוילט צוליב די שווערע קעלטן בעת איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשע מערדער און ווען איך האָב פאַרבראַכט איבער אַ יאָר אין דער שרעקלעכער תפיסה אין בריסק.

עס איז שוין אַריבער מער ווי 20 יאָר און איך קען דאָס אַלעס נישט פאַרגעסן. אונדזערע ליבע און טייערע קדושים, מיט וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין געטאָ, זענען מיר טיף איינגעקריצט אין האַרצן. איך קען נישט פאַרגעסן יענעם פרימאָרגן, ווען די מערדער, ימח שמם, האָבן ווינטער אין אַ גרויסער קעלט גאַנץ פרי אַלע פון געטאָ אַרויסגעפירט, — ווי ס'האָט דערציילט אַ קריסט.

די קליינע אומשולדיקע קינדערלעך האָבן געוויינט פון שרעק, געציטערט פון קעלט, געווען הונגעריק און דורשטיק, זיך געטוליעט צו די עלטערן, וועלכע מען האָט געטריבן צו פוס און דערביי גוט געשלאָגן אַזוי ווי אַלעמען, ביז מען האָט זיי אומגעבראַכט. ביז היינט קען איך נישט זיין פריילעך ווי אַנדערע.

אָט דאָס איז דער סך־הכל פון דער בלוטיקער דייטשישער אָקופּאַציע.

יצחק פּאַרטנאַי
(כפר־סבא)

פון די געטאָס אין די קאַצעט־לאַגערן

סוף 1942 האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע קאַמעניצער ווערן אויסגעזידלט אין פּרוזשענער געטאָ, אָבער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז נישט אַלע וועלן צוזאַמען אויסגעזידלט ווערן. ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קאַמעניצער אין פּרוזשענער געטאָ, האָב איך געטראָפן: שלום קאַמינסקי, יצחק דעם שוחט (יצחק סטופּיצעווסקי) מיט זיין פּאַמיליע, דוד באַש מיט זיין פּאַמיליע (ער איז אומגעקומען אין אוישוויץ, זיין ווייב איז געשטאָרבן אין פּרוזשענער געטאָ און זיין עלטערער זון איז פאַרשיקט געוואָרן אין ביעלאָ־וויעזשער וואַלד אויף וואַלד־אַרבעט, פון וואַנעט ער איז נעלם געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג), קויפמאַנען (אַ בייגל־בעקער), וועלכער האָט געהאַט אַ זון שלמה (אַ שוסטער) און זיין טשערנאַפּטשיצער איידעם שיע פישביין מיט זיין ווייב און טאָכטער. שפּעטער האָבן זיי זיך אומלעגאַל צוריקגעקערט אין קאַמעניצער געטאָ, מיין פריינד בענצע סאַרקעס מיט זיינע קינדער (מען פלעגט אים רופן בענצע קאַשעמאַכערס). זיי האָבן געוווינט אין געסעלע פון שעפּסלס בית־מדרש, געהאַט אַ קראָם אין ראד, זיין פרוי האָט געהייסן שרה (איצל דעם קצבס טאָכטער, בערציק שמידס אַ מומע). זיי האָבן זיך אויך אייניקע וואָכן שפּעטער אומלעגאַל צוריקגעקערט אין קאַמעניצער געטאָ, לייבל פּאַמעראַנציק מיט זיין פּאַמיליע (זיין טאָכטער וווינט אין תל־אביב). ער איז געווען אין קאַמעניץ אַ רבי, און זיי האָבן געהאַט אַ שניט־קראָם אין ראד. זיי זענען אויך אַוועק צוריק אין קאַמעניצער געטאָ, און די פּאַמיליע פון נאסקע (דער מלמד), וועלכע מען האָט געכאַפּט לויפנדיק צוריק קיין קאַמעניץ, מען האָט זיי געפירט אין פּרוזשענער געסטאַפּאָ (וואָס מיט זיי איז געוואָרן, ווייס איך נישט).

דאָרט איז אויך געווען די משפּחה סאַפּירשטיין (די לערער).

אין געטאָ האָט בכלל איינער מיטן צווייטן נישט גערעדט, נאָר זיך געקוקט אין די אויגן. איך האָב אויך געקענט אַ קאַמעניצער יינגל, גערופן האָט מען אים

יאָסל קאַטשקעלע (דאַכט זיך אַ שניידער), זיין פאַמיליע געדענק איך נישט. ער איז ערגעץ אומגעקומען.

צו מיר איז אויך געקומען פון קאַמעניץ מיין ברודער שמואלקע פּאַרטנאָי מיט זיין שוואַנגערער פרוי און זיין שווער און שוויגער (קאָפּל דער שניידער). מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זענען זיי אומלעגאַל אַוועק צוריק אין קאַמעניצער געטאָ. זי האָט דאָרט געבוירן אַ קינד, און נאָך דעם געפאָרן צו דער שוויגער. קאָפּל איז געבליבן אַ לענגערע צייט אין פּרוזשענע און צום סוף אויך אַוועק אין קאַמע־ניצער געטאָ.

מיין ברודער שמואל האָט מיר אויך דערציילט, אַז קאָפּל דעם שניידערס זון, לייזער דולינסקי, וועלכער האָט זיך געפונען אין בריסק אין דער צייט ווען מען האָט פאַרנומען קאַמעניץ, איז דאָרט געכאַפּט געוואָרן צווישן די ערשטע מיט נאָך בריסקער און זיי זענען אין זעלבן טאָג אומגעבראַכט געוואָרן אין דער בריסקער געגנט. ווען די דייטשן זענען אַריין אין קאַמעניץ, האָבן זיי געכאַפּט 100 יידן און זיי ערגעץ נעבן קאַמעניץ דערשאָסן. צווישן די ערשטע געכאַפּטע איז געווען נחמן אָלשאַנסקי (ניסל דעם קצבס אײדעם).

ווען מיין ברודער האָט געזען, אַז מען כאַפּט מענטשן און מען הרגעט זיי אויס, האָט ער זיך באַהאַלטן אויפן אַלטן בית־עלמין אין אַ דאָלינע אונטער אַ מצבה. ער האָט מיר דערציילט, אַז גדליה שאָסטאַקאָווסקי און ברוך לייב, (ניסל דעם קצבס זון), זענען געווען אין קאַמעניצער יודענראַט.

מיט ברוך לייבן האָב איך זיך געטראָפן אין פּרוזשענער געטאָ. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געקומען אומלעגאַל צום פּרוזשענער יודענראַט צו פאַרהאַנד־לען די אינטערעסן וועגן הילף פאַר דעם קאַמעניצער און פּרוזשענער געטאָ.

בערציקס טאַטע חיים נאָוויצקעוויטשער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי גויים אין נאָוויצקעוויטש. ווען ער האָט געהערט, אַז מען פירט אַרויס אַלע קאַמעניצער יידן, האָט ער זיך אומגעקערט אין קאַמעניצער געטאָ צו זיין משפּחה און איז אומגעקומען מיט זיי און אַלע קאַמעניצער יידן.

אין פּרוזשענער געטאָ האָט אין אַ בעקעריי געאַרבעט אַ קאַמעניצער בחור. ערשט אין ישראל. טרעפנדיק זיך מיט קאַמעניצער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער בחור איז געווען ראַפּאָפּאָרט און איז צוזאַמען מיט די פּרוזשענער יידן פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און געבליבן לעבן, צוריקגעקומען קיין קאַמעניץ און דערנאָך געפאָרן קיין ישראל, ווו ער איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאָרבן.

פון פּרוזשענע האָט מען די יידן אַרויסגעפירט גרופּנווייז, צו 3000 נפשות. אין מיין גרופּע האָב איך קיין קאַמעניצער נישט באַגעגנט. געפירט האָט מען

אונדז צו דער סטאַנציע לינעווע אויף גויִשע פורן פון די אַרומיקע דערפער. ווען מען איז נאָר אַראָפּ פון וואָגן אין לינעווע, האָבן די גויים אַ שמיץ געטאָן די פערד און אַנטלאָפן, בכדי די ייִדן זאָלן נישט באַוויִזן אַראָפּצונעמען זייערע זאַכן פון וואָגן.

אין לינעווע האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין פראַכט־וואַגאָנען, אין ענג־שאַפט און אָן וואַסער. אויפן וועג האָבן אַ סך מענטשן געגעבן די ס.ס.־לייט גאָלדענע זייגערס און אַנדערע ווערטזאַכן פאַר אַ גלאָז וואַסער. אַ טייל האָבן געגעבן די קינדער טרינקען השתנה, געמישט מיט אַ ביסל צוקער. מען האָט נישט געוווּסט צו וואָס פאַר אַ טויט מען גייט. די נסיעה האָט געדויערט דריי טעג. אויפן וועג זענען אַ סך געשטאָרבן פון עגמת־נפש, נישט קאָנענדיק צוקוקן צו אַלעם וואָס עס קומט דאָ פאָר. אייניקע האָבן זיך אַרויסגעוואָרפן פון די וואַגאָנעס ביים ראַנד פון די וועלדער אין דער געגנט פון טשענסטאָכאָוו. זייער גורל איז נישט באַוווּסט. ווען מיר זענען געקומען אויפן אָרט, האָבן די ס.ס.־לייט געעפנט אַלע וואַגאָנעס און געשריגן: „אַלע הערויס אָהנע געפעק!”. מיר זענען אויסגעשטיגן אין בירקענאַו, וווּ איך בין געווען זעקס וואָכן. מענטשן זענען דאָרט געפאַלן ווי פליגן. אַלע נישט אַרבעטספעאיקע און אויך יונגע פרויען מיט קליינע קינדער האָט מען גלייך געלאָדן אין לאַסט־אויטאָס צו די קרעמאַטאָריעס. עס זענען געווען פאַלן, ווען באַבעס האָבן גענומען צו זיך זייערע אייניקלעך, בכדי זייערע טעכטער זאָלן קאָנען זיין צווישן די אַרבעטספעיקע.

פון בירקענאַאו בין איך געשיקט געוואָרן מיט אַ גרופּע אין לאַגער „קאַביער” נישט ווייט פון אוישוויץ. דאָרטן האָב איך געאַרבעט אין וואַלד. ביי אונדזער גרופּע זענען געווען פיר קאָמאַנדעס. יעדע קאָמאַנדע האָט געהאַט פון 40 ביז 50 מאַן. קיין קאַמעניצער האָב איך אין אונדזער גרופּע נישט געזען. אין „קאַביער” האָב איך געאַרבעט ביים אַראָפּלאָזןביימער. די פיר קאָמאַנדעס האָבן געהאַט פיר קאַפּאָס, דייטשן, געוועזענע קרימינאַליסטן, זיי זענען געווען איבער אונדז די בעלי־בתים. ס׳איז נאָך געווען אַ פינפטער קאַפּאָ, וועלכער האָט געהאַט צו זאָגן איבער זיי. מיין קאַפּאָ איז געווען אַ גרויסער מערדער. יעדן טאָג פלעגט מען אַרויסנעמען איינעם אָדער צוויי ייִדן און מען פלעגט זיי דערשיסן. אַזוי האָב איך געזען ווי מען האָט דערשאָסן מיין שוואָגער, וועלוול ראַגאָוויטש, ווי אויך וועלוול גאָלדבערג (אַ זון פון ראובן דעם קצב פון פּרוזשענע). דאָרטן בין איך געווען 5 חדשים.

נאָך די 5 חדשים האָט מען ליקווידירט דעם לאַגער און מען האָט אונדז געבראַכט קיין אוישוויץ. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ, האָט מען אונדז צוגעטיילט צו דער קאָמאַנדע „ראַסקאָ”, ביים שאָסיי אויף דעם צוגאַנג צו

אַ גאָרטן. דער אַרבעטס־טאָג פלעגט זיך אָנהייבן פון 7 פרי· ביז פאַרנאַכט. מיטאָג־שעה פלעגט מען זיצן אויפן פּלאַץ. ווייניקע האָבן געהאַט וואָס צו עסן ,אַלע זענען מיר געווען אונטער אַ וואַך. נאָך זייענדיק אין בירקענאַו, האָבן מיר גע־פילט אַ שטאַרקן ריח פון געבראָטן מענטשן־פליש. אין אוישוויץ, ווו כ׳בין געווען 6 וואָכן, האָב איך געטראָפן צוויי שוואָגערס און פלעמעניקעס (אייניקע פון זיי זענען לעבן געבליבן). אויפן אַפּעל־פּלאַץ האָט מען גענומען אָפּקלייבן שטאַר־קערע צו דער אַרבעט. איך בין אַריינגעפאַלן צווישן די, וועלכע מען האָט אָפּגע־שיקט קיין „בונא־ווערק״ („האַ־גע״ פאַרבן־אינדוסטריע), עטלעכע קילאָמעטער פון אוישוויץ. דאָרטן איז געווען צענטראַל־באַהייצונג, דאָס עסן איז געווען פיל בעסער, ווייל די אַרבעט איז דאָרט געווען אַ שווערע. דאָרט האָב איך פאַרלוירן דעם מיטעלן פינגער פון מיין רעכטער האַנט. דאָס שפּיטאָל האָט מען גערופן ק.ב. דער דאָקטאָר איז געווען אַ פּוילישער ייד. נאָך פיר וואָכן האָט מען מיך צוריקגעשיקט צו מיין אַרבעטס־קאָמאַנדע. מיין קאַפּאָ האָט געהייסן קאַראָל (אַ דייטשער ייד פון אַ האָלענדישן טראַנספּאָרט), ער איז געווען צו אַלעמען גוט. עסן האָט מען געקריגן לויטן נומער אויף דער האַנט. ווען מען האָט באַמערקט, אַז איך האָב צוויי סוועדערס, האָב איך דערפאַר באַקומען 25 שמיץ.

אין „בונא״־ווערק בין איך געווען ביז די רוסן האָבן זיך דערנענטערט, און געוואָרן עוואַקואירט אין אַ נאָענטן לאַגער. אָנגעקומען זענען מיר אין בוכענוואַלד אין יאַנואַר 1945. אין בוכענוואַלד האָב איך זיך געפונען 2 וואָכן, פון בוכענוואַלד האָט מען אונדז געפירט אין לאַגער צווייבערגער נעבן האַלבערשטאַדט. אין צוויי־בערגער בין איך געווען קאַרגע דריי חדשים אין זייער שווערע באַדינגונגען, דאָרטן זענען צוליבן גרויסן הונגער מענטשן געפאַלן ווי פליגן. אין דער פרי האָט מען פאַרטיילט די קאַווע, פאַר דריי־פיר פערזאָן איין פּאָרציע. אָפט פלעגט דער בלאָק־קאַווע (אַ דייטש) מיט דעם פוס איבערקערן דעם טאָפּ קאַווע, און הייסן גיין צו דער אַרבעט. שלאָפן פלעגט מען אויף דער ערד. אַז מען איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט מען געדאַרפט פאַרכאַפּן אַ קאָלדרע. די לייז פלעגן אויפעסן דעם קערפּער, די מענטשן פלעגן ווערן קרעציק, 90% פון זיי זענען אומגעקומען. מ׳האָט געמאַכט גרויסע גריבער, און אַלע פאַרנאַכט נאָכן ציילן פלעגן מיר מוזן די טויטע אַריינ־וואַרפן אין די גריבער און די קעסטלעך צוריקטראָגן אויפן פּלאַץ. מיר פלעגן בלייבן אָן כוחות, טראָגנדיק צו צוויי מאַן אַ קעסטל. די מתים פלעגט מען באַשיטן מיט דעזינפעקציע־מיטלען.

אויפן וועג נאָכן אַנטלויפן

אויפן וועג האָט מיין חבר בודגאַש געזאָגט, אַז מיר זאָלן בלייבן און ס׳איז שוין נישט וויכטיק, ווו מען וועט גיין, אַז סיי ווי קענען מיר דאָ שטאַרבן. נאָר

איך האָב מיין חבר אונטערגעגעבן מוט, און ער איז מיטגעגאַנגען מיט מיר. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ קאָפּיעץ מיט קאַרטאָפל און דערנעבן איז געלעגן אַ געהרגעטער קאַצעטלער. מיר זענען ווייטער אַוועק און דערזען אויפן הויפּט־שאָסיי אַ שטאַרקע מיליטערישע באַוועגונג אין אומאָרדענונג. זענען מיר אַראָפּ מיט אַ וועג צוריק צום טייך נעבן דאָרף. ווען אין דאָרף האָבן הינט אָנגעהויבן שטאַרק בילן, זענען מיר אַראָפּ אויף אַ צווייטער זייט גאַס און זיך נעבן אַ פּאַרקאַן אַוועקגעלייגט אויפן גראָז און איינגעשלאָפן.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט איז געווען ליכטיק, דאָס איז געווען אָנהייב אַפּריל 1945. נישט ווייט פון אונדז האָט שפּאַצירט אַ ציווילער דייטש מיט אַ שטעקן אין האַנט. איך האָב אַריבערגעוואָרפן מיין קאָלדרע אויף דער פּלייצע און בין צו אים צוגעגאַנגען און געבעטן אַ שטיקל ברויט. דער יעקע האָט מיר אָנגע־וויזן דעם וועג פון אונדזער טראַנספּאָרט און געהייסן דאָרט גיין. מיר זענען אַוועק אויפן זעלבן וועג און אין אַ פּאָר מינוט אַרום באַגעגנט אַ גרופּע אוקראַינישע פּרויען, וועלכע האָבן אונדז געעצהט זיך אַריינכאַפּן אין וואַלד, ווייל מיר וועלן באַלד זיין פריי. מיר האָבן ביי זיי געבעטן עסן, אייניקע האָבן אונדז געגעבן צו שטיקלעך ברויט און געקאָכטע קאַרטאָפל, און געוואָרנט פאַרן שלעכטן פאָראַרבעטער, וואָס דאַרף באַלד קומען, און זיי זענען אַוועק אין פעלד...

מיר האָבן זיך געזעצט עסן. שפּעטער איז צו אונדז צוגעקומען נאָך אַן אַנט־לאָפענער פון זעלבן טראַנספּאָרט, אַ פראַנצויזישער ייד. איך האָב אים געגעבן אַ שטיקל ברויט. ער האָט דערציילט, אַז ער גייט איצט צו אַ באַקאַנטן פּאָליאַק, וועלכער אַרבעט ביי אַ דייטש, און צוגעזאָגט צוריקצוקומען, כדי צוזאַמען אַוועק אין וואַלד. באַלד האָבן מיר דערזען דעם פאָראַרבעטער, וועלכער האָט אונדז אָנגעהויבן טרייבן פאָרויס. אויפן וועג איז מיטגעכאַפּט געוואָרן דער פראַנצוי־זישער ייד. ער האָט אונדז אַלע 3 געבראַכט צו אַ גרופּע פון בערך 100 מאַן, אויך אַנטלאָפענע פון אַ טראַנספּאָרט, ווו מיר האָבן אויך געטראָפן פיר חברים, וואָס זענען מיט אונדז אַנטלאָפן און פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג. זיי זענען געווען אויסגעהונגערט. די ס.ס.־לייט, וואָס האָבן אונדז געפירט, האָבן אונדז איבערגעגעבן צו באַוואָפנטע ציוויל־שומרים. דערפון האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז אָט באַלד ווערן מיר באַפרייט. באַלד איז געקומען אַ דייטשע פרוי מיט אַ זאַק ברויט צו פאַרטיילן. אַלע מיט אַ מאָל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום זעקל ברויט, און יעדער האָט אָנ־געהויבן רייסן דעם זאַק צו זיך. אפשר איינער אָדער צוויי האָבן זיך דערשלאָגן צו שטיקלעך. אין געדראַנג איז איינער געבליבן טויט.

נאָך דעם זענען געקומען אייניקע לאַסט־אויטאָס מיט ציווילע באַוואַכונגען און אונדז איבערגענומען. אַ ביסל שפּעטער זענען מיר געבליבן שטעקן אין וועג.

צוליב דער שטאַרקער באַשיסונג פון דער אַמעריקאַנער אַרטילעריע. די שאָפערן און די היטער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין וועלדל, און מיר נאָך זיי. נאָך דער שיסעריי זענען מיר געפאָרן ווייטער, אָבער באַלד איז ווידער געוואָרן אַ שטאַרקע שיסעריי פון דער אַמעריקאַנער אַרטילעריע, און מיר זענען געבליבן שטיין אונטערן שטעטל פאַנדערסלעבן, נעבן אַ גרויסן שייער. אונדזערע היטער זענען זיך צעלאָפן און מיר זענען געלאָפן צו אַ שייער זוכן קאַרטאָפל. ווען ס׳איז געוואָרן שטיל זענען מיר שוין אָן שומרים אַריין אין שטעטל און זיך צעשפּרייט זוכן עסן. אין די גאַסן האָבן שפּאַצירט איינצלנע איינוווינער מיט ווייסע פענער, באַלד זענען אַריין די אַמעריקאַנער און אונדז געגעבן ברויט, שאָקאָלאַד, סיגאַרעטן און געקאָכטע קאַרטאָפל. מיר האָבן באַמערקט אַ לאַגער פון יוגאָסלאַווער און זענען צו זיי אַריין און דאָרטן אויך באַקומען עסן. ביי נאַכט זענען מיר געשלאָפן אין אַ שייער.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אונדז איינגעאָרדנט אין אַ קינאָ־זאַל, וווּ ס׳איז געווען אָנגעשריבן: נאָר פּאַר יידן און פּאָליאַקן, און פּאַר דייטשן — איינטריט פאַרבאָטן. מיר זענען שוין געווען אין גאַנצן פריי. אָבער איך האָב זיך דערפילט איינזאַם, אָן דער משפחה.

דערהערט, אַז די אַמעריקאַנער גייען אַרויס און די רוסן קומען אַריין, בין איך אַוועק אין אַ צוג וואָס גייט קיין פראַנקרייך. אין נאָרדהאַוזן האָט מען געפרעגט פון וואַנען יעדער איז. אַלס פּוילישער ייד בין איך פאַרבליבן אין נאָרדהאַוזען, און שפּעטער אַוועק אין אַ לאַגער אין בערגען־בעלזן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ קאַמעניצער בחור, וועלכער איז נצול געוואָרן פון די לאַגערן, זיין נאָמען און פאַמיליע־נאָמען איז מיר נישט געווען באַקאַנט. ער געפינט זיך היינט אין ישראל. ער איז געווען צוזאַמען מיט אַווערבוכן אין לאַגער. (ברוך אַווערבוך, בערציק שמידס אַ פריינד). פון בערגען־בעלזען בין איך אַוועק אין לאַגער ביי מינכען און פון דאָרטן מיט דער „בריחה“ — קיין איטאַליע. פון איטאַליע האָבן מיך לאַנדסלייט אין יאָר 1948 אַריבערגענומען קיין אַרגענטינע. אין יאָר 1954 בין איך געקומען אַלס טוריסט קיין ישראל, דאָ חתונה געהאַט מיט דער קאַמעניצער פרוי שרה הארלע (אומגעקומען אין אַ פאַרקער־קאַטאַסטראָפע) און בין שוין פאַרבליבן אין ישראל.

(אויפגענומען — מאיר באַבראָווסקי)

דבורה רודניצקי־זינגער
(ניו־יאָרק)

מיינע איבערלעבונגען אין די געטאָס און קאַצעטן

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן יואל און אסתר, מײַן ברודער זאַנוול, מיין זיידן אהרן, מיין מומע ביילע־חאַשע מיט איר מאַן און צוויי זין, מיין מומע לאה און אַלעמען פון אונדזער פאַמיליע, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים.

ווען די רוסן זענען אין אָנהייב בעתן צווייטן וועלט־קריג אַריין קיין קאַמעניץ, האָבן זיך באַלד פאַרמאַכט אַלע קראָמען. אַפילו די פאַכלייט האָבן אויך פאַר זיך נישט געטאָרט אַרבעטן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ „קאָלכאָז" ווו זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט, אָבער קיין גרויסן געהאַלט האָבן זיי נישט געקריגן. די איינציקע גוטע זאַך פאַר די אַרבעטער איז געווען, וואָס אויפן פאַספּאָרט האָט ער נישט געהאַט קיין פּאַראַגראַף אַלס „בורזשוי". און מיטן פּאַראַגאַרף האָט געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין סיביר. איך געדענק ווי מיין פאָטער יואל רודניצקי ע"ה און אַנדערע וואָס האָבן דעם פּאַראַגראַף געהאַט זענען געגאַנגען ווינטער צו שאָפלען שניי פון דעם שאָסיי אויסער דער שטאָט, כדי צו קאָנען, אומקערנדיק זיך צוריק אַהיים מיטן שאָפל אין דער פּאָליציי־סטאַנציע, ווייזן, אַז ער איז אַן אַרבעטער, און אַזוי אפשר פּטור ווערן פון פּאַראַגראַף. דער לוין פאַר דער אַרבעט איז נישט געווען גענוג דורכצולעבן. עס האָט זיך געעפנט איין געשעפט פון דער רעגירונג, וואָס איז מערסטנס געווען פאַרמאַכט, ווייל ס'איז נישט געווען קיין פּראָדוקטן. ווען מען האָט שוין יאָ עפּעס געבראַכט, האָבן זיך דערמיט פריער די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע צעטיילט, און די לאַנגע רייען מענטשן האָבן שוין זייער ווייניק באַקומען. דער איינציקער וועג צו דערהאַלטן דאָס לעבן איז געווען דורך די באַקאַנטע גויים, וועלכע פלעגן אַריינשמוגלען קאַרטאָפל, פּוטער, מעל, ציבעלעס, און זיך טיילוויז מיט אונדז געטוישט אומלעגאַל מיט דעם ביסל באַהאַלטענע סחורה.

די נ.ק.וו.ד. האָט איבערגענומען אהרן־משה גאַלפּערינס הויז. יעדן פּאַרטיי־

מענטש און יעדן רעגירונגס־אָנגעשטעלטן האָבן זיי געצוווּנגען שבת גיין צו דער אַרבעט. אין דער געביידע פון דער ישיבה האָבן די רוסן איינגעאָרדנט אַ קינאָ און אַ זאַל פאַר קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונגען און טענץ. אויך מיר האָבן פון אונדזער וווינונג ביי שרה און יוסף (רחל לאהס ספּעקטאָר) געמוזט אַרויס און די דירה אָפּגעגעבן דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט מיט זיין פאַמיליע פון רוסלאַנד. מיר האָבן זיך דאַן אַריינגעצויגן צו מאיר זשאַבינקער־רימלאַנד. מען האָט אָבער געלעבט און אַליין נישט געוווּסט, ווי גוט אונדז איז נאָך, און וואָס אונדז דערוואַרט.

דער ריכטיקער גיהנום האָט זיך אָנגעהויבן ווען דער רוסיש־דייטשער קריג איז אויסגעבראָכן אין 1941. עס האָט לאַנג נישט גענומען ווי די נאַצישע רוצחים זענען אַריין אין קאַמעניץ. דער אָנפאַל ביי דער גרענעץ אין בריסק איז געווען 2.30 פאַרטאָג. אין דעם זעלבן טאָג 6 אָוונט זענען אַ פּאָר געפּאַנצערטע טאַנקן אַריין און געבליבן שטיין אין מיטן שטעטל, ביים סוף פון דער בריסקער גאַס, פאַר די קראָמען. קיין ווידערשטאַנד האָבן זיי דאָ נישט געהאַט: קיין רוסיש מיליטער איז נישט געווען, און דאָס ביסל וואָס זענען געווען פון דער רוסישער רעגירונג און פאַרטיי האָבן שוין זייערע פאַמיליעס אָפּגעשיקט אין דער פרי.

די גאַסן זענען געוואָרן ליידיק און אַ פּוסטקייט האָט זיך איבערן גאַנצן שטעטל באַזעצט. די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט אַ פּאָר יידן, דורך וועמען זיי זאָלן קאָנען פאַרמיטלען. זייענדיק אַן אָנגעזעענער, אינטעליגענטער מענטש, האָט מען שלמה מאַנדעלבלאַטן אויסגעקליבן פאַר אַ פאָרשטייער. די דייטשן האָבן געפּאָדערט טואַלעט־זייף, שאָקאָלאַד, קאַווע און אַנדערע זאַכן, וואָס זענען פאַרשאַפט געוואָרן. זיי האָבן אויך געפּאָדערט אַרום הונדערט מענער צו דער אַרבעט. קיינער האָט נישט געוווּסט, צו וואָסער אַרבעט מען האָט זיי געוואָלט.

ווען מיר האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ זייט פון דעם פאָרהאַנג האָבן מיר געזען אַ מיליטערישן אויטאָ מיט ציווילע, שוואַרץ־געקליידטע. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען די געסטאַפּאָ. ס׳זענען אויך אָנגעקומען ס.ס.־מענער מיט הינט און גלייך האָט מען געהערט ווילדע געשרייען און געוואַלדן פון פרויען און קינדער. די דייטשן זענען געגאַנגען פון טיר צו טיר און אַרויסגעשלעפּט יידישע מענער און זיי אַלע אויפגעזאַמלט ביי דער פּלומפּ אין מיטן שטעטל. וווּ זיך צו באַהאַלטן איז נישט געווען. דער איינציקער מאַן איז געווען מאיר (זשאַבינקער) רימלאַנד (זיין איידעם און זיין טאַטע זענען אַוועק אין דער פרי צו דער אַרבעט). נישט וויסנדיק וווּ זיך צו באַהאַלטן, איז ער אַריין אין קיך און אַרונטערגעקראָכן אונטער אַ טישל, און געווען פאַרדעקט מיט אַ לאַנג טישטעך. דאָס גליק וואָס מען האָט אים דאַן נישט גענומען, איז נישט געווען דער

טיש אָדער טישטעך נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן אין אונדזער הויז. מען האָט די פאַרקאַנעס פון די „פּאָדוואָרן" געעפנט, און אַזוי געגאַנגען פון „פּאָדוועך" צו „פּאָדוועך" ביז צום הויז, וואָס מען האָט געוואָלט, אָדער דורכלויפן ביי אַ זייט די גאַס. אַזוי בין איך, ווען די געשרייען און קלאַפּערייען האָבן זיך איינגע־שטילט, צוגעקראָכן צו דער שטוב פון דער בריסקער גאַס, ווו מען האָט געקאָנט אַרויסקומען צום פלומפּ. דאָרט האָבן געמוזט קניען די אויפגעקליבענע מענער. ווען אַ ייד מיט אַ לאַנגער רויטער באָרד (דער ראש ישיבה קטנה, דעם מורה הוראהס איידעם) האָט די הענט צום הימל אויפגעהויבן (מסתמא נאָכן אָפּזאָגן ווידוי) האָט אים אַן ס.ס.־מאַן אַ קאָפּע געטאָן מיטן שטיוול. ראובן מאַנדעלבלאַט (שלמהס זון) און סאַמעק ראָזענשיין (דעם יידישן אַפּטייקערס זון), שלום גאַלפּערין (דוד זילס), שמחה לייזער געווירצמאַן (דער שניט־קרעמער), שמעון בוכהאַלטער, אַלטער כאַזאַנאָוויטש און צענדליקער אַנדערע, זענען אַלע צוזאַמען אויף אַן אויטאָ אַרויפגעפּאַקט געוואָרן און פון שטעטל אַרויסגעפירט. אין אָוונט, ווען די מענער, וואָס זענען גאַנץ פרי אַוועק צו דער אַרבעט, זענען צוריקגעקומען, נישט וויסנ־דיק, וואָס דאָ איז אין משך פון טאָג פאָרגעקומען, האָט מען זיי באַגעגנט מיט פרייד. עס האָט אַ שיין געטאָן אַ פונק פון האָפענונג, אַז אפשר האָט מען אויך יענע גענו־מען צו דער אַרבעט און זיי וועלן זיך צוריקקערן. ליידער האָט מען פון זיי מער נישט געהערט. די איינציקע ידיעה וועגן זיי איז געווען, וואָס די פּויערים פון די נאָענטע דערפלעך האָבן דערציילט, אַז מען האָט זיי אַלע אויסגעשאָסן נעבן אַ ווערלדל אויסערן שטאָט. אגב, האָט שלמה מאַנדעלבלאַט און ראָזענשיין (דער יידי־שער אַפּטייקער) געבעטן ביים גלח, אַז ער זאָל עפּעס טאָן פאַר די מענער. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער קאָן זיי גאָרנישט העלפן, ווייל זיי האָבן אויסגעקליבן קאָמוניסטן.

אַזוי האָבן זיך די טעג געשלעפּט, נישט וויסנדיק וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. מען האָט באַפוילן אָנצוטאָן געלע לאַטעס, בכדי צו אונטערשיידן דעם קריסט פון ייד, און אַזוי אַרום אונדז פאַרשאַפן מער ווייטאָג און דערנידערונג. די באַקאַנטע פּויערים פלעגן אַריינשמוגלען עפּעס צום עסן, וואָס מען פלעגט טוישן אויף וואָס מען האָט נאָר געקאָנט, ביז דעם טאָג וואָס מען האָט אַלע יידן אַרויס־געשיקט פון קאַמעניץ, מיטן אויסנאַם פון אַ געוויסער צאָל אַרבעטער־פאַמיליעס וואָס די דייטשן האָבן געדאַרפט צו דער אַרבעט. יעדער איינער האָט געקאָנט מיט־נעמען נאָר 15 קילאָ, אַזוי אַז די פּויערים פון די דערפער זענען געקומען צונעמען ביי די יידן וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט מיטנעמען.

נישט אַלע פּויערים זענען געווען שלעכט. איך געדענק איינע, דעם לעש־ניטשעס ווייב, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַן עמער מאַרמעלאַדע און פּוטער, און

כדי צו פאַרדעקן, האָט זי פון אויבן אַרויפגעשיט זאַלץ. מיר האָבן איר אויך פיל זאַכן געגעבן, וואָס זענען געבליבן נאָך פון קראָם. די זעלבע קריסטין האָט איינגעשטעלט איר לעבן; ווען די וועגענער מיט די יידן זענען געפאָרן, איז זי געשטאַנעןביים שאָסיי נעבן וועלדל און מיט טרערן אין די אויגן דערלאַנגט אַ פּעקל שפּייז. די וועגענער האָבן זיך געקייקלט איינער נאָכן צווייטן, און די קינדער צוגעטוליעט נעבן די מאַמעס אויף די פּעקלעך. די מענער זענען פון צייט צו צייט אַראָפּ און געלאָפן, אָנהאַלטנדיק זיך ביי די וועגענער, בכדי די פערד נישט צופיל אויסמוטשען. מען האָט דאָך דעמאָלט נאָך נישט געוווסט וואָס עס וועט פּאַסירן. מיר האָבן שוין דאַן געהערט פון טראַנספּאָרטן, ווען די מענער האָבן געמוזט לויפן, און ווער עס האָט נישט געקאָנט איז דערשאָסן געוואָרן. מיט אַ פּאָר וועגענער הינטער אונדז האָט זיך געפונען דער קאַמעניצער רב הרב ר׳ ראובן בורשטיין ז״ל מיט זיין פאַמיליע, און יעדן איינעמס האַרץ האָט געציטערט פאַר זיין גורל. ער איז געזעסן איינגעבויגן מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער כדי צו פאַרשטעלן זיין באָרד. יעדעס מאָל ווען מען האָט די וועגענער אָפּגעשטעלט, כדי די אַנדערע זאָלן אָניאָגן, האָט מען זיך שוין געשראָקן, אַז דאָ קומען זיי אויספירן די עקזעקוציע. און אַזוי מיט שרעק האָט מען אונדז אַריינגעבראַכט אין פּרוזשאַנער געטאָ, און יעדער איינער האָט דערווייל פרייער אָפּגעאָטעמט.

דאָרט האָט אונדז שוין דער יודענראַט איבערגענומען. עס איז געווען פרייטיק ביינאַכט און צוערשט האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין בתי־מדרשים און גלייך צומאָרגנס אָנגעהויבן צו פאַרטיילן אין הייזער. יעדער איינער וואָס האָט געקאָנט, האָט געאַרבעט. אַ טייל איז געשיקט געוואָרן פון יודענראַט צו אַרבעטן פאַר די דייטשן אויסערן געטאָ, אַ טייל האָט געאַרבעט אין געטאָ. עסנוואַרג איז פאַרטיילט געוואָרן, פיל האָבן אַ ביסל צוגעהאַנדלט מיט אַריינגעשמוגלטע פּראָדוקטן אין געטאָ. דער יודענראַט ווי אויך די יידישע פּאָליציי איז געווען זייער טיכטיק לטובת אַלע יידן אין געטאָ. דאָך האָבן זיך פיל פון אונדזערע לאַנדסלייט אַרויסגעשמוגלט פון פּרוזשאַנער געטאָ, און אויפן סמך פון דעם ביסל געבליבענע יידן אין קאַמעניץ זיך דאָרט צוריק אַריינגעגנבעט. אויך מיין מאַמע האָט זיך אַמאָל אַרויסגעגנבעט, און מיט אַ גוי אויף אַ וואָגן איז איר געלונגען אַריין קיין קאַמעניץ, און צוריקגעקומען. עס איז איר אויך דאַן געלונגען צוריק אַריינברענגען אַ ביסל עסנוואַרג און זאַכן, וואָס זי האָט געקריגן ביי באַקאַנטע גויים. די הויפּטזאַך וואָס זי איז געפאָרן, איז געווען צו זען אויב מיר זאָלן אויך צוריק פאָרן און וואָס זי האָט געזען, האָט זי באַשטימט זיך פון פּרוזשאַנע נישט צו רירן.

די יידן אין קאַמעניץ האָבן געוווינט אין אַ פּאָר גאַסן וואָס זענען פאַר זיי באַשטימט געוואָרן. מען איז אין יענער צייט נישט געווען אַרומגעצוימט, אָבער מען

האָט מורא געהאַט זיך צו רירן. דאָרט האָט זי נאָר געזען עטלעכע יידן, וואָס האָבן געקערט די גאַסן. זי האָט קיין סך נישט דערציילט, איין זאַך וואָס זי האָט יאָ געזאָגט, איז „מיר גייען נישט". דאָ אין פּרוזשאַנע זענען מיר טאַקע געווען אַרומ־געצוימט, אָבער מיר האָבן זיך פריי באַוועגט צווישן יידן. ביינאַכט האָט מען נאָך אַ געוויסע צייט נישט געטאָרט אַרויסגיין פון שטוב, אָבער די וואָס האָבן באַוואַכט די גאַסן, זענען געווען די יידישע פּאָליציי אין געטאָ.

דער קאַמעניצער רב און זיין פאַמיליע זענען געבליבן אין פּרוזשאַנע, ווי אויך מיין זיידע אהרון רודניצקי ע"ה (ליסקער), מיין שטיף־באָבע לאה׳ און מיין מומע ביילע כאַשע מיט איר מאַן משה און צוויי זין.

עטלעכע וואָכן איידער מען האָט אונדז אַרויסגעשיקט פון געטאָ איז מיין זיידע קראַנק געוואָרן און צו אונדז נישט געקאָנט קומען. פלעג איך לויפן יעדן טאָג אים ברענגען אַ ביסל וואַרעם עסן. איין מאָל, אין אַ שבת־טאָג, ווען איך האָב געטראָגן פאַר אים טשאָלנט און דער שניי איז געווען זייער גרויס און טיף, בין איך געפאַלן. דער איינציקער געדאַנק איז געווען דאָס קוישל מיטן ביסל עסן...

האַרט פאַרן אַרויסשיקן אונדז פון פּרוזשאַנער געטאָ׳ האָבן מיר געהערט, אַז מען האָט אַלע יידן אין קאַמעניץ אַרויסגענומען און אויסגעהרגעט, און דאָס איז די לעצטע ידיעה, וואָס כ׳האָב געהערט פון קאַמעניץ. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון פּרוזשאַנער געטאָ, מען האָט אונדז געשיקט אין פיר טראַנספּאָרטן. מיר זענען געווען דער דריטער טראַנספּאָרט. קיין אוישוויץ זענען מיר אָנגעקומען דעם 23סטן פעברואַר 1943. די נאַכט איידער מען האָט אונדז אַרויסגעשיקט האָט מיין טאַטע אונדז צוזאַמענגענומען אין אונדזער צימער און מיט טרערן אין די אויגן אַרויסגענומען 4 פלעשלעך מיט צעלאָזענעם סם. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז עס איז אים געלונגען דאָס צו קריגן ביי אַ באַקאַנטן אַפּטייקער. ער האָט געזאָגט, אַז לויט די אינפאָרמאַציעס שיקט מען אונדז אין אַ לאַגער, און אויב יאָ, וועלן מיר שווער אַרבעטן און מיט וויפל עסן מען וועט אונדז געבן, וועלן מיר מיט גאָטס הילף דאָס איבערלעבן. פון גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריע־אויוונס האָבן מיר נישט געוווּסט. מיר האָבן אָבער געוווּסט פון די גרויסע גריבער, ווו מען האָט דערשאָסן מענטשן און פאַרשאָטן זיי האַלב־לעבעדיקע. און דעם סם זאָלן מיר נעמען אין פאַל, ווען מיר וועלן זיין פאַרוווּנדעט, כדי נישט לעבעדיקער־הייט פאַרשאָטן צו ווערן.

זייענדיק אַליין איצט אַ מאַמע פון צוויי קינדער, שטעל איך מיר נאָך מער פאָר, וואָס פאַר אַ קוראַזש און שטאַרקייט מיין טאַטע האָט געהאַט דאָס צו טאָן. און אַזוי האָבן מיר פאַר יעדן איינעם איינגעפּאַקט אַ פּעקל מיט דעם וואָס מען האָט גע־מעגט מיטנעמען און אָנגעגרייט מער זאַכן אָנצוטאָן און ווידער זיך צוגעגרייט צום

וואַנדערן. איצט האָט מען אונדז שוין נישט געפירט אויף וועגענער, נאָר אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען פאַר בהמות, ווו ס'איז געווען נאָר אַ קליין פענצטערל מיט אייזערנע קראַטן, צו 50—70 פערזאָן אין אַ וואַגאָן, און די טירן געשלאָסן פון אויסנווייניק. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די פינצטערע נסיעה. עס איז קיין פּלאַץ נישט געווען צו דערליידיקן אַ מענטשלעכן געברויך, דאָס איינציקע אָרט איז געווען דורך אַ שפּאַרע, אַרויסרינען; אין אַנדערע פאַלן — איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר אָדער שמאַטעס און דורך די קראַטן פון פענצטערל אַרויסגעוואָרפן.

ווען די וואַגאָנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט און די טירן זענען געעפנט געוואָרן, האָט זיך גלייך דערהערט דאָס געשריי פון די מערדער „הערויס!", און יעדער איינער האָט זיך אַרויסגעשלעפּט פון די וואַגאָנען, פאַרקנוילט פון אַ פּאָר טעג זיצן אויף די פּעקלעך, אָנגעטאָן מיט וויפל זאַכן מען האָט נאָר געקאָנט אַרויפשלעפּן אויף זיך, אין פאַל מען גייט יאָ אין לאַגער און אויב מען וועט די פּעקלעך צונעמען, זאָלן כאָטש בלייבן די זאַכן וואָס מען האָט אָנגעטאָן אויף זיך. גלייך האָט מען צעטיילט מענער פון פרויען, און געהייסן איינשטעלן אין אַ ריי. די קינדער זענען געווען מיט די מאַמעס. די ס.ס. האָבן געקליבן אַיין טייל אויף איין זייט, און אַנדערע אין אַ צווייטער זייט. דאָס שטעקעלע אין האַנט, וואָס האָט געוויזן ווער צו וועלכער זייט ס'זאָל גיין, האָט באַשלאָסן דעם גורל פון מענטשן צום לעבן אָדער צום טויט. מוטערס מיט קינדער, ווי יונג זיי זאָלן נישט זיין, זענען געגאַנגען צו דער גרופּע פון עלטערע און קינדער. איך געדענק איין מוטער, וואָס האָט איר זונעלע פון צוויי יאָר אַראָפּגעשטעלט און זיך באַהאַלטן. עלטערע פרויען האָבן עס געוואָלט צונעמען, אָבער דאָס קינד האָט זיך געריסן, און נאָך ביז איצט הער איך די געשרייען פונעם קינד: „מאַמע, מאַמע!". די מוטער איז טאַקע געווען אויסגעקליבן אַריינצוגיין אין לאַגער, אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז זי אַליין אַריין אין 25סטן בלאָק, ווו יעדער איינער האָט געקאָנט אַריינגיין, אָבער מער נישט אַרויס. פון דאָרט האָט מען גלייך געפירט אין די גאַז־קאַמערן. מיין ברודערל זיינוועלע איז געווען הויך געוואוקסיק פאַר זיינע יאָרן און מיר האָבן באַשלאָסן, ער זאָל שטיין נעבן טאַטן. אונדזער פּלאַן איז אַדורכגעפאַלן און מען האָט מיין ברודערל געשיקט צו דער זייט פון די אַלטע און קינדער, און מיין טאַטן צו דער צווייטער גרופּע. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער גאָרנישט געקאָנט טאָן. אונדז, די גרופּע פרויען, האָט מען געשיקט אין פרויען־לאַגער בירקענאַו, און די מענער — אין מענער־לאַגער. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ שוויץ־באָד, דאָרט אָפּגעשניטן די האָר פון קאָפּ, אויסטאַטואירט אַ נומער און אַריינגעטריבן אין באָד, פון דאָרט אין אַ שפּריץ, ווו דאָס וואַסער האָט מען נישט געקאָנט אַליין רעגולירן, און עס איז געלאָפן הייס און קאַלט וואַסער. אויב מען האָט אַ געשריי געטאָן, האָבן די

קאַפּאָס געשלאָגן מיט שטעקנס איבערן נאַקעטן לייב. די קאַפּאָס זענען געווען: דייטשן, פּאָליאַקן, אוקראַינער פאַרברעכער א״אַ. די שוויץ־באָד האָט געדינט צו אַנטלויזן און באַקומען אַנדערע שמאַטעס פאַר קליידער. מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין דער פינצטער אין אַ ציגל־געביידע מיט שמאָלע דורכגענג. די פּריטשעס זענען געווען געמויערט פון ציגל, מיט ברעטער אונטערגעלייגט איינע אויף די אַנדערע. די וואָס האָבן געקריגן דאָס אויבערשטע בעט, זענען געווען די גליקלעכע, ווייל דאָרט איז געווען אַ ביסל לופטיקער. באַזונדערס אין מיטן פון דער געביידע, ווו דער שפּיץ פון דאַך איז זיך צוזאַמענגעקומען. אויפן בעט האָבן זיך געפונען צוויי שטרויזעק און אַ פּאָר אויסגעריבענע קאָצן. אַ גרויסע בלעכענע שיסל און אַ טעפּעלע האָט יעדער איינער באַקומען, און דאָס איז געווען די גאַנצעווירטשאַפט. פיר, פינף און אַמאָל זעקס, זענען געלעגן אויף איין פּריטשע. עס איז געווען פיס צו קעפ און קעפ צו פיס. איינע פון די מיידלעך פ׳ן אונדזער טראַנספּאָרט האָט געקריגן אַ העמד פול מיט לייז און האָט עס געוואָלט אַוועקוואַרפן. עמעצער האָט זיך אָנגערופן: „טו דאָס נישט, קינד, קיין צווייטס וועסטו נישט קריגן און וועסט פרירן״. עס זענען פאַראַן גענוג לייז, ווו מען גיט זיך נאָר אַ ריר. אויך אין די זאַכן וואָס זענען איצט „ריין״. מיר האָבן אָנגעקוקט דאָס מיידל, וואָס האָט צו אונדז גערעדט, און מיר האָבן געזען אַ האַלב־נאַקעטע פרוי, לויזנדיק אירע זאַכן, זי האָט אויסגעזען אַלט און ביינערדיק.

מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט וועגן די הויכע קוימענס וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט, פון וואַנען דער רויך איז געגאַנגען טאָג או נאַכט. דער רויך פון ברענען די קערפּערס פון אונדזערע נאָענטע, דער רויך פון אונדזערע יידן. יעדעס מאָל, גייענדיק צו דער אַרבעט אָדער פון דער אַרבעט, פלעגן מיר זען אַ פרישן טראַנספּאָרט אָנקומען, און געוווּסט, אַז די אויוונס וועלן ווידער פלאַקערן, און די קוימענס — ווידער רויכערן. אין דער צייט זענען די טראַנספּאָרטן געווען אַזוי אָפט, אַז דער רויך האָט נישט אויפגעהערט בייטאָג און ביינאַכט. יעדן פרימאָרגן איידער עס פלעגט נאָך ווערן ליכטיק, פלעגט מען אונדז אויפוועקן מיט אַ פייפערײ, זיך אויסצושטעלן פאַרן „בלאָק״ ד. ה. די געביידע ווו מיר האָבן זיך געפונען, און אין דער פייכטקייט פון פרימאָרגן שטיין און וואַרטן ביז די ס.ס.־דייטשקעס וועלן אַריינקומען דורכן טויער און ציילן די מענטשן. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דורך די עלעקטרישע דראָטן אַרום לאַגער איז געווען אוממעגלעך דורכצוגיין. אויך די וואָס זענען געשטאָרבן דורך דער נאַכט, האָט מען אַרויסגעבראַכט און אַראָפּגעלייגט ביי די רייען. נאָך דעם ווי אַלץ האָט געשטימט, זענען מיר געגאַנגען צו דער אַרבעט.

די ערשטע אַרבעט מיינע איז געווען ביים צעוואַרפן הייזער, וואָס זענען געווען

טיילווייז צעשטערט פון קריג. צען מיידלעך האָבן אָנגעהאַלטן אַ הילצערנעם סלופּ מיט אייזערנע שפּיצן, און אויפן באַפעל האָט מען אַריינגעקלאַפּט אין וואַנט, עס איז געווען אַן אַרבעט פאַר מענער, אָבער אויך פאַר אונדז וואָלט דאָס נישט שווער געווען, ווען מיר וואָלטן נישט געווען אַרומגעשטעלט מיט קאַפּאָס, און די ס.ס. מיט די הינט, וואָס האָבן געשלאָגן און געשריגן.

איין מאָל, ווען מיר זענען געגאַנגען צוריק פון דער אַרבעט, און איינע פון אונדזערע מיידלעך איז שוין געווען אַזוי שוואַך און קראַנק, אַז זי האָט שוין מער נישט געקאָנט גיין, טויט אָדער לעבעדיק האָט מען זי געמוזט ברענגען צוריק אין לאַגער. מען האָט זי אַרויפגעלייגט אויף אַ הילצערנער טראַגע און פיר מיידלעך האָבן געדאַרפט פרייוויליק אַרויסטרעטן, זי צו טראָגן. איינע פון די טרעגערינס בין איך אויך געווען. עס איז געווען אַ פּאָר קילאָמעטער פון לאַגער און נאָך אַ שטיקל צייט, דערפילנדיק מיין אייגענע מידקייט, האָב איך געבעטן די קאַפּאָ, צי זי וואָלט מיך געביטן מיט עמעצן אויף אַ שטיקל צייט. אויף דעם האָט די קאַפּאָ געהייסן דעם ס.ס. צו לאָזן דעם הונט אויף מיר, וואָס ער האָט גלייך געטאָן. ער האָט אָבער נאָכגעלאָזן די קייט אַזוי, אַז דער הונט האָט נאָר צעריסן מיינע קליידער און דאַן האָב איך שוין פאַרגעסן אין מיין מידקייט, און די שרעק האָט מיך שוין געטראָגן.

שפּעטער האָב איך געאַרבעט אין אַ קאָמאַנדאָ, וואָס האָט געטרוקנט זומפּן. מיר האָבן גענומען זאַמד פון איין פּלאַץ און דאָס געטראָגן אויף הילצערנע טאַטשקעס צום פאַרדעקן אַ זומפּ. איך בין שוין דאַן געווען שטאַרק קראַנק אויף דיזענטעריע מיט פיבער, חוץ דעם זענען מיינע הענט, נאָז און ליפּן אָפּגעברענט געוואָרן פון דער זון, און דער פראָסט האָט דאָס אָפּגעפרוירן פון וואָס עס האָט זיך באַקומען אַ האַרטע שאָלעכץ, אַזוי ווי אַ פּאַנצער. ס'איז געווען גענוג צו באַרירן די האַנט אָדער ליפּ האָט מען געזען דאָס רויע פלייש. איך האָב אַליין נישט געוווּסט, ווי שלעכט און אוממענטשלעך איך האָב אויסגעזען. מען האָט דאָך גענוג סקעלעטן געזען אַרום זיך, און איך בין געווען איינע פון זיי. אין לאַגער האָט דאָס געהייסן „מוזלמאַן". די איינציקע זאַך וואָס האָט מיך צוריקגעהאַלטן נישט צו גיין אין דעם 25סטן בלאָק (וואָס פיל האָבן געטאָן) איז געווען דער געדאַנק, אַז מיין טאַטע לעבט און געפינט זיך אין אוישוויץ אין מענער־לאַגער. אַ פּרוזשאַנער מאַן וואָס האָט מיך געקענט האָט מיר דאָס אַ זאָג געטאָן, גייענדיק צו דער אַרבעט.

אויך אין די נעכט איז קיין רו נישט געווען פון שטאַרקן פיבער און גרויס פאַרמאַטערונג. אין שלאָף פלעגט מיך חלומען וועגן דער אַרבעט און די קלעפּ. דער זונטיק וואָס איז געווען אונדזער רו־טאָג, פלעגט אָנוואַרפן אויף אונדז אַ שרעק, און ווען דער באַקאַנטער רוף „יודען הערויס!" האָט זיך דערהערט, האָבן

מיר שוין געוווּסט וואָס דאָס מיינט. מען האָט אונדז אַרויסגעפירט פון לאַגער און די ס.ס.הינט וואָס פלעגן אונדז באַוואַכן ביי דער אַרבעט, האָבן אונדז אַרומגערינגלט. עס האָט געהייסן, אַז מען קאָנטראָלירט אונדזערע נומערן און טאַקע פאַרן טויער איז געשטאַנען אַ טישל מיט ביכער, ווו יעדער נומער איז פאַרשריבן געוואָרן. דאָרט זענען אויך געשטאַנען די מערדער. איינער האָט מיט אַ שטעקעלע ווידער געציילט, אָדער ווען עס איז אים איינגעפאַלן האָט ער אַרויסגעשלעפּט עטלעכע צום פאַרגאַזן. אַזוי אַרום ווידער פּלאַץ געמאַכט פאַר די פרישע אָנגעקומענע. ווען מען איז דורכגעגאַנגען די סעלעקציע, האָט מען ווידער אָפּגעאָטעמט, נישט ווייסנדיק אויף ווי לאַנג.

מיין טאַטן האָב איך געטראָפן צום ערשטן מאָל זייענדיק דריי חדשים אין לאַגער. עס איז אומגלויבלעך און שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס פון אַ מענטש קאָן ווערן במשך אַזאַ קורצער צייט. מיין טאַטע איז מיט אַ קאָמאַנדע אַריינגעקומען אַרבעטן אין פרויען־לאַגער. זיי האָבן געדאַרפט עפּעס פאַרריכטן אין די באַראַקן, ווו די קאַפּאָס האָבן געוווינט. און ווייסנדיק, אַז איך בין אין לאַגער, האָט ער יעדע פרוי וואָס איז דורכגעגאַנגען, אָנגעקוקט, זוכנדיק מיך. צוויי מיידלעך וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער האָבן אַריינגעטראָגן אַ בעט אין באַראַק, ווו ער האָט געאַר־בעט און ער האָט דערביי געהאַט אַ געלעגנהייט זיי צו בעטן מיך אויפצוזוכן. דעם אָוונט זענען די מיידלעך אַריינגעקומען צו אונדז אין בלאָק און ווען זיי האָבן אויסגערופן מיין נאָמען און מיר איבערגעגעבן ווו מיין טאַטע אַרבעט, האָב איך גענומען לויפן, זיי האָבן אָבער מיך צוריקגעהאַלטן, זאָגנדיק, אַז די מענער זענען שוין אַוועק (זיי האָבן געמוזט אַוועקגיין, איידער די פרויען־גרופּעס זענען צוריק־געקומען פון דער אַרבעט). אָבער דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט, אַז אויב איך קאָן בלייבן אין לאַגער דעם צווייטן טאָג, וועט ער זיין אויפן זעלבן פּלאַץ. איך האָב באַשלאָסן דעם צווייטן טאָג בלייבן אַלס קראַנקע און נישט אַריינגעקלערט וועגן די קאָנסעקווענצן דערפון. מען פלעגט דאָך צייטנווייז קומען און אַלע געבלי־בענע, וואָס האָבן נישט געאַרבעט, אַוועקנעמען צום פאַרגאַזן. דער פּלאַץ, ווו דער טאַטע האָט געאַרבעט איז אויך געווען פאַרבאָטן פאַר אונדז צוצוגיין. דער איינצי־קער געדאַנק מיינער איז געווען צו זען דעם טאַטן. איך בין איין מאָל דורכגעגאַנ־גען אין דער פרי און אים נישט געזען. דעם צווייטן מאָל בין איך געגאַנגען מיטאָג־צייט אין דער האָפענונג, אַז די מענער וועלן זיין אין דרויסן, און ווידער איז קיינער נישט געווען. דאַן בין איך נאָכמיטאָג ווידער דאָרט צוגעגאַנגען און ביי אַ זייט האָב איך דערזען מיין טאַטן, פירנדיק אַ טאַטשקע מיט ליים, באַגלייט דורך אַן ס.ס.־מאַן מיט אַ ביקס. אַזוי ווי אַ פרוי האָט צו אַ מאַן נישט געטאָרט רעדן, האָב איך זיך נישט ריזיקירט אַ רוף צו טאָן, ער האָט מיך אויך אָנגעקוקט און

ווייטער געגאַנגען, נישט וויסנדיק אָבער, צי איך וועל אים ווידער זען ווען ער וועט אַריינגיין אין באַראַק, האָב איך אַ רוף געטאָן „טאַטע". ווען דער דייטש האָט אים געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער אים דערציילט, אַז עס איז דריי חדשים זינט מיר זענען אין לאַגער און איך רוף אים „טאַטע", אָבער ער דער־קענט מיך נישט. עס האָט זיך אין יונגן מערדערישן ס.ס.־מאַן אויף אַ מאָמענט דערוועקט אַ מענטשלעך געפיל. ער האָט מיר געהייסן וואַרטן ביז דער טאַטע האָט אַריינגעפירט דעם ליים, און דאַן האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט און מיר זענען אַריין אין איינער פון די געביידעס. דער ס.ס. האָט געהיטן אויב אַ צווייטער דייטש קומט נישט אָן, ווייל עס איז געווען אומלעגאַל צו לאָזן רעדן אַ טאַטן מיט אַ טאָכטער. דער דייטש האָט אים געזאָגט, אַז אויך זיין פאָטער האָט אַמאָל זיין טאָכטער נישט דערקענט, און אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דאָס דערמאָנט. איך בין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן טאַטן, און ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דער פאַמיליע און אַזוי אַרום מיר געגלייבט, אַז איך בין זיין טאָכטער. נאָך דעם האָבן מיר פיל זיך געטראָפן אויפן וועג, גייענדיק צו דער אַרבעט ביז דעם טאַטנס גרופּע האָט געענדיקט די אַרבעט אין פּרויען־לאַגער. דאַן האָבן מיר פון צייט צו צייט אָפּגענומען גרוסן איינער פון צווייטן, און אונדזער באַגעגעניש האָט אונדז ביידן געגעבן אַ פרישן ווילן צום לעבן. מיר האָבן אונדזער קאָנטאַקט פאַרלוירן ווען מען האָט עוואַקואירט אוישוויץ צוליב דער דערנענטערונג פון פראָנט. מיר זענען דאַן געשיקט געוואָרן פון איין לאַגער צום צווייטן, און ווען מיר זענען דורך אַ נס באַפרייט געוואָרן, האָט יעדער איינער גענומען זוכן נאָך אַ פאַרבליבענעם פון דער פאַמיליע. איך האָב נאָך אַ צייט אַרומוואַנדערן און נאָכפרעגן זיך אין פאַרשידענע יידישע גמינעס, וואָס האָבן זיך געשאַפן נאָכן קריג, אָבער קיינעם פון אונדזער פאַמיליע, ווי אויך מיין טאַטן, נישט געפונען. וויסנדיק, אַז איך האָב אַ פעטער אין ישראל, איז מיר געלונגען אין איטאַליע דורך דער יידישער בריגאַדע מיט אים זיך צו פאַרבינדן. איך האָב אין איטאַליע חתונה געהאַט מיט איינעם וואָס איז אויך דורכגעגאַנגען די מערדערייען, און מיר זענען צוזאַמען געפאָרן קיין ישראל. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט פון איינעם, וואָס איז מיט מיין טאַטן געווען אין לעצטן לאַגער, אַז מיין טאַטע איז נאָכן דורכגיין דעם גיהנום פון אוישוויץ און אַנדערע לאַגערן, און זייענדיק אַזוי נאָענט צו דער הילף, איז ער אַ חודש פאַר דער באַפרייאונג אויסגעגאַנגען פון הונגער.

דאָראַ גאַלפּערן

קאַמעניצער געטאָ

(גביית עדות)

איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען קאַמעניץ האָבן מיר נישט געוווּסט, אַז עס דערוואַרט אונדז אַזאַ גרויס אומגליק, אַז זיי וועלן אויסהרגענען אַלע יידן. מיר האָבן געהאַט מעגלעכקייטן צו אַנטלויפן מיט די סאָוויעטן, אָבער קיינער האָט דאָס נישט געטאָן. די דייטשן זענען אַריין קיין קאַמעניץ דעם 22סטן יוני 1941, מיטאָגצייט. דאַן זענען נאָך די מענטשן פריי געגאַנגען אין די גאַסן.

די ערשטע נאַכט האָט מען קיינעם נישט באַרויבט און נישט געשלאָגן און אויך קיין פאַרגוואַלדיקונגען זענען נישט געווען, ווייל די סאָלדאַטן זענען באַלד ווייטער געגאַנגען. די ערשטע צייט האָבן מיר געהאַט גענוג שפּייז. גלייך אויפן צווייטן טאָג זענען געקומען ס.ס.־לייט מיט אַן אויטאָ און געמאַכט אין גאַס אַ „לאַפּאַנקע", וועמען פון די יידן זיי האָבן נאָר געטראָפן, איז אומגעבראַכט געוואָרן. די ערשטע קרבנות זענען געווען: שלום גאַלפּערין, שמחה לייזער געווירצמאַן, שמעון בוכגאַלטער, ראובן מאַנדלבלאַט (שלמהקע מאַנדלבלאַטס זון) סאַמעק ראָזענשיין, שמערל יפה און נאָך אַ סך אַנדערע. באַלד איז שוין די מורא געווען זייער גרויס. אויפן דריטן טאָג איז שוין געווען אַ דייטשער קאָמיסאַר (וויסאָציק) און אַ קאָמענדאַנט, אַן אוקראַאינער פון בריסק (מיכאַל אַקימאָוו). זיי זענען אין אָנהייב געווען נישט שלעכט צו אונדז, אָבער דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. עס איז געקומען אַ צווייטער קאָמיסאַר (נוימאַן) און אויך אַ צווייטער קאָמענדאַנט (סטאַניסלאַוו רייסקי). די צוויי זענען געווען ביז די לעצטע מינוטן.

דער קאָמיסאַר נוימאַן איז געווען אַ געפערלעכער הונט, ער האָט זייער פיל געשלאָגן אויף יעדן טריט און שריט. פון אָנהייב, ווען דער קאָמיסאַר איז געקו־מען צו אונדז, האָט ער געשלאָגן יעדן דורכגייענדיקן אין גאַס: יידן און קריסטן. ער האָט געשלאָגן מיט אַ נאַגייקע. ווען ער האָט אייז מאָל שטאַרק צעשלאָגן אַלטער כאַזאַנאָוויטשן, איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלן אַ גרויסע מורא, און מענטשן זענען ווייניק אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אין גאַס. ער האָט געהאַט אַ בריטשקע מיט צוויי שיינע פערד, מיט וועלכע ער איז שטענדיק געפאָרן. איין מאָל, אַזוי שנעל פאָרנדיק, האָט ער געצווונגען אַלטער כאַזאַנאָוויטשן נאָכצולויפן — כסדר

לויפן און פאַלן, ביז זאַסטאַוויע און צוריק. ווען אַלטער כאַזאַנאָוויטש איז אַהיים געקומען, איז ער געווען מער טויט ווי לעבעדיק. איך בין דאָרט געווען און אים געזען. נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג האָט זיך שוין קיינער מער דעם קאָמיסאַר אויף די אויגן נישט געוויזן, די שטאָטישע גאַסן האָבן אויסגעזען ווי אַ בית־עולם. די ברישקע האָט געהאַט אייזערנע רעדער, און פון ווייט האָט מען געהערט, אַז דער קאָמיסאַר פאָרט. יעדער האָט זיך באַהאַלטן ווו ער האָט נאָר געקאָנט.

יעדן טאָג האָט דער קאָמיסאַר געגעבן באַפעלן ווו צו גיין אַרבעטן און האָט אַ סך פאַרלאַנגט: צירונג, פוטערס און אַנדערע ווערטזאַכן. עס איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע קאַמעניצער יידן זאָלן אַרויספאָרן קיין פּרוזשאַנע. אָבער דאָס האָט זיך אַ ביסל געענדערט. ווער עס איז געווען אַ פאַכמאַן האָט געקאָנט בלייבן. און דאָ האָט מען אָנגעהויבן זוכן מעגלעכקייטן צו בלייבן. אין קאַמעניץ איז געווען אַ טעכניקער, מיכאַלקעוויטש. ער האָט רעגיסטרירט אַרבעטער אין סטאָלאַרניע, קאָכלאַרניע, ציגעלניע און אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער. ווער עס האָט געקענט דערליידיקן. איז געבליבן אויפן אָרט. יעדער איינער האָט דעמאָלט נאָך געהאַט וואָס צו געבן. דעמאָלט איז נאָך אין קאַמעניץ געווען קאָמענדאַנט־בירגערמייסטער אַקימאָוו, און מיט אים האָט מען געקענט אַלץ מאַכן. קיין סך קאַמעניצער זענען אין פּרוזשאַנע נישט געווען. איך גלייב, אַז 70 פּראָצענט זענען געבליבן אויפן אָרט. איך רעכן אַריין די, וואָס זענען דערנאָך צוריקגעקומען.

וואָס שייך דעם יודענראַט, האָט מען אים נישט געקליבן דורך וואַלן, ער איז געוואָרן נאָמינירט. אין יודענראַט איז געווען גדליה שאָסטאַקאָווסקי, משה מעלניצקי, אברהם באַש, זלמן זשיטניצקי, שייקע סטעמפּניצקי, ליפּע גורוויטש און ברוך גורוויטש. אין געטאָ זענען געווען בלויז יידישע מיליציאָנערן. וועלוול גלעזער איז געווען קאָמענדאַנט אין געטאָ, און די מיליציאָנערן זענען געווען: דוד זשיטניצקי, שייקע סטעמפּניצקי, מרדכי באַבראָווסקי, פּסח פרייער, בערל רעזניק, ברוך לייב אַראָנאָווסקי, אייזיק גאָלובטשיק און חיים גרונט (ישראל גרונטס זון). ווען די דייטשן זענען אָנגעקומען האָבן זיי באַפוילן דעם יודענראַט, אַז יעדער ייד מוז טראָגן אַ געלע לאַטע אָדער אַ מגן־דויד. דאָס געטאָ איז געשאַפן געוואָרן נאָכן אָנקומען פון דייטש נוימאַן. אין אַפּריל 1942 איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן, די יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צו דער באַן קיין וויסאָקע, דעם 9טן נאָוועמבער 1942.

אין קאַמעניץ האָבן געוווינט בערך 450 משפחות. דאָס געטאָ איז געווען אויף בריסקער גאַס, פון עוזר גאַרבאַזש ביז מיכאל געלערשטיינס הויז, און פון דער צווייטער זייט — פון רחל גייער ביז יצחק מרדכי הויכמאַן, און אויך דאָס געסעלע ווו ס׳האָט אַ מאָל געוווינט חוה די מילכיקערין (יעקב לייב דעם מוליערס

שנור), אויך די געסלעך ווו מ׳גייט צו שעפּסלס בית־מדרש; די קאָברינער גאַס — פון יצחק געווירצמאַן ביז דעם שפּיטאָל; די ליטווישע גאַס — פון ישראל גרונט ביז לייזערס הויז, און פון דער צווייטער זייט — ביז ישראל גרונטס פאַבריק. דאָס אַלץ איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט. פון איין געטאָ צום צווייטן האָט מען נישט געטאָרט גיין. אויב מ׳פלעגט אָנטרעפן אַ זשאַנדאַר פלעגט מען באַקומען געשלאָגן. נאָר דער יודענראַט און די געטאָ־מיליציאָנערן האָבן זיך געקאָנט באַוועגן פון איין געטאָ צום אַנדערן.

צום איבערקלייבן זיך אין געטאָ האָט מען באַקומען עטלעכע טעג צייט, און יעדער האָט זיך געאײַלט וואָס פריער אַרײַנצוקומען אין געטאָ, בכדי צו פאַרכאַפּן אַ בעסערע דירה. מען האָט אַלץ געקאָנט מיטנעמען מיט זיך, אָבער מען האָט שוין געהאַט ווייניק, ווייל יעדן טאָג האָט מען געמוזט עפּעס פאַר־קויפן און קויפן עסן. איך בין געווען אין געטאָ אויף דער בריסקער גאַס און געוווינט ביי בן־ציון זוב (בערטשיק שמידס אַ פעטער). אין זעלבן געטאָ האָבן געוווינט מיינע שוועסטער רייזל און גאָלדע, און מיין שוועסטער שרה האָט געוווינט ביים קאָטליער אויף דער ליטווישער גאַס. דאָס געסל פון מרדכי גאַלמאַן האָט נישט געהערט צום געטאָ. אין דעם געסעלע האָבן זיך צומערסטן געדרייט דייטשן, ווייל אין אָסאָווסקיס הויז איז געווען די זשאַנדאַרמעריע, אויך ביי אונדז און אין שידלאָווסקיס הויז זענען געווען דייטשן.

אין געטאָ זענען קיין דייטשן נישט אַרײַנגעקומען, זיי זענען געווען נאָר פון דער צווייטער זייט. פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט קיינער צו די יידן נישט געטאָרט אַרײַנקומען, דאָס האָט געדראָט מיט טויט־שטראָף, און קיינער האָט נישט ריזיקירט. קיין אונטערגרונט פון דער קריסטלעכער זייט צו העלפן די יידן אין געטאָ האָט נישט עקזיסטירט. די מיליציאָנערן פלעגן יעדן אין דער פרי אָפּפירן די אַרבעטער צו דער אַרבעט, און נאָך מיטאָג ברענגען זיי צוריק אין געטאָ. אַלע זענען שטענדיק צוריקגעקומען. קיין געלט פאַר דער אַרבעט האָט מען נישט געצאָלט. אַ ייד פלעגט פאַר יעדער קלייניקייט באַקומען געשלאָגן. דאָס געטאָ איז געווען באַלויכטן ביז 11 אַ זייגער ביינאַכט.

אין געטאָ זענען אויך פאָרגעקומען עטלעכע חתונות. וועלוול גלעזער האָט חתונה געהאַט מיט אײדל וואָלפסאָן, און ביילע שמידט מיט חיים גליקעס זון — שלום פעלדמאַן. וועלוול גלעזער איז פון געטאָ אַנטלאָפן און וואָס מיט אים האָט ווייטער פאַסירט, איז אומבאַוווסט. אין געטאָ זענען אויך געווען קראַנקע. מעדי־קאַמענטן האָט דער יודענראַט געבראַכט פון אָסאָווסקיס אַפּטייק. אייניקע מענטשן זענען דאָרט געשטאָרבן. איך געדענק נאָך פיניע וואַפּניאַרסקי ז״ל. זיי זענען באַגראָבן געוואָרן אויפן יידישן בית־עלמין, צו דער לוויה איז קיינער פון דער

פאַמיליע נישט געגאַנגען, ווייל עס איז געווען פאַרבאָטן, דאָך איז שטענדיק געווען עמעצער פון יודענראַט ביי דער קבורה.

קיין ספּעציעלע ראַציעס האָט מען אין געטאָ נישט אויסגעטיילט, יעדער האָט זיך באַשפּייזט ווי ער האָט געקאָנט. ווער עס האָט געהאַט מער געלט, האָט זיך בעסער אַן עצה געגעבן. איך גלייב, אַז הונגעריקע זענען אין געטאָ נישט געווען. ווען גדליה שאָסטאַקאָווסקי פלעגט באַקומען אַ טשעק אויף 40 מעטער מעל, פלעגט ער קומען צו מיר און מיר פלעגן איבערמאַכן די ציפער אויף 140 אָדער 240 און נאָך מער, און דאַן פלעגט גריגאָרעווסקי דאָס אַרויסגעבן אָן שוועריקייטן. דער פאַרוואַלטער פון מיל איז געווען אַ דייטש, וועלכער האָט געוווינט אין ביאַלע־פּאָדלאַסקי און פלעגט זעלטן קומען קיין קאַמעניץ, ער פלעגט זיך פאַרלאָזן אויף גריגאָרעווסקין, וועלכער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ. דעריבער איז אין געטאָ קיין הונגער נישט געווען.

די זאַסטאַוויער זענען געבראַכט געוואָרן קיין קאַמעניץ און געווען צוזאַמען מיט די קאַמעניצער אין געטאָ.

מיר האָבן שוין דאַן געוווסט, אַז אין בריסק קלאַפּט שוין נישט מער קיין יידיש האַרץ, און דאָך איז מען געגאַנגען נאָרמאַל צו דער אַרבעט. די ערשטע און לעצטע יום־טובים זענען דורכגעגאַנגען אין געטאָ אין גרויס טרויער, מען האָט געוויינט און געקלאָגט און געבעטן גאָט, אַז ס'זאָל געשען אַ נס, אַז די מערדער זאָלן קיין צייט נישט האָבן צו ליקווידירן די קאַמעניצער יידן.

ביים ליקווידירן דאָס געטאָ, האָבן די דייטשן אַלץ צוגענומען און אַרויסגעפירט אין „דאָם לודאָווי" אויף שקאָלנע גאַס. מען האָט די יידן געזאָגט, אַז מען דאַרף גאָר נישט מיטנעמען מיט זיך, ווייל מען פירט זיי אַרויס צום שוואַרצן ים, און דאָרט וועט יעדע פאַמיליע באַקומען אַלץ און אַרבעט און זיי וועלן גוט לעבן.

די בעסערע זאַכן: פוטערס, פּערענעס, קישנס און מאַנופאַקטור האָבן די רוצחים געשיקט קיין דייטשלאַנד, און די איבעריקע זאַכן האָבן זיי פאַרקויפט אויפן אָרט פאַר פאָלקסדייטשן און רייכסדייטשן, וועלכע האָבן געוווינט אין קאַמעניץ. אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון קאַמעניץ האָט געקאָנט עפּעס קויפן. מיט דער ליציטאַציע האָט אָנגעפירט זאָפיע סטאַשוק פון זאַסטאַוויע. איר מוטער איז געווען אַ לערערין; זאָפיע האָט געאַרבעט אין קאָמיסאַריאַט אַלס סעק־רעטאַרין און איבערזעצערין. זי האָט געקענט פּערפעקט דייטש און פיינט געהאַט יידן. זי האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די דייטשן און מיט זיי אַנטלאָפן פון קאַמעניץ.

זייענדיק ביי מיין שוועסטער רייזל, וואָס האָט געוווינט ביי מאיר פישער, האָב איך געזען דורכן פענצטער ווי מ'האָט געפירט 155 פערזאָן (קאָמוניסטן) צום שיסן, און דאַן איז זאָשאַ סטאַשוק געפאָרן מיטן קאָמיסאַר אויף דער בריטשקע

זען די עקזעקוציע אין פּרוסקער וועלדל. דאָס זענען געווען יונגע מענטשן, און דערונטער אויך עטלעכע פרויען. דער פאָרזיצער פון קאַמעניץ, קוזקאַ, און זיין סעקרעטאַר צעבוליאַ, די טרעגערס חיים און אריה וואַקסמאַן (שלמה זעליקס זין) האָבן געגראָבן גריבער און דאָרט זיי מקבר געווען.

אויף אונדזער זייט פון געטאָ איז געשטאַנען אַ דייטשע וואַך און אויך רוסישע און פּוילישע מיליציאַנערן. איך בין אַנטלאָפן פון געטאָ דעם 3טן נאָוועמבער 1942. מיין אַנטלויפן איז געווען פּלאַנירט דורך מענטשן וואָס האָבן זיך געפונען מחוץ דעם געטאָ. איך בין אַנטלאָפן, ווען קיין דייטשן זענען אויף דער וואַך נישט געשטאַנען, נאָר בלויז קאַמעניצער מיליציאַנערן און זיי האָבן נישט געשאָסן, ווייל זיי זענען געווען אונטערגעקויפט. די וואַך־מיליציאַנערן זענען געווען: טאַדעוש רוזיצקי און ראַפאַיל ליעפּסקעוויטש,ביידע פּאָליאַקן, און איינער אַ רוסי־שער — וויטיאַ ראַזדיעלניקאָוו, ביי וועמען איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אַ לענגערע צייט. אין 1944 איז ראַזדיעלניקאָוו דערשאָסן געוואָרן דורך די סאָוויעטן און די פּוילישע מיליציאַנערן זענען אַנטלאָפן קיין פּוילן, ווו די „אַקאָווצעס" האָבן זיי דערשאָסן.

דאָס ערשטע הויז, ווו איך בין אַריין ווען איך בין אַנטלאָפן פון געטאָ, איז געווען פאַוועל קאָזלאָווסקיס, באַלד נעבן די דראָטן פון געטאָ. קאָזלאָווסקי האָט שוין אויף מיר געוואַרט, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז די דייטשן זענען אַוועק עסן מיטאָג. ער האָט מיך גלייך באַהאַלטן אין שייער. ווייטער האָבן מיר געהאָלפן: מיכאס גריגאָרעווסקי און זיין פאַמיליע, די פאַמיליע קאָזלאָווסקי, ראַזדיעלניקאָוו און אויך אַ קריסט פון קאַלאָניע ראָזאַלין — קאָליע זשוק. איך האָב זיך אויסבאַ־האַלטן אין דער קאָלאָניע 12 ק״מ פון קאַמעניץ.

איין מאָל, ווינטער־צייט, גאַנץ פרי, זענען געקומען דייטשן מיט אַן אויטאָ, און איך האָב קוים באַוויזן אַרויפצוקריכן אויפן בוידעם. און אַזוי בין איך דאָרטן געלעגן אין שרעק, עס איז געווען קאַלט און ווו צו אַנטלויפן איז נישט געווען. דער בעל־הבית האָט זיי געגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט, שנאַפּס, האָניק, גענדז, קאַטשקעס און האָט נאָר געוואַרט, זיי זאָלן שוין אַוועקפאָרן. עס האָט זיך געענדיקט נישט שלעכט, זיי זענען אַוועק, און דאַן האָט מען מיך גענומען צוריק אין שטוב. איך בין געווען נישט טויט און נישט לעבעדיק פון קעלט, שרעק און הונגער, אַז איך האָב אפילו נישט געקאָנט מיט קיינעם רעדן. איך האָב כסדר געוויינט און זייער מורא געהאַט, טאָמער קומען זיי נאָך אַ מאָל און וועלן אויך פאַראומגליקן די פאַמיליע, ווו איך האָב געוווינט. זיי האָבן שוין אויך מורא געהאַט מיך צו האַלטן, און דאָ האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ נייע טראַגעדיע, ווו וועל איך ווייטער זיין? איך האָב יעדן טאָג אַרויסגעפילט, אַז זיי האָבן מיך שוין גענוג, איך בין פון דאָרט

צוריק אַריבערגעפירט געוואָרן קיין קאַמעניץ צו דער פאַמיליע ראַזדיעלניקאָוו. איך בין געלעגן אויף אַ שליטן איבערגעטאָן אין אַלטע זאַכן, דעם קאָפּ פאַרבאַנ־דאַזשירט, פאַרדעקט מיט אַ קאָלדרע, און אַזוי האָט מען מיך געפירט אַלס אַ קראַנקע אין שפּיטאָל אַריין. צום גליק האָבן אונדז קיין דייטשן נישט פאַרהאַלטן.

נישט ווייט פון קאַמעניץ איז געווען אַ דאָרף ליסקע, דאָרט האָבן די רוצחים פאַרברענט דאָס דאָרף צוזאַמען מיט אַלע מענער, פרויען, קינדער און אַלטע לייט, פון ד מענטשן איז געבליבן בלויז אַש. דאָס איז געשען, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז אין דאָרף קומען אַריין פאַרטיזאַנער און מען האַלט זיי אויס.

אַרויס פון מיין באַהעלטעניש בין איך דעם 22סטן יולי 1944. פאַר דער צייט וואָס איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן, בין איך נישט איין מאָל קראַנק געווען, אָבער קיין מעדיצינישע הילף האָב איז נישט געקאָנט באַקומען, רופן אַ דאָקטאָר, אַ קריסט, איז געווען אַ גרויסע ריזיקע, און דעריבער רופט זיך דאָס איצט שלעכט אָפּ אויף מיין געזונט.

פּליטים פון דער קאָלאָניע האָט מען קיין קאַמעניץ נישט געבראַכט, אין קאַמעניצער געטאָ זענען געווען נאָר פון די קאָלאָניעס נאָך די זאַסטאַוויער מילן. ווען איך בין אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, בין איך נאָך אַ לאַנגע צייט נישט אַרויס אין גאַס. מיינע פיס זענען געווען געשוואָלן. איך האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט, איך האָב זיך שלעכט געפילט. עס איז געווען אַזוי פּוסט און אומעטיק, קיינער האָט זיך מיט מיר נישט געפרייט, קיינער האָט מיך נישט געפרעגט ווו איך בין געווען די גאַנצע צייט, און ווי אַזוי איך בין לעבן געבליבן. געווען קריסטן וואָס האָבן געזאָגט, אַז איינע איז לעבן געבליבן איז אויך צופיל. נאָך מיין באַהעל־טעניש בין איך שוין נישט געווען אין קאַמעניץ, איך האָב שוין דאָרט נישט געהאַט וואָס צו זוכן. איך בין אָפּגעפאָרן קיין בריסק און דאָרט געוווינט, אָבער דעם 23סטן אָקטאָבער 1944 האָבן מיך די סאָוויעטן אַרעסטירט, מען האָט מיך געמוטשעט אַ יאָר צייט, איך בין געזעסן כמעט אָן ברויט און אָן וואַסער אין געפערלעכע באַדינגונגען דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואָלט אַרעסטירן וואָלאָדיע גריגאָרעווסקין, וועלכער איז שוין דאַן געווען אין פּוילן, אָבער זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז נאָך אין בריסק אָדער אין קאַמעניץ און איך ווייס, ווו ער געפינט זיך און וויל זיי נישט זאָגן.

מיין בעל־הבית ראַזדיעלניקאָוו פלעגט מיר שטענדיק מיטפילן. צרות האָבן זיך געשאַפן פון אַלע זייטן. איך האָב דאָס אַלץ איבערגעלעבט, אָבער שפּורן אויף מיין געזונט־צושטאַנד זענען געבליבן.

ווען מען האָט אַרויסגעפירט אונדזערע שוועסטער און ברידער פון קאַמעניץ זענען שוין געווען קאַלטע טעג. אָנטאָן זיך וואַרעם האָט מען געקאָנט, אָבער

פאָרן מיט קליינע קינדער און אַלטע לייט 10 שעה קיין ווינסאָקע איז געווען אומדער־טרעגלעך. מ'האָט זיי געפירט קיין ווינסאָקע צו דער באַן און פון דאָרט קיין טרעב־לינקע, ווו זיי אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן. קיין וואָלקאָוויסק האָט מען פון קאַמעניצער געטאָ קיינעם נישט אַרויסגעפירט. דאָס ווייס איך גענוי. איך האָב יעדן טאָג געוווסט וואָס עס טוט זיך אין געטאָ, די מיליציאָנערן פלעגן יעדן טאָג קומען אין געטאָ, און איך פלעג מיט זיי רעדן. אַזוי האָבן די בלוטיקע נאַצישע רוצחים אויסגעהרגעט אונדזערע קאַמעניצער יידן.

ליושע קאַלאַסאָווסקי האָט געאַרבעט אין קאַמעניצער שפּיטאָל, זי איז געווען זייער פּאַראינטערעסירט אין יאַסל גלעזער, ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף ביי זיינעם אַ באַקאַנטן קריסט. זי האָט ליידער נישט געוווסט אין וועלכן דאָרף און ווי דער פּויער האָט געהייסן. ער האָט איר נישט געוואָלט זאָגן, אָבער דער קריסט איז עטלעכע מאָל ביי איר געווען, בכדי צו נעמען פאַר יאָסלען אייניקע זאַכן און מען האָט פון יאָסלען נישט געהערט. איך גלייב, אַז נישט די דייטשן האָבן אים אומגעבראַכט, נאָר דער, וועלכער האָט אים אויסבאַהאַלטן. און אַזוי האָט זיך מיין האָפענונג צו טרעפן יאָסלען נישט פאַרווירקלעכט.

באַלד נאָך דער מלחמה האָט זיך צו מיר געווענדעט אין איינעם אַ טאָג איציק זשיטניצקי פון באַקו, און האָט מיך געבעטן, איך זאָל צו זיי אַהיים גיין און איך זאָל אויסזוכן דאָרט אין שאַפע ביי זיי אין הויז זיין דיפּלאָם, ער האָט שטודירט אין פראַנקרייך אַלס אינזשעניער. איך בין דאָרט געווען און גאָר נישט געפונען, ווייל די שאַפע מיט אַלע זאַכן זענען פון דאָרט אַוועקגענומען געוואָרן. און שפּעטער איז זשיטניצקי געווען אויף אַ באַזוך אין קאַ־מעניץ מיט אַ פרוי און צוויי טעכטער. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז געווען אין קאַמע־ניץ דבורה, ראַדיעשץ, באבעל די טאָקערקעס אַ טאָכטער, זיי האָבן געוווינט נעבן פּלומפּ אויף זאַמקאָווע גאַס. זי האָט דאַן פאַרקויפט זייער הויז און איז אַוועקגע־פאָרן. שוין זייענדיק אין פּוילן, האָב איך זיך געטראָפן מיט באָריס פּאַסקעוויטשן פון קאַמעניץ. ער האָט מיר דערציילט, אַז צופּעליק האָט ער געטראָפן אין וואַרשע איטשע גורינסקי, ער האָט אים דערציילט, אַז ער פאָרט צו זיין ברודער קיין קובאַ. און איך גלייב, אַז באָריס האָט אים וועגן אַנדערע קאַמעניצער נישט געפרעגט. ווייל די קריסטן האָבן זיך ווייניק וואָס איבערגענומען מיטן יידישן אומגליק.

(אויפגענומען דורך מאיר באַבראָווסקי)

היסטאָרישער פּרעגבויגן וועגן קאַמעניץ ליטאָווסק

ווי אַלט איז געווען דער יידישער ישוב?
300 יאָר.

וויפל יידן האָבן געלעבט אין שטעטל ביז דער מלחמה?
500 פאַמיליעס.

וואָס זענען דאָרט געווען די הויפּט־מקורות פון פּרנסה?
60% האַנדל, 30% האַנטווערקער, 10% לאַנדווירטשאַפט.

וועלכע און וויפל קהילהשע מוסדות און געזעלשאַפטלעכע קולטור־אַנשטאַלטן זענען געווען אין שטאָט?

1 שול, 5 בתי־מדרשים, 1 גרויסע ישיבה, 2 בית־הקברות, 1 מושב זקנים, „לינת־הצדק", 2 ביבליאָטעקן, 1 דראַמאַטישער קרייז, 1 באַנק, 1 גמילת־חסד־קאַסע, אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען.

די וויכטיקסטע געשעענישן אין שטאָט פון אָנהייב מלחמה (1.9.1939):

ראש השנה 1939 איז דאָס דייטשע מיליטער אַריינמאַרשירט אין שטאָט. נאָך אַכט טעג האָבן זיי די שטאָט פאַרלאָזן, און די רוסן האָבן באַזעצט די שטאָט.

דעם 28סטן יוני 1941 האָבן די דייטשן צוריק פאַרנומען די שטאָט און גלייך אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע פון דריי קילאָ גאָלד, און גערויבט אַלע יידישע וווינונגען, קאָנפיסקירט אַלע יידישע פאַרמעגנס. יידן האָבן געמוזט טראָגן פון פאָרנט און הינטן אַ געלע לאַטע, געמוזט מיטמאַכן שווערע צוואַנגס־אַרבעט און דערביי באַקומען מוראדיק געשלאָגן.

נאָך דריי חדשים האָבן זיי אַלע יידן איינגעשלאָסן אין אַ געטאָ. אין געטאָ איז געווען אַ גרויסער הונגער, פיל מענטשן זענען פון הונגער געשטאָרבן. אָנהייב ווינטער זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין וואָלקאָוויסק אין אַ לאַגער אויף צוואַנגס־אַרבעט בערך 100 מאַן. סוף 1942 איז די גאַנצע יידישער באַפעלקערונג אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, ווו מען האָט זיי אַלע אומגעבראַכט.

באַציאונג און האַנדלונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג?
די רוסישע באַפעלקערונג האָט זיך נישט שלעכט באַצויגן צו יידן, דאַקעגן די פאָליאַקן האָבן אָנגעטאָן גרויסע צרות.

האָבן די יידן אין דעם אָרט אָרגאַניזירט אַ ווידערשטאַנד?
ניין.

צאָל לעבנגעבליבענע פון דער שטאָט:
דריי — געראַטעוועטע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן:
ראש־ישיבה ברוך־בער, געשטאָרבן פּן עגמת־נפש אין דער צייט פון דער רוסישער אָקופּאַציע.

היסטאָרישע קאָמיסיע, שוואַנדאָרף, 30.4.1947 מאָטע מאָנטאַג

דער מאַן וואָס האָט איבערגעגעבן די איינצלהייטן איז אונדז נישט באַקאַנט אַלס קאַמעניצער. געוויסע פּרטים שטימען נישט.

דער קאָמיטעט פון יזכור־בוך

קאמעניץ נאכן חורבן

בן־משה
(יפו—תל־אביב)

קאַמעניץ אין יאָר 1945

נאָך לאַנגע וואָגלענישן, אויסנוצנדיק אַלע קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן פון יענער צייט, בין איך אין אַ האַרבסטיקן טאָג פון 1945 שטיין געבליבן אויפן ראָג פון דער בריסקער און ביאַליסטאָקער גאַס אין קאַמעניץ.

טיף אין האַרץ האָט נאָך ביי מיר, פונקט ווי ביי יעדן לעבן־געבליבענעם, געגליט אַ האָפענונג, אַז אפשר וועט זיך דאָך נאָך עמעצער געפינען. איך בין שטיין געבליבן ווי פאַרשטיינערט, ממש זיך נישט געקאָנט רירן און זיך אַליין נישט געוואָלט גלייבן, אַז איך שטיי ווירקלעך אויף דער ערד, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן — אויף דעם פלאַץ, ווו כ׳בין אַזוי פיל מאָל אַלס קינד אין חדר און אין תלמוד־תורה געגאַנגען און שפּעטער אַליין און מיט חברים אַזוי פיל מאָל שפּאַצירט; און איצט — שטיל און פוסט. ווו איז דער ראָד קראָמען, ווו עס האָט שטענדיק גערוישט דאָס געשריי פון די פויערים, דינגענדיק זיך מיט די יידישע קרעמער פאַר אַ שטיקל סחורה, אויסגעמישט מיט דעם שטענדיקן קינדע־רישן געלעכטער? אויף דעם פלאַץ שטייט היינט אַ ברודער־קבר צ״ם אָנדענק פון די געפאַלענע רויטאַרמייער. בלויז דער פלומפּ, די פּאָמפּע, וואָס אַ האַלבע שטאָט פלעגט דאָרט נעמען וואַסער, איז געבליבן אַזוי ווי געווען.

צוקומענדיק נאָענט צו דער גאַס, ווו אונדזער הויז איז געשטאַנען, די שקאָלנע גאַס, אָדער ווי מען פלעגט זאָגן אין קאַמעניץ: „דער הויף״, בין איך ווידער ווי פאַרגליווערט געוואָרן. דעם פלאַץ, ווו אונדזער שיין הויז איז געשטאַנען, האָב איך דערקענט אַ דאַנק אַ קליינעם עפּלבוים, וואָס איז נאָך צופעליק שטיין געבליבן דאָרט, ווו עס איז אַ מאָל געווען אַ קליין גערטנדל, וואָס מיין פאָטער ז״ל האָט עס פאַרפלאַנצט.

אַלע הייזער ביז דער פּאָושעכנער שולע, דער „דאָם ליודאָווי״ און די גמינע זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון ביידע זייטן גאַס, און די פלעצער אויסגעגלייכט אַזוי ווי עס וואָלט דאָרט קיין מאָל קיין לעבן נישט געווען. און אַזוי איז געווען דער גורל פון אַלע יידישע הייזער. דאָס מאַטעריאַל פון די שיינע יידישע הייזער האָבן די דייטשע מערדער צענומען און פאַרקויפט די פויערים אין די דערבייאיקע

דערפער, און די אַלטע הייזער זענען געוואָרן פאַרברענט, די פלעצער אויסגע־גלייכט אַזוי, אַז קיין זכר איז נישט געבליבן.

איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם רבס הויז. ווי איך האָב זיך שפּעטער דער־וווּסט האָבן די דייטשן די יידישע באַפעלקערונג פון יענער געגנט אַרויסגעטריבן אין געטאָ, וואָס איז געווען אין דער ליטווישער גאַס, און אַ טייל אין דער קאָברינער גאַס. ווי איך געדענק, זענען געבליבן די הייזער פון ווינאָגראַד, שלמה דעם גאַרבאַר־ניקס, משה לייב פלאַטענדאמס, דעם רבס מויער, מאָטיע רעזניקס און בנימין גיי־ערס: אויף אפיסק (די גאַס וואָס פירט קיין זאַסטאַוויע) איז שטיין געבליבן דאָס הויז פון די זשיטניצקיס און זייער מיל, וואָס האָט געהאַט איניקע שותפים: די קופּציקס פון זאַסטאַוויע און מאיר פישער (די מיל איז געווען צענומען ווי אויך די מיל אין זאַסטאַוויע יאַנקל אליערס (יאַנקל אָרלאַנסקי) און האָט אויך געהאַט איניקע שותפים, ווי חיים שמיד און מאָטיע אַראָנאָווסקי און נאָך אַ זאַסטאַוויער ייד. די מיל איז קורץ פאַר דעם קריג אָפּגעברענט געוואָרן און מען האָט זי צוריק אויפ־געשטעלט נאָך שענער. אויך די מיל האָבן די דייטשן צענומען. די איינציקע מיל וואָס איז שטיין געבליבן איז געווען שאָסטאַקאָווסקיס, ווייל פון דער מיל איז געטריבן געוואָרן די עלעקטראָווניע פאַרן גאַנצן שטעטל. ס׳זענען נאָך געבליבן: אָסאָווסקיס מויער, ווו ס׳איז געווען די אַפּטייק. אהרן הערשס מויער (גאָרפיינס), מירעצקיס מויער, און די הייזער — פון הערשל יאַנקיעס (הערשל פרידמאַן) ביז גאַלפּערנס, איינשליסנדיק לאה געלערשטיינס הויז. (ווייטער אויף דער בריסקער גאַס איז געבליבן מאנישעס הויז, אברהם כאַזאַנאָוויטשעס מויער) און אהרן־משה גאַל־פּערנס מויער (דאָרט האָט זיך געפונען אין יענער צייט די נ.ק.וו.ד.), שידלאָווסקיס מויער, יוסף וויגוטאָווס און זעליג גלעמבאָווסקיס מויער, די איינציקע יידישע אַנ־שטאַלט — די תלמוד־תודה, איז שטיין געבליבן, אַפילו דער מאָרמאָרנער טאָוול מיט דער אויפשריפט: „תלמוד תורה וישיבה“, און די נעמען פון די בויער און שפּענדער. איך האָב דאָרט געטראָפן ווינען אַ קריסט וואָס איז אַמאָל געווען אַ סטרוזש אין דער פאָווּשעכנער שולע. פון דער בית־מדרש־מויער איז שטיין געבליבן בלויז דער סקעלעט (די 4 ווענט און דאַך). ווי די קריסטן האָבן מיר דערציילט, האָבן זיך די דייטשן באַנוצט מיט אים פאַר אַ שפּייכלער פון תבואה.

די געבידע פון דער באַרימטער ישיבה „כנסת בית יצחק“, וועמענס ראש הישיבה איז געווען ר׳ ברוך בער לייבאָוויטש זצ״ל (נפטר געוואָרן אין ווילנע אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי די ישיבה האָט פאַרלאָזן קאַמעניץ, ה׳ כסלו תרצ״ט — 1939), איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלוב.

פאַרבייגייענדיק בנימין גייערס הויז האָב איך געזען דורך די פענצטער ווי די מאַשינען פון וואָל־בערשטן דרייען זיך, וואָס מיין פאָטער ע״ה האָט זיי גע־

מאַכט. און נישט נאָר פאַר בנימין גייער, נאָר אַלע מאשינען פון וואָל־בערשטן וואָס האָבן זיך געפונען אין קאַמעניץ. זייענדיק דאָרט דער איינציקער ספּעציאַליסט.

דער ציל פון מיין באַזוך אין קאַמעניץ איז געווען צו דערוויסן זיך, ווויהין מען האָט די קאַמעניצער יידן אַרויסגעפירט, ווו איז געווען דער לעצטער וועג, און ווו האָט מען זיי אומגעבראַכט. לײדער איז דאָס מיר נישט געלונגען. אַ מאָל האָב איך געטראָפן אַ קאַמעניצער קריסט, וואָס האָט געוווינט אַקעגן ליפּמאַן כץ (זיין שוועסטער האָט געאַרבעט אין מאַגיסטראַט און געווען איינע פון שלמהקע מאַנדלבלאַטס געהילפן). אויף מיין פראַגע צי וויסט ער ווויהין מען האָט אַרויסגעפירט די קאַמעניצער יידן, האָט ער דערציילט, אַז אים איז באַוווּסט פון די פויערים וואָס האָבן זיי געפירט, אַז מען האָט אַלע קאַמעניצער יידן אויף פורן אַוועקגעפירט קיין וויסאָקע־ליטאָווסק, דאָרט געלאָדן אויף וואַגאָנעס און אַוועקגעפירט מיט דער באַן קיין טרעבלינקע אָדער קיין מאַלקין, איז אים אומבאַוווּסט. איך האָב אויך פּרובירט צו דערגרייכן קיין וויסאָקע, אָבער דאָס איז לײדער נישט מעגלעך געווען, ווייל אַ פּאָר קילאָמעטער פאַר וויסאָקע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די פּויליש־רוסישע גרענעץ.

צווישן די פאַרשידענע בריוו וואָס איך האָב געשיקט קיין קאַמעניץ, האָט נאָר איין בריוו צום קריסט גריגאָרעווסקי זוכה געווען צו אַן ענטפער, ער האָט מיין בריוו אַוועקגעגעבן דאָראַ גאַלפּערין, וועלכע איז די איינציקע וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון אַלע קאַמעניצער יידן און איך האָב זי מיט אַ צייט שפּעטער געטראָפן. פון דאָרען האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז מיין פעטער יאָסל גלעזער איז אַנטלאָפן פון געטאָ מיט אַ נאַכט פריער אידער די דייטשע מערדער האָבן ליקווידירט דאָס געטאָ. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ שטיקל צייט אין איינעם פון די קעלערן פון קאַמעניצער שפּיטאָל.

ווען דער קריסטלעכער דאָקטאָר פון שפּיטאָל האָט זיך דערוווּסט, אַז יאָסל גלעזער באַהאַלט זיך אויס אין איינעם פון די קעלערן פון שפּיטאָל, האָט ער געוואָרנט די אַקושערקע, אַז ער וועט זיי ביידן אַרויסגעבן, אויב ער וועט נישט פאַר־לאָזן דאָס שפּיטאָל. דאַן איז יאָסל אַוועק צו אַ באַקאַנטן קריסט, וועלכער האָט אים, לויט שפּעטערע ידיעות, דערמאָרדעט.

זייענדיק ביי קריסטן איז געקומען צו רייד וועגן די וויטערדיקע גע־שעענישן אין קאַמעניץ, באַלד ווי מען האָט אַרויסגעפירט די יידן. ווי באַוווּסט, האָט מען זיי ביים אַרויספירן דערלויבט מיטצונעמען מיט זיך אַ קליין פּעקעלע. יעדער איינער האָט געגומען מיט זיך דאָס בעסטע וואָס ער האָט נאָך געהאַט. ביים אַרויספירן, האָבן די דייטשישע מערדער אויך דאָס לעצטע פּעקעלע מיט געוואַלד אַוועקגעריסן, די גוטע זאַכן צוגענומען און דאָס וואָס זיי איז נישט

געפּעלן, געהייסן אָפּפירן אין „דאָם לודאָווי" אויף שקאָלנע גאַס. נאָך דעם ווען קיין ייִדן זענען שוין אין קאַמעניץ נישט געווען, האָבן די דייטשן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אַראַנזשירט אַ ליציטאַציע־פאַרקויף פון ייִדישע זאַכן. בראש פון דער ליציטאַציע האָט זיך געשטעלט די יונגע קריסטין זאָשאַ סטאַשוק, אַ טאָכטער פון אַ פוילישער לערערין, וואָס איז גוט באַקאַנט פאַר פיל קאַמעניצער פון דער פּאָווישעכנער שולע.

לויט ווי די קריסטן האָבן מיר דערציילט, האָט אָט די זאָשאַ ביים אויספאַר־קויפן די ייִדישע זאַכן זיך אויסגעצייכנט נישט ווייניקער, ווי די דייטשע ס.ס.־מער־דער. נעמענדיק אין האַנט אַ ייִדישע זאַך, פלעגט זי מיט אַ גיפטיק געלעכטער אויסרופן די פּרייזן.

די דאָזיקע זאָשע סטאַשוק האָט געאַרבעט ביי די דייטשן אַלס איבערזע־צערין אין קאַמעניצער אַמט־קאָמיסאַריאַט, וואָס איז געווען אין דער פּאָווישעכנער שולע. ווען מען האָט אַרויסגעפירט די ערשטע קרבנות אין דעם פּרוסקער וואַלד צום שיסן (דאָרט איז אויך געווען דער פאָרזיצער פון קאַמעניצער שטאָטראַט, קוסקאַ) איז זי מיטגעפאָרן מיטן דייטשן קאָמיסאַר כדי בייצ־וווינען די עקזעקוציע. דאָס האָט דערציילט דער קאַמעניצער ייִד אריה וואַקסמאַן, וועמען די דייטשן האָבן מיטגעשלעפּט אויסצוגראָבן גריבער פאַר די קרבנות (ער איז אין אַ צייט אַרום אומגעקומען אין די רייען פון אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער).

אַזוי איז פאַרקויפט געוואָרן ייִדיש האָב און גוטס און דאָס וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן צו ראַבירן איז געבליבן ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און זיך געלאָזט מערקן אין יעדן הויז. ס׳זענען אויך געווען קריסטן, וועלכע האָבן פאַרגעלייגט צוריקגעבן ייִדיש פאַרמעגן. בראָנעק שידלאָווסקיס פרוי (געהאַט אַ שיינק אונטער יאָסל וויגוטאָווס הויז) האָט מיך איינציקע מאָל געבעטן, איך זאָל צונעמען ביי איר אַ ניימאַשין, וואָס יצחק לייב דעם שערערס אַ שוועגערין האָט איר געגעבן צו באַהאַלטן, מחמת זי וויל דאָס נישט האָבן אויף איר געוויסן. די פרוי וואָס האָט געלאָזן די מאַשין איז געווען אַ שניידערין, די איינציקע פּרנסה־געבערין. איך האָב איר געזאָגט, אַז עס איז גאַנץ שיין פון איר זייט, אָבער איך דאַרף דאָס נישט. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל אָנשרייבן אויף ייִדיש אַ פּאָר ווערטער, און זי וועט עס האַלטן אין פאַל ווען עמעצער וועט קומען, וועט זי דאָס ווייזן און אָפּגעבן. איך האָב עס געטאָן. כאָטש שרייבנדיק האָב איך געוווסט, אַז לײַדער וועט עס שוין קיין ייִדישע האַנט נישט האַלטן. אין אַ פּאָר טעג האָב איך פאַרלאָזן קאַמעניץ, צוריקגעקערט זיך ווידער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום און דאָרט זיך באַגעגנט מיט יודל ראַפּאָפּאָרט.

אין יענער צייט האָב איך אין זאַסטאַוויע געטראָפן אַ פויער פון פּליסישץ (אַ

יידישע קאָלאָניע). פון דעם דאָרף געדענק איך נאָר איין פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ברודער מיט צוויי שוועסטער, איינע פון די שוועסטער האָט געהייסן מלכה און די צווייטע — אסנע, און דער ברודער — ברוך. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע אין אַמעריקע. די יידישע איינוווינער פון דעם דאָרף האָבן וואָרשיינלעך געהאַט דעם זעלבן גורל וואָס אַלע קאַמעניצער יידן, נאָר וואָס דער פויער האָט מיר דערציילט, אַז ברוך איז אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין די אַרומיקע וועלדער. (דאָס גאַנצע דאָרף און די גאַנצע געגנט איז געווען אַרומגע־רינגלט פון בעלאָוועזשער וואַלד). נאָך נאָך דעם ווי ער האָט געהערט, אַז מען האָט אַרויסגעפירט אַלע יידן פון דאָרף, צווישן זיי אויך זיינע שוועסטער, איז ער באַגאַנ־גען זעלבסטמאָרד. נישט ווייט פון דאָרף האָבן אים פויערים געפונען אַ דערשאָ־סענעם אין וואַלד, מיט זיין ביקס.

*

זייענדיק אין בריסק האָב איך זיך דערוווּסט פון קאַמעניצער קריסטן, אַז יודל ראַפּאָפּאָרט לעבט און געפינט זיך אין זאַסטאַוויע. ס'איז געווען אָנהייב יאַנואַר 1946. עס איז שווער צו באַשרייבן דאָס געפיל, דערהערנדיק אַזאַ בשורה. אָבער לאַנג טראַכטן האָב איך קיין צייט נישט געהאַט; עס איז שוין געווען נאָכמיטאָג־צייט און אויפן גאַס האָט געגאָסן אַ דראָבנער רעגן מיט אַ שניי צוזאַמען. נישט לאַנג טראַכטנדיק האָב איך זיך געלאָזט גיין אונטער דער שטאָט צו געפינען עפּעס אַ קאָמוניקאַציע־מיטל מיט וואָס איך זאָל קאָנען וואָס גיכער אָנקומען קיין קאַמעניץ. אָפּגייענדיק אַ פּאָר קילאָמעטער, האָב איך געטראָפן אַ האַלב־שיכורן זעלנער, וואָס איז געפאָרן מיט אַ לאַסט־מאַשין. נאָך אַ קורצער אונטערהאַנדלונג האָט ער מיך מיטגענומען ביז טשערנאַפּציץ. נאָך פיל שוועריקייטן בין איך אַרום האַלב צוויי אַזייגער ביינאַכט דורך קאַמעניץ אָנגעקומען קיין זאַסטאַוויע און גע־טראָפן יודלען אין אַ קליינער קריסטלעכער הייזקע.

שווער צו באַשרייבן די באַגעגעניש צווישן מיר מיט יודלען. אַ לאַנגע צייט זענען מיר ביידע געבליבן ווי פאַרשטיינערט. פון די ערשטע גע־שפּרעכן מיט יודלען איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער איז געווען אין דער סאָוויעטישער אַרמיי און אַ פאַרוווּנדעטער אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. זייענדיק אין שפּיטאָל, איז ער אַנטלאָפן און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אָנגעקומען אָנהייב 1942 צוריק קיין קאַמעניץ. אַ קורצע צייט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין קאַמעניץ, שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט אַלע קאַמעניצער יידן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין פּרוזשאַנע, ווו עס זענען געווען קאָנצענטרירט אין געטאָ נישט נאָר פּרוזשאַנער יידן, נאָר אויך פון דער גאַנצער געגנט אַרום. פון דאָרט איז ער מיט

אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער אַוועק אין וואַלד און זיך דאָרט אָנגעטראָפן מיט אַ גרופּע קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיי נישט נאָר נישט געוואָלט אויפנעמען, נאָר האָבן ביי זיי נאָך צוגענומען דאָס געווער, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך, און אויסגעטאָן זיי די שיך און געהייסן גיין צוריק אין געטאָ. צוריק־קערנדיק זיך אין געטאָ, האָבן זיי געמאַכט אַ בונקער. אין דעם בונקער איז אויך געווען יאָסל וואָלפסאָן. אין אַ צייט אַרום איז דער בונקער אויפגעריסן געוואָרן דורך די דייטשן און ער איז מיטן לעצטן טראַנספּאָרט פון פּרוזשאַנער געטאָ געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ.

אָפּזייענדיק אַ געוויסע צייט אין אוישוויץ האָט יודל ראַפּאָפּאָרט נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן און זיך אַליין געמאָלדן מען זאָל אים נעמען אין קרעמאַטאָריע. און דאָ איז געשען אַ נס. די נאַכט וואָס מען האָט אים מיט נאָך אַ גרופּע געבראַכט אין קרעמאַטאָריע, איז דער מאַן וואָס האָט זיי געדאַרפט אויפנעמען, געלעגן טויט־שיכור און באַפוילן דעם שאָפער, וואָס האָט זיי געבראַכט, ער זאָל זיי צוריקפירן און ברענגען מאָרגן. אויף צומאָרגנס איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע און מען האָט אים צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן אויף די פיס, אויס־געקליבן פאַר נאָך פעיקע צו אַרבעט, און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַ קוילן־גרוב אין זאַוויעשעוויצע. דאָרט זענען געווען קריגס־געפאַנגענע פון פאַר־שידענע לענדער, צווישן זיי פראַנצויזן, וועלכע האָבן אים אונטערגעהאַלטן מיט שפּייז. דאָרט איז ער אָפּגעווען אַ לענגערע צייט. ווען דער פראָנט מיט די רוסן האָט זיך דערנענטערט, האָט מען זיי עוואַקואירט קיין בוכענוואַלד (וואַרשיינלעך אין יאָר 1944). פון בוכענוואַלד האָט מען זיי ווייטער געטריבן און ער איז דער־גאַנגען ביז טירינגען, און אין דער שטאָט גערא איז ער באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

געטראָפן האָב איך אָבער אין קאַמעניץ נישט דעם זעלבן יודל, וואָס איך האָב געדענקט פון אונדזער חדר, און אויך פון די שפּעטערדיקע יאָרן ווען מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט. די שפּורן פון דעם וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, הויפּטזעכלעך פון אוישוויץ, האָבן זיך שטאַרק געלאָזט פילן אויף זיין געזונט־צושטאַנד. עס איז נישט מעגלעך געווען צו קומען מיט אים צו אַ קאָנקרעטן באַשלוס וועגן אונדזער ווייטערדיקן וועג. איך האָב אויך דורכגעמאַכט פיל, אָבער פאַר מיר איז קלאָר געווען אונדזער מצב, און וואָס עס דאַרף זיין אונדזער ווייטערדיקער וועג. ווען איך האָב איין מאָל אָנגערירט די פראַגע וועגן פאָרן צוריק קיין פוילן און פון דאָרט ווייטער, איז ער אָפּגעשפּרונגען אַן אויפגערעגטער, אַזוי אַז איך האָב זיך ממש דערשראָקן פון זיין שרעקלעכן אויסזען. „ווייטער וואַנדערן? — האָט ער געשריען — איך האָב דאָס שוין גענוג, אַ פּאַסטעך וועל איך זיין, אָבער דאָ בלייבן".

פאַר מיר איז דאַן קלאָר געוואָרן, אַז איך טאָר אים נישט לאָזן אַליין אין אַזאַ צושטאַנד, ווי ער איז געווען, און אַז עס מוז קומען עפּעס וואָס וועט אים צווינגען רואיקער צו באַטראַכטן אונדזער לאַגע און אים געוויס ברענגען צו ענדערן זיין באַשלוס, און מיין געפיל האָט מיך נישט גענאַרט. געקומען איז עס דורך דעם דעמאָלטיקן נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד.

יודל, וואָס האָט געוואָלט בלייבן אין קאַמעניץ, האָט געמוזט מאַכן אַ פּאַס־פּאָרט, און דערצו האָט מען דעמאָלט געדאַרפט אויספילן אַן אַנקעטע אין נ.ק.וו.ד. און אין דער אינסטאַנץ וואָס גיט אַרויס פּאַספּאָרטן. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט (געווען זענען מיר ביי פאַרשידענע קריסטן אין זאַסטאַוויע) איז ער אַוועק אין ביוראָ פון נ.ק.וו.ד. צו נעמען אַ פּאַספּאָרט. דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד איז, ווייזט אויס, נישט געווען קיין גרויסער ייִדן־פריינד. אויספילנדיק די אַנקעטע און שרייבנדיק זיין ביאָגראַפיע, האָט יודל אויך אָנגע־געבן, אַז ער איז געווען אין אוישוויץ. דערהערנדיק דאָס וואָרט „אוישוויץ" איז דער נאַטשאַלניק אויפגעשפּרונגען און זיך געווענדט צו אים מיט אַ סאַרקאַסטישער פראַגע: „האַ, דו ביסט אַ ייִד, געווען אין אוישוויץ און לעבן געבליבן? מן הסתם האָסטו מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן".

ווי יודל האָט מיר נאָך דעם דערציילט איז ער געבליבן ווי פּאַראַליזירט פון אַזאַ אַנטיסעמיטישער באַשולדיקונג. עס איז שוין געווען אין די נאָכמיטאָג־שעהן און אין דעם מאָמענט איז דורך אַ קורצשלוס אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט אין צימער, ווו דאָס איז פאָרגעקומען. דער נאַטשאַלניק, נישט קענענדיק צורעכט מאַכן דאָס ליכט און זעענדיק די ווירקונג וואָס זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף יידלען, האָט אים געהייסן קומען אין דריי טעג אַרום. דאָס איז געווען דאָנערשטיק, און זונטיק האָט יודל נאָך אַ מאָל געדאַרפט קומען צו אים. איך בין דאַן געזעסן אין זאַסטאַוויע און געוואַרט. זעענדיק, אַז עס דויערט לאַנג, בין איך אים אַנטקעגן געגאַנגען. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען איך האָב אים באַגעגנט אויף אַ בריק, וואָס האָט אָפּגעטיילט קאַמעניץ פון זאַסטאַוויע. אָנהאַלטנדיק זיך אין דער פּאַרענטשע פון בריק, אַ צעשויבערטער און אויפגערעגטער. ענדלעך האָט ער אַליין אָנגעהויבן רעדן ווי צו זיך אַליין: „דו הערסט, עס איז זיי אַ שאָד וואָס איך בין לעבן געבליבן". און באַלד פאָרזעצנדיק, האָט ער מיר אַלץ דערציילט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען אין צימער פון נאַטשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד. און דאָ איז געשען די ענדערונג וואָס האָט אים געצוווּנגען צו טראַכטן.

די נאַכט זענען מירביידע נישט געשלאָפן. פאַר מיר איז דער וועג געווען אַ קלאָרער און איך האָב אים געזאָגט, אַז ביזן קומענדיקן זונטיק, ד. ה. ווען ער דאַרף נאָך אַ מאָל קומען צום נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד., דאַרפן מיר שוין ביידע דאָ

נישט זיך. צום גליק איז ער מסכים געווען מיט מיר. צו מאָרגנס בין איך אַוועק צו אַ קריסט, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ געהעריקער אינסטאַנץ פון וואַנען מען האָט באַדאַרפט באַקומען אַ באַפולמעכטיקונג אַלס געוועזענער פוילישער בירגער.

צוערשט האָט מיך דער קריסט געפרווּוט אָפּוועגדן פון דעם. ער איז דורכ־אויס געווען פאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן, אַלס די איינציק לעבנגעבליבענע ייִדן אין קאַמעניץ, בלייבן אויפן אָרט. צום סוף איז ער נאָכגעקומען מיין ביטע און מיר געגעבן דאָס וואָס איך האָב געדאַרפט, און אויף מאָרגן פאַרטאָג (שבת אין דער פרי) האָבן מיר דורך הינטערוועגן פאַרלאָזט קאַמעניץ אויפן וועג קיין בריסק.

אויך אין בריסק האָב איך אים נישט איבערגעלאָזן אַליין ביז ער האָט דער־לײדיקט אַלע זיינע פאָרמאַליטעטן און צוגעפירט אים צום טערעספאָלער וועג צו דער נייער רוסיש־פוילישער גרענעץ דורך וואַנען ער איז אַריבער קיין פוילן, און אין אַ צייט אַרום האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן אין דייטשלאַנד.

דב (ברטשיק) שמידע
(חיפה)

אַ רייזע צו דער פאַרגאַנגענהייט

(זכרונות פון דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג)

איבערגעבליבענע

איך געדענק ווי צום סוף פון וועלט־קריג זענען צו מיר געקומען צוויי ברידער. די זין פון מיין מומע אין פרוזשענע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אוישוויץ. זיי זענען געווען דערשראָקענע און צעשטרייטע און זייערע דערציילונגען זענען געווען אָפּגעהאַקטע, נישט דערערדטע, אַ מין שילדערונגען פון גיהנום און ניט פון דער ווירקלעכקייט, עפּעס דורכויס אוממענטשלעכס.

הגם יעדע דערציילונג איז געווען געבונדן מיט משפחות פון פּרוזשע־נער יידן און מיט לעבעדיקע מענטשן, וועלכע איך האָב פּערזענלעך געקענט, האָבן זייערע ווערטער נישט אַרויסגערופן ביי מיר די געהעריקע רעאַקציע. עס האָט זיך קוים געגלייבט אין זייער ריכטיקייט. איך האָב מיך צוגעהערט אַ שוויינגדיקער און דערשלאָגענער, זייערע ווערטער האָבן זיך נישט געלאָזט באַנעמען.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז איך האָב באַקומען די ערשטע בריוו פון דאָרטן גאַל־פּעריז, וועלכע האָבן מיך גאַנץ דערשיטערט, ווייל זיי זענען געקומען דירעקט פון גיהנום. זיי האָבן דערציילט וועגן קרובים און לאַנדסלייט, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען און אומגעקומען. זיי האָבן דערציילט וועגן די געסלעך און דער ענגשאַפט, וועגן די מערדערייען אין די גאַסן און דעם הונגער אין די הייזער. איך בין אויפ־געציטערט געוואָרן ביזן גרונט. איך האָב אָבער מיר נישט געקאָנט און נישט געוואָלט פאַרשטעלן, אַז אַלץ איז געגאַנגען צו גרונד, אַז אַלע אונדזערע טייערע זענען פאַרשניטן געוואָרן. טיף אין האַרצן האָט נאָך געטליעט אַ האָפענונג, אַז עמעצער פון דער משפחה, פון שטעטל, פון חברים, אָדער סתם באַקאַנטע האָט זיך דאָך געראַטעוועט.

די רייזע

זומער פון יאָר 1965 האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אַז איך בין באַשטעטיקט געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין סעמינאַר פאַר פישעריי אין ראָטנפאַרבאַנד. דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז ביי מיר אויפגעקומען בעת איך האָב דערהאַלטן די ידיעה איז געווען צו באַזוכן דאָרטן, הערן פון איר די טראַגישע געשיכטע און פאָרן אויף קבר־אָבות אין מיין שטעטל קאַמעניץ. דאָס האַרץ האָט געפאָדערט, אַז די אויגן זאָלן זען.

נאָך דעם ווי איך האָב מיך באַזאָרגט מיט אַ ספּעציעלער וויזע אין קאָנסולאַט פון ראָטנפאַרבאַנד, איז מיר דערלויבט געוואָרן צו פאָרן קיין בריסק און באַקומען דאָרטן אַ וויזע צו באַזוכן קאַמעניץ. איך האָב באַשלאָסן אויך צו פאָרן אויף עט־לעכע טעג צו דאָרען קיין פוילן און הערן פון איר פרטים וועגן דעם גורל פון די קאַמעניצער יידן.

דאָרע

די באַגעגעניש מיינע מיט דאָרען אויפן פלי־פלאַץ אין וואַרשע, האָט פאַר מיר באַטייט ממש אַ פולער אומקער קיין קאַמעניץ, אַן אומקער צו מיין יוגנט, צו מיין משפחה, צו אַלע קרובים און באַקאַנטע.

יענע נאַכט, וואָס מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן פון וואַרשע קיין גלעוויטש האָבן מיר נישט פאַרמאַכט קיין אויג. איך האָב געהערט און געזיפצט און זי האָט כסדר דערציילט און פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. אויך איר פוילישער מאַן, וואָס איז מיט אונדז מיטגעפאָרן, איז געווען דורכגעדרונגען מיט טיפע הומאַ־נישע געפילן, האָט קיין אויג נישט פאַרמאַכט און האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער פליסיקן יידיש.

צו מאָרגנס זענען מיר געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין אוישוויץ און פון דאָרעס מויל איז געפלאָסן אַ פיינלעכע דערציילונג, ווי אַזוי זי איז געראַטעוועט געוואָרן דורך דער פאַמיליע פון גרעגאָראָווסקי, ווי איר איז אויסגעקומען אויסצובאַהאַלטן זיך אין קעלערס, אויף בוידעמס, אין אַ באַהעלטעניש אויפן אויוון, אין שפּייכלערס און אין פערד־שטאַלן.

אוישוויץ

מיר זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ. עס זענען פאַרשטומט געוואָרן אַלע רייד, עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע פראַגן. ביים אָנקוקן די בלאָקן, די מויערן, די

װענט פון טויט און די פאַררויכערטע קוימענס, זענען פאַרשטיינערט געוואָרן אַלע געפילן. דער טויט שפּאַצירט דאָ צווישן די באַראַקן. עס שטיקט גאָר שטאַרק אין קעל, עס רייסן זיך אַרויס אָן אויפהער זיפצן, די טרערן גיסן זיך פון זיך זעלבסט. דאָס האַרץ ברעכט זיך. עס זעט אויס, ווי מיר גייען צו אַ גרויסער שטילער לוייה.

נאָכן צוריקקער פון אוישוויץ האָבן מיר שוין מער נישט גערעדט וועגן קאַ־מעניץ. וואָס האָט זיך געלאָזט רעדן נאָכן קומען פון גרויסן בית־עלמין פון גאַנצן פאָלק?

דאָרע האָט מיר נאָך דערציילט וועגן איר ביטערער לאַגע נאָך דער באַפריי־אונג, וועגן איר זיצן אַ יאָר צייט אין בריסקער תפיסה, וועגן איר אָנקומען אַ גאַנץ דערשעפּטע קיין פוילן און וועגן דעם ווי איר גוטער און מענטשלעכער מאַן האָט זי אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פון טויט, וואָס האָט אויף איר געלויערט אין באַפרייטן פוילן.

דאָרע איז שוין נישט יענע אַמאָליקע דאָרע, וועמען מיר האָבן געקענט, נישט יענע לוסטיקע און שיינע מיידל, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שטורמישער לעבעדיקייט און שטיפערשקייט. די דאָרע, וועלכע איך האָב געטראָפן אין פוילן, איז געווען אַ פאַרקערפּערונג פון דעם צער, ווייטיק און פון די יסורים, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אונדזער גאַנץ שטעטל. אמת, זי איז געבליבן לעבן, אָבער זי איז נישט געווען אימשטאַנד צו באַפרייען זיך פון דעם אַלעמען, וואָס עס איז אויס־געקומען איבערצולעבן איר אין אונדזער שטעטל, הגם זי אַליין האָט אויסגעמיטן דעם ביטערן סוף.

ווען איך האָב מיך מיט איר געזעגנט אויף דער באַן־סטאַציע האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט שוין נישט געהאַט געגלייבט, אַז איר וועט נאָך אויסקומען צו באַגעגענען זיך מיט עמיצן אַ לעבנגעבליבענעם קאַמעניצער יידן. זי האָט געוווסט, אמת, אַז עס זענען געבליבן לעבן הונדערטער קאַמעניצער יידן צעזייטע און צע־שפּרייטע איבער גאָר דער וועלט, אָבער זי האָט דאָס געפיל, אַז זיי זענען אַלע אומגעקומען און אַז ס׳זענען נאָר געבליבן אימהדיקע זכרונות.

בריסק

דעם 17־טן סעפּטעמבער 1965 בין איך איינגעשטיגן אין דער אינטערנאַציאָ־נאַלער באַן מאָסקווע—בערלין—אַמסטערדאַם און געפאָרן קיין בריסק, וואָס איז די ענד־סטאַציע אין רוסלאַנד פאַר דער פוילישער גרענעץ. די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט פאַרמאַכט קיין אויג און די קאָנדוקטאָרין פון וואַגאָן האָט נישט פאַרשטאַ־נען פאַרוואָס מיר שלאָפט זיך נישט בעת איך פאָר אין אַזאַ לוקסוס־וואַגאָן. זי האָט

מיך די גאַנצע נאַכט מכבד געווען מיט טיי און געפרעגט וווּהין איך פאָר. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך פאָר קיין בריסק, נישט ווייט פון וואַנען איך בין געבוירן געוואָרן און אַז איך בין אַ ייד.

— אַזוי, האָט זי זיך אָפּגערופן מיט אַ רחמנות־געפיל — ביסטו שטאַרק אויפ־געבראַכט אומקערנדיק זיך אַהיים, דו וועסט אָבער דאָרטן קיין איין יידן נישט געפינען. היטלער האָט זיי אַלעמען אויסגעקוילעט.

דער שנעלצוג האָט זיך איילי‌ק איבערגעטראָגן פאַרביי דער סטאַציע סמאָ־לענסק, וועלכע דערמאָנט די פאָרגעקומענע שלאַכטן, און פאַרביי מינסק, וואָס דערוועקט דעם אָנדענק אָן דער גרויסער יידישער שטאָט. עס הייבט אָן טאָגן. מיר פאָרן שוין פאַרביי באַראַנאָוויטש, ווו איך האָב אין מיינע קינדערישע יאָרן געלערנט אין דער קליינער ישיבה. די באַן טראָגט זיך מיט דער שנעלקייט פון 120 קילאָ־מעטער אַ שעה און פאַרהאַלט זיך נישט ביי קיין איינציקער סטאַציע. זי טראָגט זיך פאַרבי״י דעם באַרימטן יידישן שטעטל קאַרטוז־בערעזע, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם פוילישן פאַרהאַלט־לאַגער. און אָט איז שוין לינעווע, די באַן־־סטאַציע פון פרוזשענע, ווו איך פלעג פאַרברענגען מיינע זומער־וואַקאַציעס. און אָט פאַרן מיר פאַרביי זשאַבינקע, די באַן־סטאַציע פון מיין קאַמעניץ. די באַן פאַרלאַנגזאַמט איר געלאף און גייט אַריין אין דער בריסקער פאָרשטאָט.

די זון איז אויפגעגאַנגען. עס איז געשטאַנען אַ שיינער זומער־טאָג. פון ווייטן האָט זיך געלאָזט זעען די „פּשיכאָדניע בריק״, און איך בין שוין אויף דער באַן־סטאַציע פון בריסק. דער זעלביקער בנין, דער זעלביקער זייגער, דער קאָנטראָלער ביי דער טיר. נאָר גרויסע רויטע פענער און רויטע שטערנס אויף די טורעמס פון דער סטאַציע.

דאָס האַרץ קלאַפּט און שטורעמט. אין בריסק האָב איך דאָך פאַרבראַכט און געלערנט מיינע בעסטע יוגנט־יאָרן: אין תחכמוני, אין גאָרדאָניע, אין דער גימנאַ־זיע „תרבות״. איך פיר אַדורך אין ביוראָ פון „אינטוריסט״ די נייטיקע פאָרמאַ־ליטעטן און נעם זיך צופוס דורך דער גאַס אוניא לובעלסקאַ (איצט די לענין־גאַס) לויט דעם אַדרעס, וואָס איך האָב געהאַט אויף דער יאַגעלאָנער (איצט מאָסקווער) גאַס, ווו עס לעבן די צוויי שוועסטער קלאַרע און געניאַ ערליך, וועלכע שטאַמען פון קאַמעניץ.

ביז איך בין נישט צוגעקומען צו די מיר גוט באַקאַנטע קראָמען, וואָס אויפן ראָג פון דער דאָמבראָווסקער גאַס, האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז איך האָב פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער שטאָט. די סאָוויעטן האָבן דאָ געבויט און אויפגעריכט פיל געביידעס, וועלכע האָבן גרונטיק פאַרענדערט דעם אויסזען פון דער שטאָט. אָבער דער פריערדיקער שטאָט־צענטער, וועלכער איז געווען באַוווינט דורך

יידן, איז געבליבן אומפאַרענדערט. עס האָט נישט אויסגעפעלט קיין הויז, קיין טראָטואַר, נאָר קיין יידן וואָס זייער צאָל איז געווען איבער דרייסיק טויזנט און וואָס האָבן געבילדעט דעם כאַראַקטער און קאָלאָריט פון שטאָט, זענען מער ניט געווען.

דריי טעג נאָכאַנאַנד בין איך אַרומגעגאַנגען איבער בריסק ווי אַ פאַרטרוימטער.

צוערשט האָט מיך געצויגן צו דער גרויסער שול, וואָס אויף דער דאָמבראָווסקער גאַס, וואָס שטייט אַ פאַרלאָזענע און גילט אַלס אַ נעבעכדיקער סינעמאַ. נעבן איר שטייט דעם רבס שטוב און אַ ביסל וויטער — די „תחכמוני־שול". עס דרייען זיך אַרום פרעמדע מענטשן, זיי גייען אַרום איבער די מיר גוט באַקאַנטע גאַסן. דוכט מיר, ווי נעכטן בין איך דאָ אין די דירות געהאַט אַריינגעקומען. קיין איין באַקאַנט געזיכט האָב איך דאָ ניט געטראָפן. פרעמדע, וואָס געהערן נישט אַהער, קוקן אַרויס פון די פענצטער, קוקן זיך אין מיר איין, ווי איך וואָלט דאָ זיין אַ פרעמדער.

די מצבה

צווייבילדער האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין האַרצן און איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן:

אויף דער דלוגע־גאַס האָב איך געזוכט דעם גרויסן ברידער־קבר, ווו עס זענען אומגעקומען און באַגראָבן געוואָרן די לעצטע צען טויזנט בריסקער יידן. דער פּלאַץ איז פאַרלאָזן און אויף אים זענען אויסגעבויט הויפן נאָך הויפן און פאַרשידענע ציטווייליקע בנינים. עס איז שווער געווען צו געפינען דעם וועג, וואָס פירט צום קבר, אויף וועלכן עס שטייט אַן עלנטע בעטאָן־מצבה און אויף איר אַ געדענק־ברעט אויף רוסיש: „דאָ זענען געבראַכט צו קבורה סאָוויעטישע בירגער, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פאַשיסטישע חיות". דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז דערציילט געוואָרן וועגן בריסקער יידנטום.

בשעת איך בין געשטאַנען ביי דער מצבה איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ יינגל פון 15 יאָר און האָט געזאָגט: „בירגער, דו ווייסט, דאָס זענען באַגראָבן געוואָרן מענטשן לעבעדיקערהייט און ביז היינט ציטערט דאָ די ערד יעדע נאַכט..." איך האָב נישט פאַרמאָגט קיין טרערן אין מיינע אויגן. מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן. נאָר מיינע פיס האָבן געציטערט, שטייענדיק אויפן ניט צוגעדעקטן מענטשן־בלוט.

אויף צו מאָרגנס האָב איך געפרעגט ביי די איבערגעבליבענע בריסקער: וואָס איז פאַרבליבן פון דעם פרעכטיקן בריסקער יידנטום? צי איז געבליבן דער בריסקער בית־עלמין?

— יאָ, — האָט מיר געענטפערט איינער פון מיינע פריינד, איינער פון די זיבן בריסקער, וואָס איז נאָך געבליבן לעבן אין שטאָט — קום, איך וועל דיר באַווייזן.

ער האָט מיך געבראַכט צו דער סטעטשקאָוויצער גאַס, אַריינגעפירט אין איינעם פון די הויפן און עס האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט דאָס בילד ווי דער טראָטואַר און דער גאַנצער הויף זענען אויסגעברוקירט מיט יידישע מצבות. דאָס הויז אין יענעם הויף איז בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע געווען פאַרנומען דורך דער געסטאַפּאָ. צום אייביקן אָנדענק האָבן די ווילדע חיות אויסגעברוקירט דעם הויף און דעם טראָטואַר מיט מצבות פון יידישן בית־עלמין.

דער טראָטואַר שרייט צו מיר: גערענק און פאַרגעס נישט!

די פרעמדע מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום אין די גאַסן, זעען אויס צו זיין גלייכגילטיק צו אַלעמען, און ווייסנדיק, אַז איך בין אַ ייד זענען זיי אַפילו פיינטלעך געשטימט, ווייל איך דערמאָן זיי עפּעס נישט אַנגענעמס, וואָס דריקט אויף זייער געוויסן. אָבער די געשיכטע קען מען נישט אָפּנאַרן און דעם געוויסן קען מען נישט באַרואיקן!

מיין שטעטל קאַמעניץ דעם 20־טן סעפּטעמבער 1965

קאַמעניץ ליגט איצט ממש אויף דער גרענעץ צווישן רוסלאַנד און פּוילן, זי ליגט אויף דער רוסישער זייט. 8 קילאָמעטער פון קאַמעניץ, אין דער ריכטונג פון ביאַלאָוויעזש, גייט דורך די פּוילישע גרענעץ. אין דעם דאָרף קאַמיעניאַקי, אויפן ראַנד פון דעם ביאַלאָוויעזשער וואַלד, האָבן די סאָוויעטן אויפגעבויט אַ יאַגד־צענטראַלע און האָטעלן און אַכסניות פאַר די פירער פון ראַנטפאַרבאַנד, וואָס קומען אַהער זומערצייט אויף יאַגד. דאָס שטעטל קאַמעניץ באַדינט דעם דאָזיקן צענטער און דעריבער געפינט עס זיך אויסערן תחום פון טוריסטישע באַזוכן און נישט־היגע נייטיקן זיך אין אַ ספּעציעלער דערלויבעניש צו פאָרן פון בריסק קיין קאַמעניץ.

נאָך דעם ווי כ'האָב דערקלערט דעם בריסקער באַאַמטן פון נ.ק.וו.ד., אַז איך האָב מיך געמיט קומען פון ישראל קיין ראָטנפאַרבאַנד, כדי צו באַזוכן מיין געבוירן־שטאָט קאַמעניץ, האָב איך באַקומען די דערלויבעניש צו ווילן אין קאַמעניץ בלויז 5 שעה.

דעם 20־טן סעפּטעמבער בין איך מיט אַ טאַקסי אַרויסגעפאָרן פון בריסק קיין קאַמעניץ דורך טשערנאַוועטשיץ, אין דער באַגלייטונג פון דער קאַמעניצער קלאָרא

ערליך ,דעם בריסקער מישאַ סאַרוועטער און פון אַ באָברויסקער יידישן סטודענט, מיט וועמען איך האָב מיך באַקענט אין בריסק.

דער שאָסיי דורך טשערנאַוועטשיץ, איז געווען ברייט און אַספאַלטירט. רחל לאָהס אַכסניא און אַלע יידישע הייזער שטייען אויף זייער פּלאַץ, נאָר קיין יידן זענען אין די הייזער נישטאָ. די זעלביקע נידעריקע הילצערנע הייזלעך, שטרויענע דעכער און לאַנגווייליקע פּויערים אין די הויפן פון די הייזער.

אין די דערפער וואָס ביי דער זייט פון שאָסיי האָב איך נישט באַמערקט קיין גרויסע ענדערונגען, אָבער אין דער געגנט פון ווידומלע און באַראנקא האָב איך געזען טראַקטאָרן־סטאַציעס און קאָלכאָזן און ערטערווייז געביידעס מיט קוימענס. מיינע באַגלייטער האָבן מיר דערקלערט, אַז דאָס זענען פאַבריקן פאַר לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן.

איך בין אָנגעקומען קיין קאַמעניץ 12 אַ זייגער פון דער זייט פון „אָדאַלינע". איך האָב אָבער נישט דערקענט דעם אַריינפאָר און די בריסקער גאַס. דאָ האָט זיך אַלץ געענדערט. די בריסקער גאַס ציט זיך פיל ווייטער איבערן שאָסיי און ביים אַריינפאָר קיין קאַמעניץ זענען מער נישטאָ די ווינטמילן און אַנשטאָט זיי זענען אויפגעבויט דריישטאָקיקע הייזער אין דער גאַנצער לענג פון גאַס. בלויז שאָסטאַ־קאָווסקיס מיל איז געבליבן שטיין אויף איר פּלאַץ. דער יידישער בית־עלמין אויף דער בריסקער גאַס עקזיסטירט מער נישט און אויפן פּלאַץ פון דעם קאַטוילישן גלחס הויף שטייט אַ פירשטאָקיקע רעגירונגס־געביידע מיט אַ לענין־דענקמאָל אין פראָנט, און ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן פּלאַץ. אַנטקעגן דער רעגירונגס־געביידע, אויפן אָרט פון גייערס שטוב, שטייט אַ דריישטאָקיקער סאָוועטישער „גום". אויפן פּלאַץ, ווו עס איז פריער געווען דער קאַטוילישער קאָשטשאָל און דער שטאָטראָט, געפינט זיך איצט אַ גרויסע אויטאָבוסן־סטאַציע מיט אַ גרויסן רעסטאָראַן און מיט באַקוועמע איינריכטונגען. ערשט ווען איך בין אָנגעקומען אויפן „מאַרק" האָב איך דערקענט, אַז איך בין ווידער אין מיין שטעטל קאַמעניץ, הגם איך האָב דאָרט נישט געפונען קיין סימן פון אַ יידישן נפש.

מיין קאַמעניץ

דער מאַרק־פּלאַץ, דער „רינעק", האָט, אמת, געביטן זיין אויסזען. אַנשטאָט די קראָמען איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ גאָרטן און אין דערמיט שטייט אַ דענקמאָל פאַר די געפאַלענע סאָוועטישע זעלנער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער די הייזער אַרום דעם פּלאַץ שטייען אויף זייערע ערטער ווי דאָס וואָלט געווען ערשט נעכטן: אָט איז דאָס הויז פון ר' יצחק שוחט, האַלפּערינס הויז, וויגוטאָווס הויז, די

אַפּטייק. אויך דער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער איז געבליבן שטיין אויף זיין פּלאַץ. אַלע הייזער שטייען ווי פריער, נאָר די ידישע מענטשן פעלן אין די הייזער און די ידישע קינדער שפּאַצירן נישט איבערן שאָסיי.

אַלע געסלעך לענגאויס דער קאָברינער גאַס און אַלע גאַסן מיט זייערע היל־צערנע הייזלעך, שטייען ווי פריער, פּונקט ווי דער אומגליק האָט זיי כלל נישט געטראָפן.

די בריסקער גאַס, וואָס פירט צו דער ביאַליסטאָקער גאַס דורך זאַסטאַוויע, איז אויסגעפּלאַסטערט מיט אַספאַלט. אַלע אַנדערע גאַסן זענען געבליבן ווי פריער ברוקירט מיט קיילעכדיקע שטיינער, און עס זענען געבליבן די זעלביקע נאַכלעסיקע טראָטואַרן און די זעלביקע פראָנטן פון די הייזער, בלויז די גאַנקעס זענען אַרונטער־גענומען געוואָרן.

נאָכן פאַרבייגיין שפעפסלס בית־מדרש און די ענגע געסלעך, ווו ס'האָט געלעבט חוה די מילכיקעריץ, האָב איך געמאַכט אַ קורצן באַזוך ביי יוזעק גרעגאָראָוויסקי, וועלכער האָט געראַטעוועט דאָרען, איינשטעלנדיק זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון זיין משפחה, אויסבאַהאַלטנדיק זי אין פאַרשידענע ערטער. איך בין געווען געפּלעפט און צעטומלט. יוזעק גרעגאָראָווסקי איז געווען אויפגעברויזט און האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין איבערחזרן די ווערטער: „זיי האָבן אויסגע־מאָרדעט אַלעמען, און מיר איז קוים, מיט גרויסע שוועריקייטן, געלונגען צו ראַטעווען נאָר איינע! קיין איינציקער פון אייערע איז נישט געבליבן!".

די גרויסע שול, „דער מויער", מיטן תלמוד־תורה, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברויז. דער „סלופּ" איז רעמאָנטירט געוואָרן און אַלע הייזער אַרום אים האָט מען צענומען און געמאַכט פּלאַץ פאַר אויטאָמאָבילן און אַ פּלאַץ פאַר אַ מוזיי, ווו עס געפינען זיך געגנט־אַלטערטימלעכקייטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ביאַלאָוויעזש. די מענטשן, וועלכע איך האָב דאָ געטראָפן אין די גאַסן, האָבן אויף מיר געקוקט פון אָנהייב מיט נייגעריקייט, ווי אויף אַ טוריסט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ נישט־פאַסיקן אָרט. אָבער ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז איך בין אַ ייד פון די היגע יידן, זענען זיי צוערשט אויפגעציטערט געוואָרן און באַלד נאָך דעם האָבן זיי זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט. און אין די אויגן פון פיל פון זיי האָב איך באַמערקט פונקן פון אומריינעם געוויסן, אָפּשפּיגלונגען פון נישט אָנגענעמע זכרונות, פּונקט ווי איך וואָלט מיך געווען אומגעקערט פון יענער וועלט.

ווען איך האָב שפּאַצירט איבער די גאַסן צוזאַמען מיט יוזעקן, האָבן אים פאַרשידענע מענטשן געפרעגט ווער איך בין און ער פלעגט ענטפערן:

— דו געדענקסט נישט חיים שמידס זון?

די מענטשן האָבן דערויף רעאַגירט אויף פאַרשידענע אופנים: איינער האָט

געפרעגט „טשי טאָ פּראַוודאַ?" („איז דאָס אמת?"), אַ צווייטער האָט פאַרקרימט דאָס פּנים, ווי מען וואָלט אים דערמאָנט עפּעס שלעכטס, און אַ דריטער האָט אָנגעשטעלט אַ רחמנות־פּנים און אויסגערופן אויפן קול: „באָזשע מוי („גאָט מיינער!").

די איינציקע, וואָס האָט מיך אויפגענומען מיט טרערן!

איין בילד וואָס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט בשעת מיין באַזוך אין היימישן שטעטל וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן: גייענדיק צוזאַמען מיט יוזעקס קינדער אויף דער ליטעווסקע גאַס, איז אַרויסגעקומען אַן אַלטע גויע פון אַ הויף אַנטקעגן יוזעקס הויז און האָט מיך געפרעגט: „ביסטו נישט דער זון פון חיים שמידט דעם קצב?" ווען איך האָב איר געענטפערט: „ריכטיק!", האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין און האָט זיך געוואָרפן מיך קושן, אויסרופנדיק אויפן קול: — ווי זיי האָבן אייך געמאָרדעט, די ווילדע בעסטיעס! פאַר וואָס איז אייער גורל אַזאַ ביטערער? דיינע עלטערן און די גאַנצע משפחה זענען געווען גוטע און ערלעכע מענטשן! פאַר וואָס האָט מען זיי דערמאָרדעט? צי איז נאָך געבליבן עמיצער פון די קאַמעניצער יידן אויף דער וועלט? — און זי האָט זיך צעכליפּעט, צוזאַמען מיט מיר, די פּשוטע און באַרמהאַרציקע קריסטין.

איך בין אויך געגאַנגען צו דעם הויז, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און וווּ איך האָב געלעבט 19 יאָר. שטיל האָב איך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און האָב זי געעפנט נאָך אידער איך האָב געהערט דאָס וואָרט „„אַריין!". עס איז אַרויסגעקומען אַן אַלטע פרוי פון דעם צווייטן צימער, וווּ עס איז געווען דאָס שלאָפצימער פון מיינע עלטערן. טרערן האָבן געשטיקט אין האַלדז. איך האָב נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. די פרוי האָט קאָנטיק פאַרשטאַנען מיין געמיט־צושטאַנד און האָט שטיל געזאָגט, ווי רעדנדיק צו זיך:

— יאָ, יאָ, איך האָב געקענט דעם בעל־הבית פון דאָזיקן הויז, חיים און רחל און זייערע קינדער און אייניקלעך. זיי זענען געווען ערלעכע מענטשן און זיי האָבן געטאָן נאָר גוטס אַנדערע. די נאַצישע בעסטיעס האָבן זיי דערמאָרדעט! איך האָב גערעכנט, אַז קיינער פון אייך איז נישט געבליבן. באָזשע מוי, וואָס זענען מיר שולדיק; די רעגירונג האָט פאַרטיילט די הייזער.

אַ צעמישטער און רואיגירטער בין איך אַרויס אין דרויסן און האָב געזען צוויי קינדער אין ווייסע העמדלעך. זיי האָבן זיך געשפּילט אין אונדזער הויף, און דערזעענדיק מיך, מיטן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט אין מיין האַנט, האָבן זיי מיך געבעטן

איך זאָל זיי פאָטאָגראַפירן; איך האָב זיי פאָטאָגראַפירט אויפן פאָן פון מיינע עלטערנס הויז און פון דעם אַלעם, וואָס איז געבליבן.

נאָך אַ געוויסע צייט פון אַרומוואַנדערן איבער דער קאָברינער גאַס און די קליינע געסלעך, נעבן מיין שוועסטערס הויז און די היזער פון מיינע חברים און פריינד, האָב איך מיך געמוטיקט, אָנגענומען קראַפט און בין אַריין אין רעגירונגס־הויז, כדי צו דערוויסן זיך, אפשר זענען געבליבן אָפיציעלע פאַרצייכענונגען וועגן דעם אומקום פון די יידן פון מיין שטעטל.

די פאַרטושונג פונעם אָנדענק פון דער פאַרגאַנגענהייט

איך בין אַריין אין סעקרעטאַריאַט און האָב מיך געווענדט צום סאָוויעטישן באַאַמטן, וועלכער איז געזעסןביים טיש. איך האָב אים דערציילט צ׳ליב וואָס איך בין געקומען פון ישראל און האָב אים דערקלערט, אַז מיין איינציקער ווילן איז צו הערן עפּעס וועגן די 500 יידישע משפחות, צווישן זיי אויך מיינע עלטערן, שוועס־טער, פעטערס און מומעס, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דאָ אין שטעטל.

קאַלטבלוטיק האָט מיר געענטפערט דער אויסגעפוצטער באַאַמטער:

— בירגער! דאָס וואָס איז דאָ זעסטו, און דאָס וואָס איז נישטאָ אינטערעסירט אונדז מער נישט. דו מעגסט צוקוקן זיך, באַאיינדרוקט ווערן. דאָס איז אַלץ!

די באַפרייערישע הערשאַפט האָט אויסגעמעקט הונדערטער יאָרן אַ דורותדיק לעבן פון אַ גאַנץ יידיש שטעטל!

איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם סאָוויעטישן מלוכה־ביוראָ. עס איז געווען 5 אַ זייגער. עס איז אָפּגעלאָפן מיין דערלויבעניש צו ווילן אין קאַמעניץ. איך האָב מיך אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי. דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט. איך האָב מיך נישט אַרומגעקוקט הינטערווייללעכטס. איך האָב געזאָגט צום שאָפער „פאָר פאָרויס!״

דאָס לעבן איז אַנטשוויגן געוואָרן. די שטיינער האָבן נישט קיין ווערט. אָבער מיר וועלן פאַרגעדענקען און וועלן דערציילן די קומענדיקע דורות!

איך האָב געהאַט דאָס געפיל ווי איך קער מיך צוריק פון דער לוויה פון מיינע עלטערן, שוועסטער, פעטערס, מומעס, חברים, באַקאַנטע און פון אַלע יידן פון מיין היימישן שטעטל קאַמעניץ.

די טעטיקייט פון קאָמעניץ־ליטאָווסקער געדענק־קאָמיטעט אין ישראל

מיטן ענד פון צווייטן וועלט־קריג זענען אָנגעקומען אין לאַנד ידיעות וועגן חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום און מיר האָבן זיך דערווּסט, אַז אויך די יידישע באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט קאָמעניץ־ליטאָווסק, זאַסטאַוויע און די קאָלאָניעס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ, זענען פאַרשלעפּט געוואָרן ערגעץ ווּ דורך די פאַרשאָלטענע נאַציס און זייערע מיטהעלפער און דאָרטן אומגעבראַכט געוואָרן.

באַקומענדיק די דאָזיקע שרעקלעכע ידיעה האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין תל־אביב, דעם פערטן טאָג אין חודש אדר תש"ה, דעם 17טן פעברואַר 1945, און מיר האָבן באַשלאָסן צו בילדן אַן אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדסלייט פון קאָמעניץ־ליטאָווסק און דער סביבה.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ערשטער קאָמיטעט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט: ישעיה רימון (פאָרזיצער), לאה אלוני (וויצע־פאָרזיצער און קאַסירערין), חיה קראַקאָווסקי (סעקרעטאַרין), דום זשערניאַנסקי, שמחה דובינער (פתח־תקוה), גאָלדע שער־גרשוני (ירושלים), אהרון קאָטיק (חיפה), — חברים.

דער קאָמיטעט האָט געהאַט די אויפגאַבע אָנצונעמען אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי אויסצופאָרשן און קלאָר מאַכן דעם גורל פון אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, די לאַנדסלייט פון קאָמעניץ־ליטאָווסק, זאַסטאַוויע און די קאָלאָניעס, אין דער האָפענונג, אַז אפשר זענען אייניקע פון זיי אָפּגעראַטעוועט געוואָרן מיט דער הילף פון די קריסטלעכע שכנים און אפשר האָט זיך עמיצן איינגעגעבן צו אַנטרינען אין די וועלדער און בלייבן לעבן.

כדי מיר זאָלן קאָנען העלפן די וואָס זענען געבליבן לעבן, לויט ווי מיר האָבן געהאָפט, האָבן די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע אַריינגעטראָגן זייערע באַשטייערונגען און מיר האָבן, פאַר אַן אָנהייב, געזאַמלט צו דעם צוועק 100 ישראל־פונט.

מיר האָבן זיך נישט געהאַט פאָרגעשטעלט, אַז די גרויזאַמקייט פון דער אומברענגערישער נאַצישער חיה זאָל זיין אַזוי שרעקלעך און אַז זי זאָל האָבן אומ־

געבראַכט 34 טויזנט יידישע קהילות און אין דעם כלל אויך די קהילות פון קאַ־מעניץ, זאַסטאַוויע און די קאָלאָניעס.

נאָך דויערנדיקע פאָרשונגען זענען מיר דערגאַנגען דורך דער געזעלשאַפט „היאַס־ייקא" און „היצים", אַז אין רוסלאַנד און אין שאַנכאַי געפינען זיך איניקע מענטשן פון אונדזער שטאָט, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוראַטעווען זיך איידער די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן דורך די נאַציס. תיכף האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט אונדזערע לאַנדסלייט אין שאַנכאַי און מיר האָבן זיך געזאָרגט, אַז די געזעלשאַפט „היאַס" זאָל זיי שיקן אַלס הילף פּעקלעך קליידער און שפּייז. אויך האָבן מיר זיך געמיט אויסצוגעפינען אין לאַנד זייערע קרובים, וואָס זאָלן זיי קומען צו הילף.

און נאָך דעם וואָס די ווייניקע אויסגעבליבענע קאַמעניצער זענען אָנגעקומען אין לאַנד — און צווישן זיי אויך אַ פּרוי, וועלכע האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון טויטלאַגער אין אוישוויץ, האָט יעדער פון זיי באַקומען אַ הלוואה פון אונדזער פאָנד, וועלכער איז אינצווישן אויסגעוואַקסן אַ דאַנק די נייע באַשטייערונגען. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט צוריקבאַצאָלט די הלוואה נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין לאַנד און באַקומען אַרבעט.

צווישן די געראַטעוועטע וואָס זענען געקומען אין לאַנד נאָכן אומקום איז געווען אויך אונדזער לאַנדסמאַן צ. ס., וועלכער איז געווען קראַנק אויף אַ שווערער האַרץ־קראַנקייט. עס איז אים שווער געווען איינצולעבן זיך אין לאַנד; זיין קראַנ־קייט איז געוואָרן אַלץ ערנסטער און מיר האָבן געמוזט אים איינאָרדענען אין אַ סאַנאַטאָריע. דער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט צו קריגן מיט לען אויף אויסצוהאַלטן אים און האָט זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס באַטייליקט אין די הוצאות ביז זיין לעצטן לעבנס־טאָג.

מיר האָבן געפילט די גאַנצע צייט, אַז אויף אונדז ליגט אַ הייליקער חוב אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פאַר אונדזערע טייערע לאַנדסלייט, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן און לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן אין אוישוויץ, אין טרעבלינקע און אין די ביעלאָוועזשער וועלדער און מיר ווייסן אַפילו נישט ווו מען האָט זיי קובר געווען.

נאָך אין יאָר תש"ה האָבן איניקע פון די קאָמיטעט־מיטגלידער פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע קדושים דורך אַרויסגעבן אַ געדענק־בוך פאַר זיי לויט אַ באַשטימטן און קלאָרן פּלאַן, אָבער, צום באַדויערן, איז דעמאָלט דער פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אין יאָר תש"ט האָט די צענטראַלע פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד פאַרעפנטלעכט די ידיעה, אַז זי טרעט צו צו פלאַנצן וועלדער אויפן נאָמען פון די קדושים און

אַז יעדע אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט שפּענדן טויזנט ישראל־פונט, וועט קאָנען פּלאַנצן אַ וואַלד פון טויזנטביימער אויפן נאָמען פון איר חרוב־געוואָרענער קהילה, און אַז דער געפּלאַנטער וואַלד וועט טראָגן דעם אָנדענק פון דער קהילה דורך אַ באַזונדער אויפשריפט.

די מיטגלידער פון ערשטן קאָמיטעט האָבן באַשלאָסן פּלאַנצן אַ וואַלד אויפן נאָמען פון די קדושים פון אונדזער שטאָט און פון דער סביבה. אין יענער צייט האָבן מיר געהאַט אין אונדזער קאַסע נאָר 65 ישראל־פונט. האָבן מיר געווירקט אויף אייניקע פון אונדזערע לאַנדסלייט, אַז זיי זאָלן אָנטיילנעמען אין אונדזער חשובער אונטערנעמונג און זאָלן פּלאַנצן ביימער צום אָנדענק פון זייערע אומגע־קומענע משפּחות. אויף דעם אופן האָט זיך אונדז איינגעגעבן צונויפצוזאַמלען בערך 500 ישראל־פונט. לויטן סטאַטוט פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד האָבן מיר נישט געקאָנט באַקומען און איינשטעלן דעם מאַרמאָר־טאָוול אין אונדזער פאַר־פּלאַנצטן וואַלד פון די קדושים, ביז מיר וועלן נישט דערגענצן די סומע ביז טויזנט ל״י פאַרן וועלדל פון טויזנט ביימער.

אין יאָר תש״י האָט באַזוכט אונדזער לאַנד הער יעקב, דער זון פון משה סאַוויצקי, עליו השלום, פון ניו־יאָרק. בשעת אונדזער באַגעגעניש מיט אים האָבן מיר אים דערציילט וועגן דעם וואָס מיר פּלאַנצן אַ וועלדל אויפן נאָמען פון די קאַמעניצער קדושים און וועגן די מאַטעריעלע שוועריקייטן וואָס מיר האָבן דערביי. נאָך זיין אומקער קיין ניו־יאָרק, האָט ער אונדז געשיקט די סומע געלט, וועלכע האָט אונדז אויסגעפעלט און דאָס וועלדל איז פאַרפּלאַנצט געוואָרן. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם איז יעקב סאַוויצקי געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און האָט ניט זוכה געווען ווידער צו באַזוכן ישראל און זען דעם פאַרפּלאַנצטן וואַלד. ערע זיין אָנדענק!

היינט צו טאָג שפּרייט זיך איבער די בערג פון ירושלים דער קדושים־וואַלד און צווישן זיי אויך דער וועלדל צום אָנדענק פון די קאַמעניצער קדושים און אויפן מאַרמאָר־טאָוול דאָרטן איז אויסגעקריצט די אויפשריפט אין עברית: „החורשה לזכר קהילת קאַמעניץ־דליטא והסביבה („צום אָנדענק פון דער קהילה פון קאַמעניץ־ליטאָווסק און דער אומגעגנט״).

מאָנטיק, כ״ח מנחם־אָב, ערב ראש חודש אלול תשכ״ג (1963) האָבן מיר אויפ־געשטעלט אין איינעם פון די זאַלן פון דעם מרתף השואה („אומקום־קעלער) אויפן ציון־באַרג אין ירושלים אַ מאַרמאָר־טאָוול אַלס אָנדענק־מצבה פון די קדושים פון אונדזער שטאָט מיט דער הילף פון דעם ביישטייער, וואָס מיר האָבן באַקומען פון קוסטין און שיינפעלד אין אַמעריקע. אין דעם איינדרוקספולן צערעמאָניאַל האָבן זיך באַטייליקט העכער 40 פון אונדזערע לאַנדסלייט פון אַלע עקן לאַנד.

בשעתן באַזוך אין ישׂראל פֿון אברהם שודראַף, דעם פּרעזידענט פֿון קאָמיטעט פֿון די קאַמעניץ־ליטאָװסקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, איז װידער דערװעקט געװאָרן דער פֿאָרשלאַג װעגן אַרויסגעבן אַ גערענק־בוך פֿאַר אונדזערע קדושים, מיט דער הילף פֿון אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. דער פֿאָרשלאַג איז באַשטעטיקט געװאָרן, און אין יאָר תשכ״ב האָבן מיר פֿאַרעפֿנטלעכט װעגן דעם אַ ספּעציעלן פּראָספּעקט און פֿאַרשפּרייט 400 עקזעמפּלאַרן פֿון אים צװישן אונדזערע לאַנדסלייט אין ישׂראל און אין אַנדערע לענדער.

אין יאָר תשכ״ג (1963) האָט זיך דער אַדװאָקאַט גדעון האַוזנער, דער פּראָקוראָר אין דעם היסטאָרישן אייכמאַן־פּראָצעס, געװענדט מיט אַ רוף צו די שולן אין ישׂראל, זיי זאָלן פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון די אומגעבראַכטע יידישע קהילות. די מלוכהשע שולע א. נ. פֿון ח. נ. ביאַליק אין תּל־אביב איז געװען די ערשטע, װאָס האָט זיך אָפּגערופֿן אויף דעם דאָזיקן פֿאָרשלאַג און האָט אויסדערװײלט צו פֿאַראייביקן די קהילה פֿון קאַמעניץ־ליטאָװסק, זאַסטאַװיע און די קאָלאָניעס. דאָס איז געװען צוליב דעם זכות פֿון לאה אלוני־באָבראָװסקי, געװעזענע לערערין, און איר מאַן, דוב, לאַנגיאָריקער לערער אין דער דאָזיקער שולע.

אין דעם איינדרוקספֿולן, פֿון אונדז באַשריבענעם, צערעמאָניאַל, װאָס איז פֿאָרגעקומען דעם 12טן חשון תשכ״ד (1964), האָבן זיך באַטייליקט געזעלשאַפֿטלעכע טוער און פֿון פֿיל פֿון אונדזערע לאַנדסלייט, װאָס זענען געקומען אָפּגעבן כבוד אונדזערע קדושים. די קאָמיטעט־מיטגלידער: דער פֿאָרזיצער שמחה דובינער, לאה אלוני, חיה קראַקאָװסקי, פּנחס רבי און אריה גאָלדבערג־שריד, האָבן דערציילט װעגן דער געשיכטע פֿון אונדזער אומגעקומענער קהילה און אירע אַנשטאַלטן.

עס דאַרף אונטערגעשטראָכן װערן, אַז די װאַלד־פֿלאַנצונג אויפֿן נאָמען פֿון די קאַמעניץ־ליטאָװסקער קדושים, די אויפֿשטעלונג פֿון דעם גערענק־טאָװל אויפֿן ציון־באַרג און די אַפּראַנשטאַלטונג פֿון דעם פֿאַראייביקונגס־צערעמאָניאַל אין דער שולע אויף חיים נחמן ביאַליקס נאָמען אין תּל־אביב, זענען אָרגאַניזירט געװאָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיװ און פֿלייסיקער אַרבעט פֿון דוב אַלוני, און דער קאָמיטעט דריקט אים אויס דערפֿאַר אַ באַזונדערן דאַנק.

דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו גרינדן אין דער געביידע פֿון דער שולע אויף חיים נחמן ביאַליקס נאָמען אין תּל־אביב צום אייביקן אָנדענק פֿון די קדושים אַ „ביבליאָטעק פֿון אומקום און גבורה״. צו דעם צװעק װערן געזאַמלט אין אַ באַזונדערער שאַנק ביכער װעגן דער שואה, מיט דער פֿינאַנס־עלער הילף פֿון די קאַמעניץ־ליטאָװסקער לאַנדסלייט אין ישׂראל און אין די תּפֿוצות צום אָנדענק

פון די קדושים און זייערע משפחות.. אויף אַ באַזונדער בלאַט פון יעדן בוך ווערט אָפּגעמערקט דעם פאַמיליע־נאָמען פון דעם אומגעקומענעם און די אונטערשריפט פון דעם שפענדער. מיר האָפן, אַז די צאָל ביכער און שפענדער פאַר דער דאָזיקער אָנדענק־ביבליאָטעק וועט וואַקסן און, אין דער אַקציע וועלן זיך באַטייליקן אַלע אונדזערע לאַנדסלייט ווו זיי זאָלן זיך נישט געפונען.

אין דער ביאַליק־שולע ווערט אויך אָפּגעהיט אַן „אַלבאָם פון קאַמעניץ־ליטאָווסק, זאַסטאַוויע און די קאָלאָניעס". אין דעם אַלבאָם ווערן געזאַמלט בילדער פון אַנשטאַלטן און פּערזאָנען פון אונדזער היימשטאָט און יעדער לאַנדסמאַן קאָן צוגעבן צו דער זאַמלונג און לאָזן אין אים אָפּהיטן די פאָטאָגראַפיעס פון זיינע על־טערן און פאַמיליע.

עס באַשטייט אַן ענגער קאָנטאַקט צווישן אונדזער אָרגאַניזאַציע און דער ביאַליק־שולע. מיר פירן דורך אונדזערע יערלעכע געדענק־פאַרזאַמלונגען אין דעם זאַל פון דער שולע מיט דער באַטייליקונג פון די שילער.

מיר האָבן דערוואָרבן ביי דער פאַרוואַלטונג פון „יד ושם" דעם „נר תמיד" — אַ באַזונדערע 6־רעריקע מנורה צום אָנדענק פון די 6 מיליאָן אומגעקומענע יידן.

אין יאָר תשכ"ה (1965) איז אויף אַ באַזונדערע יערלעכע פאַרזאַמלונג אין „יד ושם" איבערגעגעבן געוואָרן אונדזער פאַרטרעטערין חיה קראַקאָווסקי־קאַראַבעל־ניק אין נאָמען פון דער ביאַליק־שולע די מגילה פון פאַראייביקונג מיט די אונטער־שריפטן פון דער פאַרוואַלטונג פון דער ביאַליק־שולע און די תלמידים. אין דער מגילה ווערט געזאָגט: „מיר דערקלערן, אַז אונדזער שולע האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קהילות פון קאַמעניץ־ליטאָווסק, זאַסטאַוויע און די קאָלאָניעס, וואָס זענען חרוב געוואָרן אין די אומקום־יאָרן דורך די שמוציקע נאַצי־הענקער און זייערע מיטהעלפער. — די שילער וועלן טאָן אַלץ וואָס מעגלעך און וועלן פירן ווייטער די אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן, אַרויס־צוברענגען צום אייביקן אָנדענק די דערמאָנטע קהילות, זייער לעבן פאַר דער אומקום־תקופה, זייערע ליידן, געראַנגל און אונטערגאַנג בשעתן חורבן".

אין משך פון די לעצטע יאָרן האָבן מיר אָפּגעגעבן פיל צייט און אומאויפ־הערלעכע ענערגיע כדי אַרויסצוגעבן אונדזער יזכור־בוך צום אָנדענק פון אונ־דזערע קדושים, זכרונות און בילדער, וואָס מיר ברענגען אין דעם העברעאישן, יידישן און ענגלישן טייל פון בוך. אַ דאַנק דער מיטאַרבעט מיט אונדזערע לאַנדס־לייט אין אַמעריקע דערשיינט דאָס געגאַרטע יזכור־בוך און מיר האָפן, אַז עס וועט זיך געפינען אין הויז פון יעדן לאַנדסמאַן אונדזערן, ווו ער זאָל נישט זיין, ווי אויך אין אַנשטאַלטן און ביבליאָטעקן אין ישראל און אין די תפוצות.

אונדזערע קאָמיטעט־מיטגלידער און אונדזער אָרגאַניזאַציע האָלטן אונטער די גאַנצע יאָרן ענגע קאָנטאַקטן מיט דער אײנציקער פרוי, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון געטאָ — דאָראַ גאַלפּערין. אין די צענדליקער בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון איר, האָבן מיר געפונען אַ געטרײַען עדות־זאָגן פון דעם לעבן פון די קאַמעניצער ייִדן ביז זייער לעצטן טאָג וואָס איז געשילדערט אין אַלע דריי שפּראַכן פון אונדזער יזכור־בוך.

לאה באָבראָווסקי־אלוני
חיה קראַקאָווסקי־קאַראַבעלניק

קאמוניצער אין אמעריקע

מאיר מענדל וויסאַצקי
(ניו־יאָרק)

די אַנטשטייאונג פון קאַמעניץ ליטאָווסקער אונטערשטיצונג־פאַראיין אין אַמעריקע

(טעטיקייט־באַריכט)

אינעם 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, ווען די טויערן פון דעם פרייען אַמעריקע זענען געשטאַנען ברייט אָפן אויפצונעמען דעם גרויסן שטראָם אימיג־ראַנטן פון אַלע אייראָפּעישע לענדער און פון אַנדערע וועלט־טיילן, האָט דער דאָ־זיקער שטראָם אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער שטעטל קאַמעניץ־ליטאָווסק.

קאַמעניץ איז נישט געווען קיין אינדוסטריעלע שטאָט און די פרנסה־קוואַלן זענען געווען זייער בצמצומדיק. צוליב די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען אַ סך פון אונדזערע קאַמעניצער געווען געצוווּנגען צו עמיגרירן קיין אַמעריקע און זוכן זייער גליק אין דעם נייעם לאַנד.

אַזוי אַרום האָבן זיך אַ סך קאַמעניצער איינגעבירגערט אין דעם נייעם לאַנד מיט דער האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט. און גאָר פּלוצלינג איז געשען אַן אומגליקלעכער צופאַל מיט אַ קאַמעניצער לאַנדסמאַן, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע. עס איז אויפגעקומען די פראַגע, ווו זאָל מען קובר זיין דעם קרבן. אין יענער צייט האָט שוין עקזיסטירט דער „כוכב יעקב אנשי קאַמעניץ־דליטא״, גערופן די קאַמעניצער שול, און אַן אייגענער בית־עולם. די קאַמעניצער האָבן זיך געווענדט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער קאַמע־ניצער שול וועגן אַ פּלאַץ אויף זייער בית־עולם, קובר צו זיין דעם בר־מינן. אָבער צום באַדויערן האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט קובר צו זיין דעם קאַמעניצער לאַנדסמאַן אויף דעם בית־עולם פון דער קאַמעניצער שול מיטן מאָטיוו, אַז דאָס בית־הקברות איז נאָר פאַר שטרענג אָרטאָדאָקסישע.

דער דאָזיקער פאַרפאַל האָט געגעבן די מער פּראָגרעסיווע קאַמעניצער די ערשטע אָנרעגונג זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע. און אַזוי אַרום איז אין יאָר 1900 געגרינדעט געוואָרן דער קאַמעניץ ליטאָווסקער אונטער־שטיצונג־פאַראיין.

פון אַ קליין הייפעלע מיטגלידער איז דער פאַראיין מיט דער צייט אויסגע־וואַקסן ביז 200 מיטגלידער. דער פאַראיין האָט במשך אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ ערלעך געטראָגן זיין נאָמען: אונטערשטיצונג־פאַראיין. די טירן פון פאַראיין זענען שטענדיק געווען אָפן סיי פאַר קאַמעניצער און סיי פאַר אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך געווענדט נאָך הילף.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט דער קאַמעניצער פאַראיין זיך פאַראייניקט מיט דער קאַמעניצער שול און אַלע אַנדערע קאַמע־ניצער אָרגאַניזאַציעס און געגרינדעט איין גרויסן רעליעף־קאָמיטעט צו העלפן אַלע קאַמעניצער קרבנות, ווי זיי זאָלן זיך נישט געפינען, און ספּעציעל די קאַמע־ניצער תלמוד־תורהס, וואָס זענען רעליגיעזע לערן־אַנשטאַלטן אין קאַמעניץ.

דער פאַראיין האָט אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד דעם קאַמעניצער רב, הרב בורשטיין ז״ל, וועלכער האָט באַזוכט אונדזערע מיטינגען בעת זיינע באַזוכן אין אַמעריקע, און אים געגעבן די גרעסטע מאָס שטיצע וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט.

אַזוי אַרום האָט דער פאַראיין אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט אונדזער נישט־פאַרגעסענעם שטעטל, ביז עס האָט פּאַסירט דער גרויסער חורבן.

אַזוי שנעל ווי די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט דער קאַמע־ניצער פאַראיין זיך ווידער אָרגאַניזירט מיט אַלע קאַמעניצער אָרגאַניזאַציעס אין אַ רעליעף־קאָמיטעט, מיט דער האָפענונג צו קאָנען העלפן אונדזערע קאַמעניצער קרבנות פון דער מלחמה. אָבער ווי גרויס איז געווען אונדזער צער און ווייטאָג, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם גרויסן חורבן.

אונדזער האָפענונג צו קאָנען העלפן אונדזערע קאַמעניצער איז לײדער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און די עטלעכע גליקלעכע קאַמעניצער, וועמען עס איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון די נאַציישע מאָרד־לאַגערן און קומען קיין אַמעריקע, האָבן מיר אויפגענומען ווי ברידער און שוועסטער, ביי זייער ערשטן באַזוך אין אונדזער הילפס־קאָמיטעט האָט יעדער איינער באַקומען 100 דאָלאַר צו אונדזער אומגליק האָבן מיר געהאַט ווייניק קאַמעניצער צו געבן הילף.

די סומע פון 2300 דאָלאַר, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר הילפס־אַרבעט, האָבן מיר איבערגעגעבן דעם פאַראייניקטן ייִדיש אַפּיל, וואָס איז געווען די איינציקע קערפּערשאַפט וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן דער שארית־הפליטה, און אויך פאַר ארץ־ישראל. אַזוי אַרום איז דער הילפס־קאָמיטעט אויפגעלייזט געוואָרן.

מיט דער אויפלייזונג פון אַלגעמיינעם הילפס־קאָמיטעט האָט דער פאַראיין אַלס אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע נישט אויפגעגעבן איר פילאַנטראָפּישע טעטיקייט.

דער פאַראיין האָט אויך געהאָלפן פאַרקויפן ישראל־באָנדס פאַר 5000 דאָלאַר און העלפט ווייטער אין די אַקציעס לטובת ישראל.

דער קאַמעניצער פאַראיין האָט מיט צופרידנקייט אויפגענומען אונדזער לאַנדסמאַן אברהם שודראַף, ווען ער איז געקומען פון ישראל מיט דעם פאַרשלאָג אַרויסצוגעבן דאָס יזכור־בוך. דער פאַראיין איז געווען איינער פון די אַקטיווע מיטבאַטייליקטע אין דעם יזכור־בוך סיי מיט מאַטעריעלער און סיי מיט מאָראַ־לישער הילף.

די פאַרוואַלטונג פון קאַמעניץ־ליטאָווסקער אונטערשטיצונג־פאַראיין באַשטייט פון די פאָלגנדיקע מיטגלידער: וועלוול מילעצקי — פרעזידענט, הערשל באָב־ראָווסקי — וויצע־פרעזידענט, מאיר וויסאָצקי — פינאַנס־סעקרעטאַר, הענרי סיימאָן — פראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, שמואל מעלניצקי — סעקרעטאַר. דער שרייבער פון די שורות איז איינער פון די פאַראיינס־פאַרטרעטער אין יזכור־בוך־קאָמיטעט.

*

שרייבנדיק וועגן פאַראיק, דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די גרויסע פערזענלעכ־קייט פון אַ געוועזענעם מיטגליד פון פאַראיין — יעקב הורוויץ ע״ה, אַן איידעם פון אייזיק באָזשעס, אָנקל פון חיה קראַקאָווסקי, וואָס געפינט זיך אין ישראל.

ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און תלמיד־חכם. נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסן וויסן, איז ער געווען זייער באַשיידן, נישט געהאַלטן זיך גרעסער פאַרן קלענסטן. ער איז געווען דער פאַרפאַסער פון דער „קאָנסטיטוציע״ פאַרן פאַראיין.

ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו דער אַרבעט פון פאַראיין, צו יעדער צייט ווען מ׳האָט אים נאָר געדאַרפט מיט זיין קולטורעלער הילף.

אויף אַזאַ פערזענלעכקייט קאָנען מיר געוויס זאָגן: חבל על דאבדין ולא משתכחין. כבוד זיין אָנדענק!



פון רעכטס צו לינקס: ביילע קרינסקי, מיכאל באָנטשיק און באַשע וויסאָצקי — גרינדער
פון דעם באָנטשיק־פאַמיליע־קרייז

שרה הורוויץ

קאַמעניץ־ליטאָווסקער מלבוש־ערומים סאָסייטע אין ניו־יאָרק

(סטאַטיסטיקייט־באַריכט פון דער קאָרעספּ. סעקרעטאַרין)

אין מאַי 1923 זענען געווען די גרינדער פון אונדזער סאָסייטע: ר׳ בנימין מאָסטאָווסקי, מרדכי סימכאָוויטש, רבקה ליפּשיץ, אסתר דאָלינסקי, חיה שרה מענדלסאָן און פייגע ראַדישיק. צווישן די מיטגלידער האָבן מיר געהאַט געציילטע פרויען. ביסלעכווייז איז די סאָסייטע אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן פאַרנעם. ס׳איז דעמאָלט געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דער עולם האָט אָנגעהויבן עמיגרירן קיין אַמעריקע. אונדזערע קאַמעניצער לאַנדס־פרויען האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָסייטע, און מיר האָבן שוין געהאַט איבער 150 מיטגלידער.

די ערשטע אַקציע איז געווען צו שיקן געלט פאַר דער קאַמעניצער תלמוד־תורה, קליידונג און פּעקלעך שפּייז פאַר די קינדער און אויך חודש־געלט פאַר די רביים. דאָס געלט איז געשיקט געוואָרן צו ר׳ יוסף וויגוטאָוו ע״ה. ער פלעגט דאָס צעטיילן יעדן לויט זיין געברויך.

מיט אַ צייט שפּעטער האָבן מיר אויסגעפונען, אַז קאַמעניצער לאַנדסלייט צוזאַמען מיט דער ישיבה געפינען זיך אין רוסלאַנד. מיר האָבן זיך מיט זיי גלייך פאַרבונדן שריפטלעך און געשיקט זיי געלט און שפּייז־פּעקלעך.

די מלבוש־ערומים פרויען־סאָסייטע האָט געשיקט שיפסקאַרטן און אַריבער־געבראַכט די ישיבה־בחורים קיין אַמעריקע און דאָ האָבן מיר אַ קאַמעניצער ישיבה (ווי אויך אין ירושלים). ס׳זענען שוין אויסגעגעבן געוואָרן אויף צדקה טויזנטער דאָלאַרן פאַר אַמעריקאַנער און קאַמעניצער ישיבות, שפּיטאָלן, הכנסת כלה און אַנדערע אינסטיטוציעס. מיר שיקן קיין ישראל הילף און דאָרט געקויפט אַ הויז דורך יונייטעד דזשואיש אַפּיל, ווי אויך ישראל־באָנדס. מיר האָבן געקויפט אַ צימער אין דער קאַמעניצער ישיבה אין ירושלים און געשיקט אַהין אַ ספר־תורה. מיר האָבן אַדאָפּטירט אַ ישיבה־בחור (ר׳ ברוך בערס זצ״ל אַן אייניקל). איצט בויט מען צו נאָך אַ הויז פאַר דער ישיבה אין ירושלים, און מיר האָבן זיי

אויך אַרייננגעשיקט אַ שיינע סומע געלט. מיר טיילן אויס מעות חיטין יעדן פּאַר־פּסח. מיר האָבן בייגעשטייערט ביים פלאַנצן ביימער אין ישראל (דורך יעקב סאָוויצקי ע״ה) אויפן נאָמען פון מלבוש־ערומים. מיר האָבן געהאָלפן מיט אַ סומע אַרויסצוראַטעווען 4 שוועסטער־יתומות פון אַ קלויסטער אין פראַנקרייך. דורכן אַמעריקאַנער רויטן מגן־דוד האָבן מיר זיך באַשטייערט פאַר ישראל און אָפּגע־שיקט טראַנספּאָרטן פון פאַרשידענע אַפּאַראַטן, מאַשינען און בילדונג־סופּלייס און אַן אַמבולאַנס, אַ צענטרעפוגע פאַר בלוט־פּלאַזמע, אָקסידזשען טענטס און נאָך פיל מעדיקאַמענטן אין שפּיטאָל און דוד מאַרקוס מעמאָריאַל־בוילדינג.

איצט האָבן מיר געקויפט אַ קליניק אין ישראל, אין אופקים, נישט ווייט פון באר־שבע פאַר 5000 דאָלאַר, צו וועלכער די ישראל־רעגירונג האָט געגעבן אַ ביי־שטייערונג פון 20 טויזנט דאָלאַר.

דעם 5טן מאַי 1963 האָבן מיר געפייערט אונדזער 40סטן יובילײ מיט שטאָלץ און שמחה. אונדזער מלבוש־ערומים האָט במשך די 40 יאָר פון איר עקזיסטענץ אויפגעטאָן גאָר אַ סך פאַרן כלל, ווי אויך געהאָלפן דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון יזכור־בוך.

אונדזערע באַאַמטע זענען די פאָלגנדיקע פרויען: רבקה ליפשיץ — פּרעזי־דענטין; רביצין ביילע טענדלער — וויים פּרעזידענטין; שרה הורוויץ — פּראָ־טאָקאָל און פינאַנס־סעקרעטאַרין; נעלי פעדערבוש — טרעזשירין; וויים־פּרעז־זידענטינס: באַבל סעראַטאַ, חיה רבקה סיראטע, פערל גאָלדשטיין און טעמע גאָלדמאַן.

כאַצקל קאַגאַן
רעק. סעקרעטאַר פון קאַמעניצער סאָסייטי אין ניו־יאָרק

געדענק־טאָג צום צוואַנציקסטן יאָרצייט נאָכן חורבן פון קאַמעניץ־ליטאָווסק — אין ניו־יאָרק

(באַריכט)

אַ טראַנספּאַרענט מיט דעם לאָזונג „ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעבן" הענגט איבער דער פּלאַטפאָרמע. אויפן טיש שטייט די מנורה מיט די זעקס ליכט, אַרום טיש זיצן חשובע לאַנדסלייט: הרב יצחק טורעץ — אַן איידעם פון קאַמעניצער ראש־הישיבה, ר׳ ברוך בער, הרב יהודה גרשוני — אַ תלמיד פון דער קאַמעניצער ישיבה, הרב יוסף דאַלינסקי (קאַפּל דעם שניידערס אַ זון), וויצע־פּרעזידענט חיים מענדעלסאָן און וועלוול קוסטין. אויף דער רעכטער זייט ביי אַ טישל זיצן: די פינאַנס־סעקרעטאַרין מרס. חיה גאָלדבערג און עלווין שיינפעלד; אויף דער לינ־קער זייט ביי אַ טישל — דער רעק. סעקר. כאַצקל קאַגאַן.

דער זאַל איז פול מיט לאַנדסלייט, יונג און אַלט, פון פאַרשידענע שאַטירונגען, געקומען פון נאָענט און ווייט, כדי אָפּצוגעבן כבוד די קדושים און געמיינזאַם פאַרגיסן אַ טרער.

אונדזער חשובער פּרעזידענט, מר. אברהם שודראָף, איז דער טשערמען פון דעם מעמאָריאַל. פון דער פּלאַטפאָרמע דערקלערט ער, אַז דער מיטינג הייבט זיך אָן. אַ שטילקייט הערשט אין זאַל, אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט צו דער פּלאַטפאָרמע. דער טשערמאַן רופט דעם חזן אברהם אהרון וויינבערגער, וועלכער זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים.

די קאָרעספּאָנדענט־סעקרעטאַרין מרס. שרה הורוויץ לייענט אַ באַגריסונג פון דעם בוך־קאָמיטעט פון ישראל, געשריבן פון פנחס ראַבינאָוויטש. ער שיל־דערט דעם חורבן קאַמעניץ, אַז ס׳איז דער חוב פון אונדזערע לאַנדסלייט וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט צו שטעלן אַ מצבה צו פאַראייביקן די קדושים. דאָס יזכור־בוך איז אַזאַ מצבה. דער טשערמאַן אברהם שודראָף באַ־

דאַנקט אַלעמען פאַרן אָפּרופן זיך און קומען, באַזונדערס הרב יצחק טורעץ פאַרן קומען אַנטיילנעמען אין אונדזער געמיינזאַמען טרויער.

מר. שודראָף גיט אַן איבערבליק איבער קאַמעניץ, וואָס איז געווען באַרימט מיט אירע לומדים, בעל־מלאכות אויף יעדן געביט פון לעבן, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורכן היטלעריזם. דאָס יזכור־בוך איז דער שענסטער און וויכטיקסטער דענקמאָל וואָס מיר, דער קאָמיטעט, גרייטן אַרויסצוגעבן.

ער פאַרענדיקט זיין רעדע מיט לייענען אַ „פּראָקלאַמאַציע״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דאַן שטעלט ער פאָר הרב יהודה גרשוני, וועלכער זאָגט:

— פריינד און לאַנדסלייט, זייענדיק דאָ מיט אייך וועל איך געבן אַן אָפּשאַצונג פון קאַמעניץ. נאָר פריער וועל איך אויסדריקן אונדזער אַלעמענס צער צוליב דעם פאַרלוסט פון ישראל־פּרעזידענט בן־צבי, וואָס איך האָב געקענט פּערזענלעך. ער האָט פאַרקערפּערט אין זיך די שיינקייט פון מענטש, נישט נאָר ביי יידן, אויך ביי נישט־יידן. מיר באַערן זיין אָנדענק דורך אויפשטעלן זיך און אַ מינוט שוויגן.

אין יאָר 1943, ווען ס׳איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן יידישן אומקום, האָבן מיר אין ישראל ניט געגלייבט, ניט געקענט באַנעמען די געשעענישן. אַפילו רעליגיעזע יידן האָבן ניט געקענט באַנעמען, ס׳זענען געווען פאַלן פון רעליגיעזע אַנטוישונגען צוליב דער קאַטאַסטראָפע.

די באַדייטונג פון דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן פון אַלע שטעט און שטעטלעך.

קאַמעניץ, ווי איך געדענק, די וואַרעמקייט פון די מענטשן, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט.

איך בין אייגעשטאַנען ביי דאַדיע דעם קצב — אַזאַ האַרציקער ערלעכער ייד, פול פריינדלעכקייט און גוטסקייט; הערשל רודניצקי — דער אייזנקרעמער, דער משכיל, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ ליבע צו ישראל, צו וועלטלעכקייט, אַפילו לייבל קאַץ, דער קאָמוניסט — אַזאַ גוטער האַרציקער מענטש. אַלע אָן אונטערשיד זענען געווען טייערע, ליבע מענטשן.

הרב ראובן בורשטיין, דער רב אין דעם קליינעם שטעטל, וואָס שטאַמט פון רבנים, איז געווען אַ וווּנדערבאַרער און נאָבעלער מענטש. מיט ביישפּילן פון תלמוד ווערט ער פאַרגליכן צו שלמה המלך. דאָס ספר, וואָס הרב בורשטיין האָט אַרויסגעגעבן איז זייער טייער (ער ציטירט א מאמר פון ספר, וואָס האָט צו טאָן מיט קידוש השם, ווי ער זאָל פאַרויסזען, אַז ס׳וועט קומען אַזאַ צייט). ער האָט פאַרמאָגט סבלנות, וואָס האָט אים נאָך מער גרויס געמאַכט.

אין דער רעדע פון הרב גרשוני איז געווען אינטערעסאַנט צו הערן די שיל־דערונגען פון אַ שיינער פאַרגאַנגענהייט.

דער טשערמאַן באַדאַנקט הרב יהודה גרשוני פאַר דער האַרציקער רעדע וועגן קאַמעניץ.

אין נאָמען פון קאָמיטעט אַפּעלירט ער צו די פאַרזאַמלטע צו שאַפן די מאַ־טעריעלע מיטלען.

דער אַפּרוף איז טאַקע געווען אַ וואַרעמער. געווען מנדבים וואָס האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן. די נעמען פון די שפּענדער זענען פאַרשריבן אין פינאַנץ־בוך. דער אַפּעל האָט אַריינגעבראַכט אַ גרעסערע סומע.

דער טשערמאַן שטעלט פאָר הרב יצחק טורעץ, וועלכער רעדט וועגן די מענטשן אין קאַמעניץ מיט ליבשאַפט און זאָגט, אז די וועלט און די יידן אין דער גאַרער וועלט. האָבן גאָרנישט געטאָן אויפצושטורעמען וועגן דעם שרעקלעכן אומקום. די קאַמעניצער יידן האָבן זיכער געשריגן, געמאָנט און גערופן זייערע אייגענע צו געדענקען. ער ווענדט זיך צום טשערמאַן, דריקט אים די האַנט און זאָגט: זייט אַלע געבענטשט, ס'איז אַ מחיה צו זיין מיט אייך!

ס'ווערן אָנגעצונדן די 6 ליכט — דער סימבאָל פון זעקס מיליאָן אומגעקו־מענע פון אונדזער פאָלק.

די ערשטע צו צינדן אַ ליכט איז דוואָרקע זינגער, די טאָכטער פון יואל רודניצקי, איינע פון די צוויי לעבנגעבליבענע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן (די צווייטע — ליובע סטראַשינסקי וווינט אין וואַשינגטאָן און איז היינט ניט אָנוועזנדיק). די אַנדערע צינדן ליכט: די פּרעזידענטין פון „מלבוש ערומים", מרס. רבקה ליפשיץ פון קאַמעניצער פאַראיין: מר. מ. וויסאָצקי און מר. מילעצקי פון אַרבעטער־רינג, חיים רובין, דזשעק יאַפּפּע פון „לאפאטעס פאַמיליע־קרייז" — איסר גאָלדבערג און מרס. סיגל.


דאָס זעקסטע ליכט ווערט געצונדן פון דריי רבנים: הרב יצחק טורעץ, הרב יהודה גרשוני און הרב יוסף דאָלינסקי.

וויס־פּרעזידענט וועלוול קוסטין ווערט פאָרגעשטעלט צו לייענען זיינע זכרונות, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר דעם יזכור־בוך. אין מיטן לייענען, ווו ער דערמאָנט זיינע משפחה־מיטגלידער, שטיקן אים די טרערן אין האַלדז, און ער קען מער ניט פאָרזעצן דאָס לייענען. דער דאָזיקער פאַל האָט אַרויסגערופן טרערן ביי פיל פון די אָנוועזנדיקע. וויס־טשערמען חיים מענדלסאָן ווערט געבעטן צו לייענען אַ פּאָעמע „קאַמעניץ", וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן.

דער טשערמאַן דערקלערט, אַז צו יעדן מעמאָריאַל ווערט געלייענט אַ רע־זאָלוציע. דאָס מאָל וועט רעק. סעקרעטאַר כאַצקל קאַגאַן לייענען די רעזאָלוציע:


KAMENETZ LITOWSKER
MEMORIAL COMMITTEE
MAY 23, 1965


WE WILL NEVER FORGET
EMPIRE, N.Y.
12703



קאַמעניץ־ליטאָווסקער געדענק־קאָמיטעט אין אַמעריקע

פון רעכטס אויף לינקס: יהושע סילבערגלייט (קאַסירער), זאב קוסטין, שמואל יצחק מעלניצקי (וויצע־פּרעזידענט), מרדכי באַרענשטיין, דוב אַפּעלמאַן (פּרעזידענט), חיים וועלוול מענדעלסאָן, שרגא פייוול טענדלער (פינאַנס־סעקרעטאַר)

(בילד פון יאָר 1965)

„מיר, די לאַנדסלייט פון קאַמעניץ־ליטאָווסק, זאַסטאַוויע, קאַלאַניעס, פאַר־זאַמלט זונטיק, ד׳ באייר תשכ״ג, דעם 28סטן אַפּריל 1963 אין אדעלפי בול. 74 — 5טע עוועניו, ניו־יאָרק, דערמאָנען אונדזערע ליבע, טייערע משפחה־מיטגלידער, וואָס זענען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט פון די דייטשישע פאַשיסטישע מערדער, מיט דער הילף פון פוילישע, אוקראַאינישע פאַשיסטן, נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען יידן.

זאָגן מיר צו, ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן דאָס שוידערלעכע פאַרברעכן.

דער יזכור־בוך־קאָמיטעט, דאָ אין אַמעריקע, בשותפות מיט דעם ישראל־ועד, וועלן זיך געמיינזאַם באַטייליקן אין דעם דענקמאָל מיט אַלץ וואָס מיר קענען, מאַטעריעל און גייסטיק, עס זאָל זיין אַ כבוד פאַר אונדזערע קדושים. מיר זאָגן צו צו האַלטן די הייליקע שבועה פון די יידישע קעמפער פון אַלע געטאָס און פון יידישע פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן דערהויבן די חשיבות פון יידישן פאָלק מיט דעם צוזאָג צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, אַז אַזעלכע שחיטות זאָלן קיינמאָל מער נישט פאָרקומען.

כבוד די קדושים!

מיר וועלן אייך תמיד געדענקען!״

דער חזן זינגט דעם טראַדיציאָנעלן „אל מלא רחמים״.

דער פּרעזידענט אברהם שודראף האָט אַלס טשערמאַן פיל בייגעטראָגן צו דער חשיבות ביים דורכפירן די שליחות פון קאָמיטעט פון יזכור־בוך.

נאָך דעם מיטינג זענען די לאַנדסלייט פאַרבליבן אין זאַל און געשמועסט וועגן דעם איינדרוק פון מעמאָריאַל.

אַזוי איז דורכגעפירט געוואָרן דער דריטער מעמאָריאַל.



קאָמיטעט־מיטגלידער פון קאַמעניצער „יזכור־בוך„ אין אַמעריקע

שטייען פון רעכטס: ח. ז. מענדעלסאָן, מ. וויסאָצקי, ו. קוסטין, ח. הורוויץ, גאָלדבערג, א. קאָזאַק, גאָלדבערג.
זיצן פון רעכטס: י. שיינפעלד, ש. האַראָוויץ, פרעזידענט אברהם שודראָף, פ. ליפּטשיק, ח. קאַגאַן.

ה. גערס ח. רובין

פאראייביקונג־צערמאניאל
אין תל־אביב

מ ד י נ ת   י ש ר א ל

מיניסטעריום פאַר בילדונג און קולטור

קרייז תל־אביב

יפו, כ׳ תשרי תשכ״ד
8טער אָקטאָבער 1963
נומער 2218/21

צו דב אלוני,
אָרגאַניזאַציע פון קאַמעניץ־ליטאָווסקער לאַנדסלייט
גאַס שור 17, דירה 3
תל־אביב

שלום !

גערן באַשטעטיקן מיר אייער פאָרשלאַג, אַז איינער פון די 8־טע קלאַסן אין דער מלוכה־שול אויפן נאָמען פון ח. נ. ביאליק אין תל־אביב זאָל אַדאָפּטירן דעם אָנדענק פון אייער שטאָט קאַמעניץ דליטא.

מיר פערזענלעך געדענקט זיך אייער שטאָט זינט מיין לעבן אין מיין שטעטל סוויסלאָטש אין פוילן. דאָס איז געווען אַ שטאָט אַן אָנגעזאַפּטע מיט אַ וואָרצל־דיקן און קוואַליקן יידנטום, וואָס האָט געצייטיקט חלוציש־ציוניסטישע קרעפטן, וועלכע האָבן באַפרוכטיקט און געשטאַלטיקט די גאולה־וויזיע.

זייט געבענטשט פאַר אייערע אָנשטרענגונגען צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קרבנות, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די שמוציקע הענט פון די נאַציס, ימ״ש.

וועגן די איינצלהייטן פון דער רעאַליזירונג פאַרבינדט זיך מיט דעם פאַרוואַל־טער פון דער שולע, ה׳ מ. גוריון.

מיט ברכות
י ע ק ב   נ י ב
קרייז־אויפזעער

צ ע ר ע מ אָ נ י אַ ל

אין „ביאַליק"־שול אין תל־אביב, צו פאַראייביקן דעם
אָנדענק פון דער קהילה קאַמעניץ ליטאָווסק, 30.10.1963

דער שול־לייטער ה' משה גוריון:


די היינטיקע דאַטע איז נישט באַצייכנט ביי אונדז אויפן לוח נישט ווי קיין יום־טוב און נישט ווי אַן אָנדענקונגס־טאָג. דאָך האָבן מיר געבעטן קומען אין די יום־טובדיקע קליידער צו אונדזער היינטיקן צוזאַמענטרעף פון אַדאָפּטירן אַ חרוב־געוואָרענע קהילה. מיר דערפּפענען היינט אַ גרויסע אַרבעט, וועלכע איר האָט גענומען אויף זיך פון זאַמלען ידיעות און פאַקטן וועגן אָט דער חרוב געוואָרענער קהילה.

דער באַשלוס איבערצוררייסן די לימודים, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט דער הסכמה פון בילדונגס־מיניסטעריום, וויזט אויף דער גרויסער וויכטיקייט פון דער אונטערנעמונג. אַ וויטערדיקער באַווייז פון וויכטיקייט איז דער פאַקט וואָס מיט אונדז זיצן דאָ באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער פאַראַנטוואָרטלעכער און וויכטיקער אַרבעט, כדי זיך צו באַטייליקן דאָ מיט אונדז אין דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף. איך וויל אייך קודם כל פאָרשטעלן דעם ה' גדעון האוזנער, וועלכן איר אַלע, תלמידים פון אונדזער שול, האָט זיכער געהערט זיך שטימע און זיינע ווערטער בעתן אייכמאַן־פּראָצעס, דעם ה' ד"ר קובאָווי — לייטער פון „יד־ושם, דעם שול־אינספּעקטאָר ה' בר־תנא — וועלכן איר קענט געווים, און די לאַנדסלייט פון קאַמעניץ־ליטאָווסק — די קהילה, וועלכע מיר האָבן אַדאָפּטירט.

אויף דער פראַגע — צוליב וואָס? וואָס איז דער ציל פון אונדזער היינטיקן צוזאַמענטרעף, האָבן מיר אַ פּשוטן ענטפער, וועלכן מיר קענען אויסדריקן מיט איין וואָרט: ג ע ד ע נ ק! — די ווערטער אויסגעקריצטע אויפן עמבלעם וואָס איר אַלע טראָגט היינט אויף אייערע קליידער: „געדענק וואָס עס האָט דיר געטאָן דער נאַצישער עמלק!"

אַ געבאָט פון דער תורה, זענען מיר מקיים צו געדענקען. און זאָלן מיר געדענקען וואָס עס האָט געזאָגט ד״ר חיים ווייצמאַן, דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל: „באַשאַנקען איז אונדזער פאָלק מיט אַ גוטן זכרון, און אַ דאַנק דעם זכרון — עקזיסטירט עס. ביי אַנדערע פעלקער האָבן רדיפות און פּיין אויס־געמעקט פון זייער זכרון זייער לאַנד און פאָלק, דערפאַר זענען זיי אָפּגעמעקט געוואָרן און פאַרשווונדן פון דער וועלט — אָבער אונדזער פאָלק האָט אַדורכ־געלעבט און עקזיסטירט, און דערפאַר געדענקען מיר. מיר געדענקען יציאת מצרים, מיר געדענקען דעם חורבן ירושלים, מיר געדענקען די גבורים פון מצדה, און אַ סך, אַ סך אַנדערע העראָישע קאַפּיטלען פון אונדזער רייכער און לאַנגער געשיכטע".

מיר אין אונדזער דור דאַרפן געדענקען די קרבנות פון אומקום און פאַר־ניכטונג. געדענקען הייסט לערנען. מיר קענען נישט לערנען וועגן אַלע קהילות וועלכע זענען אומגעקומען, האָבן מיר אויסגעקליבן איין קהילה — אַ פאַר־געשלאָגענע פון אונדזער פריינד אלוני. מיר ווילן דערלערנען די קהילה, וואָס איז געווען ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ קהילה פול מיט יידן, וועלכע האָבן געברויזט מיט לעבן, מיט פּרוכטבאַרע מעשים, פּיאָנערן־גייסט, ציוניזם, פיל פון זיי האָבן זיך געגרייט עולה צו זיין און געהאָפט דאָ צו בויען



דער פאַראייביקונגס־צערעמאָניאַל פאַר די קאַמעניצער קדושים אין דער ביאַליק־שול אין תל־אביב

זייער נייע היים. די קהילה איז פֿאַרניכטעט געוואָרן, גלייך ווי פֿיל אַנדערע, זי איז מער נישטאָ. אָבער מיר קענען זי אויפֿלעבן דורכן דערלערנען זי פֿון די קאַמעניצער וואָס זענען דאָ אין ישראל, און פֿון וועלכע אַ טייל זענען מיט אונדז דאָ היינט צוזאַמען. זיי וועלן אונדז דערציילן, פֿון זיי וועלן מיר לערנען, מיר וועלן פֿאַרשרייבן זייערע ווערטער — און צום אָנדענק־טאָג פֿון אומקום און גבורה וועלן מיר דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אַרויסגעבן אין פֿאָרם פֿון אַן אָפּגעדרוקטן זשורנאַל.

תלמידים, אַ גרויסן כבוד האָבן מיר דאָ אויפֿצונעמען די חשובֿע געסט. מיר וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט צו הערן פֿון זיי, פֿון ה׳ גדעון האַוזנער, פֿון ה׳ קובאָווי, פֿון ה׳ בר־תנא. מיר ווייסן אונדזער אויפֿגאַבע, נאָר מיר וועלן גערן אָננעמען פֿון זיי באַמערקונגען און אָנווייזונגען, וועלכע וועלן אונדז פֿירן אין אונדזער אַרבעט, אָט די הייליקע אַרבעט. לאָמיר מיט אויפֿמערקזאַמקייט זיך צוהערן צום דערציילן פֿון די זין פֿון דער דאָזיקער קהילה, וועלכע וועלן היינט אָנהייבן און שפּעטער פֿאָרזעצן איבערצוגעבן אונדז וועגן זייער קהילה, מיר וועלן שעפּן פֿון זיי אינפֿאָרמאַציע און מיט לעכצנדן ווילן און טיפֿער דאַנק־באַרקייט וועלן מיר אויסהערן זייערע רייד.

ה׳ בר־תנא :

טייערע קאַמעניצער לאַנדסלייט, טייערע שילער ! מיט פֿיל ציטער דער־מאָנען מיר איצט דעם אָנדענק פֿון די הייליקע יידישע קהילות, וועלכע זענען במשך הונדערטער און טויזנטער יאָרן געוואָרן געטראָגן ווי שיפֿן אויף ברויזנדע כוואַליעס, ביז ס׳איז אויפֿגעשטאַנען די נאַצישע בעסטיע און זיי פֿאַרניכטעט נישט איבערלאָזנדיק פֿון זיי כמעט קיין זכר.

טייערע קינדער, צוזאַמען מיט אייך וועלן מיר היינט געדענקען דעם מיליאָן יידישע קינדער, וועלכע זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן אין דער נאַצי־שער אייראָפּע.

ווען אונדזערע עלטערן זענען אַוועק אין זייער ערשטן גלות, האָבן זיי אונדז אָנגעזאָגט צו געדענקען ירושלים. „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני״. גאַנץ מעגלעך, אַז ווען מיר וואָלטן מער געדענקט ירושלים זייענדיק אין גלות, וואָלטן מיר אויסגעמיטן די גרויסע חורבנות, און ווען מיר וואָלטן געדענקט די חורבנות וואָלטן מיר מעגלעך געקענט אויסמיידן דעם לעצטן שרעקלעכן חורבן.

לאָמיר אַלזאָ געדענקען, אַז אונדזער פֿעסטונג איז ישראל און ירושלים, און פֿון דעם וועלן מיר שעפּן אונדזער שטאַרקייט און מעגלעכקייטן ביי־צוקומען יעדן

דראַענדן שטורעם, גלייכצייטיק געדענקען די הייליקע קהילות און באַזונדער דאָס שטעטל קאַמעניץ־ליטאָווסק.

דער דערציונג־דעפּאַרטמענט באַגריסט אייער דאַזיקן אויפטו.

ה׳ גוריון:

קינדער, ה׳ אלוני איז דער הויפּט־איניציאַטאָר פון אונדזער דאַזיקער אונטער־נעמונג — ווי עס איז אייך גוט באַוווּסט. דערפאַר האָב איך געבעטן ער זאָל אָנפירן מיט אונדזער היינטיקן צוזאַמענטרעף.

ה׳ דב אלוני:

טייערער ה׳ גדעון האוזנער, דיינע פריינד אויף דער גאַנצער וועלט זענען 12 מיליאָן יידן צעשפּרייטע אין אַלע גלות־לענדער, אַ חוץ די 6 מיליאָן נשמות, וועמענס וואָרטזאָגער דו ביסט געווען בעתן אייכמאַן־פּראָצעס.

אָט די אַלע תלמידים פון דער „ביאַליק״־שול, דיינע איבערגעגעבענע פריינד, האָבן געהערט דיינע ווערטער און זענען גליקלעך דערמיט וואָס דו ביסט דאָ צוזאַמען מיט זיי. דער ערשטער וואָס האָט פאָרגעשלאָגן, אַז שולן זאָלן פאַראייביקן די אומגעקומענע קהילות — איז גדעון האַוזנער. פיל צייט האָט ער געווידמעט דעם דאָזיקן געדאַנק, געשטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע אינסטי־טוציעס און שול־לייטער כדי צו פאַרווירקלעכן אים.

מיר זענען פון די ערשטע, וועלכע האָבן זוכה געווען צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער שטאָט קאַמעניץ־ליטאָווסק־זאַסטאַוויע, וועלכע האָט עקזיסטירט בערך 500 יאָר, איז חרוב געוואָרן און פאַרשוווּנדן. מיט גרויס כבוד נעמען מיר אייך אויף, ה׳ גדעון האוזנער, ד״ר קובאָווי, און מיט גרויס אינטערעס און שפּאַנונג און הייליקער ערנסטקייט וועלן מיר הערן אייערע רייד צו די תלמידים פון אונ־דזער שול.

ה׳ גדעון האַוזנער:

ה׳ אלוני, ד״ר קובאָווי, ה׳ שול־לייטער, ליבע קינדער!

אינעם לעבן פון אַ פאָלק זענען דאָ דורות אין וועלכע עס געשעט כמעט גאָר־נישט. ס׳גייען אַדורך יאָרן פאַרהעלטניסמעסיק רויקע, שיכטן יאָרן לייגן זיך איינע אויף דער אַנדערער. און איין דור גיט איבער זיינע איבערלעבונגען דעם אַנדערן דור. און עס טרעפט אָבער, אַז דער שר פון דער געשיכטע קאָנצענטרירט מיט איין מאָל, אין איין דור, שאַפונגס־כוחות, — און צעשטערונגס־כוחות, לידן און האָפענונגען, יסורים און שטרעבונגען. און ערשט נאָך אַ צייט ווייסט מען אָפּצושאַצן,

אַז געווען איז דאָס אַ דור אַ ווונדערלעך, אַן אויסנאַם, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן זכות.

דער שול־לייטער האָט דאָ דערמאָנט יציאת מצרים, אַ דור וואָס איז געווען שרעקלעך פאַרשקלאַפט און געלעבט מיט האָפענונג צו פרייהייט. און דאָס פאָלק טראָגט מיט זיך דאָס דאָזיקע גרויסע געשעעניש זיין גאַנץ לעבן פון דעמאָלט ביז היינט, און יעדע געשעעניש פאַרבינדט ער מיטן אָנדענק פון יציאת מצרים. איך מיין, אַז מיר זענען אַזאַ דור.

צוויי געשעענישן זענען פאָרגעקומען אין אונדזער דור וואָס, ווי זיי, זענען נישט געשען אין דער גאַנצער געשיכטע. אַ שרעקלעכער חורבן, וואָס אַפילו מיר, אַ פאָלק געפּרוווט מיט פּיין און וואָס זיין וועג איז פון אָנהייב געווען אַדורכגעווייקט מיט בלוט, האָבן אָבער דאָך אַזאַ אומגליק נישט געוווּסט. און פון דער אַנדערער זייך אַ ווידעראַנטשטייונג, וואָס קיין פאָלק האָט דערצו נישט זוכה געווען נאָך אַזאַ לאַנגער חורבן־צייט. אַזאַ דור דאַרף זיך צופּאַסן צו דער שטייענדער פאַר אים אויפגאַבע. נישט בלויז ווייל מיר ווילן אַזוי, נאָר מיר זענען מחויב עס צו טאָן. מיר זענען געבוירן אין די דאָזיקע יאָרן, און מיר מוזן אויספירן דאָס וואָס דער שר פון דער געשיכטע פאָדערט פון אונדז.

די עקזיסטענץ פון דער מדינה איז שוין פאַר אונדז ווי אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכע זאַך, אָבער ווען איך בין געווען אַ שילער, טאַקע דאָ אין תל־אביב, נישט ווייט פון דאַנען, אין דער אַכטער קלאַס, איז דאָס נאָך געווען אַ ווייטער חלום, אַז מיר וועלן ווען זוכה זיין צו יידישער זעלבסטשטענדיקייט, און דאָס איז גאָר נישט אַזוי לאַנג...

דער גרויסער אומגליק וואָס איז געשען אין גלות, האָט געטראָפן דעם שטאָם פון וואַנען ס׳איז געוואַקסן דער בוים. און אַזוי איז געווען, אַז אַ לאַנגע צייט איז אַדורך ביז מיר האָבן געוואַגט מאַסנווייז אַריינצוקוקן אין דעם עמק־הבכא, אים צו דערלערנען, צו שעצן און אים ווידעראויפלעבן.

אפשר איז עס נישט קיין בלויזער צופאַל, אַז דער פּראָצעס פון אייכמאַנען איז אויסגעפאַלן ערשט נאָכן פאַרפעסטיקן זיך אַ ביסל פון אונדזער מדינה, ווי עס זאָגט די תורה: „דערנאָך ווי גאָט וועט זיי געבן מנוחה פון אַלע זייערע פיינט אַרום זיי״. דעמאָלט האָט גאָט געזאָגט צו שאולן, אַ סך יאָרן נאָך דער דאָזיקער געשעעניש — „געדענק וואָס עס האָט דיר געטאָן עמלק״. עס זענען געווען מעג־לעכקייטן דערצו נאָך פריער, הונדערטער יאָרן זענען ייִדן שוין געווען אין לאַנד, אָבער ביז ייִדן האָבן זיך נישט גוט פאַרפעסטיקט אין לאַנד, זענען זיי נישט אויפ־געפאָדערט געוואָרן צו געדענקען.

און מיר, דערנאָך ווי מיר האָבן זיך אַ ביסל פאַרפעסטיקט, דאַרפן מיר זיך

פאַרטראַכטן איבער דעם וואָס ס׳איז געווען און איז חרוב געוואָרן. נישט בלויז צו געדענקען און נישט בלויז כדי צו דערפילן אונדזער פליכט פון כבוד, כאָטש דאָס אַליין איז אויך זייער וויכטיק, אָבער צו ערשט פאַר אונדז אַליין, כדי מיר זאָלן וויסן ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר שטאַמען, ווער זענען געווען אונדזערע עלטערן און אורעלטערן, ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט, וואָס זיי האָבן געשאַפן, וועגן וואָס געחלומט, און וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַהער. מיר ווילן זען דעם המשך פון די קהילות לעבעדיק שעפעריש באַרייכערן דאָס לאַנד, גייסטיק און קולטורעל, און מיר וועלן זיך בעסערע יידן און ישראל־בירגער, אויב מיר וועלן קענען די אידעען פון די פריערדיקע און פון וואַנען מיר ציען אונדזער שורש. אונדזער אָביעקט וועט זיך צעוואַקסן, ווייל מיר וועלן וויסן צו שלאָגן טיפע וואָרצלען, און אפשר מער ווי די חרוב געוואָרענע קהילות דאַרפן אונדז, — דאַרפן מיר זיי, ווייל פון זיי שטאַמען מיר אָפּ, פון זיי קומען מיר אַרויס.

נישט קיין טרויער־טאָג וועט דאָס זיין פאַר אונדז. מיט הייליקן ציטער וועלן מיר געדענקען, אָבער אויך מיט האָפענונג, אַז מיר וועלן פאָרזעצן זייער קיום. דער שונא האָט געוואָלט פאַרניכטן דעם זכר פון יידן אַלס פאָלק, און זיין טיוור־לאָנישער פּלאַן האָט אַרומגענומען אַ גאַנצן קאָנטינענט, זיינע כוחות זענען געווען קאָלאָסאַלע, כוחות וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גלייכן צו זייער שטאַרקייט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, כוחות וואָס האָבן אָנגעגריפן אין מזרח און אין מערב. היטלער האָט זיך געוואָרפן מיט שטורעם אויף די מערב־גרויסמאַכטן און אויף סאָוויעט־רוסלאַנד, געשלאָגן אַלע צוזאַמען, און אין אָנהייב זענען זיינע אַרמייען געגאַנגען אַלץ פאָרויס, געשטורעמט אויף רעכטס און לינקס, און געדאַכט האָט זיך אַז קיינער וועט אים נישט אָפּהאַלטן. דאָס יידישע פאָלק איז געווען אין זיינע הענט שוצלאָז, אָן געווער, אָן אַן אַרמיי, נאָר מיט פיל גלויבן אין האַרץ — און גאָרנישט מער. און זיי, די נאַצישע מערדער, האָבן צוגעטראַכט אַ פּלאַן אויס־צוראָטן די יידן ביזן לעצטן מענטש, ביזן לעצטן קינד. און זיי האָבן פאַרפאָלגט דעם ייד מיט כעס און אויסגעגאָסן אויף אים זייער גאַנצן צאָרן. און דער סוף? — זיי זענען פאַרניכטעט געוואָרן און זייער נאָמען איז פאַרבליבן צו שאַנד און אייביקער פאַראַכטונג. זייער טיוולאָנישער פּלאַן איז צעשטערט געוואָרן און מיר עקזיסטירן און לעבן. דאָס איז די היסטאָרישע נקמה פון יידישן פאָלק. דערפאַר וועלן מיר מיט שטאָלץ און שמחה געדענקען די וויכטיקע אויפגאַבע וואָס די געשיכטע לייגט אויף אונדז אַרויף.

כ׳וויל איך דערציילן אין קורצן איין אָדער צוויי געשעענישן. אין די געטאָס, וווּ עס האָט געהערשט אימה און פּיין, זענען געווען צוויי שטרעבונגען. איין שטרעבונג — עס זאָל ווער איבערלעבן, כדי ער זאָל קענען דערציילן וואָס ס׳איז געשען,

די אַנדערע — פאַרשרייבן. אַ שטאַרקער דראַנג האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט צו נאָטירן, פאַרצייכענען אַלע געשעענישן. עס זענען געווען יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען יעדע ידיעה, יעדעס שטיקל פּאַפּיר, יעדן פאַקט, און זיי ברענגען צו די וועלכע האָבן עס פאַרשריבן. וואָס ס׳איז געשען היינט אויף דער גאַס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין יענעם קעלער, ווו ס׳איז געווען אַן אַבלאַווע, וואָס ס׳האָט געזאָגט דער אָדער יענער ייד, אַפילו אַ וויץ, אַ גוט וואָרט וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין געטאָ — און אַפילו אין יענער צייט האָבן יידן אויך געלאַכט. אַלץ איז פאַרצייכנט געוואָרן. און קינדער דעמאָלט האָבן געשריבן: איך וועל פאַרזעצן, אַפילו דאָס זאָל זיין מיין לעצטע טאָט, צו באַהאַלטן גוט די אַלע רשימות, כדי אַמאָל זאָלן יידן קענען לייענען און וויסן וואָס ס׳איז געשען.

ווען מען האָט געפונען די באַהאַלטענע אַרכיוון האָט זיך אַנטדעקט פאַר אונדז אַן אומערשעפּלעכער אוצר פון קולטור, האָפענונג, ליידן און יסורים. מיט אונדז זיצט דאָ דער, וועלכער ווידמעט זיך אָט די אַרכיוון, ד״ר קובאָווי, דער פירער פונעם מוסד ווו ס׳איז קאָנצענטרירט די דאָזיקע גרויסע ירושה. ער מיט זיינע צוהעלפער, וואָס אַ טייל פון זיי זענען דאָ אַנוועזנד, זיי וועלן איבערגעבן אונדז און אַלע יידישע קינדער דעם פאַרשריבענעם מאַטעריאַל און מיר וועלן פאַרזעצן דעם קיום פון די קהילות.

די קאַמעניץ־ליטאָווסקער יידן לעבן נישט מער, און מיר קענען זיי נישט צוריק ברענגען צום לעבן. אָבער אַ מצבה פאַר זיי וועלן מיר קענען אויפשטעלן אין אונדזערע הערצער, דאָ צווישן די ווענט פון דאָזיקן הויז. דאָ וועלן מיר לערנען וועגן זיי, שרייבן וועגן זיי, אויפהענגען זייערע בילדער אויף אונדזערע ווענט. מיר וועלן האַלטן זייערע באַשרייבונגען אין אונדזערע שאַפעס, אַנדערע שולן וועלן זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע קהילות, נאָענטע און ווייטע, און אַזוי אַרום וועלן מיר אפשר דערגייען אין אַ קורצער צייט, אַז די חרוב־געוואָרענע קהילות, נישט בלויז זיי וועלן ווייטער לעבן זייער קיום דורך אונדז — זייערע נאָכפאָלגער — נאָר זיי וועלן ווייטער לעבן אין די הערצער פון אַלע יידישע קינדער. מיר וועלן אַריבערפירן די קהילות צו אונדז, אין אונדזערע שולן. מיר וועלן זיי דערלערנען, און פון דערקענען זיי וועלן מיר זיי ליב האָבן, זיי אָפּגעבן כבוד, און אַזוי אַרום וועלן מיר דערוועקן כבוד ביי זיך זעלבסט, שעצן און אַכטן דעם טאָג וואָס מיר גייען.

די שילערין כרמלה:

אין דאָזיקן צוזאַמענטרעף פון תלמידים און לערער אין ישראל פאַראייניקן מיר זיך מיטן אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידן, וועלכע זענען געפירט געוואָרן

דורך די נאַציס און זייערע העלפער צו דער שחיטה און פאַרניכטונג. די משפחות און די קהילות, וועלכע זענען אומגעבראַכט און חרוב געוואָרן מיטן טייוולאָנישן ציל אָפּצומעקן דעם יידישן נאָמען און זייער קולטור פון דער גאָרער וועלט.

מיט יראת־הכבוד געדענקען מיר דעם פעלזנהאַפטן מוח און כוח פון אונדזערע ברידער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר זייער פאָלק, ריינע און הייליקע. דאָס גבורה־קאַפּיטל פון די פאַרשפאַרטע אין די געטאָס און די קעמפער, וועלכע האָבן אָנגעצונדן דאָס פייער פון ווידערשטאַנד און געראַטעוועט דעם כבוד פון יידישן פאָלק, דעם וווּנדערלעכן און אומדערמידלעכן קאַמף פון די יידישע פאָלקס־מאַסן פאַר זייער מענטשלעכן אויסזען און יידישער קולטור; די חסידי אומות העולם, וועלכע האָבן זייער לעבן איינגעשטעלט צו ראַטעווען יידן.

די שילערין אביבה:

געדענק, גאָט, די נשמות פון דיין פאָלק ישראל, די אומגעקומענע פון אומגליק און זייערע גבורים, די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן, דער־שטיקט און לעבעדיקערהייט באַגראָבן. געדענק די הייליקע קהילות וואָס זענען חרוב געוואָרן אויף קידוש־השם.

געדענק, גאָט, זייער עקידה, צוזאַמען מיט די עקידות פון אַלע יידישע קדושים און העלדן פון אַלע צייטן, און זאָלן זייערע נשמות לעבן אין דער הימלישער אייביקייט.

די ליבע און טייערע ביים לעבן — וואָס דער טויט האָט זיי נישט צעשיידט, זאָלן זיי רוען אין זייער אייביקער רו, ונאמר אָמן.

ה׳ אלוני:

אין נאָמען פון קאַמעניצער פאַרבאַנד בין איך מכבד דעם שול־לייטער אָנצו־צינדן איינס פון די זעקס ליכט.

הרב צדק ווערט געבעטן אָנצינדן דאָס צווייטע ליכט.

דער פאָרזיצער פון קאַמעניצער פאַרבאַנד אין ישראל ה׳ דובינער ווערט געבעטן אָנצינדן דאָס דריטע ליכט.

לאה באַבראָווסקי־אלוני ווערט געבעטן אָנצינדן דאָס פערטע ליכט.

ה׳ פּנחס רבי, דער סעקרעטאַר פון קאַמעניצער פאַרבאַנד, ווערט געבעטן אָנצינדן דאָס פינפטע ליכט.

חיה קראַקאָווסקי־קאַראַבעלניק ווערט געבעטן אָנצינדן דאָס זעקסטע ליכט.

איצט ווערן מיר הערן דעם ד״ר קובאָווי, דעם לייטער פון יד ושם, וועלכער האָט אַ סך אויפגעטאָן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די מיליאָנען אומגעקומענע.

ד"ר קובאָווי:

אין תהלים, קאַפּיטל ק"ב, ווערט געגוי געשילדערט דער גורל, ווי דער, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק אין אייראָפּע אין דער תקופה פון חורבן און גבורה. דאָרט ווערט געזאָגט: „כי כלו בעשן ימי ועצמותי כמוקד נחרו".

„כי כלו בעשן ימי" — אַ גאַנץ פאָלק איז אַוועק מיטן רויך דורך אַ פּיינט, וואָס האָט באַשלאָסן אָפּצומעקן דעם נאָמען ייד פון דער וועלט.

וואָס טוען מיר אין יד ושם, און וואָס טוט איר דורך אייער היינט אָנגעהויבענער אונטערנעמונג? מיר באַמיען זיך צונישט צו מאַכן די פּלענער פון דעם שונא, מיר — איר און מיר — וועלן נישט דערלאָזן אים אויספירן זיין פאַרלאַנג.

ווי אַזוי איז עס מעגלעך? קענען מיר דען אויפלעבן אַ פאָלק וואָס איז דער־מאָרדעט געוואָרן? ניין, מיר קענען דאָס נישט באַווייזן. אָבער ווי געזאָגט, מיר קענען פאַראייביקן זייער אָנדענק, מיר קענען אומקערן זייער געשטאַלט, באַנייען די ווערטן און פּרינציפּן פאַר וועלכע זיי זענען אומגעקומען. מיר קענען לערנען פאַרשטיין זייער לעבנס־שטייגער וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען צו באַ־וווּנדערן.

ווי אַזוי ווען מיר עס מאַכן? ווי אַזוי ווען מיר קענען לערנען די פאַרגאַנ־גענהייט פון דעם דאָזיקן שטעטל, וואָס איז כלל נישט געווען ספּעציעל פּאָפּולער?

איר האָט גוט געטאָן אויסקלייבנדיק אַ קליין שטעטעלע אָנשטאָט אַ גרויסע קהילה. דווקא די שטריכן פון אַזאַ שטעטעלע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַרן לעבנס־שטייגער פון אַ גרויסן טייל פון אייראָפּעישן יידנטום. ווי אַזוי ווען מיר עס מאַכן און מיט וועלכן גייסט ווען מיר דערצו צוטרעטן?

דער גרויסער דיכטער, אויף וועמענס נאָמען עס רופט זיך די דאָזיקע שול, וועט אונדז ווייזן דעם וועג.

חיים נחמן ביאַליק, וואָס האָט געשריבן מיט ווייטאָג און צאָרן אויף די יידן וועלכע האָבן קיין זעלבשוץ ניט אָרגאַניזירט, די האַרבע ווערטער:

„ס׳האָט קיין זין אייער טויט, ווי ס׳האָט קיין זין אייער לעבן
און גרויס איז דער ווייטאָג און נאָך גרעסער די שאַנדע".

ביאַליק האָט אויך געפונען שיינע און טייערע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך געווענדט צו יענע, וואָס האָבן אויפגענומען מיט שטאָלץ דעם אומפאַר־מיידלעכן טויט. איר אַלע קענט גוט דאָס דאָזיקע ליד:

„אויב דו שטרעבסט צו וויסן דעם קוואַל,
פון וואַנען געשעפּט עס האָבן דיינע ברידער די דערמאָרדעטע

אין די שלעכטע צייטן אַזאַ קראַפט, אַזאַ מוטיקן גייסט...
טרייסט אין גאָט, זיכערקייט, פעסטקייט, אויסדויער
און אייזערנעם כוח״...״

אַלע גוטע אייגנשאַפטן האָט ביאַליק געזען ביי די מענטשן, וועלכע זענען געפאַלן טויט, נישט קעמפנדיק מיט קיין געווער. אָבער איינס האָבן זיי געוווּסט: ווי אַזוי אויפצונעמען דעם טויט, ווי אַזוי צו לעבן אַ גערעכט, קולטורעל און פּי־לאַנטראָפּיש לעבן ביזן סוף. ער האָט געוווּסט אונטערצושיידן צווישן העלדישקייט מיט געווער אין האַנט, און צווישן העלדישקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט מיטן אויפנעמען דעם טויט מיט שטאָלץ.

לערנענדיק די געשיכטע פון דעם קליינעם שטעטל אין אייראָפּע דאַרפן מיר געדענקען — הגם דאָס איז שווער פאַר די הי־געבוירענע — און דאָך איז עס נאָענט זייערע עלטערן און אורעלטערן, אַז די אייראָפּעישע יידן האָבן זיך גע־שטיצט און נישט געגלייבט אין קראַפט. זייענדיק אַ נישטיקע מינדערהייט, האָבן זיי נישט געגלייבט, אַז קראַפט וועט זיי שיצן, און דערפאַר האָבן זיי זיך דערצו באַצויגן מיט ביטול און גרינגשעצונג. הגם די העלדנטאַטן אין די לאַגערן און אין געטאָס זענען געווען פיל, דאַרפן מיר אויך פאַרשטיין דאָס לעבן, וואָס איז געווען געבויט אויף מאָראַל, גלויבן אינעם מענטש און אין גאָט. זייער צוגאַנג צום לעבן איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי ביי אַ פאָלק וואָס לעבט זיך נאָרמאַל לעבן



די שילער פון ביאַליק שולע, וואָס פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קאַמעניצער קדושים

אין זיין לאַנד. ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיי גוט פאַרשטיין, וועט געשען דער נס פון דערנענטערונג און פאַרשטענדעניש צווישן אונדז.

דעריבער זאָגן מיר נישט חורבן, נאָר חורבן און גבורה, ווייל ביידע באַגריפן זענען געקניפּט און געבונדן. אַזוי דאַרפן מיר לערנען דאָס שטעטעלע, וואָס איר האָט אַדאָפּטירט, און געדענקען, אַז זיי זענען געווען אַ טייל פון אונדז. מיר זענען זייערע פאַרזעצער, און זיי זענען ראוי אויף שטאָלץ און ליבשאַפט, פונקט אַזוי גוט ווי מיר גופא זענען ראוי דערצו.

ה׳ לוי גאָלדבערג־שריד :

טייערע געסט! הערנדיק די רעציטאַציע פון תהילים דורך דער שילערין, האָב איך זיך דערמאָנט אין דיכטונג פון אַ געוויסן דיכטער פון מיטלאַלטער, רבי דוד משולם : „נישט פאַרשוויגן זאָל ווערן מיין בלוט, נישט רוען און נישט שווייגן צו מיין אויפשטענדער, נקמה פאָדערן פון זיי, פאָדערן פון מיינע פאַרטיליקער — נישט אָפּשטייך פון זיי. ערד! מיין בלוט דעק קיין מאָל נישט צו...״ און ווייטער שילדערט דער דיכטער : „די קינדער ציטערן און צאַפּלען, קלאַמערן זיך אין איינעם, די עלטערן יאָמערן און וויינען״.

קאָמעניצער איינוווינער דאַרפן דערציילן וועגן זייערע שוועסטער און ברי־דער. די שטאָט קאָמעניץ — ווי ס׳האָט מיט רעכט געזאָגט ד״ר קובאָווי, — איז נישט קיין גרויסע שטאָט. דאָס איז אַ קליין שטעטל ערגעץ־ווו אין ליטע, און תמיד געווען אָנגעהעריק צו דער באַוווּסטער שטאָט בריסק־ליטאָווסק, וואָס איז געווען איינע פון די ערשטע שטעט אין ליטע און פוילן, וואָס מיר קענען אין דער געשיכטע. אין אַלגעמיין זענען געווען פיר באַקאַנטע ידישע גרויסע שטעט. קראָקע, בריסק, לעמבערג און לובלין. קאָמעניץ האָט געהערט צו בריסק. דאָרט האָבן געלעבט ידישע גדולים ווי, למשל, דער ב״ח, וועלכער איז אויך געווען רב אין קראָקע. ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס די בריסקער רבנים פלעגן ס׳רוב אַריבער קיין קראָקע : רבי שלום פּיוווש, דער ב״ח א״אַנד.

דאָס דאָזיקע קליינע שטעטל, וואָס וועגן זיין אַנטשטייאונג ווייסן די כראָניקער צו דערציילן אין אַ ראָמאַנטישער פאָרעם : נאָך די טאַטאַרישע אָנגריפן איז דער־שינען דער פירשט וולאַדימיר פילאָסאָף, דער שטאָט־פאַרוואַלטער פון וולאַדימיר־וואָלינסק — אויף אַ באַוווּסטע ידישע שטאָט — און שטייענדיק אויף אַ בערגל האָט ער באַשטימט דעם פּלאַץ פון וועלכן אָנצוגרייפן די טאַטאַרן. ער האָט דעם פּלאַץ גערופן „אַלבום אָרדי״, און פון דעם שטאַמט דער נאָמען פון גרעסטן וואַלד אין איראָפּע, ביאַלאָוויעזש, ווייל דאָרט האָט ער אויפגעבויט אַ גרויסע פעסטונג אינעם וואַלד, וואָס ציט זיך טויזנטער קילאָמעטער.

דאָס דאָזיקע שטעטל איז אין איר קריסטלעכער געשיכטע גרויס געווען אין מיטלאַלטער. איר יידישע געשיכטע הייבט זיך אָן אין אָנהייב פון 16טן יאָר־הונדערט. די קריסטלעכע געשיכטע ווייסט צו דערציילן, אַז וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ איז דאָרט געווען. דאָס איז דער קעניג, וועלכער האָט פאַראייניקט פוילן און געשטאַנען אין שפּיץ פון ליטוויש־פּוילן; וועגן קאָנפליקטן און מלחמות צווישן וויטאָלד און יאַגעללאָ, כדי צו באַשיצן דאָס דאָזיקע קליינע שטעטל, ווייסט אויך די געשיכטע צו דערציילן, אַז קאַזשימיעזש דער פערטער פלעגט קומען אַהין אום ווינטער, אַזוי ווי גערינג פלעגט קומען אויף יאַגד אין די דאָזיקע וועלדער.

דאָס איז געווען אַ שטעטל אין מיטלפּונקט פון מזרח צו מערב און פון צפון צו דרום. עס זענען דעמאָלט נישט געווען קיין וועגן און שאָסייען.

די געשיכטע פון קאַמעניץ אַלס יידישע קהילה קענען מיר בלויז פון אָנהייב 16טן יאָרהונדערט, און דווקא אַ קריסט האָט אונדז געגעבן די אינפאָרמאַציע וועגן די יידן אין שטעטל. דער וויסנשאַפטלער סערגיי בערשאַדסקי האָט אָנגע־הויבן פאָרשן די יידישע געשיכטע אין ליטע. אין זיין בוך געפינען מיר צום ער־שטן מאָל דעם נאָמען קאַמעניץ, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וויטיקלעכער גע־שעעניש פון צונעמען דורכן פּריץ די שענקן פון די יידן און איבערגעבן זיי צו קריסטן. דאָס איז די ערשטע ידיעה וועגן קאַמעניץ אין יאָר 1525.

זינט דעמאָלט איז פּונקט ווי אַ פאָרהאַנג וואָלט אַראָפּ אויפן שטעטל. מיר ווייסן גאָרנישט און האָבן נישט קיין דאָקומענטן. ערשט פון 18טן יאָרהונדערט הייבן מיר אָן זי צו דערקענען, ווייל דעמאָלט איז קאַמעניץ שוין געווען אַ באַוווסטע יידישע שטאָט און האָט אַרויסגעגעבן גדולים ווי למשל מנחם־מענדל קאַמעניצער, וועלכער האָט שפּעטער געגרינדעט דעם האָטעל קאַמעניץ אין ירושלים. דערנאָך ווייסן מיר — און דאָ באַצי איך זיך צו די רייד פון ד״ר קובאָווי — צום גליק פון די קינדער האָבן מיר אַן אויסגעצייכנטע פּאַסיקע קינדער־ליטעראַטור פון יחזקאל קאָטיק. דאָס איז אַן אייגנאַרטיק מעמואַרן־בוך, צו וועלכן שלום־עליכם האָט אָנ־געשריבן אַן הקדמה; איינס פון די וווּנדערבאַרע ביכער פון וועלכן די קינדער קענען פיל לערנען. נישט קיין טרוקענע היסטאָרישע דאָקומענטן, נאָר אַן אינ־טערעסאַנטע שפּאַנענדיקע דערציילונג וועגן אַ יידיש שטעטל מיט אַלע אירע מנהגים.*

שפּעטער באַקענען מיר זיך מיט די שרייבער פון יידישן קאַמעניץ ווי, פּ. זולף, מ. א. זשאַק. אָבער די גרויסקייט פון קאַמעניץ איז, ממש פאַר איר סוף, אויפגעקו־מען פּונקט ווי אַ ליכט וואָס צעפלאַמט זיך פאַרן אויסגיין.

---

* זע אין אונדזער גדעענק־בוך, זייטן...

דאָס איז געווען די גרויסע סלאָבאָדקער ישיבה וואָס האָט פאַרשפּרייט תורה אין אַלע יידישע טיילן פון פוילן און איז אַריבער קיין קאַמעניץ.

דאָס דאָזיקע שטעטל איז מער נישטאָ. עס האָט נישט בלויז אָנגעהאַלטן דעם מיטלאַלטערלעכן סטיל, נאָר דאָס גוטע פון מיטלאַלטער, איר אינערלעכע אָרגאַניזירונג, קעגנזייטיקע הילף, תלמוד־תורה, ביקור חולים. דאָס איז געווען אַ שטעטל וואָס האָט אָפּגעהיט די אייגנאַרטיקייט פון אַ ידישער קהילה אין מיטלאַלטער מיט אַלע אירע יסודות.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ אַלץ צו שילדערן. אָבער איך וויל זאָגן: לאָמיר ציען די קאָנסעקווענצן: העכער 500 יאָר איז געווען אַ יידישע באַפעלקערונג אינעם דאָזיקן שטעטל, ווענעמס גורל איז געווען אַזוי ביטער, אַז זיי האָבן נאָך נישט געהאַט דערוואָרבן די בירגערלעכע רעכט. בלויז איין רעכט: צו דערמאָרדונג און אומקום. דאָס איז דער אויספיר. עס זענען געווען קהילות, וואָס האָבן עקזיסטירט ניין הונדערט יאָר. אין דייטשלאַנד זענען געווען קהילות, וואָס האָבן עקזיסטירט 1500 יאָר, און דאָך האָט דער גוי געזאָגט: די יידן האָבן נישט קיין רעכט אויף עקזיסטענץ. בלויז מדינת ישראל איז דאָס לאַנד וואָס פאַרזיכערט אונדז אַלע רעכט פון אַ נאָרמאַל פאָלק.

לערערין לאה באָבראָווסקי־אלוני:

מיינע טייערע שילער פון כתה ח׳ רביעית, שלום איך אַלעמען מיט אייערע חברים!

נאָך אַ צוויי־יאָריקן איבעררייס בין איך צופרידן מיט איך ווידער זיך צו באַגעגענען ביים דאָזיקן צוזאמענטרעף. איך וויל אייך דערציילן ווי עס האָבן געלערנט די קינדער פון מיין שטאָט קאַמעניץ־ליטאָווסק און פונעם פאַרשטעטל זאַסטאַוויע.

די תקופה וואָס איך געדענק הייבט זיך אָן פאַרן ערשטן וועלט־קריג. דעמאָלט, אין די צייטן פון צאַרישן רעזשים, האָט עקזיסטירט אין שטאָט אַ רוסישע רעגירונג־שול. מיר, יידישע קינדער, זענען נישט אָנגענומען געוואָרן אין דער דאָזיקער שול. אונדזערע עלטערן, וואָס די דערציאונג איז געווען ביי זיי די הייליקסטע אויפגאַבע, האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָלן זיין פּריוואַטע לערער, מאַטוריסטן פון גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן און לערער מיט העכערער בילדונג פאַר העברעיש. מען האָט געלערנט אין גרופּן אָדער איינציקווייז. דער אינטערעס צום לערנען איז געווען זייער גרויס, באַזונדערס צום תנ״ך, העברעיש און פּאַלעסטינאָגראַפיע. דער קלאַנג פון העברעיש פלעגט זיך לאָזן הערן אין די גאַסן צו דער פרייד פון אונדזערע עלטערן און לערער. אָבער נישט לאַנג האָט דאָס געדויערט.

מיטן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג איז דאָס קולטורעלע לעבן אין שטאָט פאַרגליווערט געוואָרן. פיל לערער און עלטערן זענען מאָביליזירט געוואָרן — ווער צום מיליטער און ווער אויף צוואַנגס־אַרבעט ביי די אַרומיקע פעסטונגען. ניסט געקוקט אויף די פיל שוועריקייטן האָבן מיר מיט אייגענער איניציאַטיוו פאָרגעזעצט אונדזערע לימודים און געהאַט גרויס דערפאָלג אין אונדזער קול־טור־אַרבעט.

אין יאָר 1916 איז געשען אַן ענדערונג אין שטאָטישן קולטור־לעבן. די קהילה, וועלכע איז כמעט רואינירט געוואָרן אָנהייב קריג, האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָרגאַניזירט פון דאָס ניי. אַלע שטאָטישע ענינים זענען דערלעדיקט געוואָרן אין איינעם פון די בתי־כנסת. נאָך מעריב פלעגט קהל באַהאַנדלען זיינע לויפנדיקע ענינים און אָננעמען באַשלוסן.

אין אַ געוויסן פרילינג־אָוונט האָט קהל באַשלאָסן צו גרינדן אַ העברעישע שול, וואו אַלע קינדער וועלן באַקומען אַ רעגולערן אונטערריכט. אויפן אָרט זענען באַשטימט געוואָרן צוויי לערערינס און אַ לערער פאַר דער דאָזיקער שול. איינע פון זיי בין איך געווען און מיין חברטע מלכה פּאָלאַקעוויטש־קורשאַנסקי, וועלכע איז איצט אין מעקסיקע.

אין דער דאָזיקער שול בין איך געווען לערערין און דערציערין העכער דריי יאָר. הגם מיר זענען דעמאָלט געווען יונגע לערערינס, זענען קיין דיסציפּלין־שווע־



דער שילער־כאָר פון ביאַליק שולע טרעט אויף בעת׳ן צערעמאָניאַל

ריקייטן נישט געווען. דאָס איז געווען דערפֿאַר, ווייל די קינדער האָבן זיך באַ־צויגן צו די לימודים מיט רעספּעקט און געהאָרכזאַמקייט. נישט געקוקט אויפֿן מאַנגל פון שול־ביכער, אַרבעט־מכשירים, מאַנגל אין געלט אד״גל, זענען די דערגרייכונגען פון אונדזער שול געווען גאַנץ באַדייטנדיקע.

נאָך דעם ווי איך בין עולה געווען קיין ארץ־ישראל, האָבן אַנדערע לערער פֿאָרגעזעצט די הייליקע אַרבעט. עס זענען אַנטשטאַנען פיל יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אַסך פון זיי זענען אַוועק אויף הכשרה און עולה געווען קיין א״י, און אַזוי זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן זייערע יוגנט־טרוימען. די קערנדלעך וואָס זענען דעמאָלט פֿאַרזייט געוואָרן אין שטעטל האָבן זיך אַנטוויקלט און אויסגעוואַקסן דאָ אין אונדזער לאַנד.

פיל פון אונדזערע לאַנדסלייט, וואָס האָבן באַוויזן צו קומען אַהער, געפינען זיך אין אַלע עקן לאַנד, אין קיבוצים, מושבות און אין שטעט. אַלע זענען געטרייע בירגער פון מדינת ישראל און באַשעפטיקן זיך מיט פאַרשידענע אַרבעטן.

געבענטשט זאָלט איר זיין, טייערע קינדער, פאַרן פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער קהילה.

פנחס ראַבינאָוויטש־רבי :

אין אונדזער קליין שטעטל קאַמעניץ און זאַסטאַוויע, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אונדזער יוגנט, האָבן עקזיסטירט פיל קולטורעלע אַנשטאַלטן און ישיבות. דאָרט האָבן זיך דערצויגן פיל רבנים, וואָס האָבן פאַרשפּרייט די תורה אין אַלע לענדער. דאָס דאָזיקע טייערע שטעטל וואָס האָט פיל דורות געשפרודלט מיט לעבן פון תורה און צדקה איז אין גאַנצן פאַרשניטן געוואָרן דורך די פאַרשאָל־טענע נאַציס. קאַמעניץ און זאַסטאַוויע זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער זענען דערמאָרדעט און פאַרברענט געוואָרן אין די גאַזאויוונס. די הייזער האָט מען פאַרברענט און צעשטערט. אָט אַזוי איז אַוועקגעריסן, פאַרשוווּנדן און פאַרניכטעט געוואָרן די יידישע קהילה אין קאַמע־ניץ און זאַסטאַוויע, נישט איבערלאָזנדיק קיין זכר.

נאָך פאַר 133 יאָר איז אַרויס פון קאַמעניץ איינער פון די ערשטע עולים, מנחם־מענדל קאַמעניצער. ער און זיין פאַמיליע זענען מיט סכנות נפשות אָנגע־קומען מיט אַ שיפל קיין ארץ־ישראל. ער האָט מחבר געווען דאָס בוך „קורות העתים״, וואָס איז געווען דער ערשטער פּראַקטישער וועגווייזער פאַר די קומענ־דיקע עולים. ער האָט אויך אויפגעבויט דעם ערשטן האָטעל פאַר אורחים און נייע עולים אין ירושלים.

עס איז באַוווסט הרב חיים זונדל מכבי, וועמען מ׳האָט גערופן „דער קאַמעניצער מגיד״. מיט זיינע דרשות האָט ער אַריינגעברענגט התלהבות פאַר חיבת ציון און גאולת ישראל. הרב מאָהילעווער ז״ל האָט וועגן אים געשריבן: „מיט זיינע פייערדיקע רייד דערוואַרעמט ער די ידישע הערצער און דערוועקט אין זיי די ליבשאַפט צו זייער פאָלק, תורה און לאַנד״.

מען האָט אייך שוין דערציילט וועגן דעם שרייבער יחזקאל קאָטיק און אויך, אַז פון קאַמעניצער פאָרשטעטל זאַסטאַוויע שטאַמט דער שרייבער פאַליק זאלף, וועלכער האָט אין זיינע ביכער געשילדערט דאָס ידישן לעבן אין דעם קליינינקן זאַסטאַוויע, זיינע בתי־מדרשים, למדנים און צדיקים.

דער גאון ר׳ ברוך־בער לייבאָוויטש איז געווען ראש־ישיבה פון קאַמעני־צער „כנסת בית יצחק״. שמואל וואַרשע, אַ תלמיד פון דער דאָזיקער ישיבה, וועלכער איז אומגעקומען בעתן חורבן, שילדערט די ישיבה: „שטייענדיק נאָך אין דרויסן הערסטו דעם קול תורה, וואָס רייסט זיך אַרויס מיט קראַפט דורך די ווענט פון דער ישיבה. אַריינקומענדיק ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דער איינדרוק זעענדיק די שטורעמדיקע נשמות וואָס גיסן זיך ווי צוזאַמען. דאָ ווערט געפע־דעמט און געשטריקט אַ טראַדיציע פון דורות. דאָ איז דער קוואַל פון וואַנען זיי שטילן זייער דורשט מיט גאָטס לעבעדיקע רייד, פון דאַנען שטראָמען די שטור־רעמדיקע געפילן פון דער ריינער ידישער נשמה. אין דער קאַמעניצער ישיבה זיצן ידישן יונגעלייט פון דער גאַנצער וועלט: פון פוילן, אַמעריקע, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, בעלגיע, דענעמאַרק, שוויץ, אונגאַרן און אויך פון ארץ־ישראל. וואָס פאַר אַן ערנסטקייט אויף זייערע פנימער. ברענענדיקע אויגן, פאַרטיפט אין דער תורה ווו זיי זעען זייער לעבנס־וועג״.

מיין פאָטער הרב ר׳ משה־יצחק ז״ל איז געווען רב אין קאַמעניץ 29 יאָר. אין קליינעם הילצערנעם בית־מדרש האָט ער געלערנט און געדאַוונט זיין גאַנץ לעבן, בעטנדיק אויף שלום פאַר זיין פאָלק און צו דער אַנטפלעקונג פון דער שכינה.

פאַר זיין טויט האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט געלערנט 49 מאָל ש״ס. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען איך פלעג זיך אויפוועקן אין מיטן דער נאַכט, האָב איך געזען דעם פאָטער שפרייזנדיק הין און צוריק, לערנענדיק תלמוד אויף אויסנווייניק.

קאַמעניצער און זאַסטאַוויער לאַנדסלייט, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, זאָלן מיט קדושה דערמאָנען די קומענדיקע דורות די שיינקייט און דערהויבנקייט וואָס די דאָזיקע ליבע קהילה האָט געשאַפן.

איצט, טייערע קינדער, זענט איר שותפים צו דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט פון פאַראייביקן קאַמעניץ און זאַסטאַוויע.

איר, וואָס האָט זוכה געווען געבוירן צו ווערן און לעבן אין ישראל, אין אונ־דזער זעלבשטענדיקער מדינה, לערנען און דערוווערבן די פרייע העברעישע קול־טור, איר וועט שטיין פאַר פּראָבלעמען וואָס וועלן פאָדערן פון אייך דרייסטקייט און מסירת נפש פאַר די אידעאַלן פון דער נייער תקופה. אויב איר וועט שעפּן פון די קוואַלן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער יידישער געשיכטע פון קאַמעניץ און זאַסטאַוויע און טויזנטער אַנדערע קהילות אין גלות וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציש מערדער, וועט איר וויסן ווי אַזוי צו לעבן ווי שטאָלצע ישראל־בירגער און טראָגן מיט איבערגעגעבנקייט דעם עול פון מצוות פונעם פאָלק און דער מדינה.

פרוי חיה קראַקאָווסקי־קאַראַבעלניק:

חשובע פאַרזאַמלטע, טייערע קינדער, איר האָט געהערט אַ היסטאָרישע אָפּ־האַנדלונג וועגן קאַמעניץ און זאַסטאַוויע פונעם לערער לייבל גאָלדבערג (אריה שריד). איך וויל בלויז צוגעבן עטלעכע ווערטער וועגן דער לעצטער צייט פון אונדזער שטעטל פאַרן אומקום און וועגן די קאַמעניצער אָרגאַניזאַציעס אין ישראל און אין די אַנדערע לענדער. פאַרן אומקום האָבן אין קאַמעניץ געלעבט טויזנטער יידן. דאָס שטעטל האָט זיך באַרימט געמאַכט אין דער גאַנצער געגנט מיט איר ציוניסטישער טעטיקייט. אַזוי זאָגט אויף איר עדות דער ראַיאָן־אינספּעקטאָר ה׳ יעקב ניב, געבוירן אין סוויסלאָצש, ווייט פון אונדזער שטעטל, אין זיין בריוו צו אונדז.

איך געדענק דיך, מיין שטעטעלע, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע יוגנט־יאָרן. איך געדענק דיינע יידן, איך געדענק דיינע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען, וואָס האָבן דערצויגן די יוגנט צום ציוניזם און עליה. איך געדענק דיינע קליינע הייזלעך, ווו עס האָט געשפּרודלט אַ לעבן פון יידן און יידישקייט, און אין יעדן הייזל די קק״ל־פּושקע, די קינדער־ביבליאָטעק דיינע, וועלכער כ׳האָב געווידמעט אַ סך פון מיין פרייער צייט.

יאָר יערלעך זאַמלען מיר זיך צונויף אין אַ באַשטימטער צייט און מיר דער־מאָנען זיך אין אייך, דערמאָרדעטע קדושים: עלטערן, ברידער, שוועסטער, פריינד און חברים, אַלט און יונג, גרויס און קליין, וואָס איר זענט אַ מאָל געווען און מער נישטאָ. מיר וויסן נישט אַפילו ווו איירע קברים זענען.

צום אָנדענק פון אונדזערע טייערע, וועלכע האָבן געלעבט און זענען אומ־געקומען אויף אַזאַ בעסטיאַלישן אופן, האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט זינט יאָרן אונ־טערן נאָמען „אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדסלייט פון קאַמעניץ־ליטאָווסק, זאַסטאַוויע און אומגעגנט״.

נאָכן חורבן פון אונדזער שטאָט זענען פאַרבליבן אַרום 400 קאַמעניצער. פון זיי לעבן אין מדינת ישראל בערך הונדערט, און די איבעריקע זענען פאַרשפּרייט איבער גאַר דער וועלט. די אַלע האָבן פאַרלאָזן די שטאָט נאָך פאַרן אומקום. בלויז אַ צען מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט פון גרויזאַמען חורבן.

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו טרעפן מיט אַ סך אין עטלעכע פאַרזאַמלונגען פון די קאַמעניצער אין ניו־יאָרק. בעת די דאָזיקע צו־זאַמענטרעפן האָט מען באַשטעטיקט דעם פאָרשלאַג פון אונדזער ישראל־קאָמיטעט אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך, וואָס זאָל זיין אַ מאָנומענט נאָך די אומגעקומענע. צו דעם צוועק איז געזאַמלט געוואָרן אַ סומע געלט צו דערמעגלעכן דרוקן דאָס בוך אין ישראל. ווען מיר האָבן מיטגעטיילט אונדזער אָרגאַניזאַציע אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן, אַז דאָס בילדונגס־מיניסטעריום און די פאַרוואַלטונגג פון דער רעגירונגס־שול אויפן נאָמען פון חיים נחמן ביאַליק זענען גרייט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע אומגעקומענע און אַדאָפּטירן אונדזער קהילה, האָבן זיי טעלעגראַפיש געבעטן איבערגעבן ביי דעם פאַראייביקונג־צוזאַמענטרעף פאָל־גנדיקס: „גיט איבער אונדזערע טיפסטע געפילן ביז טרערן ביים דערוויסן זיך פון דער נאָבעלער טאַט, אַז די רעגירונג־שולע אויפן נאָמען פון ח. נ. ביאַליק, וואָס איז באַרימט און געשעצט, פאַראייביקט דעם אָנדענק פון די קדושים פון קאַמעניץ־ליטאָווסק און אומגעגנט. זייט געבענטשט אַון באַדאַנקט. אין נאָמען פון קאָמיטעט: פּרעזידענט אברהם שודראָף“.

אין נאָמען פון זיי אין אַמעריקע און פון אונדז אין ישראל האָב איך דעם כבוד צו דאַנקן און באַגריסן. זייט געבענטשט!

שילערין צפורה:

אין נאָמען פון די שילער פון כתה ח׳ רביעית און אין נאָמען פון אַלע שילער, דעקלאַריר איך פייערלעך אונדזער גרייטקייט צו נעמען אויף זיך די הייליקע פליכט צו פאַראייביקן די קהילה קאַמעניץ־ליטאָווסק און זאַסטאַוויע. מיר וועלן זיך באַמיען אָנצווווענדן אַלע אונדזערע מעגלעכקייטן און ענערגיע, כדי אויפצו־לעבן דאָס געשטאַלט פון דער קהילה ביזן אסמקום און דאָס געשטאַלט פון אירע איינוווינער, וועלכע האָבן געליטן און פון די, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די העלדנטאַטן קעגן דעם אַכזריותדיקן שונא. מיר זענען שטאָלץ מיטן כבוד וואָס איז אונדז צוגעפאַלן, אַז מיר, די תלמידים פון דער ח. נ. ביאַליק־שול, וועלן זיין די ערשטע פון דער דאָזיקער וויכטיקער אונטערנעמונג, און מיר האָפן, אַז אונ־דזער אַרבעט וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, און די קינדער פון אַנדערע שולן אין גאַנצן לאַנד וועלן נאָכפאָלגן אונדזער ביישפּיל.

ה׳ דובינער:

חשובע פאַרזאַמלטע, מיט הייליקן ציטער שטייען מיר דאָ פאַר איך, דערציער און ידישע קינדער. צוזאַמען מיט איך האָב מיר זוכה געווען צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון ברידער און שוועסטער פון קאַמעניץ־ליטאָווסק און זאַסטאַוויע, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן מיט 22 יאָר צוריק דורך די פאַרשאָלטענע נאַציס. די אַלע קדושים וועלכע מיר פאַראייביקן דאָ, זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט תורה און קולטור און געטרייע ציוניסטן. צוערשט האָבן זיי געשיקט זייערע זין און טעכטער, העכער הונדערט יוגנטלעכע, אָנטייל צו נעמען אין בויען דאָס לאַנד און צו שאַפן אַ בריק און אַ פאַרבינדונג פאַר די, וועלכע וועלן קומען נאָך זיי.

איינע פון אונדז האָט אַפילו זוכה געווען צו אַרבעטן מיט איך עלף יאָר אין דער תל־אביבער פאָפּולערער פאָלקשול, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן דיכטער ח. נ. ביאַליק. אַלע נעמען אויף מיט גרויס שטאָלץ און מיט טיפע געפילן די פאַראייביקונג, וועגן וועלכער איר האָט געמאָלדן בעת דעם דאָזיקן איינדרוקספולן צוזאַמענטרעף.

אין נאָמען פון די קאַמעניצער אָרגאַניזאַציעס אין חוץ־לארץ און אין לאַנד, דאַנק איך איך פאַר אייער גרויסער אונטערנעמונג און דריק איך אויס אונדזער טיפסטע אָנערקענונג.

פרוי לילי זייטמאַן, דערציערין פון דער כיתה:

חשובע געסט און טייערע שילער, דער דאָזיקער צוזאַמענטרעף האָט אַ ספּעציעלע באַדייטונג. ער דערוועקט אין האַרצן אַ טיפן ציטער. מיליאָנען אויגן, וואָס וועלן זיך שוין קיין מאָל נישט עפענען, פון ידישע דערמאָרדעטע קינדער, פון אונדזערע הייליקע געפייניקטע ברידער, קוקן צו איך, טעכטער און זין אין ישראל, און אַ שטומע פראַגע רייסט זיך אַרויס פון זיי: צי וועט איר געדענקען?

אַ הייליקע פליכט איז אויף איך היינט אַרויפגעוואָרפן. זי איז זייער וויכטיק און שווער — צו שאַפן אַ בריק צווישן איך, יונגע ישראל־קינדער, און צווישן ידישע בירגער פון פיל קהילות וואָס האָבן עקזיסטירט און זענען מער נישטאָ. טויזנטער ידישע קהילות וואָס זענען געווען צעשפּרייט אין גלות, ווו עס האָט עקזיסטירט אַ ליבשאַפט צו דער תורה, צום פאָלק און צום הייליקן לאַנד, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אויסלייזונג און באַנייאונג. זיי בעטן אונדז: פאַרגעסט אונדז נישט! ברענגט אויף פון דאָס ניי אונדזער געשטאַלט! דערציילט וועגן ברויזנדיקן לעבן וואָס האָט געקלאַפּט אין אונדזערע הערצער!

זייער אויסלייזונג וועט קומען דורך איך, אונדזערע זין און טעכטער פון

ישראל. איר וועט דערציילן וועגן זייער לעבן, ליידן און שטילער העלדישקייט. איר וועט דערציילן ווי זיי האָבן געטראָגן די לאַסט פון דער מערדערלעכער חיה־שער שנאה, וואָס דער טיזול האָט עס נאָך נישט באַשאַפן. מיר טאָרן נישט פאַר־געסן, אַז פון דעם אַש פון די זעקס מיליאָן קדושים האָט זיך אַרויסגעריסן דער גרויסער פלאַם וואָס האָט געבראַכט צו דער אַנטשטייונג פון מדינת שראל. נישט געקוקט וואָס אַ סך זענען אויפגעשטאַנען אונדז צו פאַרניכטן, לעבט דאָס יידישע פאָלק. זיי און מיר — זענען איין גוף און איין נשמה, און זייער גייסט דאַרף לעבן צווישן אונדז.

איר זענט די ערשטע וואָס האָבן אָנגעהויבן די דאָזיקע גרויסע אונטערנעמונג פון פאַראייביקן. ס׳איז נאָך נישט קלאָר ווי אַזוי עס צו מאַכן. אָבער מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט וועט איר דעם וועג געפינען. די פאָרשטייער פון קאַמעניץ־לי־טאָווסקער קהילה אין ישראל און אין גלות וועלן זיין מיט אייך אין פאַרבינדונג און וועלן אייך דינען מיט אינפאָרמאַציע, זכרונות און דערציילונגען וועגן דער קהילה וואָס איר פאַראייביקט. איר און די ביאַליק־שול האָבן אַ גרויסן כבוד צו זיין די ערשטע צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע. מיר וועלן דעם עול אויף זיך נע־מען מיט באַשיידנקייט און מיט הייליקן ציטער.

און וואָס ווייטער?

דב אלוני:

אַן אָפּמאַך אונטער דער אויפזיכט פון דער פאַרוואַלטונג פון יד ושם, דער אינסטיטוט צו פאַראייביקן דעם אומקום און גבורה, אונטער דער לייטונג פון גדעון האַוזנער און מיט דער העפלעכער הסכמה פון שול־דירעקטאָר משה גוריון, וועגן שאַפן אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן דער שול א. נ. פון ח. נ. ביאַליק און די לאַנדס־לייט פון קאַמעניץ־ליטאָווסק און זאַסטאַוויע אין ישראל און אין אויסלאַנד.

דער ציל איז, אַז די שילער זאָלן זאַמלען פאַקטן, ציפערן און דאַטן צו דער געשיכטע פון דער קהילה — אירע פּערזענלעכקייטן, רבנים, שרייבער, עסקנים, יוגנט־באַוועגונגען און באַזונדערס די געשיכטע פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פאַרן חורבן..

די שילער פון די 7. און 8. קלאַסן וועלן זיך באַשעפטיקן מיט דער פאַראײ־ביקונג, וועלן שרייבן חיבורים אויף דער טעמע „דער אומקום און גבורה", ווערן אין דער שול־צייטונג „בנתיב הגאולה" און אין אַ „יזכור־בוך", וואָס וועט בקרוב דערשיינען. אין שולע צום אָנדענק די קדושים פון קאַמעניץ־לי־טאָווסק־זאַסטאַוויע.

צו דעם צוועק וועלן די שילער באַזוכן די וווינונגען פון די קאַמעניצער אין תל־אביב און אומגעגנט. וועלן שטיין אין בריוולעכן קאָנטאַקט מיט די וואָס זענען אין די מושבים און קיבוצים, כדי צו באַקומען פּרטים וועגן דער חרוב־געוואָרענער קהילה.

די שילער וועלן שטיין אין פאַרבינדונג מיט די 300 פאַמיליעס פון קאַמעניץ־ליטאָווסק־זאַסטאַוויע, וועלכע געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מעקסיקע, אַרגענטינע, פּוילן און אַנדערע לענדער. זיי וועלן אויפנעמען עולים און טוריסטן פון דער דאָזיקער קהילה אין שול און גועשפּרעכן.

אין דער שול וועט אַריינגעשטעלט ווערן אַ ספּעציעלע שאַנק, וווּ עס וועט זיך געפינען די „ביבליאָטעק פון אומקום און גבורה", פאַר דער פאַראייביקונג פון דער אומגעקומענער קהילה דורך די נאַציס אין די יאָרן תש״ב—תש״ג. ביז היינט זע־נען איינגעשאַפט געוואָרן די ביכער וואָס זענען דערשינען דורך יד ושם.

עס איז צו האָפן, אַז די רעגירונג־שולע א. נ. פון ח. נ. ביאַליק אין תל־אביב, וואָס האָט אָנגעהויבן מקיים זיין די מצווה פון „געדענק", וועט נישט פאַרבלייבן די איינציקע ביים פאַראייביקן די אומגעקומענע קהילות אין די יאָרן פון חורבן.

דב אלוני שליסט דעם צערעמאָניאַל מיט פאָלגנדיקע ווערטער: מיט דער דערלויבעניש פון „יד ושם", דער געדענק־אַנשטאַלט פאַרן אומקום און גבורה, אונטער דער פירונג פון אַדוואָקאַט גדעון האַוזנער, און מיט דער פריינדלעכער צושטימונג פון דעם דירעקטאָר פון דער שולע אויפן נאָמען פון ח. נ. ביאַליק, הער משה גוריון, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן ענגע פאַרבינדונגען צווישן דער שולע אויפן נאָמען פון ח. נ. ביאַליק און צווישן די אָפּשטאַמיקע פון קאַמעניץ דליטא־זאַסטאַוויע אין ישראל און אין די תפוצות.

דער ציל איז, אַז די שילער זאָלן זאַמלען פאַקטן, ציפערן און דאַטעס צו דער געשיכטע פון דער קהילה, אירע פּערזענלעכקייטן, רבנים, שרייבער, כלל־טוער, איר יוגנט־באַוועגונג און דערהויפּט זאַמלען מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער קהילה פאַר די ציווי צענדליק יאָרן פאַרן אומקום.

די שילער פון דער כיתה ז׳ און ח׳, וועלכע נעמען אויף זיך צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער קהילה, וועלן שרייבן חיבורים אויף דער טעמע: „דער אומקום און גבורה און די פאַראייביקונג פון דער חרובער קהילה". די חיבורים וועלן געדרוקט ווערן אין דער שול־צייטונג „בנתיב הגאולה" און צום טייל אין דעם יזכור־בוך.

די שילער וועלן באַזוכן די הייזער פון די אָפּשטאַמיקע פון קאַמעניץ־דליטא, זאַסטאַוויע אין תל־אביב און דער אומגעגנט און וועלן קאָרעספּאָנדירן מיט די

אָפּשטאַמיקע פון דער קהילה אין די קאָלאָניעס און קיבוצים, כדי צו הערן דער־גענצונג־פּרטים פון לעבן פון דער חרוב־געוואָרענער קהילה.

די שילער וועלן קומען אין פאַרבינדונג מיט די דריי הונדערט משפּחות אָפּ־שטאַמיקע פון קאַמעניץ־דליטא, זאַסטאַוויע, וואָס געפינען זיך נאָך אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, מעקסיקע, אַרגענטינע, פּוילן און אַנדערע לענדער און וועלן אויך אויפנעמען אין דער שולע איינוואַנדערער און טוריסטן אָפּשטאַמיקע פון דער קהילה און פירן מיט זיי אַ שמועס וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון דער קהילה.

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער קהילה וועט אַוועקשטעלן אין דער שולע צום אָנדענק אַ ספּעציעלן אַלמער, אין וועלכן עס וועט זיך אָפּהיטן די „ביבליאָטעק פון אומקום און גבורה צו פאַראייביקונג פאַר דעם אָנדענק פון דער קהילה, וואָס איז אומגעקומען דורך די נאַציס אין די יאָרן תש״ב—תש״ג״. ביז איצט זענען אַריינגעקומען אין דער ביבליאָטעק די ביכער, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך „יד ושם״.

מען דאַרף האָפן, אַז די מלוכה־שולע אויפן נאָמען פון נחמן ביאַליק אין תל־אביב, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן דעם געבאָט „געדענק!״, וועט ניט בלייבן די איינציקע אין דער פאַראייביקונג פון די קהילות, וואָס זענען חרוב געוואָרן אין די אומקום־יאָרן.

פון עברית: **חיה קראַקאָווסקי** און **פּנחס רביד**

המדור האנגלי

of the Law, to perform good deeds and to love the fellow-Jews.

WE SHALL NOT FORGET the community workers in Kamenetz who were driven by their concern for the welfare of the fellow townsmen and established charitable, cultural and social institutions.

WE SHALL NOT FORGET the youth organizations which in spite of the social and political differences existing among them, were faithful to their people and strove to come to the Land of Israel and to participate in the establishment and defence of the State.

WE SHALL NOT FORGET the simple people of our town, who toiled in the sweat of their brows to obtain means of living for their families.

We shall remember all of you!

Let us not pass over in silence over what the terrible Nazi Amalekite did to us!

